STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06266

OYF DI VEGN TSUM KINDS

M. Bloshtein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף די וועגן צום קינדס נשמה

מ. בלאשטיין

אויף די וועגן צום קינדס נשמה

פון מ. בלאַשטיין

האַנטבוך פאַר לערער און עלטערן

הויפּט לערער פון דער וויניפּעגער (קאַנאַדער) אַרבעטער - רינג — פּריוואַט-טעמפּל שול, 1921-1932, און עחמאַנטאַנער י. ל. פּרץ שול, 1932-1937, מחבר פון "אין פאַרטייַדיקונג פונם קינד".

עדמאַנטאַן, קאַנאַדע
1937

צו דער מוטער מיינער, הרבנית שרה עטע רייזע בלאשטיין (ראקסבורי, מאסאטשוזעטס), צו דער מוטער פון מיינע קינדער, האדל, און צו אלע מוטערס פון אלע קינדער.

א פאר פערזענלאכע באמערקונגען

(במקום הקדמה)

א מנהג אזא פירט זיך שוין צו שרייבן הקדמות; איך וועל דעם דאזיקן מנהג ברעכן. כ'וועל אין דער במקום־הקדמה ניט רעדן וועגן דעם עצם בוך מיינעם, וועלכן כ'ברענג צו מיינע לעזער, כ'וועל זיך נאר באנוגענען מיט דעם. וואס כ'וועל ראשית כל אויסדריקן מיין הארציקסטן דאנק די חברים און פריינט מיינע, וואס, א דאנק זייער מי און גרייטקייט, איז מעגלאך געווארן די דערשיינונג פון דער דאזיקער ארבעט מיינער. דורך דעם פארזיצער פונם ״בלאשטיין בוך קאמיטעט״ חבר אייב בראדי, און דעם סעקרעטאר חבר טש. מארגאליס, שיק איך אלע מיטגלידער פונם קאמיטעט און אלע מנדבים מיין ברידערלאכן יישר כוח. מיינע טייערע שרה הארדין און מלכה יפה, די תלמידות מיינע און לערערנס, וואס האבן מיר פארזיסט מיין לעבן דורך זייער מיטארבעטערשאפט אין דער י. ל. פרץ שול, מיין הארציקסטן דאנק פאר זייער באמת שווערער ארבעט, פארן איבערשרייבן אויף ריין די גאנצע ארבעט מיינע. מיט דעם וואלט איך שוין געקאנט פארענדיקן מיין במקום הקדמה, קאן איך עס אבער ניט טאן. כ'וויל, אז די לעזער זאלן צוטרעטן צום בוך, נישט לשם פארוויילונג, לכן וויל איך זיי זאלן וויסן, אז דאס בוך איז א רעזולטאט פון שלאפלאזע נעכט, פון מיטפילן, פון מיטליידן מיט מאמעס און טאטעס, פון טיפן צער מיינעם, וואס פלעגט מיך רירן ביז די טיפסטע טיפענישן פון מיין נשמה, זעענדיק אזוי פיל צעבראכענע און פארצווייפלטע היימען, וואס געבויט האט מען זיי מיט אזוי פיל ליכטיקע האפנונגען.

נאך אלס סטודענט פון מעדיצינישן פאקולטעט פון דאנער און סאראטאווער אוניווערזיטעטן, האב איך זיך פאראינטערעסירט אין פסיכאלאגיע. דערגענצט האב איך מיין וויסן מיט דעם, וואס כ'האב יארן און יארן געלערנט זאאלאגיע, באטאניק, כעמיע, פיזיק, סאציאלאגיע, פילאזאפיע (וואס אן זיי וואלט איך ניט געקאנט דערגרייכן דעם נויטיקן וויסן אין פסיכאלאגיע) און פסיכאלאגיע אין מאניטאבער און אלבערטער אוניווערזיטעטן, אבער מער פאר אלץ האט איר, מיינע טייערע עלטערן, ספעציעל איר, מאמעס, מיך געלערנט, דורך מאכן מיך פארן שותף אייערן אין אלע אייערע פראבלעמען, אין אלע אייערע צרות, — בין איך טאקע גליקלאך אפצודינען אייך מיט דער דאזיקער באשיידענער ארבעט מיינער.

מעגלאך, מוטערס, אז דא און דארטן בין איך ניט גערעכט אין מיינע אויספירן, אבער איין זאך וואלט איך געוואלט איר זאלט וויסן: איר זאלט תמיד וויסן, אז א קינד איז א פרעכטיק צארט בלימעלע, וואס ציט זיך צום הימל, צו זון, אז פול איז עס מיט בענקשאפט נאך ליבע, אז טיף־טיף פילט עס דעם ווייטיק פון מינדסטן ריס אין הערצעלע, און אז נאר איר קאנט (ווי ווייט מעגלאך דאס איז אין אונזער געזעלשאפטלאכער ארדנונג) אויפוועקן אינם קינד קדושה־געפילן, וואס נאר זיי זיינען אי מזוזות, אי כחות, וואס וועקן אינם קינד די דערהויבנסטע חלומות און פירן אים צו מעשים טובים.

מיין אני מאמין

"יעדעס וואָרט, וואָס א מענטש הויבט פון אים אויף זיין בליק צום הימל איז קדשי קדשים; יעדער מענטש, וועלכן גאָט האָט באשאפן בצלמו וכדמתו איז א כהן גדול; יעדער טאָג פון א מענטשנס לעבן איז יום כפור. און יעדעס וואָרט וואָס א מענטש רעדט ארויס מיט תמימות איז א שם הויה". (ש. אנסקי "דיבוק").

טראָגט זיך א שטורעם מיט א טויטלאכער שנעלקייט; ס'בליצט און ס'דונערט, סכנות־נפשות; ס'פאלן טעלעגראַף־סלופעס; ס'טראָגן זיך דעכער... וואָס טוט מען? דעם שכנ'ס קינד איז טויט קראַנק; זיין לעבן איז אין דער גרעסטער סכנה; יעדע מינוט איז טייער; מ'דאַרף ברענגען א דאָקטאָר; אָבער... ווי לאָזט מען זיך עס אָבער ארויס אין אזא שטורעם? איז וואָס זשע טוט מען אָבער פאַרט? ס'איז דאָך א רחמנות אויפן קינד, נאָך מער רחמנות איז אויף דער מוטער פונם קינד; זי, די מוטער, האָט שוין, נעבאָך, מער קיין כוח ניט צו וויינען; דאָס קינד גוסס'ט שוין... וואָס זשע טוט מען?" אזוי רעדט צו זיך א פויער, שטייענדיק אין שטאַל, באטראַכטנדיק די פערד זיינע, און... באשליסט. "זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין, — איך קאָן ניט צוזען דעם צער, כ'וועל שפאַנען פערד און וואָגן און זיך לאָזן אין וועג אריין".

דער פויער האָט דאָ אין שטאַל "אויפגעהויבן זיין בליק צום הימל" און אויף אזא אופן דערהויבן זיין שטאַל, אין דעם געגעבענעם מאָמענט, צו א קדשי קדשים, מחמת דאָ, אין שטאַל, איז געבאָרן געוואָרן א מסירת־נפש־גרייטקייט. זיין באשלוס איז די העכסטע עליה, צו וועלכער א מענש קאָן זיך נאָר דערהויבן; אן עליה זיך מוסר נפש צו זיין, אן עליה אָפצוגעבן ס'לעבן על קידוש השם. זיינע געדאנקען און די געפילן זיינע זיינען. אין דעם מאָמענט, געווען אמת־תפילה'דיקע, מחמת זיי האָבן געעפנט אין זיין נשמה די שערי שמים פון רחמנות.

יאָ, עפענען די שערי שמים ביי זיך אין הארצן איז די העכסטע עליה, צו וועלכער ניט יעדער מענטש קאָן זיך דערהויבן. אפשר האָבן אלע אבריהמס פון אלע אמונות, רעדנדיק וועגן שערי שמים, אין אויג געהאַט די שערי שמים פון א מענטשנס הארצן. ס'קאָן גאָר אנדערש ניט זיין, מחמת אין געגנפאל וואָלטן זייערע אמונות ניט פאַרמאָגט אין זיך דעם כוח אזוי טיף, און אין משך פון טויזנטער און טויזנטער יאָרן אזוי וואָרים, צו וועקן און צו רופן, צו באפליגלען מיט די דערהויבנסטע חלומות. יעדע אויסטייטשונג, וואָס האָט פאַרקריפּלט די טיפע אידייע פון אמונה, די אידייע פון שטייגן און בענקען, האָט געפירט די מענטשהייט אין דער נידער, אנשטאָט זי צו באגייסטערן מיט מסירת נפש און קידוש־השם־גרייטקייט. יאָ, אנ־

דערש האָט נאָר ניט געקאָנט זיין. די אברהמס פון אלע אמונות, ווען זיי האָבן געערדט פון תפילות, האָבן אין זינען געהאַט מעשים טובים און נאָר מעשים טובים, מחמת מעשים טובים טויכן אויף אינם מענטשן דעם געטלאכסטן ניגון און האַהויכן אים מיט דער ליכטיקסטער פרייד.

ביי י. י. סיגאַל איז פאַראַן אין זיין "ניגון" אזא דיאַלאָג צווישן א רבין און א תלמיד: "א גוט מאָרגן אייך, רבי, פון וואַנען זשע גייט איר עס, רבי, פון וואַנען אזוי פרי?" "איך גיי פון דאַוונען". "פון וואַלד גאָר פון דאַוונען? צי איז דען דאָרט דאָ א בית מדרש?" "דער וואַלד אליין איז א בית מדרש. צי קאָן נאָך זיין טיפערע שטילקייט, צי קאָן נאָך זיין ריינערע רואיקייט, ווי צווישן די ביימער? ווי איבער די גראָזן? דער טוי — די הענט זיך צו וואַשן און שטעלן זיך דאַוונען". "איר האָט דאָך, רבי, ניט קיין סידור! און טראָגט דאָך, רבי, ניט קיין טלית?" "צי ווייסטו ניט, זון, אז איטלאַכער איד האָט זיך זיין אייגענעם סידור, האָט זיך זיין אייגענעם תהילים אין הארצן. און דער, וואָס האַלט ריין זיין נשמה פאַר גאָט, א בעטלער, אן עני ואביון, מעג זיין אויבערשטער ראָק זיין ריסן אויף ריסן, מעג זיין לאַטעס אויף לאַטעס, איז פונקט אזוי חשוב ביי גאָט, ווי א טלית. און מכוח דעם, וואָס דו זאָגסט א סידור איז, דער הייליקסטער סידור ביי א מענטשן אין הארצן". גאָלדענע ווערטער! ווי געדעכט איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק יוחנן בן זכאי געווען, ווען ער האָט אומגעפער אזוי געזאָגט: "דער בית־המקדש ברענט? נעמט זיך ניט אזוי שטאַרק צום הארצן. דער בית־המקדש, וואָס אונזערע שונאים האָבן אים אונטערגעצונדן, איז געבויט פון ציגל, אנדערש געבויט איז אָבער דער גייסט פון בית־המקדש, דעם גייסט פון בית המקדש קאָנען מיר פאַרנעמען אין הארצן, — דעם גייסט פון בית המקדש קאָן מען ניט פאַרברענען. דער שונא ווייסט נעבאָך ניט פון דעם געטלאכן כוח, מיט וועלכן הייליקער גייסט איז פון גאָט באַשאָנקען. וואָס מער מען זוכט גייסט צו דערשטיקן, וואָס מער מען לעשט גייסט, אלץ שטאַרקער צעפלאַקערט זיך דער פייער, אלץ טיפער דרינגט זיין וואַרימקייט אריין אין נשמות פון מענטשן. לאָמיר גיין, מירן אין יבנה צעזינגען דאָס קדושה ליד פון גייסט, נאָך העכער ווי אין בית המקדש. שרעקט זיך ניט, זייט ניט געפאַלן ביי זיך, מחמת "יעדעס אָרט וואו א מענטש הויבט פון אים אויף זיין בליק צום הימל איז קדשי קדשים" אין הייליקע רעיונות קאָן מען זיך פאַרטיפן אויך אין וואַלד.

מיר איז אמאָל אויסגעקומען צו באַגריסן גראַדואירנדיקע קינדער פון א העברעאיש־אידישער שול. כ'האָב זיי געזאָגט: "איר לערנט, קינדערלאַך, צוויי שפּראַכן, דאָס איז זייער וואויל און פיין, ווייסט אָבער, אז ס'איז פאַראַן נאָך א שענערע שפּראַך פאַר די שפּראַכן, וואָס איר לערנט, — דאָס איז די שפּראַך, וואָס א מענטש רעדט גון די טיפענישן פון זיין נשמה צו זיין מיטמענטשן, דאָס איז די שפּראַך, וואָס א מענטש רעדט פון הארץ צו הארץ, מחמת די דאָזיקע שפּראַך איז די שפּראַך פון די תפילות, וואָס

פליען געלייטערטע גלייך אין די שערי שמים אריין. די שפּראַך איז ניט געבונדן ניט מיט אָרט און ניט מיט קלאַנגען.

פאַראַן אַזאַ לעגענדע: די הערלאַכסטע ווערטער פון ליבע און בענקשאַפט, ווי קדושה, תפילה, מסירת נפש, קידוש השם, אמת, יושר, אמונה, א. א. וו. זיינען אַנטלאָפן פון דער וועלט צוריק אין הימל אריין, צו גאָט, מיט דער טענה, אַז די מענטשן פאַרמיאוסן די דאָזיקע ווערטער, פאַרקריפּלען זייער אינהאַלט און פאַרשוועכן זייער הייליקייט. "גייט צוריק". האָט גאָט זיי באַפוילן. "גייט אַריין אין די קינדערלאַך, און וואַקסט מיט זיי צוזאַמען". — אַזוי זאָלט איר, טייערע קינדערלאַך, האָב איך געזאָגט, וואַקסן און בליען און שטייגן צו די העכסטע הימלען פון גייסט. יאָ, די ניט־גערעדטע שפּראַך איז אָפּטמאָל די הייליקסטע שפּראַך. איז דער אמת'ער לשון הקודש.

מ'דערציילט, אַז מאַקסים גאָרקי'ס באָבע, ווען זי פלעגט זיך אַרונטערלאָזן אין אָונט, פאַרן שלאָף, אויף די קני, און מתפּלל זיין צו איר גאָט, פלעגט איר פּנים אויסדריקן אַזויפיל הייליקייט און וויינען פלעגט זי דערביי אַזוי האַרצרייסנדיק, אַז דאָס פלעגט אַרויסרופן ביים קליינעם אייניקל אירן גרויס באַוואונדערונג. ער האָט איר אַמאָל געפרעגט, פאַר וואָס זי וויינט אַזוי, האָט זי אים געענטפערט: "פון פרייד, מיין קינד". דאָס גוטס, וואָס זי האָט פאַרן טאָג געטאָן אירע מיטמענטשן, איר פרייד, וואָס זי האָט פאַרן טאָג אַריינגעגאָסן אין די נשמות פון אירע פריינט, איר מיטגעפיל, איר שמייכל צו יעדן געפאַלענעם, אירע קרבנות, וואָס זי פלעגט אויף איר באַשיידענעם אופן יעדן טאָג ברענגען, איר איינשטעלן זיך פאַר יעדן איינציקן, איר געפינען אין יעדן איינעם נאָר גוטס—דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט איר נשמה מיט פרייד. די דאָזיקע פרייד, דעם דאָזיקן גליק, דעם גליק פון אָפּגעטאָנענע מעשים טובים, פלעגט זי אין אָונט באַגייסטערט ברענגען צו איר גאָט. נו, איז אַ וואונדער, וואָס זי האָט געוויינט מיט טרערן פון עקסטאַז פון פרייד? אַט דער נשמה־אויסגוס אירער האָט דאָרטן אינם אָרימען הייזקעלע געעפנט אין איר אייניקל זיינע שערי שמים. יאָ, די שערי שמים זיינען ניט באַגרעניצט מיט אָרט, פונקט ווי תפילה איז ניט באַגרעניצט מיט שפּראַך. און ניט נאָר דאָס, "יעדער מענטש איז אַ כהן גדול". יעדן מענטשן ציט צום הימל, צו זון. יעדער מענטש איז פול מיט קדושה, וואָס האַלט אין איין לייטערן די טומאה אין אים, וואָס קומט פון שדים און רוחות פונם אָרום און פון דאָס פאַרפלאָנצטע אָדער גע"ירשנ'טע אין אים. יאָ, יעדער מענטש וואָלט געקאָנט (ווען ער וואָלט נאָר בכוח געווען, ווען ער וויים נאָר ווי, און ווען ירושה און סביבה וואָלטן ניט געשטיקט און געוואָרגן דעם כוח, וואָס ציט צום הימל); יאָ, יעדער מענטש וואָלט געקאָנט זיין אַ מלאך. פאַר אַזאַ מענטשן וואָלט יעדער טאָג געווען יום כפור, מחמת אַזאַ מענטש וואָלט יעדן טאָג געקאָנט מוחל זיין עוולות, זיך אָפּגעבן דין וחשבון,

זיך לייטערן און באהעפטן זיך מיט דאָס אייביק געטלאכע, מיט דאָס זוניקע, וואָס לויכט פאַר אלע דורות און פאַר אלע מענטשן־קינדער. פאַר אזא מענטשן וואָלט יעדעס וואָרט, וואָס ער וואָלט ארויסגערעדט, געווען אזוי הייליק, ווי פאַר א טיף גלויביקן דעם שם הויה.

אבער ווי קומט מען צו אזא מענטשן? ווי קומט מען צו דעם רואיקן, זיכערן אין זיך, פול מיט לעבנס־לוסט און לעבנס־פרייד, פול מיט רוחניות מענטשן? ווי קומט מען צום מענטשן, וואָס זאָל קאָנען דערהויבן אפילו א שטאָל? ווי קומט מען צום מענטשן, וואָס זאָל פילן דעם העכסטן געגוס אין מעשים טובים, וואָס זאָל לעכצן נאָך גייסט, ווי דאָס פארטריקנט שטיקל ערד לעכצט נאָך רעגן, ווי דער הונגעריק־פארשמאכטער נאָך א שטיקעלע ברויט? ווי קומט מען צום מענטשן, וואָס זאָל זיך קאָרטשען פון יעדערנס ליידן? ווי קומט מען צו אזוינע מענטשן אין אונזער וועלט? אזוינע מענטשן זיינען אין אונזער וועלט נאָר יחידי סגולה, און וועלן בלייבן יחידי סגולה, געציילטע, מחמת מענטשן, געשמידטע אין קייטן פון מוז, אין קייטן פון נויט, קאָנען ניט פליען...

ניט אומזיסט איז שמחת תורה הוקא דער לעצטער טאָג פון סוכות... סוכות איז דאָך חג האסיף... נאָר דאמאָלט, ווען מען האָט שוין אָנגעזאמלט גענוג צום לעבן, קאָן מען פראווען שמחת תורה, קאָן מען זיך פרייען מיט קולטור, מיט גייסט, נאָר אַן עקאָנאָמיש באזאָרגטער מענטש וועט קאָנען פליען...

נו? שפאנען מיר טאקע היינט צו טאָג דורך אונזער לעבנס־וועג אזוי געבויגן, דערשלאָגן, מוטלאָז, פול מיט פיין, ווייטיקן און צער; בליט זיך טאקע אזוי, היינט צו טאָג, פאנאנדער די קראַפּעווע אין אונז, און סמ׳ט טאקע אזוי, אַן רחמנות, דאָס אמת מענטשלאכע, גייסטיק־הייליקע אין אונז; הויבן טאקע אָן די בלומען אין אונז צו וועלקן, איידער זיי האָבן זיך ערשט רעכט פאנאנדערגעבליט!

זיצט דער צדיק יחיאל און זאָגט תורה (שלום אש "תהילים איד").
"דער מענטש, דער בחיר־היצירה, וואָס איז אראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, כדי ער זאָל זי דערהויבן און הייליקן מיט דעם כוח פון זיין גרויסער נשמה, וואָס איז א טייל פון דער געטלאכקייט, באדאַרף מאכן די וועלט אויך פאַר גאָטס געצעלט. און וואו ער שטייט און וואו ער גייט באדאַרף ער זיך פילן, ווי ער איז אַרונטערגענומען אונטער די פליגלען פון דער שכינה. און ווי אזוי קאָן מען מאכן די וועלט אויך פאַר גאָטס געצעלט? — דורך מעשים און גוטע מידות. אזוי ווי גאָט הייליקט די הימלען מיט זיין ריינקייט און איינציקייט, אזוי באדאַרף דער מענטש הייליקן די ערד מיט זיין ריינקייט און איינציקייט, ווארום דער מענטש איז געזעצט אויף גאָטס ארט

אויף דער ערד, אז ער זאָל זי אויפהויבן און ברענגען צו די הימלען. און ווי אזוי קאָן מען אויפהויבן די וועלט? דורך דעם מענטשנס הייליקן לעבן אין איר. דער מענטש דאַרף וויסן, אז ער איז גאָטס שליח אויף דער ערד און ער טראָגט אין זיך דעם פונק, דעם ניצוץ פון גאָט און זיין נשמה. ווען דער מענטש פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, ווער ער איז און וואָס ער איז, קאָן ער דאָס טאָג־טעגלאַכע לעבן, אלע זיינע מעשים הייליקן, אלע זאַכן אויף דער וועלט הויבן און אנקניפּן זי מיט דעם שורש, פון וואַנען זיי קומען. — מיט דעם יוצר. די כונה איז די נשמה פון יעדער מעשה. דורך דער כונה קאָנסטו הויבן די מעשה ביז די העכסטע הימלען, אָדער. חלילה, וואַרפן אין דער טיפעניש. דו ביסט דער מושל אויף דער ערד איבער דיינע מעשים. אייער ערשטע מצוה פון טאָג, וואָס איר נעמט אויף זיך, זאָל זיין דער "ואהבת לרעך כמוך", כדי איר זאָלט קאָנען בעטן איינער פאַרן אנדערן. וואָרום די תפילות ווערן נאָר אָנגענומען, ווען מען בעט ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן אנדערן. זייט וויסן, אז יעדע זאַך, אפילו די קלענסטע, וואָס געפינט זיך אין דער יצירה, האָט א נשמה. "זי הימלען, די הימלען צו גאָט — די ערד איז געגעבן געוואָרן צו דעם מענטשן". דער מענטש האָט גענוג צו פאַר־ריכטן דאָ אויף דער ערד און באַדאַרף ניט קריכן אין די הימלען, גאָט נאָכ־צופאָרשן. עס איז א מצוה ליב צו האָבן יעדן מענטש באַזונדער, ניט נאָר אין רבים. עס שטייט: "ואהבת לרעך כמוך" — מיינט מען יעדן איינעם באַ־זונדער. פיל וועגן פירן צו גאָט, נאָר דער נאָענטסטער און דער קירצסטער איז דורך דעם מענטש. יעדער איינער זאָל זיין ביי דיר ווי דיינער א ברודער. מאַכט ניט א צווייטן אַרונטערוואַרפן, כדי איר זאָלט אליין ניט פאַלן.
וואָרום דער, וואָס וואַרפט, פאַלט שוין מיט זיין וואַרפן.
לאַנגען און זיינע באַשלוסן? זיינען די אינערלאַכע כוחות דען ניט שטאַר־

נו, און אז דער רבי הייסט אזוי טאָן? נו, און אז די חסידים זיינען גרייט אים צו פאָלגן, זיינען זיי דען בכוח עס צו טאָן? זיינען דען ניט פאַראַן אינם מענטשן אינערלאַכע כוחות, וואָס מאַכן צונישט זיינע פאַר־קער פאַר אים, פאַרן מענטשן אליין?

"פאַראַן", זאָגט דער משולח אין ש. אנסקי׳׳ס "דיבוק", "אין עק וועלט א הויכער באַרג, און אויף דעם באַרג ליגט א גרויסער שטיין, און פון דעם שטיין שלאָגט א לויטערער קוואַל. און אויף דעם אנדערן עק וועלט געפינט זיך דאָס האַרץ פון דער וועלט, און דאָס האַרץ פון דער וועלט לאָזט ניט אַראָפּ זיין בליק פונם לויטערן קוואַל, און קאָן זיך אויף אים זאַט ניט אָנקוקן, און עס בענקט, און עס גלוסט, און עס ציט זיך דורשטיק צום לויטערן קוואַל. ווען דאָס האַרץ פון דער וועלט זעט ניט דעם לויטערן קוואַל באַטש איין רגע פאַרלירט עס דאָס חיות, און צוגלייך מיט דעם, הויבט אָן שטאַרבן די וועלט. דאַמאָלט זינגט דאָס האַרץ פון דער וועלט צום לויטערן קוואַל, און דער לויטערער קוואַל צום האַרץ פון דער וועלט, און זייער גע־

זאנג פארשפרייט זיך איבער דער וועלט, און עס גייען ארויס פונם געזאנג לייכטנדיקע פעדים און ציען זיך צו די הערצער פון אלע זאכן אין דער וועלט און פון איין הארץ צום אנדערן. און עס איז פאראן א לײטזעלליקער און רעכט־פארטיקער מענטש, וואס גייט איבער דער וועלט און קלויבט די פעדים פון די הערצער". דאס אייביקע לויכטנדיקע און זוניק ווארימע, די קדושה פון דער וועלט, אלץ וואס איז הייליק, געטלאך, הימל־ריין, גיט עס, הייסט עס, לעבן און גייסט דעם הארץ פון דער וועלט, דעם מענטשן: דער לויטערער קוואל די קדושה, הייסט עס, זינגט עס צום הארץ פון דער וועלט.

גוט. דערהערט דען אבער דאס הארץ פון דער וועלט, דער מענטש, דאס הימלשע געזאנג פונם לויטערן קוואל, פון קדושה? דערפילט דען דאס הארץ פון דער וועלט דעם רוח חיים, וואס שטראלט ארויס פונם לויטערן קוואל? נאר יחידי סגולה פון אלע דורות און אלע צייטן דערהערן און ווייזן תמיד דער מענטשהייט העכערע האריזאנטן; נאר די צארטערע, די געפיל־פולערע, די העכערע, די ליכטיקערע און שענערע, די נביאים, נאר זיי וועקן עס אין אונז דאס ליכטיק־ווארימע; אט זיי ברענגען עס צו אונז תורה און קדושה און פאסן עס צו צו דער צייט; אט זיי באפליגלען עס אונז מיט גרייטקייט און פירן שפעטער אונז צו מסירת נפש פאר א נייעם הימל; יא, אט די צדיקים באהעפטן עס אונז, דורך זייערע ליכטיקע נשמות, מיטן לויטערן קוואל, וועמעס געזאנג זיי, די ערשטע, דערהערן.

נו? און זיי, זיי אליין, די צדיקים, זיינען זיי אליין גאר אינגאנצן פריי פון גיהנומס אין זייערע נשמות, וואס בושעווען אין זיי, און וואס ציען אויך זיי אין דער נידער? זיינען זיי דען בכוח געווען גרינג צו סובלימירן, צו דערהויבן דעם פייער אין דער נידער צו א פייער אין דער הויך? ניין. זיי איז עס אויך ניט גרינג אנגעקומען. און ניט נאר דאס. יעדערן פון זיי איז דער ענין סובלימאציע געלונגען נאר אין א געוויסער מאס, איינעם מער, דעם צווייטן ווייניקער; איינעם גרינגער, דעם צווייטן שווערער. א גאנץ לעבן זיינען אויך זיי געצוואונגען געווען אנצופירן מיט זיך א קאמף, א ביטערן קאמף מיטן שד אין זיי.

דערציילט טאקע חנניה אין "טאג און נאכט" (ש. אנסקי) וועגן דעם רבי: "כ'קום אריין צו אים אין חדר, וואס זשע זע איך? ער ליגט אויף ד'ערד, צעשפרייט די הענט. דער גאנצער גוף איז אים ציטערט פון געוויין. איך האב זיך שטארק דערשראקן, אויפגעהויבן אים: דער פנים בלאס ווי קאלך, די אויגן אויסגעשטארצט, און טרערן, טרערן, איינס נאך איינס; דער גאנצער פנים איז אים נאס. איך רוף אים: "רבי". ענטפערט ער מיר שטיל: "חנניה, העלף מיר תשובה טאן!" יא, אויך זיי, די יחידי סגולה, די געלייטערטע אפילו, זיינען נאך ניט אינגאנצן פריי פון די שדים, יצר־הרע'ס וואס באפאלן זיי פון צייט צו צייט. אויך זיי דארפן אנשטרענגען שיער ניט די לעצטע כוחות זיך צו באפרייען פון א שד, וואס רייסט זיך אין

זיי אריין (וואָס רייסט זיך תמיד אויף אַרויס פון די טיפעניש פון נשמה וואו זיי באַהאַלטן אים, דעם שד, אויף קייטן).

איז פאַר וואָס זשע זאָלן מיר ניט קאָנען זיך גרינג דערהויבן, בעת מיר ווילן אזוי שטאַרק, איז פאַרוואָס? איז פאַרוואָס זשע קאָנען מיר ניט פּטור ווערן, טאַקע אינגאַנצן פּטור ווערן, פונם שד אין אונז? איז פאַרוואָס? איז פאַרוואָס זשע זאָל עס אונז אָנקומען אזוי שווער? ניט יעדערער פון אונז קאָן דאָך זיין אזוי שטאַרק, יר זאָל ניט מיד ווערן פון קעמפן מיט זיך? עס פאַלן דאָך אפילו אזוינע, וואָס האָבן פליגל, א פּשיטא, וואָס האָבן נעבאָך ניט קיין פליגל; איז פאַרוואָס זשע איז עס אזוי?

ארום אונז איז דאָך פאַראַן אזויפיל הימל, אזויפיל זון, אזויפיל ליכט, אזויפיל פּראַכט, פאַרוואָס זשע בלייבט אזוי טויב, אזוי בלינד צו דעם אַלעם דאָס האַרץ פון דער וועלט, דער מענטש? פאַרוואָס? ווי וויטיקדיק דאָס דאָזיקע איז, בעת מיר ווייסן ווי טיף דער מענטש קאָן פילן, ווי גרויס מענטש־לאַך דער מענטש קאָן זיין, ווי הייליק דער מענטש וואָלט געקאָנט אויסזינ־גען ס'געזאַנג פון זיין לעבן. אָט קומט א גרייז־גרויער זקן אין בית מדרש אריין. פאַר אים איז עס ניט קיין שטיקל סאַמעט אָט דער פּרוכת, וואָס הענגט דאָרטן, איבערן ארון קודש; ער, דער זקן, איז מחיה אין דער טויטער מאַטעריע פונם פּרוכת וועלטן פון הייליקייט, פון ליכט און פון זון; דאָס דאָזיקע וואַרעמט אים, פילט אָן זיין לעבן מיט פרייד, מיט הייליקן עקסטאַז און מיט זין. אָט מאַרשירט מוטיק און קרעפטיק אַן אַרמיי קעמפער און בויער פון א נייער וועלט און א נייעם לעבן. איבער איר פלאַטערט די רויטע פאָן, די פאָן איז פאַר איר, פאַר דער דאָזיקער אַרמיי, ניט סתם קיין שטיקל סחורה; זי, די אַרמיי, איז מחיה אין דער סחורה אזא כוח, וואָס וועקט, און צינדט, און רופט, און פירט, און ברעכט, און בויט, און זיגט.

האָבן דורות געשעפּט פרייד און גליק און זון פון גאָט, מיט וועלכן זיי האָבן פאַרבונדן אַלע זייערע בענקשאַפן, אַלע זייערע חלומות; גאָט איז געווען דער, צו וועמען זיי פלעגן זיך ווענדן אין זייער געפאַלנקייט; גאָט איז געווען זייער לויטערער קוואַל. לעבן מיר אָבער היינט אין נייע צייטן, דאָס אַלטע פאַלט צונויף; איז וואָס פאַר א כוח וועט אונז אָנהאַלטן ביים לעבן, איז וואָס פאַר א כוח וועט אונז געבן דאָס ביסעלע פּראַכט, וואָס אָן איר איז דאָס לעבן דער פינסטערער גיהנום? וואָס מער די פאַרגאַנגענע דורות "האָבן אריינגעגעבן", "האָבן געזען" אין זייער גאָט, אַלץ גליקלאַכער זיינען זיי געווען; וואָס מער זיי האָבן זיך אויפגעלייזט אין זייער גאָט, אַלץ רואיקער, פול מיט בטחון, פול מיט שמחה און יום טוב איז געווען זייער נשמה; גאָט איז געווען וויטאַמין פאַר זיי און זייער לעבן. מיט דעם דער־קלערט זיך זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר דער תורה; מיט דעם דערקלערט זיך זייער התלהבות, מיט דעם דערקלערט זיך די וואַרימקייט, און דאָס ליכט, וואָס פול מיט דעם איז געווען דער בית מדרש. אָבער היינט?

אין וואָס וועט דער לויטערער קוואַל אויסדריקן זיין קדושה? וואָס וועט וואַרימען אונזער לעבן מאָרגן?

די באמת הייליקע ליבע צום קינד קאָן און וועט ווערן אַט דער כוח, וואָס וועט אויפוועקן אין אונז אוצרות פון גרייטקייט, מסירת נפש און קידוש השם איבערצובויען די וועלט אַזוי, אַז מען זאָל אין איר ניט מקריב זיין דאָס הייליקסטע פאַר אַבסטראַקציעס, פאַר פעלקער, פאַר לענדער, פאַר קיסרים, פאַר אמונות.

פונקט ווי אַ פלאַנץ דאַרף האָבן זיין באָדן, זיין וואָרצל, זיין שטאָם, זיינע בלעטער, זיין פרוכט האָט אַלץ אין אונזער לעבן אויך באָדן, וואָרצל, שטאָם, צווייגן, בלעטער, פרוכט א. א. וו. כ'האַלט אַז דער באָדן פון אַלץ אין לעבן איז ליבע; דער וואָרצל איז בענקשאַפט, מחמת בענקשאַפט איז די מוטער וואָס געבוירט האָפנונג, און האָפנונג געבוירט מוט, שטאַרקייט, ווילן, וועקט גרייטקייט און פירט צו מעשים טובים, און מעשים טובים געבוירט ווידעראַמאָל ליבע. אָבער אַלץ דינט פאַרן העכסטן ציל אין לעבן, פאַר פרייד.

לאַנד? לאַנד איז ניט קיין ציל, ס'איז אַ מיטל צום ציל. כבודו מלא עולם. אומעטום, אין יעדן לאַנד, איז פאַראַן גאָט, אומעטום איז דאָ הימל. פאָלק? פאָלק איז אויך אַ מיטל צום ציל, צו פרייד; געאייניקט און צוזאַמען איז מען שטאַרקער, — אָבער מענטשהייט איז אַ שענערער, אַ זיכערערער מיטל צום ציל. יעדעס פאָלק דאַרף היטן זיין קולטור, מעג לעבן זיין אייגנאַרטיק לעבן, — אָבער אַ פאָלק איז אַ משפּחה, און אַ משפּחה איז ניט קיין ציל — ס'איז אַ מיטל. מיטן שטייגן פון דער גאַנצער מענטשהייט, ניט פון פאָלק, מיטן גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט קומט ס'שטייגן פון יעדן פאָלק, קומט ס'גליק פון יעדן פאָלק. מקריב זיין ס'לעבן פאַר לאַנד, פאַר פאָלק, פאַר אמונות, פאַר מיטלען איז אַן אומזין. זיך מקריב זיין פאַר אַ ניי לעבן לשם דעם קינד — דאָס, יאָ, מחמת דאָס איז ליבע, און ליבע איז דער זין פון אונזער לעבן.

אונזער ליבע צום קינד איז דער הייליק־ריינסטער כוח, וואָס קאָן אונז פירן צו די העכסטע הימלען. דאָס קינד קאָן ווערן דער אויסדרוק פון קדושה, וואָס פליסט אייביק פונם אייביק לויטערן קוואַל. די מענטשהייט וועט אַמאָל, אַ באַפרייטע פון קייטן און פאַלשע משיחים, פון אומזיניקע מזבחות און "געטער", ערשט דערזען און דערפילן דעם געטלאַכן כוח. דעם קוואַל פון ליבע אינם קינד. דאָס קינד קאָן און וועט ווערן די פאָן פון אונזער קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, דער זין פון אונזער וועלט־ציל און דער וועג צו אונזער גליק; דורך אים, פאַר אים, און מיט אים וועט די מענטשהייט אָנ־הויבן צו מאַרשירן צו אַ נייעם ליכטיקן לעבן. ישעיהו'ס נבואה, וגר זאב עם כבש, און אַ קינד וועט זיי פירן, וועט מקוים ווערן, מחמת ס'קינד איז דאָך כלו פּראַכט, כלו שיינקייט און כלו ליבע, און ליבע איז דער מאַגנעטישסטער

כוח. ליבע ווירקט טיף; ליבע עפנט ימים אוצרות; ליבע איז מחיה וועלטן; ליבע ברענגט אריין יום טוב, פרייד און זון אין לעבן; ליבע איז ווי דער סנה — דא פייער, וואס ברענט אייביק, און ווערט קיינמאל ניט אויסגע־לאשן; ליבע, דאס איז בענקשאפט נאך שיינקייט; דאס איז מארגנרויט; דאס איז דער נר־תמיד, וואס וואַרימט און באלייכט די נשמה; דאס איז די הייליקסטע תפילה, וואס פירט אונז צום סאמע קדשי קדשים פון גייס־טיקייט. ניט יושר איז וויכטיק, ניט סאציאליזם, ניין, נאר דער כוח, וואס נערט, און פלעגט, און שטארקט די בענקשאפט נאך יושר, נאך סאציאליזם. און דאס איז ליבע. ניט סתם די מוטער, נאר מוטער־ליבע איז די אמת'ע מוטער פונם קינד. איז דאס קינד די מוטער פון ליבע אין אונז. יא, דאס קינד איז דער קוואל פון אונזער ליבע צו אלץ און צו אלעמען.

דאס קינד איז דאך דער זין פון אונזער גאנצן לעבן. "דעם קינד". זאגט הייר, "ציט תמיד צו ליכט", צו זיין מקור, הייסט עס. קיין פיין קאן ניט צוגעגליכן ווערן צום פיין, וואס א מוטער־פאטער לעבן איבער, ווען א קינד שטארבט. די דאזיקע קאטאסטראפע קאן ניט פארגעסן ווערן, קאן אפילו אויף א מינוט ניט פארגעסן ווערן. ביי די קאליפארניער אינדיאנער איז פאראן אזא מנהג (להבדיל אונזערן קדיש זאגן): די מוטער באזוכט טעגלאך אלע ערטער, וואו ס'קינד האט זיך געשפילט, ווען ס'האט געלעבט, און באגיסט די ערטער מיט אויל. זי וויינט דערביי און רעדט צום קינד צארטע רייד. ביי יאקאיעס איז פאראן אזא מנהג: די מוטער באזוכט שטענ־דיק די ערטער וואו ס'קינד פלעגט זיין, צי וואו ס'קינד פלעגט זיך שפילן, און שפריצט טראפנס מילך פון ברוסט, וויינט, קלאגט, רעדט צארטע ווער־טער צום קינד, בעט ס'זאל צוריק לעבעדיק ווערן, טאנצט ווילדע טענץ א.א.וו. די תפילות וואס די מוטערס זאגן ביים טויט פון קינדער זיינען ביי די פרי־מיטיווע פעלקער פערל פון פאעזיע, פון נשמה אויסגוס.

ביי פרימיטיווע שבטים אין אפריקע ווערן נאך איצט מוטערס פון קליינע עופהלאך באפרייט פון דאוונען, מחמת דערציען א קינד איז די העכסטע תפילה, און צוויי מאל דאווענען דארף מען ניט. מען דערציילט פון אזא לעגענדע: האט זיך א מלאך באוויזן אויף דער ערד. האט דעם מלאך דערזען א בישאפ. ער האט זיך גלייך א ווארף געטאן צום מלאך מיט א וויכטיקן ענין. "כ'האב איצט קיין צייט ניט, כ'פלי אין א זייער וויכטיקער שליחות". דעם זעלביקן ענטפער האט ער געגעבן א מיניסטער און אפילו א קעניג. אלע דריי האבן זיך א יאג געטאן נאכן מלאך מיט זייערע וויכטיקע ענינים. זיי זיינען אים נאכגעלאפן, אחוץ דעם, כדי צו זען, וואו פליט ער. דער מלאך, און וואס איז עס דער וויכטיקסטער פון אלע וויכטיקע ענינים. זיי האבן דערזען ווי דער מלאך איז צוגעפאלן בארואיקן א קינד, וואס האט שטארק געוויינט, מחמת ס'איז אליין געבליבן אין שטוב. סימבאליזירט די לעגענדע דען ניט, אז דער העכסטער געבאט איז צו זען, אז ס'קינד זאל ניט וויינען, אז דאס הייליקסטע געבאט איז צו פארהיטן א שמייכל אויפן

קינדס פנים, מחמת דאָס קינד איז די מוטער פון ליבע, און דער שמייכל איז זיין געטלאַכער אויסדרוק.

פעלקער פלאַנצן בוימער ביים געבורט פון קינד און פאַסן אויף די דאָזיקע בוימער אויף מיט דער הייליקסטער ליבע. ביי אידן פלעגט מען אַמאָל אַזוי פלאַנצן פאַר א ניי געבאָרענעם אינגל א צעדער, פאַר א מיידל, א סאָסנע. שפּעטער, צו דער חתונה, פלעגט מען די חופה מאַכן פון די דאָזיקע ביידע בוימער. אַזוי אויפמערקזאַם צאַרט באַציען זיך צום קינד די פּרימי־טיווסטע פעלקער, און אַזוי התלהבותדיק הייליק האָט מען געזוכט אין אַלטע צייטן אַרומרינגלען ס׳לעבן פונם קינד (אַפילו דעם טויט פונם קינד) מיט הייליקער יום־טוב׳דיקייט.

יאָ, עס וועט, עס מוז קומען די צייט, ווען די וועלט וועט ווערן אַן אמת׳ע בתכה פאַר די יונגע צאַרטע נשמה׳לאַך, פאַר די בלימעלאַך פון אונזער לעבן, פאַר אונזערע קינדער; יעדער קאַמף פאַר אַזאַ לעבן, פאַר א לעבן פון ליבע און שלום, יעדער זיג איז א תפילה פאַר די קינדער א־גזערע, וואָס טוליען זיך צו אונז צו און פרישן אָפּ מיט זייער הייליקן צוטרוי, מיט זייער זיסן שמייכל און דערוואַרטונג, אונזער גייסט, אונזער בענקשאַפט און אונזער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין, צו קעמפן פאַר א גן־עדן פאַר אונז, פאַר זיי און פאַר דורות נאָך זיי. אונזערע קינדער האָבן דאָך אַזוי ליב געליבט צו ווערן און צו ליבן; אונזערע קינדער האָבן דאָך אַזוי ליב און בענקען דאָך אַזוי שטאַרק נאָך וואַרימקייט, נאָך הימל און זון און שטוב. ווייזן זיי ניט אָן מיט דעם אויפן וועג וואָס פירט צו זייער נשמה? ס׳לערנט אונז, אַז אויב ס׳קינד איז שלעכט, פאָלגט ניט און איר זוכט די סיבה פון דעם, איז זייט ווייסן, אַז די סיבה ליגט אין דעם, וואָס דעם קינד פעלט אויס אייער ליבע, איר ליבט עס ניט גענוג שטאַרק. ליבט עס שטאַרקער און די דאָזיקע ליבע וועט זיין די רפואה שלמה. ״יעדער גנבֿי איז אין א געוויסן גראַד א קינד און יעדעס קינד איז א גנבֿי״, לערנט שאָפּענהויער, איז טויכט אויף, גראָבט אויף (געאָלאָגיש גערעדט) אינעם קינד די פאַר־באָרגנסטע אוצרות. אויב עס פליוכעט אָבער דאָך פונם קינד אויף אייך מיט כעס, מיט מעשים רעים, איז עס א סימן, אַז איר גראָבט ניט גוט... אַז איר גראָבט אפשר מיט מוסר דרשות, בעת מען דאַרף די מלאכה טאָן מיט ביישפּילן אין אייער לעבן און מיט אַרויסרופן אין די קינדער גייס־טיקע פרייד, מחמת פרייד איז א צושטאַנד, אין וועלכן עס בליען די העכ־סטע געפילן. יאָ, קינדער בענקען נאָך ליבע און בענקען אַזוי הייליק! האָט דען יאָסעלע (יעקב דינעזאָן) ניט גענומען די 25 קאָפּיקעס כדי ווידער אַמאָל צו דערזען א שמייכל אויף זיין מאַמעס פנים, כדי עס זאָל ווידער אַמאָל ווערן אויף א רגע׳לע ליכטיקער און וואַרימער אין שטוב ביי אים? האָט דען שלמה׳לע (שלום עליכמ׳ס ״מעסערל״) ניט אַריינגעלייגט דאָס מעסערל צו זיך אין קעשענע אַריין, אויף איין רגע כאַטש, מחמת זיין בענק־שאַפט נאָך א האַרעלע יום טוב, נאָך א ביסעלע פרייד? זיינען דען די

״ווילדע בריאות״ (פרץ) און די ״הינט״ (רייזין) ניט פארביטערט געווארן. מחמת זייער הונגער נאך ליכט און ליבע? מיט וויפל לײדן און פיין, ווי צעבראכן, פאר׳חושכ׳ט גייען ארום מיליאנען משה׳לאך און דבורה׳לאך, מחמת זייער ניט באפרידיקטע ליכטיק־הערלאכע חלומות, — מחמת זייער ניט באפרידיקטער בענקשאפט נאך ליבע און ליכט.

אין זאל טאקע דער צעברויזטער קאמף פון די בעסערע צווישן אונז, זאל זייער בלוט, זאלן זייערע לײדן, זייערע פיינען, זאלן זיי אליין זיין דער אויסדרוק פון תפילה, וואס בעט, קעמפנדיק, פאר אונערע קינדער און פאר די קינדער פון אלע פעלקער, פאר די קינדער, וואס, לויט דער נאטור זייער־ער, ציען זיי זיך פון געבורט אן ריינע, פול מיט נאאיוון גלויבן און הייליקן צוטרוי צו דער זון פון דער וועלט, צום לויטערן קוואל, צו זייער מקור. זאל די תפילה פון קאמף אנפילן די הערצער פון אלע צעשטערטער פונם אלטן און בויער פונם נייעם מיט מוט, און זאל זיי ניט שרעקן דאס דונערן און בליצן, זאל זיי ניט שרעקן די חיה׳שע רציחה, מיט וועלכער מען באגעגנט זיי, זאלן זיי זוניקן און ווארימען און ליכטיקן די פינסטער־ניש און לייטערן דאס שלעכטס, כדי אונזערע קינדער זאלן סוף כל סוף קאנען באהויכט ווערן מיט דערהויבענע געדאנקען, מיט ליכטיק־הייליקע פארלאנגען, מיט אמת מענטשלאכע געפילן, כדי דאס לעבן זייערס זאל זיין א ריי פון עליות. איז זאל טאקע דער קאמף זיין לשם דאס ליכטיקע אין אונזער לעבן, לשם די קינדערלאך אונזערע, און זים וועט זיין דער קאמף, און גרינג און ליב די קרבנות, און זיכער דער וועג.

די לעגענדע דערציילט אונז, אז בעת דער בית המקדש האט גע־נומען ברענען, זיינען די שליסלען פון בית המקדש ארויף אויפן הימל, און זיי וועלן אמאל צוריקגעגעבן ווערן דורך די הענט פון אונזערע קינדערלאך. אפשר סימבאליזירט די דאזיקע לעגענדע אונז, אז זיי, די קינדערלאך אונזערע, זיי דארפן עס אונז געבן די שליסלען (די פאן) צום בית המקדש, אין וואס די גאנצע וועלט דארף פארוואנדלט ווערן. יא, נאר דאמאלט, ווען מיר וועלן ווענדן אונזער בליק צום קינד, וועט זיך דער בית המקדש נעמען בויען, וועט דער קאמף פאר אזא בית המקדש — פאר אזא לעבן, קריגן דעם תיקון (נשמה). אמת, אן א רעוואלט וועט עס ניט גיין. שוין חוה האט אמאל געמוזט רעוואלטירן. חוה האט געבראכן דעם פארבאט צו געניסן פון לעבן, פון פראכט פון גן עדן. חוה האט מיט איר רעוואלט קעגן באלע־באס פון גן עדן אויפגעעפנט דעם וועג צו אן אדם העליון, צו אן אדם העליון, וואס איז פריי פון פארבאטן, פון קייטן, און לכן, מיט פליגלען צו פליען אין די העכסטע הימלען פון גייסט, אין די ליכטיקסטע וועלטן פון גליק. יא, פונקט ווי חוה, וועלן מיר געצוואונגען זיין צו רעוואלטירן.

מיר לעבן אין א וועלט פון עשירת און פראכט, מירן סוף כל סוף מוזן ברעכן צוימען און פארבאטן און עפענען דעם וועג צו בויען און שאפן,

ניט כדי צו זאמלען אוצרות, און ניט צו טראָגן טויט און פאַרניכטונג שכנים־פעלקער, נאָר כדי צו געניסן פון לעבן, כדי צו וואַקסן און צו שטייגן, ווי דאָס ווערט געטאָן היינט אינם סאָוועטן פאַרבאַנד, אינם היינטיקן פּאַטער־לאַנד פון אַלע מענטשן־קינדער. יודל מאַרק דערציילט, אַז, בעת דער "לעצטער" וועלט מלחמה, פלעגן זיך זייער אָפט באַווייזן איבער זיין שטאָט (ווילקאָמיר, ליטע) אומגעבעטענע געסט, עראָפּלאַנען, וואָס פלעגן וואַרפן באָמבעס. ווי נאָר אַזאַ מלאך המות פלעגט זיך באַווייזן איבערן שטאָט, פלעגט מען זיך צעלויפן פון די גאַסן, זיך באַהאַלטן אין די קעלערן און דאַן... דאַן פלעגט מען אויף מאָרגן דורכפירן מאַסן־לויות... איז זיך אַזוי, איין טאָג, א קינד געגאַנגען אין דער אידישער גימנאַזיע, וואו יודל מאַרק איז צו יענער צייט געווען דירעקטאָר, פּלוצלונג — אַן עראָפּלאַן! א קראַך — און דאָס אומשולדיקע, ריינע קינד ליגט שוין צעריסן אויף שטיקער... נאָך היינט ליגט דאָס פאַרבלוטיקט העפטעלע, דעם קינדס, אין גימנאַזיע, לזכרון. ווי סימבאָליש די דאָזיקע טראַגישע פּאַסירונג איז! א העפטעלע באַשפּריצט מיטן בלוט פון אַן אומשולדיק קינד ליגט און מאָנט... יאָ, מיט דעם העפטעלע אונטערן אָרים לאָז איך מיר עס אַרום זוכן, פאָרשן, שטו־דירן די נשמה פונם קינד.

א סך וועגן פירן צו גאָט, זאָגן פרום רעליגיעזע מענטשן. א סך וועגן פירן אויך צום סאָציאַליזם. דעם וועג, וואָס פירט דורך דעם קינד, האָב איך מיר אויסגעקליבן, און מיטן פאַרבלוטיקטן העפטעלע אונטערן אָרים רוף איך אייך מיטצוגיין מיט מיר, מחמת כ'האָף איר'ט דערפילן, "וויפל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפל געוויין"; ומחמת איך האָף, אַז אויפגעשטורעמט וועט ווערן אייער נשמה, אַז צעריסן וועט זי ווערן פון צאַרטקייט און רחמנות, לייענענדיק די נאָך איצט בלוטנדיקע שורות פונם העפטעלע פון יעדן קינד'ס לעבן; מחמת כ'האָף איר וועט דערהערן דעם קרעכץ זייערן, זייער צער און ווייטיק — וועט איר דערפילן, וואָס זיינען רעזולטאַטן פון אונזער אומוויסנהייט, פון אונזער געצנדינערישקייט צו פאַלשע געטער, פון אונזער גלויבן אין פאַלשע משיחים, פון אונזער "זי־כערקייט" אין אונזערע דרכים אין דערציאונג.

אַט רעדט זיך א שול מענטש אַרונטער פון הארצן בזה הלשון:
"מיר זענען ניט קיין אידישע שול־יוגנט, וואָס זאָל ברענען, וואָס זאָל זיך באַגייסטערן מיט דער אידישער שול און מיט דעם, וואָס די אידישע שול דאַרף באַגייסטערן. דאַרף אַנטציקן — מיט דעם אַקטיוון אידישן קולטור־שאַפן. מיר זענען ניט די יונגע מחנות, וואָס זאָלן שטיין שטאָל און אייזן אין שוץ פאַר דער אידישער שול, פאַר אירע דערגרייכונגען און פאַר די אידישע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען לויט זייער מהות און אינ־האַלט דער המשך פון דער שול... וואו זיינען עס די פאַרבאַנדן פון די אַבי־טוריענטן פון דער אידישער שול? וואו זיינען די זעלבסט־בילדונגס־קרייז־לאַך פון די געוועזענע שילער פון די אידישע שולן? וואו איז זייער השפּעה

אויף דעם ערעמען אידישן קולטור־לעבן אין פוילן?" (נחמן מייזל, ליטעראַרישע בלעטער נומ. 12, מערץ 23, 1934). "די ארץ־ישראלדיקע יוגנט, הווקא די וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער זון פונם פאַטערלאַנד, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער שפּראַך פון איר פאָלק, וואָס האָט זיך געלערנט אין דער העברעאישער שול — הווקא די יוגנט האָט זיך צו גרינג געמאַכט אין פּרט פון נעמען אויף זיך דעם עול פון א פולער און איינגעפונדעוועטער העברעאישער קולטור — זי וויל ניט קיין פעסטערע באַגרינדונג, קיין שטאַרקערע פּאַרטיפונג אין דער קולטור פון דער נאציע. ס'איז א דור, וואָס איז שוואַך אין בינדונגען, שוואַך אין ווילן. ניט וואָס ער וואַרפט אראָפּ דעם עול, נאָר ער באַנוגנט זיך מיט ווינציק. און אָט דאָס האָבן מיר געוואָלט דערעיקרשט אונטערשטרייכן ביים באַשולדיקן די יוגנט: עס פעלט איר אַליין־דערציאונג. מיר געפינען ניט ביי דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט קיין קרייזלאַך פון יונגעלייט, וואָס זאָלן זיך האָבן אָרגאַניזירט צוליב אַליין־בילדונג". (מאזנים נומ. מו, מאי 11, 1933).

אזוי איז עס, מיינע פריינט, מחמת דאָס ביסל קולטור ארבעט, וואָס מיר טוען, טוען מיר אָן הארץ, אָן ווארימקייט, קאַלט און מעכאניש... מחמת מיר ברענען ניט, מחמת אויסגעלאָשן אין אונז אליין איז דער רוח הקודש, וועלכער גיט לעבן און בליאונג יעדער זאך, מחמת קנאה, פּאַרביטערטקייט און אמביציעס זיינען דאָס רוב די "קוואלן" וואו מיר שעפּן "באַגייסטערונג" פאר אונזער ארבעט, מחמת אונזערע קליינע השׂתּ׳לאַך, מחמת אונזער קרעמערישקייט, מחמת אונזער יאָגן זיך נאָר איבערצוזאָגן אנדערש בויענדיקע, מחמת אונזערע מחלוקות, מחמת אונזער רשעות און מחמת מיר זעען ניט, מיר פאַרמאַכן מיט א כיוון די אויגן אויף די וואונדן פון אונזער צייט, — אויף די וואונדן אין אונזערע קינדער. וואָס קלאָרער מיר וועלן דערזען די וואונדן אין אונזערע קינדער, אַלץ העכער וועלן זיך צעשאַלן די טענער פונם שטורעם־ליד פון אונזער צייט און אויסברעכן וועט די שלאַכט (קודם כל אין אונז אליין, אין אונזערע היימען, קעגן רשעות), און גיין וועלן אָט די, וואָס וועלן די ערשטע דערזען כ'וואונד, אין איר אוואַנגאַרד. דאָס קינד דאַרף, קאָן און וועט אונז ברענגען אַלעמען אין שלאַכט (קודם מיט זיך אליין), און באַהויכן וועט עס דעם קאַמף מיט היילקייט, דערהויבנקייט און ליבע צווישן קעמפער, און מוטיקן און שטאַרקן וועט עס אונז ביזן זיג. דאָס וועט קומען, איז זאָלן געשטאַרקט ווערן די הענט פון די, וואָס פאַרקירעווען אויף די וועגן. יאָ, דאַמאָלט וועט ס'קינד דערפילן די ערשטע זון שטראַלן פון קולטורעלער באַנייאונג, און איינזאַפּן אין זיך דעם נייעם גייסט, וואָס ליכט און גלויבן פון דער נייער צייט וועט פאר אים וועבן. זיינע לונגען וועלן אָנהויבן צו אָטעמען פרישע באַרג־לופט, און אָדלער פליגלען וועלן אין נשמה פון קינד ברייט און ווייט און הויך זיך צעשפּרייטן איבער ליכטיקע האָריזאָנטן.

קולטורעל זיך באנייען מיינט אָבער ניט אָנשטאָפּן זיך מיט וויסן. מער וויסן מאכט אונז ניט מער אינטעליגענט, מאכט אונז נאָך ניט קולטורעלער. קולטורעל זיך באנייען מיינט עפענען אין זיך דעם הייליק ריינעם קוואַל פון רוחניות, פון גייסט צו שאפן, איבערשאפן און זיך תמיד באנ׳ייען; קולטורעל באנייען מיינט פילן די העכסטע פרייד פון מעשים טובים, מיינט פילן די געטלאכסטע פרייד פון געפינען אוצרות פון ליכט אין נאטור און אין מענטשן; קולטורעל זיך באנייען מיינט פילן די העכסטע התלהבות, אזוי, אז ס׳גאנצע לעבן זאָל זיין א שירה. התלהבות קאָן אונז אויסהיילן פון אלע גייסטיקע חולאת׳ן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגענומען אין משך פון אונזער בלאָנדזשען, אין משך פון יאָרן און יאָרן, אין דער פינסטער. טרעטן מיר אָבער איצט נאָך מיט די פיס יעדע שפּראָצונג פון אזא פרייד, פון אזא הייליקער התלהבות.

דערציילט דר. קאַרל דזשיי. ראָוצנבערג, אז ער איז אמאָל געזעסן ביי פריינט און פארבראכט. פלוצלונג לויפט אריין דאָס קליין קינד פון דער משפּחה מיט א שטראַלנדיקער פרייד: ״מאמע! די שיינע פרוי איז ווידער דאָ אין קיך!״ מיר גייען אלע אין קיך זען, ווער איז עס די שיינע פרוי, ערשט ס׳איז די וועשערן. די מוטער האָט הויך זיך צעלאכט. ״לאכט ניט״, האָב איך א זאָג געטאָן, ״דאָס, וואָס ס׳קינד דערזעט און דערפילט, קאָנען מיר ניט דערפילן״. די מוטער מיט איר לאָבן האָט דעם קינד געגעבן די ערשטע ״לעקציע״ אינם קעגנשטאנד ״שיינקייט״. אזוינע מוטערס צעטרעטן אין זייערע קינדער די הערלאכסטע שפּראָצונג. ער דערציילט אויך א פאַל פון א מוטער, וואָס פלעגט הרג׳ענען שלאָגן ס׳קינד, מחמת דאָס קינד פלעגט האלטן אין איין מאָלן (פּאטשקען)... סענקעוויטש, למשל, דערציילט, וויפל קלעפּ יאנקעלע פלעגט קריגן פון זיין מוטער פארן טענה׳ן, אז דער וואַלד זינגט, אז די בלומען זינגען — אזוי צעטרעטן מיר מיט אונזער פאלשן צוגאנג די דופטיקסטע בלומען אין נשמה פון אונזער קינד. יאָ, קולטורעל באנייען מיינט א נייע וועלט באשאפן, א ניי לעבן, א נייעם יהי אור!

אָבער קולטורעל זיך באנייען מיינט ניט זיך אָפּזאָגן פונם אלטן. דאָס מיינט דאָס אלטע דורכלאָזן דורך א פּראָזשעקטאָר פון דער נייער צייט. יאָ, דער נייער דור וועט ניט פארוואַרפן דאָס אלטע. ער וועט ארויסציען פון די אלטע קולטור אוצרות נייע ווערטן, גילטיק און עכט פארן היינט. ער וועט זיין לעבן אין צוויבערליכט פון דער אלטער קולטור איינטונקען און דורך יענע שטראַלן א נייעם לעבן, נייע האָפנונג לאָזן דורכלייכטן און צוגרייטן ליכט פאר נייע דורות. דאָס מיינט אָבער ניט, אז מיר דאַרפן אינם ענין דערציאונג פארלייגן די הענט און וואַרטן ביז משיח צייט וועט קומען, וואָס וועט מיט איר זון טויטן אלע וועבריאָנען פון אלע גייסטיקע חולאת׳ן — ניין. שוין איצט דאַרף מען ראַטעווען, וואָס ס׳לאָזט זיך נאָר — מחמת וואָס געזינטער די קעמפער און בויער וועלן זיין, אלץ ווייניקער קרבנות וועט זיך נויטיקן, און אלץ גיכער און זיכערער וועלן מיר קומען צו די זיגן

פון אלע זיגן. א סך אידעאלן זיינען פאראן, דער הערלאכסטער אידעאל איז דער אידעאל פון והי באחרית הימים; א סך געבאטן זיינען פאראן, דער העכסטער געבאט איז צו פארוואנדלען אונזער לעבן אין א בית המקדש און יעדע היים אין א קדשי קדשים; א סך פריידן זיינען פאראן, די זיסיקסטע איז אבער, ווען מען זעט קינדער באפליגלט מיט הייליקסטע חלומות; א סך התחייבותן האבן טאטע־מאמעס היינט צו טאג, די הייליקסטע אבער איז אויסלערנען ס'קינד זינגען פון די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה דאס אידישע און סאציאליסטישע ליד, וואס זאל זיך ארייניפאסן אין דער סימפאניע, וואס די הערלאכסטע קעמפער־קדושים פון פעלקער פון דער מענטשהייט, גרייטן זיך צו זינגען.

כ'האב ביי ראושנבוש געלייענט אזא תפילה (פריי באארבעט): "גרויסער גאט, שיק דיין ברכה די קליינע קינדער פון אלע ראסן, פון אלע פעלקער און באהויך זיי מיט דער פראכט פון דיין שכינה. באווארים זיי מיט דער ווארימקייט פון דיין גייסט; זאל דער לויטערער קוואל פון ליכט און גלויבן עפענען אין זייערע נשמות דעם קוואל פון לויטערקייט, דעם קוואל פון דערהויבענער הייליקער ליבע. טו עס, גרויסער גאט, דו גאט פון ליכט און גלויבן, טו עס אט די קליינע קינדערלאך אונזערע, וואס דערפרישן מיט זייער צוטרוי, מיט זייער נאאיוויטעט און התלהבותדיקער ליבע, אונזער לעבן, אונזער גייסט. זיי, גרויסער גאט, גוט צו די בלימעלאך פון אונזער לעבן, וואס בענקען נאך ליבע און פרייד, זיי גוט צו זיי, מחמת זיי ווערן דאך געבוירן אזוי ריין, מיט אזא הייליקער בענקשאפט נאך זונשיין; זאל לויכטן שמייכל אויף זייערע פנימלאך, זאל שטראלן ליכט פון זייערע אייגעלאך און הייליקע בענקשאפטן פון זייערע נשמה'לאך!" "שטארק זייערע פליגלען, גאט", וואלט איך צוגעגעבן. דאס קאנען מיר טאן איבערבויענדיק אונזער היים אזוי ווייט ווי מעגלאך און נאך מער), איידער נאך מיר בויען איבער אונזער וועלט.

די מערהייט וויסנשאפט מענטשן אייניקן זיך, למשל, אין כלל, אז די מוראשקעס זיינען לויט זייער כאראקטער די הערלאכסטע, די איבערגעגעבנסטע איינע צו ז'י אנדערע, די מוטיקסטע, די ארבעטזאמסטע און די אלטרואיסטישסטע אינזעקטן אויף דער וועלט. ניט נאר דאס, ביי זיי איז די גרעסטע פרייד, דער גרעסטער יום טוב, ווען זיי האבן די געלעגנהייט צו געבן, צו העלפן א צווייטן. דאס איז דער פונדאמענט פון זייער כאראקטער. ביי די מוראשקעס איז לעבן מאגן פאראן אזא מין מאגנדל, אין וועלכן זיי קלייבן שפייז פאר דער געזעלשאפט זייערער. פאראן אזוינע, וואס קאנען אפילו קיין טראפן שפייז ניט נעמען פון אייגענעם צווייטן מאגנדל. זיי דארפן געשפייזט ווערן פון א חבר, מחמת דער צווייטער מאגנדל איז פארן צווייטן. דער דאזיקער ארגאן איז עס די סיבה, האלט מארים מעטערלינג, וואס האט אין משך פון מיליאנען יארן אנטוויקלט אין זיי אזא צדקה געפיל, א געפיל צו געבן, צו לעבן פארן צווייטן. ווען א מוראשקע טרעפט א חבר'טע

און קאָרמעט זי אָן, וויזט זי ארוים פרייד ווי די גליקלאַכסטע אויף דער
וועלט. געבן א צווייטן, איז אזוי טיף אין זייער נשמה, אז בעת אן איבער־
ריים פון זייערער א מלחמה, קאָן מען אפילו זען ווי שונאים קאָרמענען
שונאים. יאָ, דער פיזישער אָרגאַן האָט משמעות עס טאַקע געהאַט ד׳ וואונ־
דערבארע ווירקונג אויף זייער כאראקטער. זיי זיינען לכן צענטראפוגאלס,
אלץ וואָס זיי טוען, האָבן זיי אין זינען דעם צווייטן, בעת מיר, מענטשן,
זיינען צענטראָפּעטאלס, עגאָאיסטן — אלץ וואָס מיר טוען איז צוליב זיך.
וויסנשאפט מענטשן שטעלן זיך אָבער די פראַגע׳ צי איז דאָס דאַזיקע אויך
די טר׳יבנדיקע קראַפט פון זייער אַרבעטזאַמקייט (טובת הכלל), פון זייער
אָן אויפהער בויען, שאַפן, פון שלום, וואָס הערשט צווישן זיי? פאַראַן נאָך
א כוח, וואָס איז זיך צעוואַקסן אין זיי, דאָס איז זייער אָן גרעניצן ליבע
צו זייערע קינדערלאַך, זייער איבערגעגעבנקייט, זייער זאָרג פאַר די
אייעלאַך (לאַרווא קאַקון), זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין (און ליב איז
עס זיי) פאַר די עופה׳לאַך זייערע. מען האַלט, אַז דער דאָזיקער כוח, ליבע
צו די קינדערלאַך, איז דער כוח, וואָס האָט צוגעגעבן זייער לעבן א מוטער־
לאַכן, אַן אמת מענטשלאַכן גייסט. די מוראַשקע־פאָרשער שרייבן טאַקע צו
די קעגנזייטיקע ליבע און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין איינער פאַרן צווייטן,
דער אַלגעמיינער ליבע זייערער פון אַלעמען (ניט חווקא פון אייגענע מאַמעס
אַליין), צו די קינדערלאַך זייערע, וועלכע זיי האַלטן פאַר אַלעמענס. דאָס
דאָזיקע פאַרוואַנדלט זייער רעפּובליק אין א רעפּובליק פון "מוטערס", פון
מענטשן מיט מוטערלאַכע געפילן. ניטאָ ביי קיינעם פון די בעלי־החים׳ס
אַזא אמת׳ע מוטערלאַכע ליבע, ווי ביי די מוראַשקעס. שניידט אוים דעם
מאָגן פון א מוראַשקע (לערנט מעטערלינק), פון א מוראַשקע וואָס לויפט
ראַטעווען א קאַקון, שניידט איר אוים די הינטערשטע פיס —
זי קריכט אַלץ ראַטעווען דאָס קינד. דער ליבע־אינסטינקט טראָגט
איר און לאָזט זי ניט שטאַרבן, ביז זי האָט געראַטעוועט דאָס קינד.
צווישן אַלע אַרבעטן זייערע איז דאָס אַרומגיין אַרום די קינדערלאַך זייערע,
די אַרבעט פאַר די קינדערלאַך, די באַליבטסטע. מאַרים מעטערלינק באַ־
וואונדערט זייער זאָרגעוודיקייט, זייער ריין האַלטן, זייער מסירת נפש פאַר
די קינדערלאַך זייערע. מעג טאַקע דאָס דאָזיקע אונז דינען פאַר א ביישפּיל,
וואָס פאַר א כוח ס׳ליגט אין ליבע צו קינדער, ווען דאָס ווערט דאָס הייליק־
סטע געפיל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. וואָס פאַר א טרייב־קראַפט דאָס
ווערט צו שאַפן, צו בויען, צו אַרבעטן, צו שטרעבן, וואָס פאַר א הערלאַכער
כוח דאָס ווערט, א כוח וואָס ברענגט שאַפונגס ענערגיע, ליכט, פרייד, וואַ־
רימקייט, שלום און יום טוב אין לעבן. יאָ, צייט צו וויסן, אַז דאָס געפיל
צו געבן, דאָס געפיל צו לעבן פאַרן צווייטן, צו מקריב זיין זיך פאַר א חבר,
איז ניט קיין אָרגאַניש געפיל אין מענטשנס נשמה. די מוראַשקעס, הייסט
עס, באַזיצן יאָ אַזוי געפילן. דאָס דאָזיקע איז, ווי מיר האָבן פריער געזען,
דער פונדאַמענט פון זייער כאַראַקטער, מחמת דעם קראַפ (קליינעם מאָגנדל),
אין וועלכן זיי קלייבן שפּייז ניט פאַר זיך, נאָר פאַר דער געזעלשאַפט. די

פונקציע פון דעם ארגאן האט אין משך פון יארן געהאט, הייסט עס, די גרעסטע השפעה אויף זייער כאראקטער. מיר האבן ניט אזוינע פיזישע ארגאנען. אויב מיר לעבן יא אמאל לטובת הכלל, אויב מיר דערהויבן זיך אמאל יא העכער, איז עס א דאנק גייסטיקע פליגלען, וואס וואקסן אין אונז. איז אט די גייסטיקע פליגלען אונזערע גרינגער און שטארקער צו מאכן. דארף ווערן דער הייליקסטער געבאט אין אונזער צייט.

אידישקייט

(שמועסן געפירט אין משך פון צוויי יאר צייט מיט מיין ליבן תלמיד יהודה ליב בראדי, יודזשין, 13 יאר אלט; אים ווידמע איך טאקע דעם קאפיטל).

די מאדערנע פעדאגאגיק, אין אלע אירע פארמען, מאכט דורך, פונקט ווי אלע איבעריקע קולטור ווערטן, א געוויסן קריזיס. אפילו די אייזערנע, אזוי צו זאגן, די פעסט פונדאמענטאלע יסודות אין דערציאונג הויבן אן צו וואקלען. ניט איין פעדאגאג און קינדער פסיכאלאג פארטראכט זיך היינט צו טאג, איבער ווערטן, וואס זיינען שוין לאנג פארוואָרפן געווארן, צי פארגעסן געווארן; ניט איין פעדאגאג און קינדער פסיכאלאג הויבט זיך אן צו פארטראכטן צו די אלע פארגעסענע און פארווארפענע יסודות פון דערציאונג וואלטן זיך אקארשט ניט צוגעפאסט צו אונזער היינטיקער היים און שול סביבה.

דער ברוטאלער מיטלאלטערלאכער פויסט פון רציחה'דיקער אונטערדריקונג, דער פערמאנענטער קרייצצוג קעגן אונז אידן, איז היינט ווידער אמאל אויפגעשטאנען תחית המתים און בושעוועט, אויסגעפוצט אין נייע קליידער (פאשיזם). מארשירט אבער דער יונגינקער, פול מיט לעבנספרייד און זוניקן אנזאג, דער סאציאליזם, דאך פאראויס; ער באהערשט דאך פעלקער און לענדער, און רופט דאך מיט זיין נייעם גלאק, וואס שרעקט ניט. נאר וועקט די מענטשהייט צו א לעבן פון ברידערלאכער ארבעט און גייסטיקן שטייגן. דאס איז אמת. ס'איז אמת אז דער פינסטער־פארכמארעטער הימל ווערט באלויכטן פון א קוים מערקבארן, אבער דאך, מארגנרויט. ס'איז אבער אויך אמת, אז די יוגנט, וואס פארנעמט תמיד דעם ערשטן רוף צום מארש אין א וועלט פון ליכטיקן פרימארגן, איז אין איר גרעסטער מערהייט טויבלאך צום גלאקן קלאנג פונם אנזאג, צום מארש בארג־ארויף. דאס דאזיקע פארפינסטערט אונז דאס קוים באמערקבארע ליכט, וואס רייסט זיך קוים דורך די במארעס דורך. דא און דארטן מערקן זיך יא שפורן, אז זי, די יוגנט, דערוואכט, אז זי דערהערט עפעס יא, אבער דאס הערן און דאס דערוואכן איז ניט פון א יונגטלאכן, נאר ווי פון א זקן. א! ווען די יוגנט וואלט באמת מוטיק און אנטשיידן, ווי איר נאטור איז, גענומען זאגן איר ווארט! עס וואלטן דאך אלע פינסטערע רוחות, וואס גרייטן קייטן,

פארוויסטונג און טויט, טויט־דערשראָקענע פאר דער יוגנט, זיך צעלאָפן פון די פּעדעסטאַלן און פון די פּאַלאַצן, וואו זיי האָבן זיך צעלייגט אַזוי זיכער. אבער ניט נאָר דאָס איז ווייטיקדיק. א סך ווייטיקדיקער איז, וואָס זי, די יוגנט (אונזער האָפנונג!), זי אליין האָט אויף אירע הענט די דאַזיקע פינס־טערע רוחות אהין געבראַכט... יאָ, די יוגנט, אין איר גרעסטער מערהייט. ווייזט ניט ארויס איר התלהבות׳דיקן ברען פאר נייע אידייען. די יובל גע־שרייען פון פרייד פון דער מינדערהייט אירער הערט זי ניט.

אויב נאָר עקאָנאָמישע סיבות וואָלטן געווען די טרייב כוחות פון אונזער לעבן, וואָלט די יוגנט, א האָפנונגסלאָזע, און די גאַנצע מענטשהייט א צעפּייניקטע, שוין לאַנג זיך פארקערעוועט אויפן איינציקן וועג (באַרי־קאַדן), וואָס נאָר ער האָט, אין לויף פון אונזער געשיכטע, געבראַכט באַניי־אונג. עס זיינען פאַראַן אַנדערע כוחות, טיף־פּסיכאָלאָגישע, דערציערישע, וואָס ווירקן היינט צו טאָג שטאַרקער. היינט יצו טאָג בושעוועט א דור (30—35 יאָריקע), דערצויגן אויף בלוט און רציחה, א דור (דאַמאָלט 10—8 יאָר אַלט), וואָס האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין די יאָרן 1914—1918, אין די יאָרן ווען "גאָט׳ס וואָרט", אַזוי צו זאָגן, איז געווען פאַרהודיעט פון קאַנאָנען טומל, ווען "גאָט׳ס גייסט" האָט זיך געטרונקען אין בלוט.

קומט מען צו דער אידישער ווירקלאַכקייט, צו אונזער לעבן, ווערט דער דאַזיקער צעשטערנדיקער פּסיכאָלאָגישער כוח נאָך פארשטאַרקט פון ספּעציפישער אבנאָרמאַלקייט פון אונזער אידישן לעבן. מיר אידן פילן נאָך א חוץ די נאָכווייענישן פון דער מלחמה, די דעגראַדאַציע פון א דור, וואָס איז און ווערט דערצויגן פון עלטערן, צונויפגעלאָפענע אהער, וואָס די נאָך מלחמה יאָרן האָבן זיי איינגעראַמט א סוד, ווי די שלאַנג אין פּרצ׳ס "צווי בריידער" — "וועד רייך, ברודער — געלט איז אַלץ"... די צונויפגעלאָפענע האָבן זייערע אידעאַלן, אָדער זייער "טלית און תפילין" ארייגעוואָרפן אין ים און זיינען שוין אהער געקומען פּוסט — אויסגעליידיקטע. אַנדערע, ווי־דער, האָבן זייערע אידעאַלן און "טלית און תפילין" פארבילינקט, אַזוי פאַר־בילינקט, אז עס שווידערט אַזש! יאָ, קוקט זיך צו צום גייסט פון זייער לעבן; הערט זיך צו צו זייערע שמועסן; פארטראַכט זיך וועגן דעם גייסט פון זיי־ערע פארברענגנאַכצן; קוקט זיך צו צו זייערע "אידעאַלן!" קריעה דאַרף מען רייסן, ווי פארגרעבט, ווי פּראַסט און ווי "פּרעסעריש", אין זין פון וועלן לעבן, זייערע היימען זיינען. ווייי צו א דור וואָס דאַרף אַזאַ לופט אָטעמען, וואָס דאַרף אַזאַ "ניגון" הערן, וואָס דאַרף אַזאַ לעבן נעמען, ווי א ביישפּיל פאַר זיך. אַמאָל האָט זיך, למשל, א יום טוב (פסח, יום כפּור, שבת, סוכות) ארומגעשפּאַצירט זיך ברייט איבער די גאַסן פונם שטעטל. איצט איז עס געשאָרן און פאַרדאַרט, געבונדן אין שטוב און אַזוי פאַררוקט, אז שווער אים צו געפינען. היינט שפּאַצירט איבער די גאַסן ארום ברייט, מעשה בעל־הבית (פון לעבן), גייסטלאָזיקייט, ציניזם, זנות, פּרעסערישקייט, סנאָביש־

קייט, און דאָס קינד זעט עס, אָטעמט עס איין — נאָכדעם קומט איר צום קינד מיט מענות! — ווײ צום קינד, וואָס וואַקסט אין אַזאַ צייט...

זעענדיק אָט דעם חורבן, דעם חורבן אין די היימען, וואו גאָטלאָזי־קייט, קולטורלאָזיקייט, וואו כוליגאַניזם "שטשירעט מיט די ציין", וואו די שאַרפע נעגל זיינען באַפּאַרבן מיט "ציוויליזאַציע", וואו אפילו די אויגן און ליפּן זיינען געפּעלשט; זעענדיק אַזוינע היימען אין אַזאַ צייט, טראַכט מען אָפּט וועגן ווערטן פון נעכטן, וואָס וואָלט אפשר דעצידירנדיק וויכטיק געווען פאַר היינט. אַזוי טראַכט זיך אָפּטמאָל, ניט ווילנדיק, אַז אונזער אידישע מאָדערנע פּעדאַגאָגיק וואָלט אפשר גאָר באַדאַרפט וואַרפן אַן אויג אויפן נעכטיקן חדר, זיך דערמאָנען אינם נעכטיקן מלמד, וואָס איז זיכער ניט געווען כלו שלעכט, פּונקט ווי אונזער היינטיקער חדר (שול), אונזער היינטיקער לערער איז ניט כלו גוט; אַזוי רייסן זיך אריין "בייזע מחשבות". אַזוי פאַרבענקט מען זיך מיטאמאָל נאָך אַ סך פּעדאַגאָגישע יסודות פונם אַמאָליקן חדר, וואָס זיין וואַרימקייט, זיין גייסטיק טיפער אינהאַלט, זיין פייער פעלט אונז היינט צו טאָג.

כ׳האָב אַמאָל איבערגענומען אַ "שווערן קלאַס". זייער באַציאונג צום לימוד איז געווען אַ שרעקלאַכע. קינדער זיינען עס געווען אינם עלטער פון 14—15 יאָר. כ׳האָב געהאַט אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען. וואָס טוט מען מיטן שווערן קלאַס? איך האָב באַשלאָסן אויסצואַרבעטן אַ הויכן לימוד. כ׳האָב באַשלאָסן צוצוגרייטן זיך צו די לעקציעס, זאָרגעוודיק מיט אַ סך ביישפּילן פון פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, נאַטורוויסנשאַפט. כ׳האָב ווייניקער זיך געזאָרגט וועגן פאַקטן, ווי וועגן דער וואַרימקייט, מיט וועלכער די פאַקטן צו ברענגען. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען. כ׳האָב דעם קלאַס ניט דערקענט. די נעכטיקע "פאַרלאָרענע"... זיינען געלאָפן, בפועל ממש געלאָפן, אין שול. די גרעסטע מערהייט פון זיי האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ אינטערעס, אַז ס׳פלעגט פּשוט צינדן פאַר פרייד. דאָס האָט מיך איבערציי״גט, אַז וואָס העכער דער לימוד איז, וואָס טיפער, מיט וואָס מער התלהבות און וואַרימקייט דער לע־רער לערנט, אַלץ מער צינדט עס אָן קינדער. זאָרגפול און מיט גרויס אחריות צוגעקליבענע מעשה׳לאַך, ברייט און טיף צוגעגרייטע לעקציעס איבער אי־דישער געשיכטע, וואָס מער קינסטלערישע ליטעראַטור, וואָס וואַרימער, ראָמאַנטישער דער לימוד איז, וואָס פאַרכאַפנדיקער, אַלץ טיפער דרינגט עס אריין, אַלץ מער פאַראינטערעסירט עס און צינדט אפילו די "קאַלטסטע" קינדער. זאָרגפול און מיט ליבע צוגרייטן זיך צו די לימודים, דעצעדירט אָפּטמאָל דעם גורל פון דער באַציאונג פון קינדער צום לערער און צו דער שול. אפשר זאָלן מיר אָר פאַרוואַרפן די דאָגמע פון צוגעפּאַסטע גרינגע לימודים, אפשר זאָלן מיר בעסער "גרינגער" מאַכן שווערע ענינים, צופּאַסן, ניט צוגעפּאַסטע לימודים, מחמת מיפקייט וועקט אויף כוחות אינם קינד צו שעפערישקייט. כ׳לערן מיט אַ קלאַס ש. אנסקי׳ס "דיבוק". קינדער זיי־

נעז עס אינם עלטער פון 13—14—15 יאָר. כ׳קום צו ענין קדושה און טומאה: — חנן: „די עובדה פון צדיקים באשטייט אין דעם, וואָס זיי רייניקן אָפּ מענטשלאַכע נשמות, רייסן פון זיי אַראָפּ די קליפּה פון זינד און הויבן זיי אויף צו זייער ליכטיקן מקור. מ׳דאַרף ניט קיין מלחמה האַלטן מיט דער זינד, נאָר אויסבעסערן זי. ווי א גאָלדשמיד לייטערט גאָלד אין א שטאַרקן פייער, ווי אַן ערד־אַרבעטער זייפט אָפּ פולע קערנער פון פוסטער קאַסטרע, אזוי דאַרף מען אויסלייטערן די זינד פון איר טומאה, אזוי, אז אין איר זאָל בלייבן נאָר קדושה... הנך: קדושה אין זינד? פון וואַנען קומט דאָס? חנן: אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן, האָט אין זיך א פונק פון הייליקייט. הנך: זינד האָט באַשאַפן ניט גאָט, נאָר די סיטרא אחרא. חנן: און ווער האָט די סיטרא אחרא באַשאַפן? אויך גאָט. סיטרא אחרא הייסט די צווייטע זייט פון גאָט. ווי באַלד זי איז א זייט פון גאָט, מוז זי האָבן אין זיך קדושה".

א ליגן, קינדער, איז טומאה, זיכער טומאה; אָבער, אז כ׳גיי מיט מיין חבר צו זיין טויט־קראַנקער מוטער און אַן אויטאָמאָביל טויטעט אים, און די שרעקלאַכע נייעס וואָלט געקאָנט טויטן די מוטער, זאָג איך א ליגן. זאָג איך איר, אז איר קינד וועט היינט ניט קאָנען קומען, מען האָט אים טעלעגראַפיש אַרויסגערופן וועגן געשעפט אין ניו יאָרק, ניט געקאָנט פאַרשפּעטיקן דעם באַן. — ס׳איז א ליגן, כ׳האָב אים אָבער ניט געזאָגט צוליב זיך — כ׳האָב אים געזאָגט ניט צו דער׳הרג׳ענען א מוטער — איז עס קדושה; וואָס מיר זאָלן ניט טאָן, אפילו שלעכטס, איז די כוונה נאָר א ריינע, איז עס לשם מיין פריינט — איז דאָס שלעכטס — קדושה און ניט טומאה. אָט עפנט זיך אויף די טיר און עמיצער א צעררייצטער, צי א ניט נאָרמאַלער, שיסט אין אייך, קינדערלאַך, כאַפּ איך אַרויס מיין רעוואָלווער און טויט אים — טויטן איז טומאה, זינד — אָבער אַזאַ טויטן איז קדושה; אָט גייען מיר צוזאַמען, כ׳דערזע א גרוב, ס׳איז שפּעט צו וואָרנען — איך דערלאַנג א זעץ מיין חבר און שטופּ אים אָפּ פון זיכערן טויט — דער קלאַפּ איז ניט געווען פון כעס, איז ניט געווען כדי צו נייטראַליזירן מיין שנאה — נאָר לשם ראַטעווען א מענטשן — איז עס קדושה. אָט דערקענט יוסף זיינע ברידער — ער וואָלט איצט געקאָנט נעמען פון זיי נקמה, — ער נעמט נקמה, אָבער וואָס פאַר א נקמה — ער האַנדלט ווי ער וואָלט זאָגן: „איר זייט ברידער־רשעים, איך אָבער פאַרגיב, כ׳זע ווי קליין איר פילט זיך" — אַזאַ נקמה איז קדושה. אָפּטאָן מיט גוטס פאַר שלעכטס איז אויך נקמה אָבער א שפּעריישע, א הייליקע. זי לערנט דעם רשע און דערהויבט אים.

ליבן נאָר זיך אַליין איז טומאה — ליבן זיך און דעם חבר, יעדן מענטשן, איז קדושה. ס׳איז אָבער נאַטירלאַך אז יעדער מענטש זאָל זיך ליב האָבן און זאָל זאָרגן פאַר זיך; ס׳איז נאַטירלאַך יעדער מענטש זאָל זיך ווינטשן אַלדאָס גוטס — אָבער... ניט אויף יענעמס חשבון. עגאָאיזם מיינט, ווען מען רעכנט זיך ניט מיט יענעם, ווען מען באַנוצט זיך מיט עלנבויגנס.

ווען מען שטופּט זיך, ווען מען שפּרייזט צו גליק איבער יענעמס געפילן, איבער יענעמס קערפּער. דער ואהבת איז אן אצבע אלהים — א וועג־ווייזער, ניט קיין געבאָט. אין א סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט דער אמת׳ער ואהבת מקוים ווערן, — וואָס מער מענשן, וואָס געזינטער זיי זיינען, אלץ רייכער זיינען מיר אלע... דערפאַר איז דער קאַמף פאַר אזא וועלט— קדושה.

א פאָטער, יודזשין, וואָס קומט נאָך יערן פאַרלאַנג פון זיין קינד, טוט דעם קינד שלעכטס; חווקא דער פאָטער, וואָס איז ״שלעכט״ איז גוט צום קינד, — אזא שלעכטס איז קדושה. אויב דו ביסט לויט דיין נאַטור א היציקער; לערן זיך ניט אויפצוקאָכן זיך צוליב זיך, צוליב א באַליידיקונג, נאָר פאַרוואַנדל די טומאה אין קדושה—היץ זיך ווען דו זעסט עוולות. באַגאַנגענע צי אנדערע. אויב דו ביסט לויט דער נאַטור א מענטש וואָס האָט ליב כבוד, גיב צדקה, טו א סך אַרבעט לטובת הכלל און האָב פון דעם פאַרגעניגן, האָב פון דעם נחת, אזא כבוד זוכעריי איז באַהויכט מיט קדושה. וועגן משה׳ן דערציילט מען, אז, ווען מ׳האָט חכמים, צו יענער צייט, געוויזן זיין בילד, האָבן זיי געזאָגט, אז לויט די פּנים־שטריכן איז עס א מענטש א שלעכטער א בעל־גאווה, א ליגנער און וואָס ניט. אז מ׳האָט אים וועגן דעם דערציילט, האָט ער געזאָגט: ס׳איז אמת — כ׳האָב עס אָבער אלץ אויסגעברענט אין זיך. — ער האָט, ווי מיר שטויסן זיך אָן, ניט נאָר אויסגעברענט דאָס שלעכטס — ער האָט די טומאה פאַרוואַנדלט אין קדושה. שמועסן פון דעם מין מאַכן ווארים דעם קלאַס.

פרעגסט מיר ווידעראַמאָל, וואָס ש. אנסקי מיינט מיט זיין ״יעדעס אָרט קאָן זיין א קדשי קדשים״. אָט זיצן מיר ביים טיש און רעדן וועגן קדושה, וועגן גאָט א. א. וו. שפּעטער וועלן אפשר ביים זעלביקן טיש זיצן מענטשן און זיך שטאַרק קריגן, צי רעדן לשון הרע. מיר האָבן געשאַפן ארום טיש א הייליקע שטימונג, זיי אָבער — א שטימונג פון טומאה. ביים זעלביקן טיש קאָן זיצן א מענטש און טראַכן ווי צו העלפן זיין פריינט, וועלכער לעבט איבער אן עת צרה, און ביים זעלביקן טיש קאָן אפשר שפּעטער זיצן א מענטש און פּלאַנעווען ווי אזוי נקמה צו נעמען אן זיינעם א געוועזענעם פריינט... זע, יודזשין, דער זעלביקער טיש איז עס דאָך. ניט אין טיש גייט עס, ניט אין אָרט, יעדעס אָרט פון וואנען א מענטש הויבט אויף זיינע אויגן צום הימל, איז קדשי קדשים. אָט האָסטו פאַריקע וואָך געזען דזשעז טענץ, ווי משונה דאָס האָט אויסגעזען, עפּעס אזוי גראָב, פּראָסט, נו? דערמאָן איך מיר, ווי מיין פאָטער האָט אמאָל געטאַנצט: עס איז מיין עלטסטער שוועסטער׳ס בתיה׳ס, חתונה. דער עולם טאַנצט. פּלוצלונג, אזוי שטייענדיק, טוט מיין פאָטער א שפּרונג, מיין פאָטער, וואָס תמיד בין איך געוואוינט צו זען אים איבער א ספר, תמיד ערנסט, און דאָ האָט ער זיך דאָס א לאָז געטאָן מיט די הענט צום הימל אין א טאַנץ, און אנטקעגן אים איז ארויסגעשפּרונגען מיין מוטער... דו פרעגסט מיך וואָס איך וויין? כ׳האָב דאַמאָלט מער געוויינט. כ׳בין אריינגעלאָפן אין קאַמער, זיך אריינגעגראָבן

מיטן פנים אין קישן און פארגאנגען אין א געוויין. כ'האָב געהערט דאָס פּאטשן פון דעם התלהבות'דיקן עולם, ס'געזאנג זייערס, כ'האָב צווישן זיי געהערט מיין פּאַטער'ס אויסגעשרייען, גיבער כליפּען, און איך קאָן זיך ניט איינהאלטן — כ'שיס אוים אין א יאָמערלאכן געוויין — אזא טאנץ און אזא וויינען איז קדושה, יודישן טייערער.

ווייסט, יהודה ליב, פאראן גערדאנקען און האנדלונגען, וואָס זיינען אין אנקלאנג מיט דעם מענטשנס נשמה, מיט איר שטייגן, מיט איר ציען זיך צום מקור פון אייביקן ליכט. אז א מענטש למשל, טוט גוטס, פילט ער זיך זייער גוט. פארקערט, ווען ער טוט שלעכטס. פילט ער זיך שלעכט, מחמת שלעכטס איז א פרעמדער געפיל אין א מענטשנס נשמה, און ווי נאָר עס דרינגט אין איר, אין דער נשמה, אריין א פרעמדער עלעמענט, ליידט זי, וויל זי אים פארטרייבן, קאָסט עס איר געזונט. אָט הערסטו אָפט — "דיינע דאגות", "קריך ניט אין יענעמס טעפּל", "ניט דיין זאך", "וואָס גייט עס דיר אָן". איך דענק אז אזוי רעדן איז אין קעגנזאץ צו דער מענטש-לאכער נשמה. זעסטו, אז א מענטש גייט אין פאלשע וועגן, זעסטו, אז דאָס וועט אים ברענגען צרות, ליידן. דארף עס יאָ זיין "דיין דאגה", דארף עס יאָ זיין "דיין זאך". אויב אָבער דו קומסט צו יענעם און וואָרנסט אים, מישט זיך אריין, כדי יענער זאָל זאָגן "אָט איז א שיינער מענטש", טוסטו עס דאָך צוליב זיך, איז עס טומאה; פארקערט, ווען דו מישט זיך אריין, מחמת דיין מיטגעפיל צו יענעם, ווען דו מישט זיך אריין, אפילו דאמאָלט ווען דו ווייסט, אז דאָס וועט דיר ברענגען צרות — איז עס מענטשלאך און שיין, איז עס קדושה. אזוי האָט געטאָן משה, ווען ער האָט זיך אנגענומען פאר אידן, בעת דער מצרי האָט אים געשלאָגן. זעסטו אן עוולה, זאָגט די לע-גענדע, איז עס דער גרעסטער חטא צו זאָגן: ניט מיין דאגה... זאָג קיינמאָל ניט אז דו ביסט אנטוישט — דו האָסט יענעם געטאָן אזויפיל גוטס און זע... זוך ניט קיין שכר. אויב דו זוכסט שכר מיינט עס, אז דו האָסט עס געטאָן לשם זיך (איז עס געווען טומאה). געפין דעם שכר, די פרייד דיינע, אינם עצם טאָן גוטס — דאָס איז קדושה. אזוי האָט משה'ן ניט אנטוישט די באַ-ציאונג פון די אידן צו אים, ביים ערשטן קומען צו זיי...

--

מירן נעמען דעם ענין גאָט, למשל. איך האלט, אז לערער און בכלל קולטור טוער, מאכן די לעצטע צייט א פאטאלן טעות, וואָס זיי גיבן צו ווייניק צייט אָפּ אין זייער אויפקלערונג ארבעט דעם ענין גאָט. גאָט, אמונה, תפילה, זיינען נאָך היינט באגריפן, וואָס זיינען פאר א סך עלטערן ניט קלאָר. פאראן היימען, וואָס דאָס פּראָבלעם גאָט איז א "געלעכטער". ניטאָ און א סוף, אן עק. וואויל איז צו זיי, הגם מקנא צו זיין די דאָזיקע "זיכערע אין זיך", האָט איר ניט וואָס מקנא צו זיין. זיי האָבן דאָס פּראָבלעם ניט געלייזט. זייערע קינדער וועלן אמאָל טייער צאָלן פאר דער פוסטקייט, פאר דער ליידיקייט, וואָס דאָס ניט געהעריק (מער אָדער ווייניקער) לייזן דאָס פּראָ-בלעם גאָט לאָזט איבער אין דער נשמה פונם קינד. כאוקין, איינער פון

אונזערע וויסנשאַפט־זייַלן, שרייַבט מען, איז פּלוצים אמת׳דיק פרום געוואָרן. כּאַוּוקין איז דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, וואָס איז געווען זייער ווייט פון אידישער אמונה. דאָ האָבן משמעות געמוזט ווירקן טיפע אינערלאַכע סיבות. צי האָט אַקאָרשט ניט געטליעט אין דער טיפעניש פון זייַן נשמה רעליגיעזע פונקען, וועלכע זייַנען ווי אַ ירושה איבערגעגאַנגען צו אים נאָך פון אַן עלטער־עלטער זיידן, און האָבן ביי אַ געלעגנהייט אויפגעפלאַקערט און זייַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיעזן פלאַם. מיקראָבן וועלכע זייַנען שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זייער גיפטיקייט, קאָנען מיט דער צייט אַרויסגעבן פון זיך נייע גענעראַציעס, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ שטאַרקערער גיפטיקייט פון זייערע אור־עלטערן. צי קומט ניט פאַר די זעלבע ביאָלאָגישע מעטאַמאָרפאָזע אין דער וועלט פון גלויבן, אַנשויאונגען און אידייען? די סודות׳פולע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּראָ־פעסאָר כּאַוּוקינס נשמה, שיינט צו באַשטעטיקן די השערה. ס׳איז מער ווי פאַרברעכעריש זיך צו באַציען גרינג צו אַ גייסטיק קולטורעלן כּוח, וואָס האָט טויזנטער יאָרן געוואָרימט, געוועקט, גערופן צו זון, צו הימל, באַפליגלט מיט די הייליקסטע חלומות און געפירט אויף קידוש השם. מיר פליען שוין אין די העכסטע הויכן און לאָזן זיך אַרונטער אין די טיפסטע טיפן; מיר רעדן, הערן, און מיר וועלן אויך באַלד זען פון די וויטסטע ווייטן; מר קאָנען גרינג אויסמעסטן די טיפקייט פון די טיפסטע ערטער אין אָקעאַנען, דער דרוק פון דער שוואַכסטער כוואַליע און די מאָס פון דעם גרעסטן מבול, קאָנען מיר שוין וויסן. און ניט נאָר דאָס: מיר ווייסן אין די גענויסטע פּרטים, ניט נאָר פון דעם מענטשלאַכן אָרגאַניזם, נאָר אויך פון די קערפּערלאַך פון די קלענסטע, ניט זעבאַרע פאַרן אויג, פליגעלאַך — וועבריאָנען ("דזשערמס"), מיר ווייסן זייערע מנהגים, געשמאַקן, און מיר שפּאַנען שוין אַפילו איין אַ שטערן, ער זאָל אונז אָנצינדן די עלעקטרישע באַלייכטונג אויף אַ וועלט אויסשטעלונג... און הגם, דאָס איז נאָר אַ טראָפּן אין ים לגבי דעם, וואָס אונזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן וויסן, ווייסן מיר זייער און זייער אַ סך אין פאַרגלייַך מיט דעם, וואָס אונזערע עלטערן און עלטערנס עלטערן האָבן געוואוסט. האָבן די פאָלקס מאַסן, הייסט עס, אַ גאַנץ נישקשה׳דיקן באַגאַזש וויסן.

מיר לעבן שוין אין אַ צייט, ווען בלוט טראַנספּוזיעס (בלוט איבער־גיסונגען) ווערן זעלטענער געמאַכט מיטן בלוט, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש איז מנדב, נאָר מיטן בלוט, וואָס ווערט אָפּגעצאַפּט פון אַן אַקאָרשט נע־שטאָרבענעם מענטשן. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען מילצן, נירן, לונגען, ווערן ניט איבערגעפלאַנצט אינם קראַנקן מענטשן פון העזעלאַד, מאַלפּעס, נאָר פון אַן אַקאָרשט פאַרשטאָרבענעם מענטשן. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען מיר ווייסן שוין גענוי, ווי לאַנג ס׳לעבן נאָכן טויט פונם מענטשן די קעמערלאַך פון זייַן האַרצן (20—30 מינוטן), די קעמערלאַך פונם אויג (½ שעה), פון די מוסקולן (4 שעה), פון בלוט (אַ שעה), פון די ביינער (3 טעג), פון הויט (5 טעג), פון לעבער (אַ סך שעה׳ן) (די אָנטדעקונגען פון די דאָקטוירים ס.

ס. יודיז, פאן היפל, קארעל גאלדציער). האבן מיר, הייסט עס, א גאנץ נישקשה׳דיקן באנאזש וויסן. קומט עס אבער צום ענין גאט, הערשט אזא צעשוואומענקייט, אזא מיש־מאש, אזא שרעק, אזא "פינסטערניש", אז א רחמנות אויף אונזערע קינדער, און נאך מער אויף אונזערע אומבאהאלפענע עלטערן, וואס עס גיסט זיך זיי אזש שוויס, ווען זיי דארפן ענטפערן א קינד א פראגע פון דעם מין. .

צו אונזערע קינדער פון היינט קאנט איר ניט צוגיין מיטן פראבלעם גאט, אזוי ווי אונזערע טאטעס זיינען צוגעטראטן צו אים מיט 30 יאר צוריק. אונזערע קינדער האבן א סך וויסן אין ביאלאגיע, פיזיאלאגיע, אסטראנאמיע, פיזיק און אפילו אין אנאטאמיע. איר קאנט זיי ניט הייסן גלויבן אין א גאט, וואס האט פון גארנישט באשאפן אזא מעכטיקע וועלט, פירט זי און... איז זיך מחיה ווען מיר, קליינע מענטשעלאך, ברואים׳לאך, זאגן אים א גוט ווארט, לויבן אים און גרויסן זיין נאמען. ניט שוין זשע דארף ער עס האבן? און ניט נאר דאס. אויב איר לויבט אים ניט יעדן טאג, אויב איר זייט ניט מקיים אלע תרי"ג מצוות, דאן וועט אייך א דונער כאפן, איר וועט שוין דאמאלט "קרענקען", געדענקען און אנזאגן דורות נאך אייך ניט אנצותייבן זיך מיט אים, אט מיט דעם גרויסן גאט, וואס האט באשאפן הימל, ערד, זון, ימים, וועלדער, פעלדער, און וואס איז דער קוואל פון ליבע און ליכט... די "פרומקייט" פון אונזערע קינדער, וואס פארשטייען ניט דאס פראבלעם גאט, וואס "קאנען" אבער סתם גלויבן ווי אונזערע אבות אבותינו, איז ניט נאר א קאלטע נאר א שעדלאכע פאר זייער נשמה, מחמת דאס איז ניט קיין פרומקייט, דאס איז א פאלשקייט. ווי לעכערלאך ס׳איז דער "ארייגעקלאפ־טער ארגומענט" אין זיי, אז "איך וויל זיך פירן ווי מיינע עלטערן האבן זיך געפירט!" אין אלץ איז ער דער היפוך פון די ערגסטע עלטערן — נאר אין דעם איז ער פונקט ווי דער פאטער... קוקט זיך נאר צו: דער טאטע האט זיך דאך געקהל׳ט, דער טאטע האט דאך געשטיצט קולטור אינסטיטוציעס, דער טאטע האט דאך געבענקט פון צייט צו צייט, דער זון אבער איז אן אויסגעליידיק גיסל, וואס נאר פייפן קאן עס, וואס נאר "לעבן" קאן עס: איז דען א וואונדער וואס אזא גיסל נעמט אן די שאלאכץ פון אמונה (מנהגים) פאר דער אמונה גופא? אליין איז ער כלו גוף, נעמט ער אן דעם גוף פון דער אמונה פאר איר נשמה!

שרייבט דר. חיים זשיטלאווסקי: "דער פעלער פון דעם אפיקורס איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט אין דער אלטער אידישער רעליגיע געזען נאר איר שלחן־ערוך׳דיקע שאלאכץ און האט זיך ניט אריינגעטראכט אין איר נשמה, אין יענער גרויסער, הייליקע, טיף־מענטשלאכער נשמה, וואס האט זיך היסטאריש פארבונדן מיט דער דרויסנדיקער שאלאכץ פון דינים און מנהגים. און אויך אין דעם האט ער געמאכט דעם טעות, וואס ער האט די גרויסע, הייליקע, טיף־מענטשלאכע נשמה פון זיין אייגענעם נייעם אפי־קורסישן גלויבן געוואלט אריינטראגן אין פאלק דורך דער טריפה׳נער

קאַלבאַס; גאַנץ אַנדערע װעגן האָט מען באַדאַרפט אױסזוכן, װי אַזױ די גרױסע נשמה פון דעם אַלטן דור זאָל אין דער גרױסער נשמה פון דעם נײַעם דור דערקענען איר אײגענעם מהות, איר אײגענע אָפּשפּיגלונג, אין אַ נײַער פּראָגרעסיװער פֿאָרם. װאָס מער איך האָב גענומען שטודירן אונדזער אַלטע געשיכטע, װאָס מער איך האָב מיך פֿאַרטיפֿט אין די אומשטענדן און דעם לעבן פון די, װאָס האָבן זי געשאַפֿן אָדער אױסגעליטן — אין זײערע געדאַנקען, געפֿילן, חלומות און שטרעבונגען, — איז פֿאַר מיר געװאָרן אַלץ מער קלאָר, אַז מיר האָבן אין די פֿאַרגאַנגענע דורות אַ סך אײביק־לעבעדיקע מענטשלאַכקײט. שטודירט מען אַזױ די געשיכטע פון אונדזער קולטור־רעלן אוצר, דעמאָלט איז לײַכט אײַנצוזען, אַז צ. ב. דער סאָציאַל־עטישער מאַנאָטעאיזם פון אונדזערע נביאים איז אַזאַ געװאַלדיקער פּראָגרעס אין דער אַנטװיקלונג פון דעם מענטשלאַכן גײַסט, לגבי זײַן פֿריערדיקן צושטאַנד, אַז אַפֿילו אַ װערק, װי „דאָס קאַפּיטאַל“ פון קאַרל מאַרקס, װאָס איז געװיס אין אַ סך פּונקטן „אמת'ער“ (פֿאַר אונדז) אײדער אַ סך לערן פון די נביאים, נעמט זיך אױס לגבי זײער װערק, װי אַ זאַמד־בערגעלע, צונױפֿגעטראָגן פון קינדער, בײַ דעם פֿוס פון אַ מעכטיקן באַרג. און ניט נאָר די נביאים װאַקסן אױס צו אַזאַ גרױס. דורך דער קראַפֿט און דער טיף פון זײער גײַסט, דורך דער רײַכקײט און אײדלקײט פון געפֿיל, דורך דער רײנקײט און ערלאַכקײט פון דעם װילן, צײכענען זיך אױס אַ סך פּראָדוקטן פון דעם אידישן שאַפֿן אין דעם משך פון די פֿאַר טױזנטער יאָר פון זײַן עקזיסטענץ אױף דער װעלט. יעדער מענטש קאָן זיך אױסלערנען אַרײַנצודרינגען אין זײער גרױס. איך רעד שױן ניט פון די, װעמעס נשמה עס קאָן דאָרשטיק שלינגען די לײדנשאַפֿטלאַכע ליבע צו דעם אידישן פֿאָלק און צו דעם אידישן גאָט, מיט װאָס די גאַנצע אַלטע קולטור איז דורכגעדרונגען. אַפֿילו די, װאָס זײַנען פֿרײַ פון אַ װעלכער עס איז רעליגיעזער באַדערפֿעניש, און אינגאַנצן קאַלט צו אַ װאָסער עס איז נאַציאָנאַלן געפֿיל, אױך זײ קאָנען דורך דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן אינהאַלט דורכדרינגען צו די אַלגעמײן־מענטשלאַכע כּוחות, װאָס שטעקן הינטער אים, צו די כּוחות פון געדאַנק, געפֿיל און װילן, װאָס האָבן באַשאַפֿן דעם ספּעציפֿישן אינהאַלט — אױך זײ קאָנען דורכדרינגען און באַװאונדערן די פּראַכט פון דעם מענטשן אין איר אידישער פֿאָרם. דער גאַנצער איבערנאַטירלאַכער גלױבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים; די נאַרישע אײַנגעשמועסטקײט, אַז מען קאָן דורך װעלכע עס איז מצװות און עבֿירות בין אדם למקום — צװישן מענטש און גאָט — געפֿינען חן אין דעם אױבערשטנס אױגן אָדער חלילה אַרױסרופֿן זײַן צאָרן אַנטקעגן זיך; כּמעט דער גאַנצער „שלחן ערוך“ מיט זײַנע תּרפּ"ט אַלפֿים דינים און מנהגים, — זײ אַלע אָדער, ריכטיקער, כּמעט אַלע, זײַנען ניט קײן אַנדער זאַך, װי „פֿאַרשפּיצטע פּלעקער“ און „שטרױענע דעכער“, װאָס קאָנען ניט אױסהאַלטן קײן ברעקל קריטיק פון דעם פּראָגרעסיװן מענטשלאַכן געדאַנק. און ניט נאָר איז דאָס אונדזער פֿליכט צו דערקלערן עס דעם אידן, נאָר בײַ דער גאַנצער טאָלעראַנץ, װאָס מיר האָבן צו דעם אַנדערנס מײנונגען און גלױבונגען. — אָדער ריכטיקער, דװקא אין דעם נאָמען פון יענער טאָלע־

ראנג, טאָרן מיר ניט צולאָזן, אַז דאָס פאָלק זאָל צווינגען וועמען עס איז צו גלויבן אין זיינע אויסגעוועבטע דאָגמען, אָדער ווייטער לעבן אין זיינע פאַרשימלטע פאָרמען. די דאָגמע־אידישקייט שטעלט מיט זיך ניט פאָר די אידישקייט, נאָר פאַרשטעלט זי."— און אָט די דאָגמעס גיבן מיר אונזערע קינדער, די שאַלאַכץ און ניט דעם קערנדל! דערפאַר איז זייער פרומקייט א פאַלשקייט, א זיך אָפּנאַרעריי... און די פרומקייט פון די עלטערן? זי איז אויך א פאַלשקייט. אַזאַ פאַלשקייט, וואָס א קינד אין וויג קאָן זי אַנטאַפּן אין יעדן "פרומען" ריר פון די עלטערן, אין יעדן ווינקעלע פון זייער אפילו פרומער היים.

יאָ, אוועקמאַכן מיטן האַנט, מיט א שמייכל דעם גאַנצן ענין גאָט, איז אַן עקסטרעם, וואָס פירט אונז אין ערגעץ ניט. א קינד קאָן זיך, למשל, אַזוי פאַרטראַכטן: "אויב אונזערע אבות אבותינו זיינען געווען אַזוינע נאַראָנים און געבוקט זיך און זיך מקריב געווען פאַר אַזוינע נאַרישקייטן, זוער ווייסט, אפשר וועלן אויך, אונזערע קינדס קינדער לאַכן פון אונז פאַר אונזער מקריב זיין זיך פאַרן סאָציאַליזם, פאַר חלוציזם, פאַר בירא־בידזשאַ־ניזם. דורות נאָך אונז וועלן לאַכן פון אונזער נאַאיוויטעט, קינדישקייט, פון אונזער, פשוט גערעדט, נאַרישקייט. לאָמיר בעסער געניסן פון לעבן!" א טיפערעם קינד וועט אפשר אַזוי ניט טראַכטן, וועט אָבער אַזאַ קינד פילן, אַז עפּעס פעלט אים. און פעלן פעלט אים און בכלל אונזערע קינדער. רע־ליגיעזיטעט. רעליגיע און רעליגיעזיטעט זיינען היינט צו טאָג צוויי באַזונ־דערע אידעאַלן. א מענטש קאָן ניט לעבן אָן געפילן פון רעליגיעזיטעט, אָן הייליק דערהויבענער ליבע, אָן התלהבות'דיקער גרייטקייט זיך אויפצולייזן פאַר א אידעאַל, אָן בענקשאַפט נאָך הימל, אָן גייסטיקן וואַקסן און שטייגן. אָן א גאָט אין האַרצן, אָן א פּאָן אין האַנט, אָן אַן אייביק פרישן, שפּרודל־דיקן, לויטערן קוואַל, אָן קדושה. די אמונה (רעליגיע) איז אַמאָל און גאָר ניט לאַנג צוריק נאָך געווען דער קוואַל פון רעליגיעזיטעט; היינט איז זי עס ניט. זיך קלאַמערן אָן דער שאַלאַכץ, בעת דאָס קערנדל האָט פאַרלאָרן זיין זאַפטיקייט, הייסט, ווי ערלאַך מען זאָל ניט מיינען, שטעלן אין סכנה א דור. "פונקט ווי דער קערפּער קאָן זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט אַזעלכע עסנוואַרג, וואָס גיבן בוי מאַטעריאַל און ענערגיע, און דאַרף נאָך האָבן ווי־טאַמינען, "צינד שטאָף", אַזוי איז אויך מיט דער נשמה — זי נויטיקט זיך אין ספּעציעלע "פּסיכישע איינווירקונגען", וואָס האָבן פאַר דעם מענטשן ניט קיין זאַכלאַך נוצלאַכן, נאָר א פּסיכיש־סטימולירנדיקן, נשמה־וועקנדיקן אָדער אַקטיווירנדיקן כוח" (שניאורסאָן). יאָ, מיר קאָנען ניט לעבן אָן גייס־טיקע וויטאַמינען. א לעבן אָן דעם מיינט פוילן און פאַלן, מיינט ווערן פון טאָג צו טאָג אַלט. יאָ, א מענטש קאָן נאָר דאַמאָלט פילן אמת'ן פרייד אין לעבן, ווען ער האָט פון וואָס באַגייסטערט צו ווערן, ווען ער קאָן פון צייט צו צייט פליען אין די העכסטע הימלען פון פרייד, ווען ער קאָן פון צייט צו צייט זיך פרייען אין דער הויך, ווען ער האָט א "לייטער", וואָס פירט אים צום הימל, וואָס רייסט אים פון צייט צו צייט אָפּ פון דאָס ערדישע און וועקט

אין אים אויף די ניגונים, וואס זיינען אייביק הייליק, וואס צינדן און וואָרימען דעם מענטשן און גיסן אָן זיין נשמה מיט דעם געטלאכסטן רוח חיים. סתם לערנען האט קיין שום ווערט ניט. סתם שטאָפּן ס'קינד מיט פאקטן איז אן ארבעט, וואס ברענגט קיין נוצן ניט. די פאקטן דארפן לעבן און געגעבן ווערן מיט ליבע און מיט ברען. ס'קינד דארף דערפילן אינם לערער א פארליבטן אין קולטור, א בלוטיק פאראינטערעסירטן אינם קעגנשטאנד, וועלכן ער ברייננגט דעם קינד.

פאראן א לעגענדע, אז גאָט האט אָנגעטאָן א טלית און באשאפן ליכט. האט ער אָבער באמערקט, אז ס'איז צופיל ליכט, האט ער דאס איבעריקע ליכט באהאלטן אין דער תורה, אין די אותיות. וואס מער א מענטש לערנט, אלץ מער ליכט אנטפלעקט זיך פאר אים, צו אלץ מער ליכט ווערט ער צוגעוואוינט, אלץ ליכטיקער ווערט זיין נשמה. דאס דאזיקע ליכט (דאס ליכט פון דער אידישער און וועלט קולטור) צו אנטפלעקן, איז דער זין פון אמת'ער פעדאגאָגיק. און ניט נאָר דאס. אנטפלעקן אין קינדער די רעליגיעזיטעט, וואס האט געפירט מארטירער פון אלע צייטן, וואס האבן זיך מקריב געווען פארן גליק פון דער מענטשהייט, צו זייער מסירת נפש. — אנטפלעקן פאר זיי די פראכט פון זייערע נשמות איז די העכלאכסטע מצווה, איז דער הייליקסטער חוב פון יעדן פעדאגאָג. ווי טוט מען עס אָבער? דאס דארפט איר טאָן קודם כל ניט פארבראקירנדיק, ניט פארמיאוסנדיק דאס אלטע, נאָר געפינענדיק אינם אלטן די הויכע הימלען, וואס זיינען געווען, און מיט רעכט, די ליכט־טורעמס פאר יענע דורות, געפינענדיק אינם אלטן הויכע הימלען, וואס האבן זיי באפליגלט, דערהויבן און אָנגעפילט מיט רעליגיעזיטעט זייערע נשמות.

פארוואס זאָל עס זיין שעדלאך סיי פארן גלויביקן, סיי פארן ניט־גלויביקן, אז מען רעדט צום קינד, למשל, בזה הלשון: זע, יהודה ליב. דו האסט געלערנט וועגן יום טוב חנוכה — מיין נאָר ניט, אז דאס איז שוין דער אמת'ער אמת וועגן דעם אורשפרונג פון חנוכה. פאראן שוין איצט אנדערע דערקלערונגען וועגן חנוכה. ווער ווייסט וואס קומענדיקע דורות וועלן נאָך אנטפלעקן און אנטדעקן. איך האלט אָבער, אז אפשר איז דער גאנצער ענין פון אכט ליכטלאך, מיט א שמש, וואס צינדט אָן אלע ליכטלאך. א סימבאָל פון אכט שיינע געפילן, חלומות, בענקשאפטן, אידעאלן אין דעם מענטשנס נשמה. וועלכע אשטיינער ליכט וואלסטו געהאלטן פאר דער העכלאכסטער אין א מענטשנס נשמה? מיין תלמיד הויבט זיי אָן אויסצורעכענען: די אידייע פון א גאָט פון "אין סוף", פונם אייביקן שטייגן — דאס ליכט האט אָנגעצונדן אברהם אבינו; בענקשאפט, דאס ליכט האט אָנגעצונדן יעקב אבינו מיט זיין חלום; פרייהייט — משה רבינו, מיט זיין קאמף פאר פרייהייט (פסח); שלום — ישעיהו הנביא; צארטקייט — אליהו הנביא; גלייכהייט — ירמיהו מיט זיין אידייע פון מלכות עניים, איינשטעלן זיך פארן אמת, פארן גערעכטן, פאר יושר, אויפשטורמען ווען מען זעט אז

עוולה באגאנגען אפילו קעגן א פרעמדן (משה); גלויבן אין אייגענע כוחות, אין זיך אליין (יחזקאל); ליבע — הלל מיט זיין ואהבת (איז דער שמש). די דאזיקע ליכט זיינען שוין פון פריער געווען. יעדער גייסטיקער ריז האט אבער אנטפלעקט (אנגעצונדן) ס'ליכט פאר זיין דור. — דאס לייקנט ניט אפ די מעשה לעמפעלע, אויל, אדער אנדערע מעשה'ס. — דאס אבער מאכט ווארימער דעם יום טוב. פארוואס זאל זיין שעדלאך פארן גלויביקן, ס'יי פארן ניט־גלויביקן, ווען מען זאגט דעם קינד בזה הלשון:

היינט, יהודה ליב, וועל איך דיר דערקלערן דעם יום־טוב פסח: קודם כל, יהודה ליב, דארפסטו תמיד גדיינקען, אז זיכערע, וויסנשאפטלאך באגרינדעטע דערקלערונגען פאר יום־טובים זיינען נאך ניט פאראן. פאראן השערות, אפטמאל שיר ניט וויסנשאפטלאך באגרינדעטע פאקטן; די געשיכטע פארשונג האט נאך אבער ניט דערגרייכט די הויך, די אדער יענע דערקלערונג זאל אנגענומען ווערן ווי א פעסטגעשטעלטע. אט, למשל, געדענקסטו דעם מישמאש ארום פורים. געדיינקסט די לעגענדע ארום דעם קאמף צווישן די בבלשע געטער מארדוך (ווי ענלאך צו אונזער מרדכי) און אישטאר (אסתר), און די עלאמיטישע געטער הומאן (המן) און וואשטי (ושתי)... געדענקסט ווי כ'האב דיר געזאגט, אז די דאזיקע לעגענדע ווייזט אונז, ווי פעלקער פלעגן אמאל אסימילירן פרעמדע לעגענדעס, ווי אויך אידן פלעגן פאראידשן פרעמדע אבערגלויבנס, געדענקסטו? זאל דיר דאס ניט וואונדערן. אויך היינט "נאשן" אידישע שרייבער פון ענגלישע, ענגלישע פון פראנצויזישע, "פארפראנצויזנדיק" זיי, צי "פארענגלישנדיק" זיי. פעלקער ווערן באאיינפלוסט פון קולטורן פון זייערע שכנים. פון דעם געווינט מען נאר. אט האסטו מיר נעכטן געזאגט "אן ענגלישע דערפינדונג", — געדענקסטו ווי כ'האב דיר א זאג געטאן: "ניטא, מיין קינד, אזא זאך! ווען דער פראנצויזישער פיזיקער דערפינדט ניט דאס, וואלט דער דייטשער בעמיקער, למשל, ניט געקאנט דערפינדן אט דאס, און ווען דער דייטשער וויסנשאפט מענטש דערפינט ניט דאס, וואלט דער שפאנישער ביאלאג ניט געקאנט דערפינדן דאס. א. א. וו. — זאלן פעלקער ביי פעלקער נעמען, זאלן זיי נאר נעמען גוטס... ווייסטו, טייערער יודזשין מיינער, פארוואס כ'רעד אזוי מיט דיר? כ'רעד אזוי, מחמת וויסן פאקטן אין געשיכטע מיינט גאר ניט וויסן, פילן אבער דעם גייסט פון געשיכטע, צי פון יום טוב, זיין ווירקונג אויף דער נשמה פון מענטשן, פילן די גרויסקייט און הייליקייט, וואס איז פארלייגט אין אים, האבן אין זינען דעם סימבאל פון יום טוב — אט דאס איז אוצר! אט נעם, למשל, פסח — זיכער ווייסטו פון דער אויסערלאכער זייט פון פסח. דו ווייסט אפשר אלע מנהגים פון עסן מצה, פראווען סדר, ווייסט אפשר וועלכע תפילות מען דארף דאוונען. ווייסט די גאנצע געשיכטלאכע מעשה; פאראן אבער אן אינערלאכע זייט פון פסח, וואס איז ניט אין אן ערך, יהודה ליב, וויכטיקער. — געווען א פאלק פארשקלאפט, אונטערדריקט און טעראריזירט. דאס פאלק האט (ווי שלעכט) אבער דאך געהאט שפייז, אויף א וועלכן

ס'איז אופן צו שטילן דעם הונגער; וואסער, צו שטילן דעם דאָרשט; וואו איבערצושלאָפן א נאכט, א. א. וו. ווארפט ס'פאָלק עם אוועק און גייט אין א מדבר צעברענט צו ווערן פון דער זון, שיר ניט אויסצוגיין פון דאָרשט און הונגער, כדי נאָר פריי צו זיין. בעסער טויט איידער שטיין אויף די קני. בעסער הונגער און דאָרשט, איידער פארשקלאָפונג. — מיט 3000 יאָר צוריק אזא אויסדרוק פון מענטשלאכער ווירדע! א שיינער יום טוב! און אָט זיצסטו, למשל, ביים סדר, ס'עפנט זיך די טיר, און ס'קומט אריין דיין עלטער-עלטער-עלטער-עלטער א. א. וו. זיידע און פרעגט דיך: "וואָס טוסטו, מיין אייניקל?" כ'פּראַווע דעם סדר, מיר זאָגן די הגדה, מיר עסן מצה, טרינקען פיר כוסות, מירן באלד עסן א יום-טוב'דיקע וועטשערע... "אבער, ביסטו גרייט דאָס אלץ אויפצוגעבן לשם פרייהייט פאר דיר און דיינע מיט-מענטשן? ער זעט, למשל, אז דו לאָזט ארונטער די אויגן; זאָגט ער צו דיר: אָט די שפּאַנישע פרייהייט קעמפער פּראַווען א בעסערן סדר אויפן שלאכט-פעלד; פון זייער סדר וועט קומען א שיינער סדר אויף דער וועלט. ווען מיר, אבער, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, סדרן ווי דו, וואָלסטו נאָך היינט אפשר געווען א שקלאָף אין מצרים... אָט וועל איך דיר מאָרגן דערציילן די פאקטן וועגן שבועות — כ'וועל האָפן אז דו וועסט מיר געבן א לעבעדיקן שבועות! א גייסטיקע דערקלערונג פונם יום טוב שבועות. ווייסטו, קינד מיינס, פאר-וואָס כ'לערן מיט דיר אזוי און זוך זיך ניט אויסצופיינען פאר דיינע עלטערן מיט דיין וויסן א סך פאקטן? ווייסטו פאַרוואָס כ'בין אויפגעשפּרונגען פון פרייד ווען דו האָסט מיר, מיט א פּאָר טעג צוריק, אויסגערעכנט די גרעסטע, לויט דיין מיינונג, די הערלאכסטע מענטשן: אברהם, יעקב, משה, ישעיהו, ירמיהו, עמוס, יחזקאל, עזרא, יוחנן בן זכאי, עקיבא, הלל, יהודה הלוי, ברוך שפּינאָזא, ישראל בעל שם טוב, רב לוי יצחק בערדיטשעווער, משה מענדלסאָן א. א. וו. — ווייל כ'האָב דערפילט אז די נשמה פון די פאקטן רירט דיך, און מיט דעם דערקלערט זיך דיין פרייד פון אונזער לימוד, מיט דעם דערקלערט זיך דיין פרייד פון פּרצ'ס שאפן, דיין נאָך העכערע פרייד פון ש. אנסקים, און נאָך טיפערע פרייד פון ביאַליקס שאפן; מיט דעם דער-קלערט זיך, וואָס דו האָסט מיר אויף מיין זאָג: "היינט וועלן מיר ווידער לערנען העברעאיש, מחמת מוזסט שוין זיין מיד פון ליטעראטור און גע-שיכטע" — געענטפערט, אז "פון געשיכטע און ליטעראטור וועל איך קיין מאָל ניט מיד ווערן. כ'האָב עס ליב ווי מיין לעבן — דאָס זאָג איך ניט מיט ווערטער, נאָר פון די טיפענישן פון הארצן".

ס'לעבט נאָך היינט, יהודה ליב, א גרויסער פילאָזאָף, אן אינדוס. ראבינאַדראַט טאַגאָר — הער זיין פּרינציפּ אין לערנען: "דער הויפּט-פּרינ-ציפּ פון טאַגאָרעס דערציאונג-סיסטעם איז דער איינפלוס אויף דער נשמה-לעבן פונם קינד. דער סדר פון לימוד איז ניט קיין פעסט-באשטימטער. אבער פון דער מינוט אן, ווען די לערע פאלט אריין, ווי א קערנדל אין דער נשמה פונם שילער, וועט זי זיך שוין אננעמען און ארויסוואקסן. די גאנצע דערציאונג און דער גאנצער לימוד איז אדורכגעדרונגען און באגלייט פון

מוזיק, געזאַנג און ריטמיק. אין פריען באַגינען, ווען די קינדער ליגן נאָך איינגעהילט אונטער די ווייכע פליגל פון שלאָף, גייען אויף שטילע מוזיק־טענער, וואָס וואַקסן אַלץ העכער און שטאַרקער, און גייען איבער צום סוף אין רואיקע שטילע אַקאָרדן; דאָס איז דער אָנזאָג, אַז די נאַכט האָט זיך געענדיקט און ס'איז צייט שוין זיך צו פעדערן צו דער טאָג־עובֿדה. שפּעטער, נאָכן וואַשן זיך און רוימען, קומט די מאָרגן תּפֿילה, וואָס באַשטייט פון א מינוט שטילקייט — דממה דקה. אין דער צייט קאָן זיך יעדערער קלערן פון וואָס ער וויל, אָבער יעדער מוז אין דער האָזיקער געהויבענער מינוט זיין קאָנצענטרירט אין זיך און קלערן ווי און אַמשענסטן, ווי אַמדערהויבנסטן. פאַר דעם געבעט קומט א צייכן, וואָס איז אויך מוזיק. ס'צעטראָגן זיך פרייליכע און הייטערע מעלאָדיע־קלאַנגען, וואָס ווערן שפּעטער אַלץ שטילער און שאַפן די שטימונג פון הייליקער פאַרטראַכטקייט. און ווי נאָר ס'פאַרלויפט די תּפֿילה־מינוט, וואַקסט ווידער אָן די מוזיק אין מונטערע און לעבעדיקע קלאַנגען. לייענען א קענגנשטאַנד אין שול קען מען נים, אויב מען האָט ניט צו אים די געהעריקע אינערלאַכע באַציאונג. אויב מען באַקומט אים ניט ליב מיטן גאַנצן וועזן. א מענטש קאָן נאָר דאַן באַגרייפן און באַנעמען דעם אינערלאַכן זין פון א זאַך, ווען ער פילט צו איר א תּשוקה, א נשמה־צאַפּל. דער שילער מוז זיין גלייכצייטיק אויך א שעפער און מחדש זיין אין דעם, וואָס ער פאַרשט, און פון וועלכן ער ציט זיין גייסטיקע יניקה. ביים לערנען א פּאָעטיש ווערק, דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעם גראַמאַטישן בוי פון זאַץ, נאָר קאָנצענטרירן זיך אויף דעם טיפערן זין פון דער שאַפונג און אויפנעמען דאָס ליכט, וואָס שטראַלט פון דעם ארוים. א ליטעראַריש ווערק דאַרף מען ניט לייענען און לערנען. ווען מען פילט ניט דערצו די געהעריקע שטימונג, דען די שאַפונג קאָן זיך ניט באַגרעניצן מיט דיר בלויזער ווירקונג אויפן אינטעלעקט, זי האָט פאַר זיך א גרעסערע אויפגאַבע: צו דערהויבן און פאַרפולקאָמען דעם מענטשלאַכן גייסט, די מענטשלאַכע נשמה. פאַרלייענען פאַר די תּלמידים דאַרף נאָר דער יעניקער, וואָס איז דערצו אינערלאַך געשטימט, ווייל נאָר אַזעלכער קאָן מיט זיין נשמה'דיקער אינטערפּרעטאַציע פון דער שאַפונג, שאַפן די אַלגעמיינע שטימונג, וואָס ווערט אפילו דערהויבן ביז צו דער גייסטיקער פרייד" ("קינד"). א שיינע פּעדאַגאָגיק, יהודה ליב, א? נאָך לאַנגע, לאַנגע שמועסן פון דעם מין. האָט מיר מיין תּלמיד געבעטן אין דעם גייסט אים דערקלערן דעם ענין גאָט. כ'האָב אָנגעהויבן אַזוי:

זע, יהודה ליב, זע א קערנדל, ווי קליין און נישטיק עס זעט אויס פאַרן אויג. פונדעסטוועגן וואַקסט פון אָט דעם קערנדל ארוים א בוים, וואָס ברענגט פרוכט, פונדעסטוועגן וואַקסט פון אים ארוים א בלום, וואָס שטעלט צו נעקטאַר דעם בין; און וואונדער איבער וואונדער, אינם בלימעלע, אינם בוים, איז שוין פאַרלייגט א ניי קערנדל, וואָס וועט פאַרזעצן דעם מין. און ניט נאָר דאָס, קוק זיך צו צום גלאַנץ פון טייך. די לבֿנה שפּיגלט זיך אָפּ אין טייך און הופּט אין אונז ארוים פרייד. און וויניק פרייד האָבן מיר פונם

פייגעלע, וואָס זינגט, און ווייניק פרייד האָבן מיר פונם שיינעם בלויען הימל און זון אויפגאַנג. דאָס אַלץ טויכט אויף (שאַפט) אין אונזערע נשמות פרייד און גליק. אָט די האַזיקע פרייד, וואָס פול מיט איר איז אונזער נשמה, וואָס דער ארום האָט ארויסגערופן אין אונז (האָט באשאַפן אין אונז), געבוירט אין אונז גוטסקייט, איידלקייט, פיינקייט און וואָס ניט? פאַרקערט. אַנדערע געפילן וואָס ווערן ארויסגערופן פון עפּעס אנדערש, קאָנען געבוירן אין אונז שלעכטס. אָט זינגט וואָרדסוואָרט: ״איך קוק ניט אויף דער נאַטור איצט, ווי אין די יאָרן פון מיין קינדהייט; כ׳זע און פיל איצט אין דער נאַטור דעם צאַרטן, הייליקן ניגון, וואָס זינגט צו דער מענטשהייט ס׳געזאַנג פון קדושה; כ׳פיל אין דער נאַטור א צויבער־כוח, וואָס וועקט אין מיר אויף דערהויבענע געדאַנקען און הייליקע געפילן פון פאַרגעטערונג און יראת שמים; כ׳זע אין דער נאַטור דעם צויבער־גייסט, וואָס אָטעמט מיט אוצרות פון ליבע און פראַכט; כ׳זע דעם צובער־גייסט אין דעם בלויען הימל, אין דעם הערלאַכן מאַ־גנרויט, אין דעם ליכט פון די שטערן, און פון דער זון, אין דעם בלויען ים, אין דער לעבעדיקער אטמאָספערע, אין דעם לעבן און שטרעבן פון דער מענטשהייט, אין זייערע בענקשאַפטן, אין זייער שטייגן און שפּאַנען צו די הימלען; יאָ, די נאַטור איז דער אנקער פון מיינע הייליקסטע געפילן, דער קוואַל פון מיינע מחשבות, דער גייסט וואָס רירט מיך, וואָס צעפרישט די נשמות פון אַלץ, וואָס לעבט און אָטעמט. אָט דער צויבער־גייסט פלאַנצט אין מיר שטילקייט און רו, גוטסקייט און מחילה, שיינקייט און פראַכט. דער דאָזיקער גייסט פירט מיך צו ׳אין סוף׳ — וואָס די פרייד פון אייביקן שטייגן איז דער ציל״ (פריי איבערזעצט). ח. נ. ביאַליק לערנט אונז וועגן גאָטס שפּראַך, הער:

״ס׳איז דאָ א שטילע געטער־שפּראַך, א שטילער לשון,
וואָס האָט קיין קול און קלאַנגען ניט, בלויז פאַרבן און קאָלירן:
די שפּראַך האָט כישוף, פראַכטבילדער און זעאונגען —
אויף דער שפּראַך טראַכט דער האר פון וועלטן זיינע טראַכטונגען;
אין איר פאַרקערפּערט יעדער קינסטלער זיינע זעאונגען,
געפינט באשייד אין איר פאַר זיינע חלומות;
דאָס איז די שפּראַך פון זעאונג, וואָס אנטפּלעקט זיך
אין פּאַס פון בלויען הימל, און אין זיינע ברייטקייטן,
איז קלאָרקייט פון די זילבער וואָלקנדלאַך, אין די שוואַרצע כמארעס,
איז ציטער פון די תבואות גאָלדענע אויף פעלדער,
און אין דער שטאָלציקייט פון שטאַרקן צעדער;
אין פלאַטער פון דעם ווייסן פליגל פון א טויב,
און אין די מעכטיק־אויסגעשפּרייטע אָדלער־פליגל;
איז שענקייט פון דעם מענטשנס קערפּער, אינם ליכט פון אויג,
אין צאָרן פון דעם ים, אין ברויז פון כוואַליעס און אין זייער שפּילן,
אין פינסטערניש פון נאַכט, אין ושטילשווייגן פון פאַלנדיקע שטערן,
אין רעש פון פייערן, איז ברען פון פלאַמענדיקע ימ׳ען,
פון זונען־אויפגאַנגען און זונען־אונטערגאַנגען...״

זעסט, יהודה ליב, גאָט איז אזוי ווי, ניט אויסער דער נאַטור, נאָר אין איר, די שיינקייט און פּראַכט פון דער נאַטור, פונם מענטשן, פון זיינע געפילן איז דאָס געטלאַכע אין אונז. עס שיינט, יחזשין, ווי גאָט, ווען ער האָט אַלץ באַשאַפן, וואָלט אַריינגעגעבן אין יעדער זאַך אַ טייל פון זיין "איך", מיט דער קראַפט פון קרעאַציע, פון שאַפן ווייטער, פון אַרויסרופן פרייד און גליק. ער האָט יעדן איינגעטיילט מיט גוטסקייט (און שלעכטס האָט ער באַשאַפן, כדי צו זען דעם אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס). ער האָט יעדן איינגעטיילט מיט חכמה און מיט דער מעגלאַכקייט צו שאַפן ווייטער און מער. יעדער בוים, יעדעס גרעזעלע, יעדעס פייגעלע, יעדעס בלימעלע, יעדער מענטש, האָט אין זיך אַ טייל פון גאָט'ס "איך". מיט דעם כוח פון קרעאַציע, צו שאַפן ווייטער און מער. דער דאָזיקער "איך" איז דאָס ליכטיקע, דאָס הערלאַכע, דאָס לויטער־הייליקע, איז דאָס געטלאַכע אין אונז. יאָ, אין יעדער זאַך איז פאַראַן גאָט, אין יעדער זאַך איז פאַראַן אַ טייל פון גאָטס "איך", פון זיין גייסט, פון זיין ליכט, פון זיין כוח. איצט ווייסטו, יהודה ליב, זיך אָנוועקשטעלן און בעטן גאָט: "וואָס בעטסטו ביי מיר", וואָלט גאָט געזאָגט, "כ'האָב דיר אַלץ געגעבן, איצט ווענדט זיך עס אין דיר — אין דיר איז פאַראַן אַ טייל פון מיר — נוץ עס צום גוטן". און נאָך וואָס: ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר גאָט, יהודה ליב.

קאָנסטו זיך פאָרשטעלן אַ פאָטער זאָל שטראָפן זיין קינד מיט טויט, צי מיט פּאַראַליזירט ווערן אויפן גאַנצן לעבן? ניין, דאָס איז ניט מעגלאַך. אַ פאָטער צי אַ מוטער, וואָס פול איז זייער נשמה מיט ליבע צום קינד, מיט מחילה און מיט גליקוואונטשן, וועט קיינמאָל ניט שטראָפן ס'קינד. עס זאָל באמת ליידן. אזוי איז אויך מיט גאָט. ניט מעגלאַך ער זאָל שטראָפן. ניטאָ וואָס צו מורא האָבן. ער איז, אויב ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, דער קוואַל פון ליבע און פרייד, דער קוואַל פון מחילה און גוטסקייט, לכן ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אים. און ניט נאָר דאָס, ער פאַרלאַנגט פאַר זיך פון דיר נאָרניט. אויב די מעשה מיט די עשרת הדברות איז אזוי ווי עס שטייט אין דער תורה, זאָגט עס אומגעפער אזוי: גנבעט ניט, גזלנט, פאַרלאַנגט ניט קיין פרעמדס, רעספּעקטירט עלטערן, זיי זאָלן ווערן ס'ליכט פון אייער לעבן. אַלץ בין אדם לחברו. "אַ גליק וועט מיר טרעפן אויב דו וועסט יאָ וואַרטן זעקס שעה נאָכן עסן פליישיקס, כדי צו טרינקען אַ גלעזעלע מילך... אמת'ן נחת וועל איך נאָר האָבן, ווען כ'וועל זען אַז דו פילסט מיט, ליידסט מיט, העלפסט, לעבסט ניט נאָר פאַר זיך, אָבער ניט פון דעם, וואָס דו וועסט מיר אָנרולן מיין קאָפּ מיט דיינע תפילות פון סידור. איך נויטיק זיך ניט אין דעם — זיי אַ מענטש!" אזוי וואָלט גאָט גערעדט צו דיר. זיין אַ מענטש איז דער העכסטער געטלאַכסטער געבאָט, וועלכן די עשרת הדברות רופן צו פאָלגן. דערפאַר זאָגט טאַקע עמוס אין נאָמען פון גאָט: "איך האָב פיינט, איך פאַראַכט אייערע יום טובים, כ'קאָן ניט פאַרטראָגן דעם ריח פון אייערע פייערונגען, איך וויל ניט אייערע קרבנות, און קוק ניט אויף אייערע פעטע בהמות, אוועק פון מיר מיטן געליאַרים פון דיינע געזאַנגען, כ'וויל

ניט הערן דאָס שפּילן פון דייַנע האַרפן, זאָל רוישן ווי וואַסער דאָס רעכט און גערעכטיקייט ווי א מעכטיקער שטראָם". בין אדם לחברו? וואָס מער רעכט ניט דעם מענטשן (פרייהייט), און וואָס גערעכטיקער זייט צו אייער מיטמענטשן, דאָס איז דער תמצית פון אמונה, יהודה ליב. פרעגסט מיך וועגן תפילה — איז הער, קינד מיינס: תפילה? ווייסטו, יהודה ליב, אז קינדער אינם עלטער פון 4־5 יאָר האָבן א טבע צו רעדן צו זיך. זיי לעבן אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע. קינדער אין דעם עלטער דערזעען שוין אונזער וועלטל, וואָס איז ניט אזוי איי־איי... האָט די נאַטור, כדי צו פאַרגרינגערן דאָס צוגעוואוינען זיך צו דער רעאַלער וועלט, באַשאָנקען זיי מיט דער מידה צו אַנטלויפן פון צייט צו צייט פון דער וועלט פון רעאַליטעט. אזוי איז אויך מיט תפילה. תפילה איז באַשאַפן געוואָרן כדי פון צייט צו צייט זיך אָפּצורייסן פון דער וועלט פון רעאַליטעט און פליען אין די העכסטע הימלען פון פרייד און גייסט. תפילה איז מעשים טובים, תפילה מיינט גיין אין גוטע וועגן, מיינט מאַכן עליות, זיך דערהויבן, זיך אָפּרייסן פון דאָס קליינלאַכע, פון דאָס ערדישע, מיינט מיטפילן, מיטליידן, לעבן ניט נאָר פאַר זיך אליין, מיינט פליען אין די העכסטע הימלען פון רוחניות, פון פרייד און התלהבות. — אין וואָס האָבן אָבער מענטשן עס פאַרוואַנדלט? — אין בעטן פרנסה, גליק פאַר זיך און אומגליק פאַרן שונא. — אזא תפילה איז גיין אין שלעכטע דרכים!

שרייבט יואל ענטין, אז "די באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער רעליגיע איז נויטיק פאַר א אידיש קינד, איז נויטיק פאַר א פולער אלזייטיקער אידישער דערציאונג. דעריבער איז נויטיק, אז מיר זאָלן געפינען א וועג ווי אזוי אונזערע קינדער מיט דער אידישער רעליגיע צו באַקענען. מיר דאַרפן אין אונזערע קינדער ניט איינפלאַנצן קיין רעליגיעזן גלויבן, מיר דאַרפן זיי ניט מאַכן פאַר קיין גלויביקע, מיר דאַרפן זיי אָבער געבן די מעגלאַכקייט צו פאַרשטיין דאָס אידישע רעליגיעזע לעבן. און א חוץ דעם אלעמען איז בכלל נויטיק צו פאַנאַנדערטיילן צווישן פרומקייט, גלויביקייט, רעליגיעזע דאָגמען און רעליגיעזע שטימונגען. זיי, די רעליגיעזע שטימונגען, מאַכן נאָך אונז פאַר קיין גלויביקע ניט. רעליגיעזע שטימונג — דאָס איז, אזוי צו זאָגן, א טרער אין כוס פון אונזער לעבן. זי צינדט אין אונז אָן א געוויסע לעבנס־פייערלאַכקייט. זי שטעלט אונז אוועק אין א העכערער באַציאונג צו וועלט און זאַכן. זי גיט אונז אריין דעם זין פון א העכערער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. עס ווערט דערציילט פון טאָלסטאָיען, אז ער האָט געהאַט א "סידור" אין וועלכן ער פלעגט יעדן פרימאָרגן "דאַווגען". אָבער וואָס פאַר א סידור, וואָס פאַר א דאַווגען איז עס געווען? דאָס איז געווען א בוך, אין וועלכן ער פלעגט אריינקלעפּן, וואו נאָר ער האָט געפונען עפּעס א שטיקל ליטעראַטור פון א העכערן, ערנסטערן קאַליבר, וואו נאָר א שטיקל ליטעראַטור, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט א העכערער, מער פייערלאַכער שטימונג. אזוי, למשל, איז איינע פון די תפילות אין זיין "סידור" געווען מאָפּאַסאַנס באַרימטע טרויעריקע סקיצע, ריכטיקער עסעי, "איינ־

זאמקייט". און דאָס דאַוונען טאָלסטאָיס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער פלעגט דורכלייענען איינע אָדער מער אַזעלכע זאַכן, כדי ערנסטער זיך אָנצושטימען פאַרן טאָג".

תפילה, יהודה ליב, איז ניט לשם עפּעס. תפילה איז אַ רעזולטאַט פון עפּעס וואָס. די נשמה ווערט פול מיט עקסטאַז, מיט ליבע, מיט בענקשאַפט נאָך הימל, פאַרגייט מען אין תפילה. שטייט אַזוי ישראל בעל שם טוב ביים פענסטער און קוקט זיך צו ווי אַ מוטער פירט איר עופה'לע פאַר די הענטלאַך, און גליק שטראַלט אַרויס פון איר פּנים; שטייט אַזוי ישראל בעל שם טוב און זעט ווי אַ קליינער קאַראַפּוזיקל, פינף יאָר אַלט, פירט פאַרן הענטעלע זיין ברודערל, וואָס איז נעבאַך אַריינגעפאַלן אין אַ לוזשע; דער עלטערער ברודערל פירט עס דעם "אומגליקלאַכן" אַהיים צו דער מאַמען; ער זעט ווייטער, ווי אַ מוטער זיצט זיך אַזוי אויפן גאַניק מיט איר עופה'לע אויפן האַנט און ס'עופה'לע ציט אויס די הענטעלאַך צום פאָטער, וואָס קומט אָן. און די זון וואַרימט, און דער הימל איז בלוי, שטייט ער, ישראל בעל שם טוב אַזוי ביים פענסטער און פאַרגייט אין תפילה פול מיט ליבע צו אַלץ און צו אַלעמען. אַ האַרץ פול מיט ליבע צו אַלץ און צו אַלעמען, איז פול מיט תפילה, יודזשין.

תפילה טאָר ניט זיין קיין מעכאַנישעס איבער'חזר'ן פון ווערטער, נאָר דאַרף אַרויסזינגען פון נשמה פון אַ מענטשן, און יעדער מענטש האָט זיך און קאָן זיך האָבן זיין סידור וואָס פירט אים צום הימל. מען דערציילט, אַז ישראל בעל שם טוב איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעטל פונקט ערב יום-כיפור. ס'איז איבעריק צו מאָלן די פרייד, וואָס זיין קומען האָט אַרויסגערופן אין שטעטל. עס קומט צו כל נדרי, ישראל בעל שם טוב איז ניטאָ. מ'לויפט אַרום אים זוכן — ניט געקאָנט געפינען. ערשט נאָכן דאַוונען האָט מען אים געפונען ווינגדיק אַ קינד. ער איז געגאַנגען אין בית מדרש, האָט ער דערציילט, און דערהערט אַ קינד וויינט. די מאַמע-טאַטע זיינען אַוועק דאַוונען, זייענדיק זיכער, אַז ס'קינד וועט שלאָפן, ס'האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט, משמעות גוט זיך דערשראָקן. נו, האָב איך עס געהאַלטן אין איין איינשטילן. ניט געדאַוונט, זאָגט איר? צוויי מאָל דאַרף מען ניט דאַוונען. כ'האָב מקיים געווען די מצוה פון ואהבת, און דאָס איז די העכסטע תפילה. אַזוי דערציילט מען פון אים, יהודה ליב, ווי ער האָט אַמאָל דורכגעלאָזן ס'דאַוונען, מחמת ער האָט געשלעפּט צוויי ציגן (פון אַ גאָרטן), וואָס וואָלטן אָנגעטאָן אַ סך שאָדן. כ'האָב, האָט ער ווידעראַמאָל געענטפערט, מקיים געווען די מצוה פון ואהבת — כ'האָב געדאַוונט. מען דערציילט, אַמאָל איז אַ בחור'ל, וואָס האָט אפילו קיין עברי ניט געקאָנט, אַריין אין בית מדרש. ער האָט דערפילט אַזאַ התלהבות, אַז עס האָט זיך אים מיט עפּעס וואָס געוואָלט אויסדריקן זיין פרייד, זיין ליבע צו גאָט. ער האָט נאָר געוואוסט דעם אלף-בית. האָט ער טאַקע אָנגעהויבן זאָגן א-ב-ג-ד-ה-ו-ז-ח-ט: אָבער מיט אַזויפיל האַרץ, מיט אַזויפיל נשמה, אַז זיין תפילה האָט געעפנט

די שערי שמים. אזוי דערציילט מען פון א אינגעלע וואָס האָט א פייף געטאָן פון ברענענדיקער התלהבות צו גאָט. ווייסט, יודזשין, יעדעס קאַפּיטל פון בראשית, וואו ס'ווערט דערציילט ווי גאָט האָט באַשאַפן הימל, ערד, גראָז א. א. וו. פאַרענדיקט זיך מיט "און גאָט האָט געזען, אז ס'איז גוט". גאָט איז צופרידן געווען מיט יעדער זאַך, הייסט עס, וואָס ער האָט באַשאַפן. ווען ס'איז אָבער געקומען צום ענין הימל און צום ענין מענטש, דאָרטן איז דער זאַץ מיטן "כי טוב" ניטאָ. ווייסטו פאַרוואָס? כ'דענק אז דער מענטש, זאָגט דאָס אונז, איז קיינמאָל ניט גוט און וועט קיינמאָל ניט זיין גוט. ער דאַרף תמיד זיין בעסער און בעסער, ער דאַרף תמיד שטייגן. אזוי איז אויך מיט הימל (דער סימבאָל פון אידעאַלן). איר קאָנט קיינמאָל ניט דערגרייכן דעם הימל, מחמת איין הימל (אידעאַל) געבוירט א נייעם הימל, און אזוי גייט עס. דער זין פון לעבן ליגט אין שטייגן, אין וואַקסן, אין פליען אין די הימלען העכער און העכער ביז "אין סוף" — פאַרשטייסטו, יודזשין.

ווילט איר, מיט דעם, ח' בלאָשטיין, זאָגן, אז ווען לעבן אונז וואוינט א שכנה און זי איז קראַנק און מיין מוטער גייט צו איר אריבער און קאָכט אָפּ מיטאָג פאַר דער שכנה'ס קינדערלאַך, ווילט איר מיט דעם זאָגן, אז ש'ילנדריק די קאַרטאָפל האָט זי מיטן שיילן געדאַווענט? — יאָ, יודזשין, אמת! -- ווילט איר מיט דעם זאָגן, הייסט עס, אז אויב מיין הבר'טע האָט מיך באַליידיקט און איך פאַרגיב איר מיט א שמייכל — דאַוון איך? — געוויס! תפילה איז א דערהויבונג. אין קיין זאַך, לערנט זשיטלאָווסקי, טרעט ניט אַרויס אזוי קלאָר די מענטשלאַכע נאַטור פונם מענטשן, ווי אין זיין ליבע צו שענקייט. שענקייט און אינוועניקסטע מענטשלאַכע חשיבות, קאָנען קיין ברעקל נוצן ניט ברענגען פאַרן מענטשן, אָבער זיי מאַכן אים מענטשלאַכער און שאַפן פאַר אים יענעם טיפן גליק, יענעם צושטאַנד פון ריינער פרייד, צו וועלכער דער מענטש דאַרף שטרעבן, ווען ער וויל וויסן, וואָס הייסט לעבן ווי א מענטש. תפילה איז א צושטאַנד פון פרייד! יאָ, דער זין פון לעבן איז נאָר שטייגן. אָט זע, יודזשין, קודם זאָגט מען לחיים, און ערשט שפּעטער מאַכט מען א ברכה און מען טרינקט אויס דעם כוס וויין, צי בראָנפן. פריער וואָלט מען דאָך געדאַרפט מאַכן א ברכה און דערנאָך זאָגן לחיים. ניין, צוערשט לחיים צום מענטשן. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל א ברכה צום מיטמענטשן זיינען פליגל, וואָס ברענגען די ברכה צו גאָט. דורך מעשים טובים צום מענטשן דערהויבט מען זיך. ס'איז גרינג צו דאַווענען (זאָגן פון סידור), ס'איז גאָר ניט גרינג צו דאַווענען מיט מעשים טובים... ס'איז גרינג צו פאַסטן (ניט עסן), ס'איז אָבער שווער צו דערהויבן זיך אין ליבע צו גאָט, אז מען זאָל פאַרגעסן צו עסן... דאָס איז דער זין פון פאַסטן. אזא פאַסטן איז שטייגן. אָט,למשל, זאָגסטו, אז דו ליבסט דיינע עלטערן, מחמת זיי גיבן דיר עסן, טרינקען, קליידער א. א. וו. אָבער ליבן עלטערן דאַרף מען דערפאַר, וואָס זיי זיינען גאָט'ס פאַרטרעטער אויף דער וועלט צו העלפן דעם קינד צו שטייגן; צו העלפן דעם קינד אויפצואוועקן

אין זיך דאָס ליכטיקע, דאָס הייליקע, וואָס עס איז פאַרלייגט אינם קינד ביים געבורט שוין... אויפצואוועקן אינם קינד האָט'ס פונק, זיין איך — דאָס איז דער הערלאַכסטער חלום פון עלטערן, פאַר דעם זיינען זיי גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן. דאָס איז תּפילה, דערפאַר דאַרף מען זיי ליב האָבן.

ווייסט, יהודה ליב — ביאַליק שרייבט אין זיינע לידער וועגן זיי מוטער און פאָטער אַזוי:

"אַזוי האָב איך געזען אים יעדן אינדערפרי, איך האָב געוויטיקט,
ווי ער פלעגט איבערגעוואַלט זיך אָפּרייסן פון גאָט, זיין לעבנסקוואַל;
ער לייגט צונויף דעם טלית און די תּפילין, זיינע ריינע קליידער —
און ווען די אויגן זיינען נאָך פאַרטיפט אין זיך, אין זיין נשמה.
און ס'טוט זיין האַרץ נאָך ברומען ווי א האַרף, און ווען זיין אויער
איז נאָך געווען געגויגט צום וויטן ליד פון מאָרגנשטערן —
פלעגט ער אַרויסגיין שטיל און אונטערטעניק, ווי א נאַכטוואַנדלער,
צוריק אין שפּאַן פון זיינע טעג און צו זיין בזויה'דיקער אַרבעט".

"ביז טיף אין דער נשמה, — האָט ס'האַרץ געוויינט אין מיר אויף זיין צער, זיין פּיין האָט מיך באַצוואונגען; וואָלט איך ניט אַזוי קליין געווען, וואָלט איך ניט אַזוי שוואַך געווען, וואָלט איך מיין פּלייצע צוגעשפּאַרט, מיין האַלז מיט זיינעם איינגעשפּאַנט, געשלעפּט מיט אים אינאיינעם, אפשר וואָלט אים לייכטער ווערן — נאָר שוואַך געווען מיין האַנט און ניט דערהערט מיין תּפילה; און ער, און איינזאַמער, האָט זיך געשלעפּט דעם וועג פון ליידן. ביז צו דער ערד פון לאַסט און פּיין האָט זיך געבויגן זיין נשמה, און אַז צו שווער געוואָרן איז די לאַסט — האָט ס'האַרץ ניט אויסגעהאַלטן".

און ווייטער שרייבט ער וועגן זיין מוטער: "נאָר העכסטע שענקייט, טיפסטע פּראַכט האָב איך פון דיינעטוועגן באַהאַלטן, געקריוודעטע פון פרויען און פון מוטערס, מאַמע טייערע! דאָס שענסטע פון מיין לעבן וועל איך קענען דיר צעשטראַלן, וועסט לויכטן ווי די מאָרגנזון אין הימל פון מיין לעבן. אַז טריב פאַר'יתום'טע מינוטן וועלן צו מיר קומען, דאַן וועלן מיינע אויגן צו דיין ליכט זיך ווענדן, כ'וועל געדענקען די אוונטן ווען דו האָסט צערטלאַך איבער מיר געבויגן זיך, מיין קאָפּ געגלעט, געדריקט מיך צו דיין האַרצן מיט דערבאַרמען. האָסט מיך באַטרונקען מיט דיין טרער און אַלע קוואַלן מיינע אויפגעברויזט. אויב דאָס וואָס דו האָסט נעכטן זיך צו מיר געטוליעט, צערטלענדיק, געקוקט אין די אויגן מיר מיט וויינען און מיט לאַכן און מיט קושן — כ'געדענק און איך באַנעם, ווי טיף עס איז א מענטשנס עלנט אויף אונזער ערד. נאָר כ'שווער ביי גאָט, אויב ס'וועט איין טרער

דיינע פארלוירן גיין אומזיסט. פון טיפסטער טיף, וואו נאר די טרער געפינט זיך, א פערל אויפן גרונט פון ים, וועל איך זי אויפברענגען, און וועל זי שלייפן, און זי איינפאסן אין קרוין דער שענסטער וואס וועט שעמירן אויפן קאפ פון אויסדערוויילטן פון א פאלק". קאנסטו, קינד מיינס, דען אין דעם ניט געפינען דעם זין פון כבד את אביך ואת אמך למען יאריכן ימיך! זאלן דיינע עלטערן ווערן ס'ליכט פון דיין לעבן — דאס וועט זוניקן און ממילא פארלענגערן דיין לעבן. אזוי זאלסטו אויך ניט זוכן קיין אנדערע נעטער ווי איך, מחמת מיין געבאט איז ליבע צווישן מענטש און מענטש — דאס איז דאס העכסטע און גיי אין דעם וועג, וואס פירט צו הימל און ניט אראפ.

גאט, יהודה ליב, האט ניט באשאפן די וועלט און שפעטער זיך צוריקגעצויגן פון איר. ניין. די קרעאציע (באשאף) איז אומענדלאך, זי ווערט פארגעזעצט ביז "אין סוף", און אזוי איז תפילה. תפילה איז ניט קיין פארטיק צוגעגרייטער ענין; קיין מעכאניש איבער'חזר"ן פון ווערטער און זאצן; תפילה איז ניט צוליב רעזולטאטן, זי איז א רעזולטאט פון דער בענקשאפט צו טאן גוטס און הנאה האבן פון דעם. זי, די תפילה, שטייגט מיט מענטשן צוזאמען, זי וועקט אין אים די טיפסטע הערלאכסטע געפילן. און די האזיקע געפילן פירן תמיד דעם מענטשן צו נאך העכערע תפילות ביז "אין סוף". דאס גליק אין לעבן ליגט אין שטייגן, אין תפילה טאן דורך מעשים טובים, וואס פרישן אפ דעם מענטשן, וואס לייטערן אים, און וואס גיסן אן זיין לעבן מיט דער העכסטער פרייד און גליק. זאגט פרץ אין זיין לאמפן מוסר: "ברען פייערל, גלייך צום הימל. ברען תמיד ווי אויפן מזבח און פארייניק זיך מיטן ליכט, וואס לויכט אייביק!" ברענען (לעבן) תמיד הויך (צום הימל), — מיינט, אז וואס מ'זאל ניט טאן דארף מען עס טאן מיט אזא הייליקן געמיט, אזוי מסירת־נפש'דיק, ווי אויפן מזבח; זען אריינצונעמען אין נשמה וואס מער ליכט, בפרט ס'ליכט וואס לויכט אייביק — דאס איז די אמת'ע תפילה!

נעכטן, יודזשין, האסטו מיר א פרעג געטאן, וואס דערמאנט מען יצחק'ן צווישן די גרויסע אבות אונזערע, בעת ער איז, ווי עס שיינט, געווען ניט אזא גרויסער גייסט: בלינד געווען, זיין פרוי האט פון אים אזוי גרינג ארויסגענארט די ברכה פאר יעקב'ן. אז אברהמ'ס פילאזאפיע איז נאך היינט טיף און הערלאך, דאס, זעסטו, קינד מיינס... אז יעקב'ס חלום וואלט נאך היינט הלואי מקוים געווען, דאס פארשטייסטו אויך, אבער יצחק, פרעגסטו! — אפשר סימבאליזירט גאר די גאנצע מעשה'לע אברהם, יצחק און יעקב, אז א גרויסער פאטער (אברהם) איז גאר ניט אזוי זיכער צו דערציען א גרויסן זון, עס ווענדט זיך אויך אינם זון, א מענטש איז ניט סתם ליים, און דווקא א קליינער פאטער, א פשוטער מענטש (יצחק), קאן האבן א גרויסן זון, — ניט יחוס אבות נאר יחוס עצמו איז וויכטיק. אז יעדער מענטש קאן שטייגן (יעדער מענטש קאן זיין א כהן גדול אין נשמה).

כ'בין זיכער, אז א צווייטער ענין וועט דיר קשה ווערן: משה, אט דער גרויסער גייסט, וואס גאט אליין האט מיט אים פארהאנדלט, וואס אים האט ער אויסגעקליבן אלס שליח פאר די אידן און אלס זיין שליח, — א קלייניקייט, ווער א חוץ משה'ן איז געווען אזוי נאענט צו גאט; און דאך — ער קומט, דערזעט ווי זיינע אידן טאנצן ארום א גאלדענעם קאלב (אפשר איז עס אויך א סימבאל, מען טאנצט איצט אויך ארום א גאלדענעם קאלב: געלט איז גאט ביי א סך מענטשן). נו, אז ער האט דערזען, אז די אידן זיינען אראפ פון דרך הישר — האט ער געדארפט אין כעס ווערן? א שליידער טאן די לוחות? יא, דאס איז געווען פון משה'ן א גרויסער טעות, און גאט האט טאקע פון דאמאלט אן באשלאסן, אז עמיצער אנדערש דארף פירן די אידן. אפשר סימבאליזירט די גאנצע מעשה'לע קודם, אז אפילו א משה קאן מאכן טעות'ן, קאן האבן חסרונות, אז זיי ניט אין כעס, ווארף ניט קיין פריינט, אויב ער באזיצט חסרונות, מחמת אפילו משה . . . א פשיטא א פשוטער בשר ודם קאן האבן חסרונות און דאך זיין א מענטש. און אפשר סימבאליזירט די לעגענדע, אז אויב ס'פאלק וויל נאר, אויב פאראן גרייטקייט, מסירת נפש, איז דער פירער ניט וויכטיק. ס'קומט א צווייטער און ער פירט ס'פאלק — אז מ'פארלירט אפילו אזא פירער ווי משה, וואס העכער פאר אים איז ניטא — איז פארלירט נאר ניט מוט!

די מעשה מחבר, יודזשין, איז אויך א ענין, וואס מען דארף וועגן אים זאגן א פאר ווערטער. מען זאגט אז פערציק יאר זיינען די אידן געווען אין מדבר, כדי ס'זאל אויסוואקסן א נייער דור, א מוטיקער, א גרייטער צו קעמפן פאר פרייהייט. קודם איז ס'פאלק, וואס איז ארויס פון מצרים, געווען א דערהויבן פאלק, א מוטיק פאלק — אמת, געווען צרות איידער מען האט זיי איינגערעדט, א סך זיינען גרייט געווען גלייך צוריקצוגיין. אבער זיי זיינען דאך געגאנגען. און איז א מדבר (א וויסטעניש) א פלאץ וואו צו דערציען א פאלק? עפעס איז דא ווידער קשה. אבער אפשר סימבאליזירט די דאזיקע לעגענדע — אז מיר זאלן קיינמאל ניט ווארטן ביז סאציאליזם, ביז ציוניזם וועט מקוים ווערן כדי צו דערהויבן ס'פאלק? אפשר סיגנאליזירט עס אונז, אז איידער איר בויט סאציאליזם, ציוניזם, דערהויבט ס'פאלק — מען קאן עס. — אפילו אין א מדבר קאן מען עס, וואו אפילו יעדע שפראצונג פון קולטור איז פארטריקנט . . . די מעשה מן, האלט איך, איז אויך א סימבאל. דער מן איז געפאלן פון הימל; אפילו דאס וואס קומט פון הימל (אידעאלן, אידייען, געדאנקען, בכלל אלע גייסטיקע, הימלשע ענינים) קאן האבן איין טעם (געפיל) ביי איינעם, און אן אנדער טעם ביי א צווייטן. טאלעראנט זאלסטו זיין צו יעדן מענטשן, מחמת אויב ער נעמט ניט אויף דיין אידעאל, מיינט עס ניט, אז ער האט קיין געפיל ניט צו אן אנדער אידעאל. און זאל זיך יעדערער שפאנען צו גאט (צו זיין גן עדן) אויף זיין אופן — אבי נאר שפאנען, אבי נאר שטייגן, מחמת וואס העכער, אלץ קלארער דער הימל!

טויט, פרעגסטו מיר, וואָס איז עס? — אַט איז, קינד מיינס, פאַריקע וואָך געשטאָרבן אייערער א פריינט. ווייסטו וואָס וואָלט איך געזאָגט אויף זיין לויה? כ'וואָלט אַזוי גערעדט: יעדער טויט איז אַן אבדה און יעדער קבר א וואונד. יעדער טויט איז אַן אבדה, וואָס קאָן קיינמאָל ניט צוריק געבראַכט ווערן, און א קבר איז א וואונד, וואָס קאָן קיינמאָל ניט געהיילט ווערן. שרעקלאַך טרויעריק איז, אַז מ'דאַרף זיך אויף אייביק געזעגנען מיט א באַליבטן פאָטער, מיט א צאַרטער מוטער — אָבער נאָך שרעקלאַכער איז פאַר א פאָטער צי פאַר א מוטער, ווען זיי דאַרפן זיך געזעגענען מיט א קינד, — דערפאַר איז דער וואונטש פון יעדן פאָטער און יעדער מוטער, אַז די קינדער זייערע זאָלן זיי איבערלעבן. דעם פאַרשטאָרבענעם איז גרינגער געווען צו שטאַרבן פילנדיק, אַז זיינע קינדער לעבן אים איבער. דאָס האָט זיכער אים פאַרזיסט זיינע געפילן פון צעשיידונג — דאָס איז געווען פאַר אים א גרויסע פרייד. אָבער וואָס מיינט טויט — דער קערפער לייזט זיך אויף אין דער ערד (ווי צוקער אין וואַסער) און באַפרוכפערט די ערד. אויף דער ערד וועלן איצט אויסוואַקסן גרעזעלאַך, בלימעלאַך, וועלן געבוירן ווערן פאַרשיידענע פליגעלאַך — ער, דער פאַרשטאָרבענער, ווערט מגולגל אין א גרעזעלע, אין א בלימעלע, וועמעס לעבן איז מער האַרמאָניש, פול מיט מער פרייד אפשר, ווי אונזער לעבן. ער לעבט אפשר אַלס גרעזעלע, פליגעלע, בלימעלע, אין א שענערער וועלט, אין א נאַטירלאַכערער און פרייערער וועלט, — דערפאַר בין איך מסכים מיט די פרומע (ניט רעליגיעזע, רעליגיעז בין איך, כאָטש פריי פון אַלע מנהגים), וואָס זאָגן אַז א פאַרשטאָרבענער גייט נאָכן טויט אין גן עדן, אין א ליכטיקערער, בעסערער, שענערער וועלט. יאָ, איך בין מסכים, אַז דער פאַרשטאָרבענער גייט אין א שיינער, א נאַטירלאַכער וועלט. איך בין אפילו מסכים, אַז אדם יסודו מעפר וסופו לעפר — דער מענטש איז (געקומען) א פּראָדוקט פון דער נאַטור (ערד) און גייט נאָכן טויט צו דער נאַטור... און מירן טאַקע אַלע ווידעראַמאָל נאָכן טויט זיין צוזאַמען ווי בלימעלאַך, ווי גרעזעלאַך, ווי פליגעלאַך. א. א. וו. ס'קומט, יודזשין, פאַר אַן אייביקע עוואָלוציע — ווען דו וועסט לערנען כעמיע, באָטאַניק, זאָאָלאָגיע — וועסטו זען דעם גאַנצן קרייז, וואָס די נאַטור מאַכט אַן אויפהער דורך, אַן אויפהער און אייביק. דו האָסט דאָך שוין געלערנט, אַז אַלץ, דאָס הויט, די מוסקולן, דער נאָז, די לונגען און אפילו דאָס בלוט באַשטייט פון "סעלן", קעמערלאַך. אַט די קעמערלאַך האַלטן אין איין אויפגעגעסן ווערן און אין איין געבוירן ווערן. אין משך פון 7 יאָר צייט ווערן אַלע קעמערלאַך געביטן. פון וואָס אַזוי אַרום קריגן מיר די קעמערלאַך, פון שפּייז, און שפּייזן (ברויט, עפּל), פון וואַנען? פון דער ערד. און די קו, וועלכע מיר עסן, האָט זי דען ניט געקראָגן איר פלייש פון זאַכן פון דער ערד? שפּעטער לייזן זיך אַלע קערפּערס אויף אין דער ערד פון וואַנען זיי קומען! אַזוי גייט עס.

אַט ביסטו נעכטן שטאַרק אין כעס געוואָרן. בעתן כעס הערן די חדרים אויף צו גיסן זייער פרוכטבאַרן זאַפט. דער מאָגן,

אַז אַזאַ זאַפּט, שטעלט אָפּ זיין אַרבעט — די פּאַרדייאונג. ווען דו וואָלסט זיך אַזוי געערגערט אַ 3-4 שעה, וואָלסטו שפּעטער געקראַנט בויך ווייטיק. וואָלטסט געטראַכט, וואָס האָב איך עס אַזוינס געגעסן, וואָס ס'בויך טוט וויי? דאָס האָט די בויך גאָר סיגנאַליזירט, אַז זי איז אויף צרות... ווען דו ערגערסט זיך זייער שטאַרק און לאַנג וואָלטסטו קראַנק געוואָרן. דו וואָלטסט אַזוי אַרום אַליין זיך געשטראָפט פאַר דיין חטא, פאַר דיין נאַטור צו ווערן אין כעס. מענטש, קינד מיינס, ווען דעם טראַכטן. טראַכט טאַקע אַליין, מחמת די דערקלערונגען, וואָס כ'גיב דיר, זיינען מיינע. באַאיינפלוסט פון מיינע לערער. דו טראַכט זיך צו דיינע. — איצט וועגן דעם ענין פון דיין חבר'ל.

יודזשין, דער חבר'ל דיינער האָט דיר געזאָגט, אַז די אידן האָבן געקרייציקט זייער גאָט, ריכטיקער זייער גאָט'ס זון, יעזוס קריסטוס. ס'וואָלט ניט געשאַדט, קינד מיינס, דו זאָלסט מיט אים זיך דורכרעדן וועגן דעם ענין. קודם כל פרעג אים צי וואָלט ער געגלויבט, ווען ער לייענט אין צייטונג, אַז מען האָט אין אָטאַווא פאַרברענט אויפן עלעקטרישן שטול צוויי מערדער, און אַז אין ניו־יאָרק האָט מען צוויי מערדער פאַר'משפּט געשאָסן צו ווערן. ניין, ער וואָלט עס ניט געגלויבט, מחמת ער ווייס, אַז אין ניו־יאָרק (שטאַט), שיסט מען ניט, מען ברענט אויפן עלעקטרישן שטול, פאַרמשפּטע צום טויט, און אַז אין קאַנאַדע ברענט מען ניט, נאָר מען הענגט. צו דער צייט ווען מען האָט געקרייציקט יעזוסן, פלעגט מען אַ פאַר־משפּטן צום טויט ביי אידן אָדער פאַרשטיינען (סקילה), אָדער פאַרברענען (שרפה), אָדער הרגענען (הרג), אָדער דערשטיקן (חנק), אָבער ניט געקרייציקט צו ווערן און ניט געהאָנגען צו ווערן; פאַרקערט, ביי די רוימער, וועלכע זיינען דאַמאָלט געווען די באַלעבאַטים פון אונזער לאַנד, פלעגט מען קרייציקן. פון דעם זעסטו גלייך, ווער עס האָט געקרייציקט יעזוסן. כ'וועל פון מאָרגן מיט דיר לערנען דעם גאַנצן קאַפּיטל געשיכטע, וואָס באַהאַנדלט דעם ענין יעזוס, וועגן די אסיים, וועגן זייער צייט א. א. וו. ווען סטו עס קאָנען דיין חבר'ל דערציילן. אָבער, טייערער יודזשין, זאָג אים דערווייל, וואָס כ'האָב דיר אָט איצט געזאָגט, און דערצייל אים בינוש שטיימאַנ'ס דראַמע "ביים טויער": געדענקסטו, ווען דער וועכטער דערלאַנגט (אין חלום) אַ זאָג יעזוסן, אַז אידן סמען ברונימער, קוילענען אונזערע קינדערלאַך, האָבן אפילו יעזוסן געקרייציקט, ענטפערט אים יעזוס (אין חלום), אַז זיי האָבן אפשר (אפשר!) מיך איין מאָל געקרייציקט, איר קרייציקט מיך יעדן טאָג, יעדע שעה מיט אייער בלוט פאַרגיסן, מיט אייערע ליגנס, מיט אייערע שנאה'ס, קנאה'ס א. א. וו. קאָנסט אים אחוץ דעם זאָגן, אַז לאָמיר אָננעמען, אַז יאָ. אונזערע עלטער עלטערן האָבן יאָ געקרייציקט יעזוסן. — איז וואָס זיינען מיר שולדיק. — וואָלט ער גרייט זיין צו ליידן פאַר זינד, באַגאַנגענע פון זיינע אור־עלטערן? און קרייציקט מען דען איצט ניט (פאַרפייניקט מען דען ניט אין תפיסה, הענגט מען דען ניט, שיסט מען דען ניט קעמפער פאַר פרייהייט, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר גלייכהייט, פאַר

א לעבן אויף יסודות פון ליבע און ארבעט אין דייטשלאנד, שפאניע?).
וועלן אונזערע אוה אור אור איינקלאך דערפאר דארפן זיין פארהאסט?
וואס זיינען זיי שולדיק? מיר, פונקט ווי זיי, זיינען נאך דאמאלט אויף
דער וועלט ניט געווען. ווי בייז און מיט וויפל האס און כעס א קריסטלאך
קינד זאל דיר דעם ענין ניט אויפווארפן — ענטפער געלאסן, קלער אים
אויף דעם ענין — ומחמת ער איז ניט שולדיק אין זיין טענה — דאס רעדט
זיין סביבה, וואס איז אדער אנטיסעמיטיש אדער ניט באוואוסטזיניק,
אדער ניט גענוג אינטעליגענט. אמאל האט א קריסטלאך אינגעלע פארנע־
ווארפן א אידישן, אז אידן, און הייסט עס ער אויך, האבן געקרייציקט
יעזוס'ן. האט אים דאס אינגעלע געענטפערט: "זאל איך אזוי לעבן, אז
כ'האב עס ניט געטאן, כ'האב אים אפילו ניט געזען..." ס'איז א שפאס,
אבער א טראגישער שפאס. באשולדיקן א דערוואקסענעם אין א חטא, וואס
ער איז באגאנגען, ווען ער איז נאך א קינד געווען, איז א גרויסע עוולה, א
פשיטא, א גאנץ פאלק פאר א חטא, וועלכן אנדערע זיינען באגאנגען מיט
צוויי טויזנט יאר צוריק. און מכוח זיין טענה צו דיר וועגן בלוט אין מצה,
וואס ער האט דיר אויפגעווארפן — דארפסטו אויף אים אויך אין כעס
ניט זיין, ער הערט וועגן דעם אין שטוב משמעות; דארפסטו אים דערציילן
די ווארשיינלאכע סיבה פון דעם דאזיקן בלוטיקן אבערגלויבן דעם פאר־
שפרייטן אזוי: מיט צענדליקער טויזנטער יארן צוריק פלעגט מען ברענגען
מענטשלאכע קרבנות, — מען פלעגט פארברענען פאר גאט, צי קוילענען
פאר גאט מענטשן, און אפילו קינדער, — דאס פייער און דער רויך גייט
דאך אין הימל... בלוט זאפט אין זיך די ערד איין... אלץ ערטער, וואס רופן
ארויס וואונדער, דארטן מוזן גייסטער זיין, און דער גייסט אפשר פון אלע
גייסטער... פון הימל בליצט און דונערט, פון דער ערד קומט (האבן זיי
פארשטאנען), ערדציטערנישן (אויך א גייסט דארטן)... אז מען פלעגט
דארפן צו א געוויסן יום־טוב א קרבן, פלעגן זיך צענדליקער אין א שבט
רייסן צו זיין די קרבנות, מחמת דאס מיינט, ער אדער זי, פארהייליקט צו
ווערן. אין לויף פון דער צייט איז, וואס ווייטער, אלץ שווערער געווארן צו
קריגן מענטשן, וואס זאלן גרייט זיין צו שטארבן, אויף אזא "קדוש השם";
איז מען געפאלן אויף א פלאן, שעכטן איין מענטשן אדער א קינד, און
ס'"בלוט צעמישן מיט מעל, מאכן קיכעלאך און זיי פארברענען, שפעטער
פלעגט מען די קיכעלאך עסן, ווי א סגולה צו חולאת'ן, אדער בעתן דאוונען
זייערן. ווען די בייזוויליקע מענטשן, וואס פלעגן וועלן ביטער און שווער
מאכן דאס לעבן פון די אידן (מחמת זיי, די אידן, אנערקענען ניט זייער
גאט, קריסטוסן, אדער מחמת זיי פלעגן דאס רוב שולדיק זיין די אידן געלט
און אזוי פלעגן זיי וועלן פטור ווערן פון זיי). נו? האבן די דאזיקע בייז־
וויליקע געזוכט צו פארשפרייטן חכילות און בייזע בילבולים, זיינען זיי
געפאלן אויף דער עצה — אידן עסן מצה — אפשר איז עס ביי זיי פאר־
בליבן דער מנהג פון קיכעלאך מיט בלוט... די בלוט־קיכעלאך האבן עס זיי
געבראכט צו דער השערה בלוט אין מצה. וועגן סמ'ען ברונימער האסטו
אים, טייערער יודישין, ניט גוט געענטפערט. דייז ארגומענט (האבן זיך דאך

אידן אויך געוואָרפּט פאַר'סמ'ען פונם וואַסער) איז קיין אַרגומענט ניט. זיי טענה'ן דאָך, אַז אידן פלעגן פאַרכּישופן דעם ברונעם מיט סם — און דעם מכשף אליין שאַדט קיינמאָל ניט זיין בייזע אַרבעט. נו? — בעסער אים דערקלערן, אַז דאָס איז געווען אַ צייט, ווען מען פלעגט ציטערן און פלאַטערן פאַר מכשפים און מכשפות, מען פלעגט זיי, אומשולדיקע נעבאָך, ברענען טויזנטערווייז... יעדן מענטשן, וואָס פלעגט זיי אויסזען ניט אַזוי, ווי זיי פלעגן ווען, פלעגן זיי פאַרשרייען ווי אַ מכשף. האָט מען זיך דאָ ווידעראַמאָל געכאַפּט אויסצונוצן דעם ענין כּישוף אויף אידן... אַ אידיש קינד מוז נעבאָך אויף פאַרשטיין אויפצוקלערן בייזוויליקייטן, מחמת אַנ־דערש צאָלט עס מיט בלוט און ליידן...

דער גרעסטער אוצר, יהודה ליב, איז האָפנונג. נאָך גרעסער איז בענקשאַפט. בענקשאַפט איז ניט טרויער, איז ניט אומעט, בענקשאַפט איז ניט טרערן, בענקשאַפט איז די מוטער פון האָפנונג. זאָל דער מענטש ניט בענקען וואָלט ער ניט געהאָפט, און האָפנונג איז לעבנס עליקסיר. אַז דער מענטש בענקט איז אַ סימן אַז ער איז ניט צופרידן, דאָס איז שוין אַ מדרגה. אָבער בענקשאַפטן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע. מיר רעדן דאָ פון אַזוי בענקשאַפטן וואָס ציען אונז אין דער הויך, צו הימל, צו זון. יאָ, עס ווענדט זיך טאַקע וואָס פאַר אַ בענקשאַפט. די תורה לערנט אונז און רופט אונז תמיד צו ברענען ווי אויפן מזבח. צו ברענען אין דער הויך צום הימל, צו זון. צו פאַרייניקן זיך מיטן ליכט וואָס לויכט אייביק. ווען דער מענטש זאָלט דערפילט וויפל פרייד עס ליגט הווקא אין טרערן, וויפל גליק און צאַרטע בענקשאַפט, וואָלט ער, דער מענטש, גע'חלומ'ט נאָר פון אַזוינע האָפנונגען, וואָס וואָלטן 'אים דערהויבן, באַגייסטערט, אָנגעפילט מיט זון און וואַרימקייט זיין לעבן. ווען דער מענטש וואָלט אַלע זיינע מעשים געקאָנט היילקן, וואָלט דער ואהבת לרעך כּמוך מקוים געוואָרן. כ'האַלט, אַז דער מקור פון אַלע צרות ליגט אין אומגליקלעכהייט. דאָס לאָזט ניט דעם מענטשן פליען אין די העכסטע הימלען, דאָס נידעריקט אַראָפּ אַלע זיינע בענק־שאַפטן. דערפאַר איז יעדער מענטש, וואָס איז זיך מקריב פאַרן צווייטן, מקיים די גרעסטע 'מצווה, די מצווה פון אהבת לרעך כּמוך, און מיט דעם איז ער ניט נאָר אַ צדיק, מיט דעם איז ער אַ קדוש, דאָס דאַוונט ער די הערלאַכסטע תפילה. און ניט נאָר דאָס, תפילה העלפט אונז שטייגן, פילט אָן אונזער נשמה מיט פריידיקן עקסטאַז. דערציילט מען פון אַ חסיד, וואָס ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער 'האָט פאַרלאָרן זיין עולם הבא — האָט ער אויסגעשריען: אָך, גאָט, איצט וועל איך קאָנען תפילה טאָן אָן יעדן געפיל פון שכר, פון באַצאָלט צו ווערן אויף יענער וועלט. די פרייד פון ריינער תפילה, פון מעשים טובים, זיינען די הערלאַכסטע פליגל. אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט דעם רבין, אַז ער האָט אין חלום געזען דעם גן־עדן. עס זיינען געזעסן צדיקים און געלערנט א. א. וו. ניין, האָט געזאָגט דער רבי. עס קאָן ניט זיין. ניט צדיקים זיצן אין גן־עדן, נאָר דער גן־עדן איז אין די צדיקים. די פרייד פון שטייגן אין די הימלען, מיינט פילן דעם טעם פון

גן־עדן. יעדע מצווה איז א קערנדל, א בוים אין גן־עדן (אין מענטשנס נשמה). יודזשין: כ׳פארשטיי אייך, חבר בלאשטיין. אט ליגט דער טעפיך, למשל, אפילו ער האט אין זיך גאט׳ס „איך". זיין שענקייט רופט ארויס אין אונז פרייד, פארגעניגן, אפילו א טעפיך האט דיר קראפט פון קרעאציע. אבער דאך, חבר בלאשטיין, איז פאראן א גאט אין הימל?

דאס דארף דיך זייער שטארק ניט אינטערעסירן, יודזשין וואס גייט דיר אן דער קויל? צי ער איז דא, צי ער איז ניטא. — דו פילסט דאך די ווארימקייט פונם קויל — דאס איז וויכטיק. וואס גייט דיר אן דאס ליכט? דו פריי זיך מיט דער ליכטיקייט פונם ליכט. ווארימקייט און ליכטיקייט קאנסטו שעפן עמעצוויז פון דיין נשמה — טו עס. גאט האט עס אין דיר פארלייגט. קריך ניט אין די הימלען, דו קאנסט עס נאך ניט. מיר ווייסן מער פאר אונזערע עלטערן. אונזערע קינדער וועלן וויסן מער פאר אונז — יא פאראן א גאט, צי ניט. צי ער האט באשאפן, צי עמיצער אנדערש, צי די נאטור אליין — דאס וועלן מער פאר אונז וויסן דורות, וואס וועלן נאך אונז קומען. פאר אונז איז גוט די ליכטיקייט, די געטלאכע און די ווארימקייט.

ווייסט, יודזשין, די היינטיקע וועלט איז א וועלט פון ארימקייט, נויט, הונגער, מלחמות א. א. וו. קעמפן פאר א וועלט, חלומ׳ען פון א וועלט פון כלו פרייד, כלו ליבע, וכלו יושר, כלו צדק, איז אויך א גרויסע תפילה, א גרויסע דערהויבונג. דערציילט מען טאקע, אז גערשוני׳ס פאטער, ווען ער איז געקומען פון תפיסה, וואו זיין זון גריגארי, איינער פון די ליכטיקסטע מענטשן, איז געזעסן פאר׳משפ׳ט צום טויט — ווען, הייסט עס, גערשוניס פאטער, א פרומער איד פון אלטן שניט, איז געקומען פון תפיסה, וואו ער האט זיך צום לעצטן מאל געזעגנט מיט זיין זון, און זיך געזעגנענען מיט אים, פארן אויספירן איבערן זון, הייסט עס, דעם טויט אורטייל, ווען ער איז צוריקגעקומען פון תפיסה, האבן אלע אינם אלטן מאן דערזען א גרויסע ענדערונג. אוועק איז ער א צעבראכענער זקן — געקומען איז ער א מענטש פול מיט פרייד. „ווי קומט עס?" — האבן זיינע פריינט אים געפרעגט. איך פארשטייט מיך, האט ער א זאג געטאן, כ׳זיץ אזוי אין תפיסה מיט מיין זון, וואס אין 2־3 טעג ארום וועט מען אים שיסן, און כ׳זע אין אים קיין ברעקל פארצווייפלונג ניט, קיין האר שרעק ניט; פארקערט, ער רעדט גאר מיט ברען, מיט התלהבות׳דיקן בטחון וועגן דער ליכטיקער וועלט, וואס ער זעט איר שוין אין זיין וויזיע. „טאטע, זיי וועלן מיך ווערן צו שיסן און צו הענגען. טאטע, אונזער יוגנט ברענט ניט אומזיסט אויס ס׳ליכט פון זייער לעבן. טאטע, און טאטע". כ׳האב געטראכט: אויב פאראן א גאט אויף דער וועלט, וועט ער אליין, טאקע ער אליין ארויסגיין געבן שלום עליכם מיין זון, וואס איז זיך מקריב פארן גליק פון זיינע (גאט׳ס) קינדער. יא, ער אליין וועט ארויסגיין אנטקעגן מיין זון, וואס האט אין זיך אזויפיל ליבע צו מיט־מענטשן; אויב אבער ניטא קיין גאט

אויבן, ווי די פרייע ווילן, פאראן נאך נאטור, פאראן א הייליקער קוואל פון קדושה, וואס ווערט אנגעפילט פון תפילות (מעשים טובים), פון אלע הערלאכע, וואס בענקען נאך הימל, אויב פאראן א הייליקער, לויטערער קוואל, הייסט עס, פון וועלכן אלע קוויקן זיך, שטארקן זייערע פליגל פון רוחניות, האט דאך מיין זון אין אים אריינגעגאסן אזויפיל קדושה. אין משה רבינו׳ס אויסגעשריי: ״רשע, למה תכה רעך״, געפינען מיר אן אנדייטונג אן דער קרובה׳שאפט צווישן אלע מענטשן. דער וואס שלאגט א מענטשן, דער וואס דערנידעריקט א מענטשן, איז א רשע, מחמת אלע מענטשן דארפן לעבן ווי ברידער, ווי רעים, ווי חברים, לכן איז יעדע מי, יעדע אנשטרענגונג, יעדער קרבן, איבערצובויען אונזער לעבן, מיר זאלן קאנען לעבן צווישן זיך ווי חברים, ווי רעים, די גרעסטע מצווה. און מיין זון איז די מצווה דאך מקיים! פקוח נפש דוחה שבת, ראטעווען א לעבן פון איין מענטשן איז וויכטיקער ווי אפהיטן שבת. א פשיטא איז וויכטיקער פאר אלץ צו ראטעווען די וועלט, די גאנצע מענטשהייט. יעדער מענטש דארף קודם כל האבן לחם לאכול ובגד ללבוש, יעדער מענטש דארף קודם כל באזארגט ווערן מיט חיונה, אנדערש שאפט זיך אן אומגלייכהייט. ווי א תהום צווישן מענטשן, מחמת אין דומה מי שיש לו פת בסלו לבי שאין לו פת בסלו צווישן דעם, וואס האט ניט און דעם, וואס האט יא איז פאראן א טיפער תהום, און אין דעם תהום זאמלט זיך שנאה, קנאה און האס, וואס שלעפט אונז אין דער נידער און סמ׳ט אונזער לעבן, און מיין זון קעמפט דאך קעגן אט דעם שלעכטס. וועט איר דאך פרעגן, ווען וועט מען פארשיטן דעם פינסטערן תהום, מיר זעען נאך ניט קיין סימנים פון דעם; וועט איר האר פרעגן מתי יהיה האות הזה? ווען וועט דאס פאסירן? עס שטייט דאך געשריבן המתפלל על חברו הוא נענה תחילה, דער וואס בעט פארן צווייטן, ווערט ז־ין אייגן געבעט געענטפערט פריער. יא, די ישועה וועט קומען. ווען יעדער מענטש וועט פארשטיין, אז אזוי לאנג ווי ער וועט בעטן און שטרעבן פאר זיך אליין, וועט ניט ער און ניט די וועלט געהאלפן ווערן, אז אין זיין שטרעבן, אין זיין בעטן פארן צווייטן, ליגט זיין ישועה. און די ישועה פון דער גאנצער וועלט. און מיין זון איז דאך מתפלל על חברו! קעמפט דאך פאר צווייטן! כ׳האב אמאל ערגעץ וואו געלייענט, אז ווען א מענטש ווערט געבוירן, שמייכלען אלע ארום אים און ס׳קינד וויינט. און אז גליקלאך איז דער זעלביקער מענטש, וואס ווען ער שטארבט איז פאר־קערט — אלע וויינען און ער שמייכלט. אזא מענטש איז א צדיק, א למד־וואווניק. נו, כ׳זיץ אזוי אין תפיסה און זע די פר־ייד, דעם שמייכל פון מיין זון, אבער איך ווייס, אז מיליאנען וויינען אויף זיין טויט. נו? איז ער האד א צדיק — פריי איך זיך. יא, יודזשין, צו וועלן זען, צו חלומ׳ען פון א וועלט, צו קעמפן פאר א וועלט געבויט אויף ליבע, איז די הערלאכסטע תפילה. אזא תפילה איז פול מיט קדושה.

די אמת׳ע קעמפער פאר דער ריינער אמונה זיינען געווען די נביאים, וואס מיר רעכענען זיי היינט צו צו די ערשטע אוטאפיסטן־סאציאליסטן.

אין יעדן פסוק זייערן, אין יעדן זאץ זייערן, ליגט רוף צו א לעבן, וואס זאל
געבויט זיין אויף ארבעט, אויף יושר, אויף צדק און שלום. רעדט דאך
היינט נאך יעדער זאץ פון לענינען, פון קראפאטקין, פון ראזע לוקסנבורג,
פון באראכאוו, פון מיכאלעוויטש, זינגט דאך היינט נאך ארויס פון יעדן
זאץ פון א ראקער, פון א דר. שטיינבערג, פון א דימיטראוו, פון גארקי,
פון איציק פעפער און דר. זשיטלאווסקי דער ניגון און דער גייסט מיט
וועלכן עס האבן גערעדט ישעיהו, עמוס, ירימהו, אליהו און אנדערע. און
ניט נאר דאס, דאס גאנצע אידישע לעבן זינגט דאס ליד אינם האזיקן גייסט.
ד אידישע ליטעראטור, פרץ, לייוויק, שטיינמאן, ממ"ס, שלום עליכם א.א.וו.
די גאנצע אידישע ליטעראטור איז דורכגעזאפט מיט טרערן, ליידן, מיט א
בענקשאפט נאך סאציאלן יושר; דאס אידישע ליד וואס ווערט געזונגען
איז סאציאליסטיש אין איר תוך; און ניט נאר דאס, אפלו פון די אידישע
תפלות אטעמט די בענקשאפט נאך א וועלט געבויט אויף יושר, גלייכהייט
און גליק פאר אלע מענשן קינדער; אונזער אלטע אפילו קולטור, וואו ווערט
איבערגעפורעמט, איבערגעשמידט, איבערגעגאסן אין ווערטן עכט און גיל־
טיק און פערלדיק פארן היינט, וואס האט תמיד אונטערשטראכן די וויכ־
טיקייט פון אינערלאכער שיינקייט, פון אינוועניקסטן פייער, פון דער
מענטשלאכער נשמה, אז דאס איז דער יסוד פון גליק, אפילו די אלטע קול־
טור האט געזייט בענקשאפט נאך א לעבן פון יושר און צדק, מחמת נאר
אין א וועלט פון סאציאלן יושר קאנען מיר קומען צום מענשן, וואס איז
אינערלאך שיין. מיט דעם דערקלערט זיך די ליבע, די פארגעטערונג פון
די יונגע, פון די רעליגיעז פרייע מיט דער אלטער קולטור, אין וועמעס
צוויבערליכט די נייע דארף איינטונקען די פען, כדי פון איר צו פלעכטן
דעם נייעם בלומען־קראנץ פון אונזער נייער קולטור. אידישקייט איז שלום,
יושר, איז סאציאליזם, דאס איז קדושה. יא, אין יעדער זאך קאן מען געפ־
פינען קדושה. א טאנץ! וואס קאן זיין פשוט'ער, וואכיקער ווי א טאנץ?
דו קאנסט אבער אינם טאנץ אריינגעבן אזויפיל קדושה, אזויפיל התלהבות,
אז עס קאן ווערן אן אמת'ע תפילה, א תפילה וואס קאן דערהויבן, באַ־
פליגלען און אויפטויכן אין נשמה די הערלאכסטע געפילן. א ניגון! וואס
קאן זיין פשוט'ער, וואכיקער ווי א ניגון? דו קאנסט אבער אינם ניגון
אריינגעבן אזויפיל קדושה, אזויפיל התלהבות, אז עס קאן ווערן אן אמת'ע
תפילה. ניט אומזיסט בענקען די מענטשן פון אלע צייטן און פון אלע דורות
נאך קדושה, ווייל קדושה, דאס איז די שכינה פון גאט אין יעדער זאך.
דאס איז דער געטלאכער כוח וואס וועקט אין אונז אויף דעם הערלאכסטן
ניגון און דערנענטערט אונז צו גאט אליין. און תורה? הלואי וואלטן די
מענטשן דורכגעפירט די געבאטן פון דער תורה אין לעבן. די תורה איז
דאך פול מיט רוף צו א ברידערלאכן לעבן, צו א לעבן וואס וואלט קאנען
מעגלאך מאכן דעם מענטשן זיך צו דערנענטערן צו גאט. א חוץ דעם
שפרודלט דאך די תורה מיט טיפזין, מיט חכמה, מיט ווארימקייט, מיט ליכט,
מיט הייליקייט. דער אומגליק איז וואס מיר באנוגנען זיך מיט קושן די תורה,
מיט גרויסן זיך מיט דער תורה. דער וואס זעט די תורה אין ליכט פון איי־

ביקער עוואָלוציע, דער וואָס פֿאַרשטייט די סימבאָלן פֿון דער תּורה, דער וואָס דערפֿילט דעם צאַרטן ניגון, וואָס זינגט אַרויס פֿון דער תּורה — דער דערפֿילט דאָס וואונדערבאַרע גרויסע, וואָס לויכט פֿון איר אַרויס און וועט אייביק לויכטן פֿאַר אַלע דורות און אַלע צייטן. יאָ, יודזשין, אַזוי ווי עס בענקט נאָך רעגן אַ שטיק פֿאַרטריקנט ערד, אַזוי וועט אַמאָל דער מענטש בענקען נאָך ליכטיקייט און לויטערקייט; אַזוי ווי עס ציטערן נאָך ברויט ביים הונגעריק־פֿאַרשמאַכטן די הענט — אַזוי באַגערן וועט אַמאָל דער מענטש נאָך רוחניות, נאָך גייסט, נאָך תּורה; אַזוי ווי עס ציט זיך אַ מור־טערס האַרץ און לעכצט נאָך איר קינדס גליק (משה ליב האַלפּערין) — אַזוי וועט דער מענטש אַמאָל זיך פֿרייען מיט זיין מיטמענטשנס גליק — אַזוי וועט מען אַמאָל דאַוונען, יודזשין.

דו פֿרעגסט מיר, וואָס איז עס אַזוינס אַן אָבערגלויבן — גוט. ווייסט, יהודה ליב, כ'האָב מיט אייניקע טעג צוריק באַגעגנט מיינעם אַ פֿריינט, חבֿר א. גרויזדאַרף, דערציילט ער מיר, אַז ער האָט אַמאָל געליטן פֿון ווייטיקן אין זייט. ער איז, דערציילט ער מיר, אויסגעווען ביי אַלע דאָקטוירים, און האָט אויסגעשמירט „אַלע" זאַלבן, און ס'האָט ניט גע־האָלפֿן. האָט אים אַ פּויערל געגעבן אַן עצה, ער זאָל נעמען אַ קאַרטאָפֿל, אַריינלייגן אין קעשענע און זאָל עס דאָרטן ליגן... וואָס קיין רפֿואה האָט ניט אויפֿגעטאָן, האָט דער האָזיקער קאַרטאָפֿל פֿונעם פּויערל יאָ אויפֿגעטאָן. די ווייטיקן אין זייט האָבן אויפֿגעהערט, און נאָך וואָס, האָט מיר מיין פֿריינט גרויזדאַרף דערציילט: זיינער אַ פֿריינט האָט זיך פֿאַר אים באַ־קלאָגט, אַז ער ליידט פֿון רעוומאַטישע שמערצן אין זיין פֿוס. ווערט נאָר דער הימל פֿאַרוואָלקנט, הייבן זיך נאָר אָן ווינטן, דערפֿילט ער עס גלייך אין... פֿוס. אין אַזאַ טאָג זוכט ער זיך צו ראַטעווען דורך דעם, וואָס ער בלייבט זיצן אין שטוב. ער פֿאַרמאַכט „טיר און טויער", די פֿענצטער אַפֿילו, הייצט איין דעם אויוון און... „מיינט איר עס העלפֿט מיר אַ סך? ס'הייבט זיך גאָר ניט אָן". ווי קומט עס, פֿריינט גרויזדאַרף? אין שטוב איז וואַרעם, אין שטוב פֿילט מען ניט דעם „דרויסן", און דאָך פֿיל איך אַזאַ „ברעכעניש" אין פֿוס, פּונקט ווי כ'וואָלט זיין אויפֿן גאַס, פּונקט ווי דער פֿאַרכמאַרעטער הימל, דער שניידנדיקער ווינט און דער וועטער־אומ־ביט וואָלט דירעקט ווירקן אויף מיין פֿוס, און מיט דעם אויף מיין געזונט־צושטאַנד?" רעדנדיק אַזוי, פֿרעגט מיך מיין פֿריינט גרויזדאַרף: „ווי קומט עס, מיט וואָס וועט איר דאָס דערקלערן, פֿריינט בלאָשטיין?" כ'האָב אים, יהודה ליב, אַזוי געזאָגט: מיינט ניט, מיין פֿריינט, אַז אָבערגלויבנס און „באָבסקע רפֿואות" זיינען נאַרישע איינרעדענישן. אין יעדן אָבערגלויבן ליגט פֿאַרבאַהאַלטן אַ וויסנשאַפֿטלעכער אמת, וואָס אויסגעוויקלט פֿונעם מיסטעריעזן שלייער, וועט אַמאָל אויפֿגעקלערט ווערן און אויפֿגענומען ווערן צווישן די וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעטע אמת'ן, ווי אַן אָנערקענטער בירגער. אייער פֿריינט מיינט, אַז אויב ער זיצט אין שטוב קאָנען אים די ווענט פֿאַר־טיידיקן פֿונעם אומביט פֿון דעם לופֿטדרוק אויפֿן גאַס. ווען דאָס וואָלט

אזוי געווען, ווען לופט־כוואליעס וואלטן אזוי אדער אנדערש ניט געקאנט דורכדרינגען דורך ווענט, וואלטן מיר ניט געקאנט ביי אונז אין שטוב הערן קאנצערטן, אויפגעפירט ערגעץ אין דרום אפריקע אדער אויסטראליע. די וועטער־ענדערונג אויפן גאס רופט זיך אפ דורך זיינע לופט־כוואליעס, און עירקט אויף דער לופט אין שטוב, מעגן די ווענט זיין צוויי יארד ברייט. און דאס וואס איר דערציילט מיר פון דער רפואה'שקייט פון דער בולבע, — איז זעט אקארשט, פריינט גרויזדארף, צי מען וועט אקארשט מיט יארן שפעטער ניט אויסגעפינען, אז א בולבע האט אין זיך די קראפט אפצוציען א געוויסן מין עלעקטריציטעט, צי געוויסע לופט כוואליעס פונם קערפער פונם מענטשן! אויב אזוי וועט עס אמאל זיין אן אמת'ע רפואה. אזוי ווי די בולבע האט אייך באמת געהאלפן, האט זי אפשר א חוץ דעם געווירקט אויך אויטאסוגעסטיוו. איר האט זיך פסיכאלאגיש איינגערעדט, איר האט געגלויבט, אז ס'וועט העלפן, און איינרעדעניש האט בכלל א גרויסן ווירקונגס־כוח, מען קאן זיך איינרעדן, אז מען ווערט געזונט, אויב די קראנקהייט איז געווען ניט קיין ארגאנישע, א פונקציאנעלע. אזוי אז איר מעגט איר, די דאזיקע רפואה, מיט פרייד געבן אייער פריינט, אדער וועט זי אים העלפן, מחמת דעם ערשטן טעם (עלעקטריציטיט), אדער די רפואה וועט ווירקן אויטאסוגעסטיוו, אויב די קראנקהייט איז א פונקציאנעלע. אויב אייער פריינט וועט אבער פון דעם לאכן און אייך טאן די טובה, טראגן אין דער קעשענע א בולבע — וועט ער אויף אזוי זיך "ווירקן" מיט זיין ניט צוטרוי, אז די ווירקונג פון דער בולבע וועט מינימיזירט ווערן, מחמת דער קראפט פון אוטאסוגעסטיע. יא, זוכנדיק און בלאנדזשענדיק האט די מענטשהייט אנטדעקט די גרעסטע וואונדער אין נאטור און אין לעבן. אן אבערגלויבן איז א ניט "אויסגעבריטער" אמת. אונזערע עלטער־עלטער־עלטער זיידעס האבן, יהודה ליב, געוואוסט א סך ווייניקער פאר אונז, אבער מיר ווייסן א סך ווייניקער פאר אונזערע אור־אור־אור־אייניקלאך — אזוי פירט זיך אונזער וועלטל. אט, למשל, פלעגן אמאל מענטשן פארציטערטע ווערן ווען זיי פלעגן, ארויסגייענדיק ביינאכט, ווען עס איז שטארק פינסטער, אויפן גאס פלוצלונג דערזען פייערלאך אויף אן אלטן פוילנדיקן קלאץ, צי אויף א בערגל מיסט. זיי פלעגן אנדערש ניט דענקען, אז דאס זיינען נשמות פון פארשטארבענע. און טאקע, פארוואס האבן זיי די פייערלאך ניט געזען בייטאג? זיי האבן ניט געוואוסט, אז פוילן מיינט ברענען. און בייטאג זעט מען זיי ניט, מחמת די שטארקע ליכט פון דער זון דעקט ס'שוואכע ליכט פון די פייערלאך אויפן פוילנדיקן קלאץ. אזוי פלעגן זיי זיך שרעקן פאר פליגעלאך מיט "לעמפעלאך" אונטער די בייכעלאך, מיינענדיק ווידעראמאל אז דאס זיינען מתים, צי גייסטער... אזוינע אבערגלויבנס זיינען געבוירן געווארן פון אומוויסנהייט. אין דאס רוב אבערגלויבנס ליגט פארלייגט וויסנשאפטלאכע אמת'ן, פונקט ווי אין לעגענדעס הערלאך־ליכטיקע סימבאלן. יא, ווען ס'קינד דערזעט די הייליקע קרובה'שאפט צווישן פייגעלע, העזעלע, גרעזעלע, בלימעלע, בוים, מענטש, זעט עס די אייביקע אייניקייט אין נאטור און אין לעבן, וואס אלץ איז א

שירה צו הימל, צו זון, צו גייסט, צו ליבע. שמועסן אין דעם זין צוגעפּאַסט צום עלטער און אינטעליגענץ לערנט דעם קינד צו פאַרשטיין גאָט און ניט מורא צו האָבן פאַר אים. פלאַנצט אין אים א רעלייגעזיטעט, לערנט אים צו פאַרשטיין געשיכטע, אידעאַלן, אמונות און בכלל קולטור עוואָלוציאָנער. און רעליגיעזיטעט איז א הערלאכער כוח — מחמת פון ישיבה אויף באַריקאַדן איז א נעענטערער וועג ווי פון טאַנץ-זאַל, צי פון קאָרטן-טיש... אויסצוגן פון ש. אנסקי'ס "טורעם", "אשמדאי", "דיבוק", שלום אש'ס "תהילים איד", אלטע חסידישע לעגענדעס קאָנען דינען ווי א וואונדערבאַרער מאַטעריאַל פאַר עלטערן און לערער צו באַקאַנען ס'קינד מיט דעם גרויסן גאָט, וואָס מען קאָן אים ניט נאָר ליבן, נאָר וואָס קאָן ווערן א לויטערער קוואַל פון רעליגיעזיטעט, וואָס איז דער רוח חיים פון יעדער באַוועגונג, פון יעדן אידעאַל. דער זין פון דערציאונג איז אויפצואוועקן אינם קינד זיין רעליגיעזיטעט, דעם רעזערוואָאַר פון הייליקער פרייד. מען דערציילט אַז אַמאָל איז א טויבער פאַרביי א הויז וואו מען האָט געטאַנצט מיט ברען, זינגענדיק חסידישע ניגונים. ער זעט מען האַצקעט זיך און וואַרטערט זיך. אים רירט עס ניט. און ס'איז קיין וואונדער ניט. ער הערט ניט דעם ניגון, וואָס צינדט, און וואָס האָט צעפלאַקערט דעם עולם... יאָ, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן ניט אויסלערנען אונזערע קינדער דעם ניגון פון שטייגן, וועלן אונזערע קרבנות גיין לאיבוד, און יעדע ברכה אונזערע וועט זיין א ברכה לבטלה.

פארבייגייענדיקע אנדייטונג : הצעה

מיט באפעלן און שטראפן קאן מען ווייט ניט גיין. פון באפעלן און פון שטראפן ווערן קינדער מיד, נערוועז און צערייצט. באפעלן פירן קינדער, אז זיי זאלן זיי ברעכן, באפעלן פירן קינדער צו רעוואלט. באפעלן צעשטערן די ליבע וואס דארף זיך צעבליען אין נשמה פון קינד צו זייערע עלטערן. ליבע צו עלטערן האט אפשר ניט אזא גרויסן ווערט פאר עלטערן, ווי פארן קינד אליין. ליבע צו עלטערן האט דעם כוח די עלטערן זאלן ווערן פארן קינד ס'ליכט פון זייער לעבן. שטרענגקייטן, כעס'ן, שטראפן שרעקן ס'קינד און אזוי ווערן די עלטערן אסאציאירט מיט שרעק און כעס און ניט מיט ליבע. ניין, באפעלן צערייצן ס'קינד. א סך ווירקזאמער זיינען אומדירעקטע אנדייטונגען הצעות, סוגעסטיעס. קינדער דארפן אבער צו דעם צוגעוואוינט ווערן פון די פריסטע יארן. געווינט איר אין משך פון יארן דעם צוטרוי פון קינד (אמת, איר דארפט תמיד זיין גערעכט, לאגיש און ערלאך) וועט עס זיין א ברכה אי אייך אי פאר אייער קינד. ווערט איר געבראכט צו דעם, אז איר דארפט ארויפצווינגען אויפן קינד האנדלונגען, איז עס א סימן, אז איר און ניט אייער קינד איז אין דעם שולדיק. — איר האט ניט נעקאנט געווינען צוטרוי, זייט איר טאקע לכן נים בארעכטיקט נאך שטייפער צווינגען די צוימען. מאכט שוין בעסער לויזער די לייצעס, מחמת דאס קאן נאך פירן צו א וועלכער עס איז פארשטענדעניש מיטן קינד. דער אנדערער וועג האט ניט קיין אפשטעל, מחמת, וואס ווייטער וועט איר אלץ שטייפער דארפן ציען די שטריק, אלץ שטרענגער ווערן און דאס וועט פירן, וואס ווייטער, צו אלץ מער צערייצטקייט, מער כעס, מער שנאה, און דאס איז סם, וואס עסט זיך אריין אויפן גאנצן לעבן. יא, כעס און מידקייט גיסן אריין אין נשמה פונם מענטשן בכלל דעם צעשטערנדיקסטן סם.

זאגט אונז, למשל, פראפ. ראזראן, אז אין יעדן מארך זיינען פאראן דריי פארשיידענע הויכן, ווי למשל, 3 עטאזשן אין א הויז. אויפן ערשטן, למשל, עטאזש, וואוינט דער "חיה'שער" אזוי צו זאגן שכל; אויפן צווייטן עטאזש, דער "קינדערשער" שכל: אויפן דריטן עטאזש וואוינט אונזער "היינטיקער" מענטשלאכער שכל. איבערמידקייט, אלקאהאל, פארשיידענע סמ'ען טרייבן דעם "היינטיקן" שכל ארונטער פונם דריטן עטאזש אויפן צווייטן און אפטמאל אפילו אויפן ערשטן. פראפעסאר ראזראן האט געמאכט געוויסע עקספערימענטן איבער פראפעסאר פאוולאווס רעפלעקס טעאריע. וואס לערנט, אז אויב מיר קלינגען, למשל, שטענדיק א גלאק, בעת מיר גיבן דעם הונט עסן, וועט אנהויבן זיך שאפן הונגער שפייעכץ אין מויל פונם הונט אפילו דעמאלסט, ווען מירן נאר קלינגען אין גלאק. די דאזיקע טעאריע 'האלט אבער ניט אוים די פראבע, זאגט ראזראן, ווען ס'קומט צום מענטשן. איז דער מענטש מיד, דעמאלסט — באשטעטיקט זיך יא פאוולאווס טעאריע, מחמת דעמאלסט איז דער מענטש אויפן ערשטן עטאזש . . . , וואס לערנט עס אונז ? דאס לערנט אונז, אז מיר שרייען, אז מיר זיינען אין כעס, אז מיר שלאגן און אפילו טויטן, נאר

דעמאלסט ווען מיר זיינען מיד (אויפן ערשטן, אויפן חיה׳שן עטאזש), און מיר האט אונז אפשר געמאכט דעם קיבדם א האנדלונג — אבער ניט מיר שרייען עס, ניט דער אדער יענער מענטש שרייט, מיר שרייען ארויס פון ערשטן עטאזש (פון חיה׳שן צושטאנד), דארף מען זיך זען צו קאנטראלירן. נו? קאן דען דאס דאזיקע אונז ניט פירן צו דער הנחה, אז אזוי ווי מידקייט שליידערט אונז ארונטער פון אונזער הויכן מענטשן־פעדעסטאל, זיינען מיר טאקע ניט פאראנטווארטלאך פאר האנדלונגען, בעת מיר זיינען מיד? יא, מידקייט פירט צו כעס און כעס צו אלע צרות.

איז דאס איינס. האב איך אבער ערגעץ וואו געלייענט וועגן אן עקספערימענט, וואס האט באוויזן, א יעדעס געפיל רופט ארויס א געוויסן כעמישן שטאף אין אונזערע בלוטן. מען האט אפילו אויסגעפונען דורך דעם דאזיקן עקספערימענט, אז דער שווייס, וועלכן א מענטש פראדוצירט, בעת ער איז אין כעס האט א ספעציפישן ריח און פארב. — אז כעס גיסט אריין אינם מענטשן א געוויסן צעשטערנדיקן סם. קאן דען דאס אונז ניט איבערציינגן אין דער וויכטיקייט פון הצעהדיקער דערציאונג, וואס ווירקט טיף, וואס טויכט אויף דרך ארץ און ליבע. און וואס פארמיידט כעס׳ן פון ביידע צדדים, אי מצד די עלטערן אי מצד דעם קינד? און נאך וואס, עס איז אן אלטער כלל אז צווישן גוף און נשמה עקזיסטירט א רירנדיקע פריינטשאפט. דער קערפער, למשל, נעמט אפט איבער פון דער נשמה ווייטיקן. ניט איין דאקטאר, צו וועלכן מען ווענדט זיך מיט ווייטיקן אין די זייטן צי אין הארצן, שיקט אפ דעם "חולה" צו א דר. פסיכיאלאג, מחמת ער זעט, אז דער פאציענט איז א נשמה־קראנקער, אז דער גוף איז עס דא געקומען צו הילף זיין פריינט, דער נשמה. אזוי צאלט די נשמה אפ מיט דער זעלביקער פריינטשאפט דעם גוף. אזוי קומט, הייסט עס, די נשמה אפט צו הילף דעם גוף. קערפערלאכע קראנקהייטן ווערן גרינגער אויסגעהיילט, ווען די נשמה קומט צו הילף. ניט איין מאל וועט איר הערן פון א דאקטאר, אז אויב דער חולה וועט נאר זיין מוטיק, אז אויב ער וועט נאר וועלן, דאס מיינט, אז אויב די נשמה וועט אים, דעם גוף, נאר קומען צו הילף, וועט זיין גוט. אן באפעלן, אן בקשות אפילו, מיט גוטן, חבר׳יש, ניט ארויפגעצוואונגען העלפט דער גוף די נשמה און פארקערט. פארוואס זאלן מיר אזוי פארברעכעריש ארויפצווינגעריש זיין צו אונזערע "נשמות", צו אונזערע קינדער?

קומט א פאטער אין שטוב אריין, שטארק פארזארגט, אומדירעקט באווירקט ער מיט זיין שטימונג דאס גאנצע הויז געזינט. אן ווערטער רעדט זיין שטימונג און ווירקט. ס׳הערשט א ניט דערקלערבארע אנגעצויגנקייט, מען זיצט שטילער, מען ווערט ערנסטער. יא, דער פאטער האט דא אומדירעקט הצעהדיק אנגעשטעקט אלעמען און אלץ אין שטוב מיט זיין שטימונג. א פשיטא ווערן ערנסט שטיל, גייען ארום קינדערלאך אויף די ציפקעלאך — מחמת זיי, די ערשטע, ווערן הצעהדיק באווירקט. גרינג און

טיף קאָן מען ווירקן אויפן קינד העצעהדיק, סוגעסטיוו, אומדירעקט, אָנ־דייטנד, אָפּטמאָל אפילו אָן ווערטער, מחמת דער צאַרטקייט, דער פּיל־באַרקייט פון קינדס נשמה, ומחמת דעם געבוירע־נעם נאַטירלאַכן צוטרוי געפּיל פון א קינד און מחמת דעם. וואָס א קינד איז אין זיין נאַטור אַן אימיטירנדיקע באַשעפעניש, עס מאַכט נאָך, עס טוט נאָך יעדן אייגציקן, זייענדיק אומדירעקט באַווירקט. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס א קינד רעדט אַרויס איז א רעזולטאַט פון זיין סטאַרען זיך נאָכצומאַכן די דערוואַקסענע. וואָס ווירקן אומדירעקט, פאַרבייגייענדיק, אַזוי צו זאָגן, אויף אים.

דר. סיבורי דערציילט וועגן פאָלגנדיקע עקספּערימענטן, וואָס זיי־נען דורכגעפירט געוואָרן : א געוויסער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט אויס־פּרובירן דעם כוח פון אומדירעקטער באַטאָנונג, האָט ער געבעטן זיינע 30 סטודענטן אים אַרויסצוהעלפן אין זיינע עקספּערימענטן. ער האָט זיך גע־ווענדעט צו זיי מיט דאָס פאָלגנדיקע : "איך וועל אַט דאָ אויפן טיש אוועק־שטעלן 30 גלעזער פול מיט מילך; אין 15 גלעזער וועל איך אַריינלייגן א געוויסן סם; אין 15 גלעזער אָבער וועט ס'מילך זיין ריין פונם סם. דער סם איז חלילה ניט קיין סכנה'דיקער פאַרן לעבן. איר וועט נאָר קראַנק זיין א דריי טעג צייט; ער האָט זיי נאָך דעם 3 שעה נאָך דער רייע געהאַלטן גע־שפּאַנט מיט דער באַשרייבונג פון דעם מין קראַנקהייט, וואָס 15 פון זיי וועלן דאַרפן דורכמאַכן. אויף מאָרגן זיינען אַלע 30 סטודענטן קראַנק גע־וואָרן אויף דער קראַנקהייט, וועלכע דער פּראָפעסאָר האָט זיי באַשריבן, בעת אין אַלע 30 גלעזער איז געווען ריינעם מילך, קיין שפּור פון סם . . .

א צווייטער האָט איינגעלאַדן 6 סטודענטן צו מיטאָג. זיי איז זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דער מיטאָג; געווען, האָבן זיי גע'טענה'ט, זייער געשמאַק; האָט ער זיי אין 4־5 חדשים אַרום ווידעראַמאָל איינגעלאַדן צו מיטאָג. נאָכן עסן דערלאַנגט ער זיי א פראַגע : "נו ? ווי געפעלן אייך מיינע מיטאָגס?", פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געענטפערט : "זייער געשמאַק, א מאכל!" "ווייסט איר", האָט ער זיי א זאָג געטאָן, "אַז איר האָט געגעסן פערד פלייש?" — צוויי האָבן גענומען ברעכן, די אַנדערע איז ניט גוט גע־וואָרן, "זעט, מיינע פריינט, דאָס פלייש דאָס מאָל איז פונם בעסטן, פיינסטן פלייש — אָבער לעצטנס איז ס'פלייש געווען פערד־פלייש". . .

אַזוי דערציילט מען פון קאַרוזאָ, וואָס האָט אַמאָל, זינגענדיק פון הינטער דעם פאָרהאַנג, זיך געביטן די ראָלן מיט א צווייט־ראַנגיקן זינגער. וואָס האָט געהאַט אַן ענלאַכע שטימע צו זיינער. אמת, א קינד אין וויג וואָלט געקאָנט זיי אונטערשיידן — דער עולם האָט געדונערט מיט אַפּלאָ־דיסמענטן, ווען יענער האָט געענדיקט (דענקענדיק לויט דער פּראָגראַם, אַז ס'איז קאַרוזאָ) און קוים אַפּלאָדירט קאַרוזאָן . . .

זיצט דבורה'לע און הערט זיך צו, ווי די שכנה קלאָגט זיך אויף ווייטיקן אין זייט. די שכנה איז שוין לאַנג אוועק. די מוטער האָט שוין לאַנג

פארגעסן אַז דער שכנה "מיט די וויטיקן". ניט פארגעסן אבער האָט דבורה'לע. זי קלאָגט זיך שוין פאר דער מוטער, אז ס'טוט איר שטארק ווי אין זייט. — דערציילנדיק דאָס דער מוטער, צעוויינט זי זיך, און . . . זי ליגט שוין מיט א הייסן קאָמפּרעס. די מוטער, וועלכע האָט פארגעסן אַז דער שכנה, קאָן גארניט פאלן אויף דער המצאה, אז די חולאת איז א רעזול־טאַט פון דעם כוח פון אומדירעקטער באווירקונג, נעמט זיך, די מוטער, זיך אויף אן אמת צום הארצן דעם קינדס וויטיקן.

אינם קינד זיינען בלי שום ספק פארלייגט נייגונגען צו פליען צו הימל, צו זון. דעם מענטשן ציט תמיד צו טאָן גוטס, ער האָט גרויס הנאה פון מעשים טובים. אנדערש קאָן עס גאָר ניט זיין. די פרייד פון אן אפּגע־טאַנענער גוטער האנדלונג איז טיף, ווארימט און ליכטיקט נאָך א לאנגע, לאנגע צייט נאָך דער האנדלונג. פארקערט, ניט אין אן ערך שוואכער איז די פרייד פון נקמה, פון א שלעכטער טאַט. מיר זוכן זי צו פארגעסן, מחמת זי טויגט אויף א ביי־טעם־וואונד, א וויטיק. מיט דעם אפשר דערקלערט זיך, וואָס מענטשן קאָנען נעכט אפּזיצן, דערציילנדיק וויפל גוטס זיי האָבן געטאָן און . . . שלעכטס ? זיי האָבן עס לאנג "פארגעסן".

נאָך צארטער איז ס'קינד. אינם קינד איז בלי שום ספק פארלייגט נייגונגען צו פליען, צו הימל, צו זון. מען דאַרף עס נאָר קאָנען "ארויסשלעפּן" אויף דער ליכטיקער וועלט, מען דאַרף נאָר קאָנען אנרעגן עס. און אמ־שטארקסטן קאָן מען וועקן און רעגן הצעהדיק, פארבייגייענדיק, אומדי־רעקט, סוגעסטיוו, אַן כוונה'דיק, אזוי צו זאָגן.

דערציילט פרויד אזא פאל : די שווינגער איז היים פארליבט אינם יונגן איידעם אירן. זי פילט עס אומבאוואוסטזיניק, זי ווייס פון דעם ניט. אבער עס ציט איר צום איידעם, אפילו סעקסועל. פילט זי זיך אומבאוואוסטזי־ניק ניט ריין פארן מאַן אירן. אומבאוואוסטזיניק וואָלט זי זיך באַרואיקט, ווען זי ווייסט, אז ער, איר מאַן, זינדיקט אויך, זאָל זיין במחשבה אפילו, אין די נאַכטיקע חלומות, כאָטש. אין ביורא, וואו איר מאַן ארבעט, איז אנגעשטעלט א מיידל, א לאנדסמאַנקע פון איר דינסט־מיידל. דאָס דינסט־מיידל פארגינט ניט איר חבר'טע די שטעלע. יענע ארבעט איז ביורא — זי איז אין שטוב. איינמאָל זיצט די אלטע און שמועסט מיט דער דינסט וועגן פאמיליע לעבן. זי דערלאנגט א זאָג : "איך וואָלט עס ניט איבערגע־טראָגן, ווען מיין מאַן פירט א ליבע מיט עמיצן". דאַ פאלט דער דינסט איין ארויסצושטויסן איר חבר'טע פון ביורא, מחמת דער חבר'טעס שטעלע לאָזט זי שוין ניט רוען. זי, די דינסט, שרייבט אַז אן אנאָנימען בריוו צו דער באַלעבאָסטע אויף איר מאַן מיט דער ביורא אנגעשטעלטער . . . ס'צע־פלאַקערט זיך א פייער אין נשמה פון דער באַלעבאָסטע. ס'טוט זיך מעשים. אין דער אלטער טליעט דאָך א וואונד, האָט דאָס וואונד זיך א ריס געטאָן צום בריוו ווי צו א באַלזאַם, וואָס היילט. אהא, ער איז אויך אומגעטריי. ביי דער דינסט ברענט א פייער — קנאה. דער באַלעבאָסטעס באַמערקונג

האט סוגעסטיוו געווירקט, האט סוגעסטיוו "אויפגעפלאקערט" אין איר דעם פלאן אירן און געפירט צו איר האנדלונג, וואס קנאה איז די מוטער פון דער דאזיקער האנדלונג. אזוי אומדירעקט ציט מען ביי אונז ארויס א סך האנדלונגען.

א סך גרינגער איז עס מיט קינדער, אין נשמה פונם קינד טליען אבער, פארקערט, הייליקע פארלאנגען, געטלאכע אימפולסן, אמת מענטשלאכע, געפילן (אנדערש קאן עס ניט זיין, מחמת א מענטש, א פשיטא שוין א קינד, קאן זיך אויפלייזן אין פרייד פון אויסלעבן זיך אין דער הויך, בעת אויסלעבן זיך אין דער נידער האט תמיד א שווערן ביי־טעם). יא, אזוי בלי שום ספק טליען אין נשמה פון קינד הייליקע פארלאנגען, טלייען און ציען זיך אויף ארויף, וואס קאנען אומדירעקט, העצעהדיק, סוגעסטיוו, אנגערירט און זוניק הייס און גליענדיק צעשטראלט ווערן. שלעפן מיר, א דאנק אונזער אומוויסנהייט אפטמאל דווקא נאר דאס שלעכטע ארויס, מונטערן עס און וועקן עס. מיר דערלאנגען א גיי צו צו א גוטן, צארטן שטריך מיט אזוינע גראבע הענט, אז דאס צארטע הויכט אויס די נשמה, איידער עס דערזעט די פרייע וועלט.

א דאקטאר האט מיר פערזענלאך דערציילט אזא פאקט: ער האט געהערט פאר א מוטער פאראיין איבער מאגן קראנקהייטן, און זיך לענגער אפגעשטעלט אויף די סימפטאמען פון דער קראנקהאפטיקייט פון דער בלינדער קישקע. אויף מארגן האט ער געהאט 6 פאציענטקעס, וואס האבן זיך באקלאגט אויף ווייטיקן אין דער רעכטער זייט. געווען אפילו אזא, וואס איר האט וויי געטאן אין דער לינקער זייט, מחמת זי האט "קלאר" געהערט פון אים, אז די בלינדע קישקע ליגט אויף דער לינקער זייט.

קיין צווייפל, אז די סענסאציע קעפלאך וועגן מארד, גנבה, קינדרויבערייען, ווירקן סוגעסטיוו, הצעהדיק אויף מיליאנען, און ספעציעל אויף קינדער, וואס זיינען צארט פילנד. מען דערציילט אזא שפאס:

אין א שטאט האט זיך געקליבן א מגפה. ביים טויער פון שטאט האט זי באגעגנט א גלח, וואס האט זי ניט געוואלט אריינלאזן אין שטאט אריין. מען איז דורכגעקומען. די מגפה האט דאס רעכט צו באפאלן נאר 5,000 מענטשן, 5,000 קרבנות האט זי דאס רעכט צו פארצוקן. דער סוף איז געווען אז די מגפה האט אויסגע'שחט'ן 50,000 נפשות. אז דער גלח איז שפעטער געקומען מיט טענות צו דער מגפה, האט זי געזאגט: איך בין נאר באפאלן 5,000, כ'האב געהאלטן ס'ווארט, ניט געבראכן דעם אפמאך, די 45,000 זיינען געשטארבן פון שרעק, זיך איינרעדנדיק, אז זיי זיינען קראנק. ס'איז מער ווי א שפאס, ס'איז א פאלקס חכמה, וואס ווייזט די ווירקונג פון סוגעסטיע, פון הצעה.

קינדער אימיטירן אין זייערע שפילערייען האנדלונגען פון זייערע עלטערן אומדירעקט. אומדירעקט זאגן קינדער ליגן, טרייבן רכילות. קאן

מען דאַרף אויף אַזאַ אופן אומדירעקט באַווירקן קינדער צו גוטסקייט, איידל־קייט און שענקייט. וואָס פאַר אַן אַבסורד ס׳ליגט אין אַ מוטערס שרייען אויפן קינד, פאַרוואָס ס׳קינד שרייט, צי אין אַ מוטערס שלאָגן ס׳קינד. פאַרוואָס סקינד ש׳לאָגט זיך; אומדירעקט לערנט די מוטער אויף אַזאַ אופן איר קינד צו שרייען און צו שלאָגן זיך. אייער צאַרט, איידל רעדן, אייער זיסער שמייכל, אייער האַרציקייט קאָן ווערן דער עמוד אש פאַרן קינד אויפן גאַנצן לעבן. אַ לויב טאָן דאָס קינד, ״זעען״ (כאָטש סזעט זיך נאָך ניט), אַז ס׳ווערט בעסער, ״זעען״ אין אים גוטע שטריכן, ווירקט אויפן קינד אומדירעקט, העצעהדיק, סוגעסטיוו, און פּראָוואָצירט צו שאַפן אין אים די שטריכן, וועלכע פּאָטער־מוטער ״זעען שוין״. אין דער נאַטור פון אַ מוטער צו לויבן איר קינה (וואָס אַן אַ מאַם, ברענגט עס דעם קינד אַ סך שאָדן), ליגט אַ געזונטער קערנדל פון דערמוטיקונג פון פּראָוואָצירן באמת אַזוי צו זיין. די גאַנצע קונסט פון אַנאַגסן איז געבויט אויפן געזעץ פון סר געסטיע. ״אַלע שטראָמען מאָרגן אין ״האָדסאָן בעי געשעפּט״, פּראָוואָצירט הונדערטער פּרויען באמת אַהין צו שטראָמען. די מאַכט, דער צויבער כּוח פונם חסידישן רבין איז געלעגן אין זיין פּרעסטיזש. וואָס אַ דאַנק דעם האָט ער סוגעסטיוו, אומדירעקט געווירקט אויף זיינע חסידים ווי אַ צויבער. דער צויבער פון אַלע פירער פון פעלקער און גרופּעס ליגט אין דער פיאַיקייט זייערער צו ווירקן אויף זייערע אָנהענגער סוגעסטיוו העצעהדיק. גליקלאַך איז דאָס קינד, וואָס זיין פּאָטער־מוטער פאַרשטייען עס, און נוצן דעם דאָזיקן צויבער, וואָס ווירקט ווי אַ מאַגנעט. סוגעסטיע, אומדירעקטע באַווירקונג איז דער דערפאָלגרייכער אפילו צו סובלימירן דעם ״איך״ אין קינדס נשמה.

יעדע שעה, יעדן טאָג זאַפּט אַ קינד אין זיך אַריין אַ געוואוינהייט. פון געוואוינהייטן קאָנען מיר זיך אַפּטמאָל ניט באַפרייען, דאָס גאַנצע לעבן. דער שפּילער כאַפּט די קלאַווישן, דער טישלער הובלט גיך און גוט מחמת געוואוינהייט, מחמת מעכאַניש — קאַלטער געוואוינהייט. וואָס פאַרבלייבט מעכאַניש קאַלט אויפן גאַנצן לעבן. פיינקייט אַבער, איידלקייט אַבער, ווערן ניט געבוירן פלוצלונג — זיי זיינען אויך געוואוינהייטן. אַבער אויפגע־טויכטע העצעהדיק פון קוואַלן אין טיפעניש פון נשמה. עס זיינען פאַראַן אַ סך מעכאַנישע געוואוינהייטן, וואָס פון אויבן אויף זעען זיי אויס נשמה־דיקע. וואָס האָבן אַבער ניט צו טאָן מיט נשמה — וואָס זיינען אַריינגע־קלאַפּט ווי אַ טשוואָק אין וואַנט; אַזוי קאָן אַמאָל מיטוויינען מיט עמיצן זיין אַ רעזולטאַט פון אַ מעכאַנישער געוואוינהייט. מ׳האָט געהאַט אַ וויי־נענדיקע מוטער; עס קאָן אַבער אַמאָל זיין אַ רעזולטאַט פון הייליקן קוואַל, אַ דערוואַכטן. יאָ, אַ סך געוואוינהייטן זיינען רעזולטאַטן פון מעכאַנישע איבערחזרונגען, פון סתם נאָכמאַכן עמיצן. אַזוי וועט מען ניט פאַרגעסן צו עפענען די טיר און אַרויסלאָזן די ״דאַמע״ פאַראויס, אויפהויבן זיך פון אָרט אין אַ גאַסן־באַן און אָפּטרעטן דעם אָרט אַ ״דאַמע״. . . בעת די זעל־ביקע ״דזשענטלמען״ ווען וואָוינענדיק אין זומער באַד אָרט זיך ״פאַר־

נעסן״ און אריינשליידערן א צעבראָכענע פלאַש אין טייך אריין . . . אַט דווקא דאָרטן וואו ס׳באָדן זיך הונדערטער מענטשן.

א סך טיפער פאַר מעכאַנישע געוואוינטהייטן ליגן גייסטיקע געוואוינהייטן, וואָס זיינען איינגעפלאַנצט, וואָס זיינען אויפגעוועקט אומדירעקט. אזוי זיינען געפילן צו העלפן, מיטצופילן, ניט צו לעבן נאָר פאַר זיך אליין, אויפצושטרעמען, ווען מען זעט, אז עמיצער באַגייט אן עוולה. דאָס זיינען רעזולטאַטן פון הצעהדיקן אפילו צו דער נשמה. גערטע זאָגט: פלאַנצט איין אין אייער קינד א געפיל פון הייליקייט און איר האָט געעפנט דעם הערלאַכסטן קוואַל״. דעם הייליקן קוואַל קאָן מען מיט כעס, מיט האָס, מיט קלעפּ, מיט גוואַלד ניט אויפעפענען. ווען א קינד זעט, אז דער פאָטער איז, למשל, בלוטיק פאַראינטערעסירט אין זיין אידיש, אין זיין לערנען, טאַקע באמת פאַראינטערעסירט, (א קינד קאָן מען נאָר אויסערלאַך נאַרן), ווירקט עס אומדירעקט, און אזא ווירקונג איז טיף און שטאַרק. זינגט די מוטער אן אומשולדיק לידעלע דעם עופּה׳לע קינד, און האָט נאָר בדעה איינצושלעפערן ס׳קינד. ס׳קינד זאַפּט אָבער אומבאַוואוסטזיניק אריין דעם ניגון און ער ווירקט.

אין די ערשטע פּיאָנערן יאָרן אין אַמעריקע, פלעגן אינדיאַנער אַפּט צורויבן קינדער פון די פּיאָנערן און מען פלעגט זיי שפּעטער שווער קאָנען אָפּזוכן. אָפטמאָל פלעגן די קינדער פאַרפאַלן ווערן אויפן גאַנצן לעבן. דערציילט מען, אז איינמאָל, באַפאַלנדיק אן אינדיאַנער דאָרף, האָט מען דאָרטן געפונען א סך ווייסע קינדערלאַך. אייניקע פון זיי זיינען געווען שוין 10־12 יאָר אַלט. די מוטערס זיינען זיך צוגעלאָפן, זיי האָבן אָבער בשום אופן ניט געקאָנט דערקאָנען זייערע קינדערלאַך. איז א לערער געפאַלן אויף אן המצאה — מוטערס זאָלן זינגען לידעלאַך, וואָס זיי האָבן זיי געזונגען, ווען זיי זיינען געווען עופּהלאַך. דער מיטל האָט וואונדערבאַר געאַרבעט. אייניקע קינדער פלעגן זיך היסטעריש צעוויינען, ווען זייער מוטער פלעגט אויפזינגען ס׳לידעלע, וואָס האָט משמעות געשלומערט אין זייערע נשמות אומבאַוואוסטזיניק.

שוין צייט צו פאַרשטיין ווי שטאַרק ארויפגעצוואונגענקייט ווירקט. זוי פאַטאַל קלעפּ און באַפעלן ווירקן; קדושה וועקט קדושה, ליבע וועקט ליבע צדק — צדקות, און רשעות וועקט רשעות . . . א סך טיפער ווירקט און גרייכט א גוט וואָרט, אן איידלקייט, א דערמוטיקונג מצד עלטערן. מיט פייער קענט איר פייער ניט לעשן. מיט בייזקייט קאָן מען בייזקייט ניט שטילן און מיט שלעכטסקט קאָן מען שלעכטקייט ניט אויסוואָרצלען. טאָן אָבער דעם היפּוך פון דעם טויג אויך ניט. מאַמעס דערמאָנען זיך, ווי שלעכט זיי איז אַמאָל געווען, גיבן זיי נאָך די קינדער אַלע פאַרלאַנגען, זאָלן זיי כאָטש, טראַכטן מאַמעס. זאָלן זיי כאָטש גליקלאַך זיין. ס׳איז א טעות אזוי צו דענקען. ניך דערגרייכט ס׳קינד דאָס ״ווייטסטע״ גליק און ס׳פילט

זיך צו "זאט", צו ליידיק, ס'ווערט אים מאנאטאן ס'לעבן. באפעלן אבער טויגן אויך ניט. ס'איז אין כאראקטער פונם מענטשן און פונם קינד צו רעוואלטירן קעגן באפעלן. אומדירעקטע אנווייזונגען, דערמוטיקונגען ווירקן טיפער און זיכערער.

טרייד ווייזט אן אין זיין "געזעץ פון אימיטאציע" אז די ענלאכקייטן אין מנהגים, אמונות, אינסטיטוציעס צווישן פעלקער ווייזט אויף דער גרויסער קראפט פון אימיטאציע, פון נאכמאכן. די גרעסטע ווירקונג קאנט איר אויסאיבן נאר סוגעסטיוו — אנדייטנדיק אזוי צו זאגן, הצעהדיק. האסקל זאגט אין איר "אימיטאציע ביי קינדער", אז די ענערגיע אינם קינד מוז דורכמאכן דעם וועג פון מעגלאכקייט צום פאקטיש דערגרייכן עס: דאס וואס אין קינד איז פארליינגט קאן אויפגעוועקט ווערן נאר דורך דער קראפט פון אימיטאציע, מחמת א קינד האט בכלל ליב צו אימיטירן, נאכצומאכן. דאס פארשאפט דעם קינד א סך פרייד. פארוואס זשע זאל די האזיקע קראפט ניט אויסגענוצט ווערן צום גוטן פארן קינד? — קוקט זיך צו מיט וואס פאר א פרייד קינדער שפילן "מאמעס", "טאטעס", "מחלוקת", "קאנצערטן", "קאכן", "באקן", "קראנק זיין", "היילן" א. א .וו. הצעהדיק קאן אויפגעוועקט ווערן אינם קינד א סך געפילן, פארלאנגען, דראנגען בענקשאפטן. צוגעפאסטע מעשה'לאך ווירקן אומדירעקט און טיף . . . קלארק דערציילט אונז ווי ביי א סך אינדיאנער שבטים איז דער ענין פון דערציילן מעשה'לאך אזוי הויך אוועקגעשטעלט, אז פאראן ספעציעלע (קינסטלער) מעשה'לאך דערציילער. וואס ווערן גערופן אין די היימען מיטן ציל צו פארשאפן קינדער פרייד, אויסאיבן א ווירקונג אויפן קינד און לערנען ס'קינד. באפעלן זיינען בכלל פרעמד די דאזיקע "ניט ציוויליזירטע" שבטים; אזוי איז זיי פרעמד דאס געבאט "דו זאלסט", זיי וואלטן דערשטוינט געבליבן שטיין, ווען עמיצער זאגט זיי דירעקט ווי אזוי צו לעבן — אלץ ווערט געלערנט אומדירעקט דורךביישפילן, דורך משלים, דורך מעשות. אונזער גאנצע תורה איז דאך א זאמלונג פון סימבאלישע מעשה'לאך וואס געצילט זיינען זיי צו דערהויבן הצעהדיק דעם מענטשן. מען דערציילט פון ישראל בעל שם טוב, אז ער איז אמאל געקומען אין א שטעטל, זיך אוועקגעשטעלט לעבן בית מדרש און גענומען דערציילן מעשיות. פארענדיקנדיק איין מעשה'לע, האט ער גלייך צו סוף ארייגעפלאכטן א צווייטע און אזוי אן א סוף. יעדער איד וואס איז פארבייגעגאנגען האט זיך אפגעשטעלט און איז פארכאפט געווארן פונם צויבער פון די מעשה'לאך. דער רב איז אין כעס געווארן אויף די אידן און האט ארויסגעשריען צו זיי: "אידן איר פארשפעטיקט ס'דאווענען מנחה". זיי האבן זיך ניט גרינג געקאנט אפרייסן פון די מעשה'לאך. אז זיי זיינען אריין אין בית מדרש, ווענדט זיך דער רב צו ישראל בעל שם טוב מיט רוגזה — ווי טוט עס א איד אזא זאך . . . א. א. וו. זאגט ישראל בעל שם טוב "כ'וועל אייך אויף דעם דערציילן א משל און . . . אפילו דער רב איז שוין פארכאפט . . . דער צויבער פון מעשה'לע אויפן קינד איז יעדן באקאנט און פארוואס איז עס אזוי? אין מעשה'לע ליגט א הצעהדיקע אנדייטנדיקע מאראל צו וועלכער א מענטש (א פשיטא

א קינד) ציט זיך מיטן גאנצן הארצן. יא, הצעהדיק, און נאר הצעהדיק קאנט איר ווירקן אויפן קינד. מיט באפעלן לערנט איר נאר אויס דאס קינד צו ברעכן באפעלן.

דערציילט טשעמבערליין אז ביי די אנאמער און ביי די טאנקווינער און כמעט ביי אלע פעלקער, וואס מיר האבן ניט "ציוויליזירט", הייבט זיך אן די דערציאונג פונם קינד א סך פריער איידער ס'קינד איז נאך געבארן. די מוטער וואס פארגייט אין שוואנגערשאפט מוז זיך אונטערווארפן א ספעציעלן רעזשים, וואס איז ביי זיי פארהייליקט. איר זיצן, שטיין, גיין, ליגן, איר עסן איז אין פרטים רעגולירט. זי דארף זיך גוט צו־הערן צו פארלעזונגען, (ספעציעל צו פאעזיע), זי דארף הערן שיינע מוזיק, מאראל דרשות, זיך געפינען נאר צווישן פיינע, געלערנטע און איידעלע מענטשן, מחמת "דער מוטערס הארץ איז דער קלאס צימער פונם קינד", און מחמת די האנט, וואס וויגט ס'קינד איז די האנט וואס פירט די וועלט. זינט ס'קינד ווערט געבארן איז יעדע ארבעט אירע פארן קינד פאררעכנט פאר א תפילה. אפשר האבן אונזערע אבות באפרייט די פרויען פון דאווענען, מחמת צוויי מאל דארף מען ניט דאווענען . . .

"צום זעלביקן קלאס געהערן אויך די דראמאטישע פארשטעלונגען, וואס שפילן אזא וויכטיקע ראלע אין פרימיטיווער פארוויילונג. א רייזנדער פון יאר 1774 שטעלט פעסט אן אינטערעסאנטן פאקט. אויף זיין רייזע צום דרום'דיקן פאלוס האט ער זיך אפגעשטעלט אין אטאהעיטע. פון דארט איז א מיידל פון ארטיקן שבט מיט זיי צוגעפארן צו א נאענטן פלאץ. פון וואנען זיי האבן זיך שפעטער אומגעקערט. ביינאכט זיינען אלע געגאנגען אויף א פארוויילונג. וואו עס האט געדארפט פארקומען א דראמאטישע פארשטעלונג. עס איז אבער געווען פאר זיי אן אמת'ע איבערראשונג צו זען, ווי מען שטעלט פאר אין שווארצע פארבן א בילד פון א מיידל, וואס לויפט אוועק מיט א ווייסן מענטשן, און זי באקומט דערנאך א טרויעריקן קבלת־פנים, ווען זי קומט צוריק. דאס מיידל אליין איז אויך געווען ביי דער פארשטעלונג. זי האט אבער ניט געקענט אויסזיצן ביזן סוף און האט יאמערלאך געוויינט. אט די מעטאדע פון אויפכאפן באלדיקע געשעענישן, זיי דראמאטיזירן און ארויסברענגען דעם נויטיקן מוסר־השכל איז א דער־ציערישע מעטאדע, וואס פארדינט באוואונדערונג, ווען מען באמערקט זי ביי פרימיטיווע שבטים". (לייבוש לערער). די דערציאונג איז ביי די פרי־מיטיווע פעלקער אן אמת הצעהדיקע, א נאטירלאכע, אזוי נאטירלאך, ווי זייער גאנץ לעבן איז..

יא, דאס וויכטיקסטע טייערע פריינט אין פעדאגאגיק און דערציאונג איז הצעהדיק צינדן, וועקן, ארויסרופן, ענטוזיאזם, באפליגלען. — פאקטן אליין קאנען עס ניט טאן. און "אן ענטוזיאזם, אן פליגל, איז נאך ניט געשאפן געווארן קיין איין גרויסע זאך (עמערסאן). ארבעט מאכט מיד — שפיל ניט, פארוואס ? ווייל שפיל איז ארבעט פלוס פרייד, פלוס באַ־

גייסטערונג . . . ביים פרייד, ביי ענטוזיאזם הויבן אן די דריזן צו ארבעטן אינטענסיווער, זיי גיסן אן די בלוטן, דעם מאגן, מיט זאפטן, דערפאר פילט זיך א מענטש מונטערער, שטארקער, פרישער אין פרייד, און זיין פארדייאונג ארבעט צענפאך. זאל א מענטש ארומשפרינגען 4 שעה צייט ווי אין א שפיל, אן דעם שפיל גייסט, ער וועט פאלן. זאל א מענטש אן מוזיק ארומטאנצן פיר שעה — ער וועט פאלן טויט מיד, בעת מיט מוזיק — פילט ער זיך נאכן טאנץ דערפרישט. פארוואס ? ווייל טאנץ ברענגט פרייד; די פרייד פון פאלן אויף עפעס וואס, וואס איז הצעהדיק ארויסגערופן געווארן איז אין לשער. די דערציאונג קאן ווערן סימפאניע, א אן אויפהער אנטפלעקונג, א התלהבות'דיקע פארליבטקייט אין קעגנשטאנד, אויב זי איז א הצעהדיקע.

ניט אין שטורעם, ניט אין בליץ האט ישעיהו געפונען גאט, נאר אין שטילן שוועבן, אין צארטן שוועבן. לערנט ניט אייערע קינדער מדות טובות, ווייזט זיי מידות טובות; לערנט זיי ניט קיין שטילקייט, צארטקייט, איידלקייט, ווייזט זיי טאג־איין טאג־אויס דאס דאזיקע נאר: לערנט זיי ניט ליבן און האבן דרך־ארץ; ליבט און האט פאר זיי דרך־ארץ: — שלעפט זיי ניט אין אייער בית מדרש — פארוואנדלט אייער היים אין א בית מדרש. — נאר פארבייגייענדיקע, הצעהדיקע ביישפילן ווירקן. וויסן האט מענטשן ניט געבראכט און ברענגט ניט קיין גליק; א הייליק געמיט איז דער קוואל פון שעפערישקייט, פון אמת'ן זוניקן גליק און אמת זוניקער פרייד, וואס שטראלט אומעטום און אלעמאל, און א הייליק געמיט קאן מען נאר אויפטויכן און אויפטויכן דורך ליבע און נאר הצעהדיק.

זיי פאָלגן ניט

איך זיץ ביי מיינעם א פריינט. מיר עסן מיטאג. ״איר זאגט מען זאל מיט זיי אנגיין מיט גוטן, נו ? זאגט אליין, איר זעט דאך, דאס קינד לאזט אונז דאך פשוט ניט לעבן. מיין פאטער האט ניט געלייענט, ניט געלערנט קיין קינדער־פסיכאלאגיע און . . . פאר זיין בליק אליין פלעגן מיר דאך מורא האבן. פון זיין קוק אליין פלעגן מיר דאך פארציטערט ווערן. דא אבער, זעט״. . . און ס'איז טאקע געווען וואס צו זען. דער קליינער פיר יאריקער בחור'ל האט געהאלטן אין איין איבעררייסן אונזער שמועס. אלע ווייל'ע פלעגט ער צולויפן מיט אן אנדער בקשה. און האט מען אים אזוי גיך ניט געענטפערט; און האט מען חלילה ניט אזוי גיך געוואלט דערפילן זיין פארלאנג, האט עס געשריען, געטופעט מיט די פיס, געפאטשט, געבריקעט די מוטער, געווארפן אין איר, וואס עס איז נאר אים אין האנט אריינגעפאלן. ״מיינט איר חלילה אז נאר ער איז אזוי?״ זאגט מיר די מוטער, ״מיין עלטערע טאכטער, שוין א מויד פון צוועלף יאר אלט, איז נאך ערגער. זי בעט אפילו ניט, פרעגט אפילו ניט, זי טוט וואס איר געפעלט און ווי איר געפעלט״.

איר זייט ניט גערעכט, האָב איך א זאָג געטאָן. שטרענגקייט רויבט
אוועק פונם קינד די פריידן פון קינדהייט, און שטערט דער נאָרמאַלער
פאַנאַנדערבליאונג פונם קינדס כאַראַקטער. אונטערדריקונגען סטימולירן ניט
קיין שענקייט, פלאַנצן ניט קיין גוטסקייט, קיין איידלקייט, און זיכער ניט
קיין דרך־ארץ; שטרענגקייט נערט און פלעגט נאָר שרעק, און שרעק איז דער
פאַטאַלסטער כוח פאַר דער נשמה פונם קינד. דאָס געפיל פון שרעק ברענגט
דעם קינד די שטאַרקסטע מאָראַלישע ליידן. פאַראַן איינגעבוירענע שרעקן:
שרעק בעת ס׳פילט ניט קיין זיכערקייט, ליגנדיק אין בעטעלע, ווען ס׳פילט
ווי עס וואָלט האַלטן ביים אַרונטערפאַלן; די צווייטע שרעק איז די שרעק
וואָס עס לעבט איבער בעת ס׳הערט א קלאַפּ מיטן טיר, א געשריי. (וואַט־
סאָן). צי עפּעס וואָס עס קלינגט אויסטערליש. אפילו חיות ווייזן ארויס
אזעלכע שרעקן. א הונט וועט אנטלויפן פול מיט שרעק, ווען ער וועט הערן
פייפן א סירענע; פערד און קעץ שטעלן אויף בעת׳ן שרעק אויערן און
באַקומען אַן אויסגעשטאַרטן בליק. דאָס זיינען אַלץ איינגעבאָרענע שרעקן.
אַלע אַנדערע שרעקן קומען פון דער סביבה. אזוי שרעקט זיך דאָס קינד פאַר
פרעמדע פּנים׳ער פון דעם מאָמענט אָן, ווען ס׳הויבט אָן צו דערקאָנען די
מוטער (אַלע אַנדערע זיינען פאַר אים פרעמדע). אזוי שרעקט זיך ס׳קינד
פאַר קעץ, מייז, הינט, פאַר האָריקע חיות בכלל, פאַר פליגן, פאַר קאָמאַרן,
מחמת ס׳זעט, אַז אפילו די מאַמע האָט פאַר זיי מורא. צו 6 חדשים אַלט
קאָן א קינד מיט פרייד אָנרירן א מייזעלע און האָבן גרויס הנאה פונם
גלעטן זיין האָריק קערפּערל. שפּעטער וועט עס פונם מייזעלע אויפציטערן
פאַר שרעק. אזוי קאָן א קינד שפּעטער זיך צוגעוואוינען צו א קעצעלע אָדער
צו א הינטעלע. דער מאָמענט פון צוגעוואוינען זיך געהערט צו די רירנדיק־
סטע מאָמענטן אין קינדס לעבן. ש. ד. מגדל ברענגט פאָלגנדיקע סיבות פון
שרעק ביי קינדער : „אָם שטאַרקסטן, זאָגט ער, ווירקט אויף דער פּסיכיק
פון קינד די מורא פאַר דער פינסטערניש. דעם דאָזיקן פּחד דערקלערט דער
גרויסער פּעדאַגאָג רוססאָ אויף פאָלגנדיקן אופן : 1) דאָס קינד איז צוגע־
בונדן צו אַלץ, וואָס איז אַרום אים; יעדע זאַך פון דער אומגעבונג איז א באַ־
שטאַנד פון זיין „איך". אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט ווערט אָבער
אַלץ, וואָס איז אים אזוי נאָענט און טייער — פאַרשוואונדן. דאָס קינד
פילט זיך דאַן עלנט און אומבאַהאָלפן; 2) די שוואַרצקייט פון דער נאַכט
רופט אַרויס כמעט ביי אַלע קינדער — א געדריקטע, אַפּטמאָל מעלאַנכאָ־
לישע שטימונג; 3) פון אונזער אייגענער פּראַקטיק ווייסן מיר, אַז בשעת
מיר מאַכן צו די אויגן פונקציאָנירט פיל בעסער אונזער פאַרשטעלונגס־
אַפּאַראַט און מיר דערמאָנען זיך דאַן פיל שנעלער. אזוי אויך אין דער פינס־
טערניש פון דער נאַכט אַרבעט פיל אינטענסיווער אונזער פאַנטאַזיע; 4)
ס׳ווירקט דאָ אויך די אומגלייכע פאַרטיילונג צווישן ליכט און שאָטן. אין
פיל ערטער, א דאַנק געוויסע סיבות, קאָנסערווירן מיר העלע, ליכטיקערע
פלעקן, וועלכע פאַרשטאַרקן נאָך מער די שרעק בילדער אין דער פאַנטאַזיע.
און אזוי ווי די שטימונג אין דער פינסטערניש איז א געדריקטע, זיינען
די איינגעבילדעטע פאַרשטעלונגען אויך באַאַרבעט מיט דעם דאָזיקן געפיל
און זיי הויבן אָן באַאומרואיקן און וואַרפן אָן א פּחד. אזוי דאַכט זיך א קינד,

וואָס ליגט אין בעטל, אַז ביים וואַנט שטייט איִמיצער און ער קען צוליב דעם ניט איינשלאָפֿן. ער וועקט אויף די מוטער, וועלכע איבערצייגט אים, אַז ס'איז גאָר דער האַנטוך, וואָס הענגט ביי דער טיר. פֿיל קינדער זעען בייִנאַכט — אין דער פֿינסטערניש — אויגן פֿון חיות, וועלכע באַוועגן זיך און בלאָנדזשען אַרום זיי. די נאַכט וואַרפֿט אַן אַ פּחד אויך אַ דאַנק דעראַי־נערונגען פֿון קאָשמאַר־חלומות, וועלכע לאָזן איבער אַ שווערן איינדרוק אויף אַ לאַנגער צייט. ס'טרעפֿט, אַז דעם קינד חלומ'ט זיך אַ מורא'דיקער חלום, עס וויל שרייען און רופֿן נאָך הילף, — פֿאַרפֿעלט אים אָבער אָטעם. דאָס שוואַכע, קינדערשע הערצעלע הערט אויף ווי צו קלאַפּן און מאַטערט זיך אין אינערלאַכע יסורים, ניט קענענדיק אַרויסברענגען פֿון זיך קיין וואָרט, ביז ער כאַפּט זיך אויף אין שמערצלאַכע אַנגסטן".

גיסן אָבער מאַמע־טאַטע נאָך אויל אָפֿן פֿייער. — שרעקן מיט: "שריי ניִשט, ווייל דאָרטן אין פֿינסטערן ווינקל שטייט אַ בער און ער וועט דיך אויפֿעסן"; "נעם ניִשט די כלי, ווייל אַ ציגיינער שטייט אונטערן פֿענס־טער און וועט דיך אַוועקרויבן". דערציילן מאַמעס די קינדער בבא־מעשׂיות וועגן מכשפֿות, רוחות, שדים וכדומה, וועלכע ווערן געפֿערלאַכער נאָך דער־מיט, וואָס זיי האָבן אַן אומגעהויערן רייץ און צוציִאונגס־קראַפֿט. זיי ווירקן אויף די אַטאַוויסטישע אינסטינקטן, וועלכע ליגן טיף באַגראָבן אויף דעם אָפּגרונט פֿון דער מענטשלאַכער נשמה. ווי באַקאַנט, גלויבן די ווילדע און דאָס גלייכן האָבן געגלויבט אונזערע אור־אָבֿות אין פֿאַרבאָרגענע כּוחות, וועלכע באַוועגן זיך אין דעם רוים פֿון דער וועלט און איבן אויס זייער השפּעה אויפֿן שיקזאַל פֿון מענטשן. דער נאַאיווער גלויבן איז נאָך אין אונז פֿאַרבליבן אַלס פּרימיטיווער אינסטינקט, וועלכן מ'קען אויפֿוועקן אין דער קינדהייט דורך שרעק־בילדער אין אַנטשפּרעכנדיקע געשיכטעס.

אָבער איבער אַלע שרעקן איז די שרעק תּמיד באַשטראָפֿט צו ווערן די פֿאַטאַלסטע, מחמת דאָס קינד געפֿינט זיך תּמיד אַזוי ווי אונטער טעראָר. אַזאַ שרעק צעברעכט די נשמה פֿונם קינד, מחמת דאָס איז ברוטאַלע אונטערדריקונג, און אונטערדריקונג קאָן ניט סטימולירן די העכסטע אַס־פּיראַציעס, קאָן ניט העלפֿן דעם קינד עפֿענען די קנאָספּן פֿון זיין גייסטיקייט. אָבער פּונקט ווי מען איז צומאָל שטרענג, איז מען אָפֿט צו מילד, צו ווייך.ביידע פֿאַלן זיינען דאָס רובֿ די סיבה, וואָס מען זעט אַזוי אָפֿטמאָל ניט קיין ברעקל דרך־ארץ אין קינדער, וואָס זיי זיינען אַזוי איינגעטונקט אין עולם הזה. שולדיק זיינען ניט די קינדער נאָר מיר, מיר, מחמת מיר זיינען אַזוי אַפּאַטיש צו דעם אַלעם, און ס'לעבן איז אַזוי ברוטאַל אויך קעגן אונז. מיר לעבן אין אַ צייט ווען ס'לעבן ברעכט זיך, ווען די פֿאַמיליע אינסטיטו־ציע וואַקלט, ווען אונזער נערוועזיטעט איז אַמשטאַרקסטן בולט. גאָר אַ גרויסער טייל סיבה ליגט זיכער אין דער גייסטלאָזיקייט, אין דער הייליק־לאָזיקייט פֿון אונזער לעבן, און פֿון אונזערע היימען. קוקט זיך צו צו אונ־זערע געזעלשאַפֿטלאַכע אינסטיטוציעס! דורכגעפֿרעסן מיט כּבֿוד זוכעניש, מיט חשדים, מיט "פֿאַרן קלענסטן צו שליידערן", מיט שפּילן די ראָלן פֿון

באליידיקטע, מיט רציחה; קיין ברעקל געפיל צום ציל, צום אידעאל פון דער אינסטיטוציע, קיין ברעקל דרך־ארץ איינער צום צווייטן ! די היים איז דאך אויך א גלייכגילטיקע אינסטיטוציע. דער אונטערשייד איז נאר, וואס דער ציניזם, וואס די היליקלאזיקייט איז דא א בולטערע, אן אפענער . . .

נו ? איז דען א וואונדער, וואס אפארטמענט הייזער (בלאקהייזער), און האטעלן, זאגן זיך אפ אריינצולאזן שכנים מיט קינדער. די גוואלדן, די געשרייען, די סקאנדאלן, אין דאס רוב הייזער, רייסן דאך פשוט אויף דעם מוח. סמ'ען דאך פשוט אפ ס'לעבן פון מוטערס און נערווירן שכנים. כ'קום אמאל אריין אין שטוב און געפין א באלעבאסטע אמת קראנק. זי האט אט אקארשט געקראגן א בריוו פון אירער א שוועסטער, אז זי, די שוועסטער, קומט צו איר צו גאסט. כ'בין דערשטוינט. זי, מיין פריינדינע, האט דאך שעה'ן גערעדט מיט אזויפיל ליבע וועגן איר שוועסטער, און דא אז די גליקלאכע שעה איז געקומען, איז זי גאר טויט קראנק פון פאַרדרוס. וואס שטויסט איר זיך דא ניט אן ? איר שוועסטער קומט, — דאס איז פאר איר די גרעסטע שמחה, אבער . . . זי נעמט מיט זיך מיט אירע צוויי קליינע קינדער; — זי, מיין פריינדינע, האט זיך שוין אפגעוואוינט פון די קאפריזן, געשרייען, געשלעגן, "מלחמות" און געוויין אן אויפהער, וואס זיינען רעזולטאטן, דאס רוב פון קלעפ, פון שטרענגקייט.

קלעפ און שטרענגקייט קאנען העלפן, אבער אויף א ווײַלע. — קאסט אבער די ווײַלע צו טייער, מחמת דעם צווייטן מאל וועט די פארציע קלעפ שוין ניט העלפן, וועט די שטרענגקייט שוין זיין ניט גענוג. דאס קינד וועט ארויסווייזן גרעסערע עקשנות, וועט קעמפן מיט מער כוח, און די דאזע שטראף וועט מוזן געדאפלט ווערן. — וואו איז דער אפשטעל ? ווער וועט דא מיד ווערן ? זיכער די מוטער. און דא הויבן זיך אן די אמת'ע צרות. אבער מיין פריינט, ניט גרינג איז אמאל צו אונטערשיידן שטארקע ווילנסקאפט אינם קינד פון קאפריזן, צי פון נערוועזקייט.

ווילן איז שעפעריש. א קינד מיט א שטארקן ווילן וועט ניט קאנען לאזן א וועלכע עס איז ארבעט ניט פארענדיקט, וועט תמיד זוכן צו בויען, צו שאפן. — א קאפריז קינד וועט, פארקערט, ארויסווייזן דעסטרוקטיווע נייגונגען, ברעכן, שטערן, רייסן, אפילו די גראבקייטן זיינען רעזולטאטן פון וועלן ברעכן שלום, ליבע, צארטקייט; א נערוועז קינד איז א קינד, וואס איז דאס רוב פיזיש אפגעשוואכט אוןליידט פון קאמפולסיעס, תנועות, העויות. א קאמפולסיע איז א ליידנשאפטלאכע געוואוינהייט צו טאן זאכן, וואס ברענגען אים שאדן, וואס מאכן אים לעכערלאד אין די אויגן פון מענשן, וואס פארמאטערן אים, אבער פון וועלכע ער קאן זיך ניט באפרייען. צו קאמפולסיעס געהערן פינטלען מיט אן אויג, באוועגן מיט א באק, מיט א האנט, שאקלען מיטן קאפ, פארשיידענע "משוגעת'ן" ביים גיין שלאפן, זיך וואשן אן אויפהער, ריידן אן אויפהער א סך — פארשיידענע קאמישע מורא'ס א. א. וו. א. וו. שטרענגקייט וועט דעם קאפריזן פאר'עקשנ'ען, דעם נערוועזן צערייצן און דעם קינד מיטן שטארקן ווילן

ברעכן. יאָ, שטרענגקייט איז א פאַטאַלער כוח און קלעפּ א ברוטאַלע רציחה. אָפט טראַכט איך, פאַרוואָס שטייט דווקא כרחם אב על בנים — גאָט זאָל אויף אונז רחמנות האָבן ווי א פאָטער אויף זיינע זין. עס שטייט אַזוי, האַלט איך, מחמת אַזוי ווי א מוטער ליבט, קאָן אַפילו גאָט אַליין ניט ליבן. קאָן דאָס דאָזיקע אָנגעווענדעט ווערן אויף אונזערע היינטיקע מאַמעס וואָס שטראָפן שרייען און שלאָגן ?

לערנט אונז פּראָפעסאָר לאַנגדאָן־בראַון : "מענשן גייען ניט אַראָפּ פון זינען פון ווייטיקן. איידער א וועלכער עס איז ווייטיק דערגרייכט די שטופע, וואָס ניט מעגלאַך מער איבערצוטראָגן, וואָס אַט־אָט ברעכט דער מענטש צונויף, איידער דער ווייטיק ווערט אַזוי שרעקלאַך, ווערט דער ווייטיק אַזוי ווי פון זיך אַליין 'אויפגעפרעסן', ער פאַרשווינדט אָדער ער הויבט אָן צו ווערן שוואַכער און שוואַכער, ווייטיק, זאָגט ער, איז א געשריי פון דער נאַטור אַז דאָ און דאָרטן איז עפּעס ניט גלאַט 'קומט העלפט!' אָבער, אַז מ'העלפט ניט (מען ווייסט ניט ווי, צי ניט מעגלאַך צו העלפן), האַנדלט דער ווייטיק פּונקט ווי א קליין קינד, וואָס וויינט און שרייט, ווען ס'וויל עפּעס קריגן. וואַרפט זיך שליידערט זיך, ברעכט און שטעכט, אָבער, אַז ס'דערזעט, אַז דאָס איז אַלץ אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט — באַרויקט זיך עס. אַזוי איז אויך מיט שרעק פאַר שטראָפן. — עס לעבט איבער גהינם ליידן ביז די ליידן 'פרעסן' אויף ס'שרעק און ס'בלייבט נאָר האַס. האַס, קלעפּ, חשדים, דערנידערונגען שאַפן א פינסטערע וואַנט צווישן פאָטער־מוטער און קינד — פאַראַן מאַמענטן אינם לעבן, שפּעטער, פונם יוגנטלאַכן, ווען אָט די וואַנט קאָן זיין די סיבה פון גרעסטן אומגליק. שרייבט יהואָש א תפילה פון א קינד צום פאָטער :

תמיד זאָלסטו זיין א פאָטער מיר און תמיד זאָל איך זיין דיין
קינד דורך יעדער פרייד, דורך יעדן פיין.
מיין פרייד זאָלסטו ברייטערן, ווייטערן,
מיין פיין זאָלסטו הייליקן, לייטערן,
און גיס מיך פול מיט ליבשאַפט און מיט גאַרן,
צו דיר ווען אומגעטרייסט ביי דיינע טירן וועל איך האַרן.
און יעדע שוואַרצע שעה מיט שרעק און ווייטיקן באַלאַדן
זאָל מיך דערנענטערן צו די וועגן פון דיין ליכט און דיין גן־עדן.
(יהואָש, צוקונפט, מאַי, 1935).

דריקט דען די תפילה ניט אויס קיין ווייטיק געשריי פונם קינד, עלטערן זאָלן אויף אים רחמנות האָבן און זאָלן זיין צו אים עלטערן ?

א חוץ דעם האַלט איך, ליבע מוטער, אַז איר האָט גאָר קיין רעכט ניט צו באַפעלן. וואָס זייט איר עס פאַר א באַפעלערקע ? איר זייט ניט די מוטער. איר האָט ער נאָר פיזיש געבאָרן. גייסטיק איבערגעבאָרן ווערט עס פון אייער דינסט. ביי אַלע פרימיטיווע פעלקער פון היינט און ביי אונז

אין די אלטע צייטן האט די מוטער געהייסן ניט די, וואס געבוירט ס'קינד נאר די, וואס דערציט עס. די דינסט אייערע, איז די אמת'ע מוטער. און אז ניט די דינסט איז די פוסטע היים, צי די גאס די מוטער, מחמת ווען זייט איר אין דער היים ? אמת, פון צייט צו צייט (ווען איר האט נאר צייט), ווען איר זייט נאר פריי פון אייער יאגן זיך נאר פארגעניגן, פון קינא טעאטער, פון טענץ, פון "טיים", פון סעודה'ס, פון קארטן שפיל, פון פוצן (פאר שכנים), אייער היים, אמת, ווען איר זייט נאר א קאפעטש־קע פריי (און ווען איז עס?) ווייזט איר דעם קינד ארויס ליבע, אבער אפט־מאל קריגט ס'קינד פונקט אזויפיל ליבע פון א זיידן, פון א באבען, פון א לערער, פון א שכן. יא, איר גיט זיך גאר וויניק אפ מיט אייער קינד — ס'קינד וואקסט אפט ווי קראפעווע, — ווילד, פארלאזן. איר פארלאזט זיך ניט אויף דער נאטור וואס איז שייך אייער פנים, אויגן, פיגור — אין פראגן פון דערציאונג פארלאזט איר זיך יא אויף דער נאטור. איר רעדט נאר פון צייט צו צייט וועגן מענטשלאכקייט, שענקייט, גייסט. נו ? לערנט איר אים נאר אוים עס זאל לעבן ווי איר און אויך אזוי ווי איר "רעדן" וועגן מענטשלאכקייט, שענקייט צו זיינע קינדער . . .אמת'דיק לערנט איר דאך נאר מיט אייער פאר'שיכור'ט זיין אין פארגעניגנס אז אייער קינד זאל אומדירעקט זוכן אין לעבן נאר פארגעניגן. ווען דאס קינד אייערס שרייט, ווען עס סקאנדאלעוועט, זאגט עס אז ווערטער "דו מעגסט זיך רייסן צום לעבן פארוואס זאל איך זיך ניט רייסן?" ווען אייער ליבע וואלט געווען סיסטעמאטישער, וואלט זי געווען נאטירלאכער און וואלט געווירקט. דער גאנצער אומגליק ליגט אפט אין דעם, וואס איר שטראפט און זייט מוחל, ווערט אנגעצונדן פון כעס און ווייזט ארוים צארטע ליבע אזוי ניט אויסגעהאלטן, אז ס'קינד ווייס קיינמאל ניט וואו ס'האלט מיט אייך. ס'ווייסט אז אלץ ווענדט זיך אן אייערע שטימונגען, אן אייערע קאפריזן — "קאפריזעוועט" עס אויך און וואדפט זיך אויך אונטער שטימונגען. ווי אומגערעכט איז געווען די נעכטיקע טענה אייערע, אז די נאטור שטראפט אויך אייך.

די נאטור שטראפט אבער געלאסן, קאלט, אויסגעהאלטן און סיס־טעמאטיש. די נאטור דערלאנגט דעם קינד איבערן הענטעלע, אזוי ווי זי וואלט זאגן : "זע ווי דו גייסט, קריך ניט!" א קינד קריכט צו אויוון, ברענט זיך אפ, וויינט און וועט שוין וויסן . . . אז כעס שטראפט זי און לערנט. אייער שטראף איז אבער ניט נאר ניט אויסגעהאלטן, נאר זי איז דאס רוב פול מיט כעס, פול מיט רציחה. ליגט טאקע א גרויסע סכנה, מחמת ס'רעגט אויף ס'קינד ביז אין די ביינער. וואלט דאס אפשר נאך גע־ווען א האלבע צרה, שטראפט איר אבער ניט נאר מיט כעס, נאר אויך נאר דאמאלט, ווען איר זייט אין כעס. די דאזיקע ניט סיסטעמאטישקייט, ניט אויסגעהאלטנקייט, גיסט אן די נשמה פונם קינד מיט בליי, מחמת פארן זעלביקן "פארברעכן", געדיינקט דאס קינד, איז עס אמאל גארניט באשטראפט געווארן. אזוינע שטראפן בפרט און שטראפן בכלל וועקן אינם קינד נאר פארביטערטקייט און האס.

אונזערע עלטערן און עלטערנס עלטערן זיינען שטרענג געווען. האבן מיט שרעק (מיט "טשוועקעס", צי מיט מורא פאר גאטס שטראף) אריינגע־קלאפט אין אונז דאס פאלגן. מען האט ארויסגעוויזן גרויסן דרך־ארץ, מחמת אנדערש ווערט מען אויף יענער וועלט באשטראפט. האט טאקע דער שרעק פאר גאטס שטראף געפלאנצט דרך־ארץ. כ'האלט, אז אזא דרך ארץ האט קיין ווערט ניט, ווייל ער ווארימט ניט די נשמה פונם קינד. ליבע און דרך־ארץ פארדינט פון עלטערן, מחמת זייער פיינקייט, איידלקייט, גוטסקייט, מענשלאכקייט האט א גרויסן דערציערישן ווערט פאר דער נשמה פונם קינד. איז אויב דא און דאטן אין א שטוב איז פול מיט צרות, זיינען אין דעם קודם כל די עלטערן שולדיק. עס טוט נאר ווי פאר די קינדער. א שאד, א שאד וואס פאראן רעפארם אינסטיטוציעס פאר קינדער און ניט פאר עלטערן . . . ווי קלוג ס'איז דאס קלוגע ווארט, וואס זאגט, אז ווען עלטערן עסן זויערע עפל איז ביי די קינדער איילִיק די ציין . . .

יא, שטראפן און שרעקן רופן אין קינד ארויס א מינדערווערטיקייט געפיל, און מינדערווערטיקייט געפילן איז שווער, כמעט אוממעגלאך צו היילן. האט איר דורך אייער דערציאונג און באציאונג "דערשלאגן" ס'קינד, אז עס איז געווארן מינדערווערטיק — וועט עס תמיד זיין א קרבן פון שטארקערע מענטשן, וועט עס תמיד פארלירן אין לעבן, מחמת ס'וועט זיך פילן ניט בכוח דורכצופירן די אדער יענע וויכטיקע ארבעט; וועט עס קיינ־מאל ניט קאנען באשליסן זיך אויף עפעס; וועט עס זיך פרייען, אז עמי־צער וועט צו אים שמייכלען און בלוטיק ליידן, אויב עמיצער וועט אים ניט שענקען קיין אויפמערקזאמקייט; וועט עס תמיד פילן אז מען באליי־דיקט אים, אז מען דערנידעריקט אים; וועט עס תמיד זיין פול מיט חשדים; וועט עס זיין פארביטערט, "מחמת מען שאצט עס ניט אפ"; — וועט עס זוכן נאר כבוד — קורץ, ס'לעבן וועט תמיד זיין פול מיט גיהנום ליידן. קיין מינוט פרייד, קיין מינוט רו, קיין מינוט פארגעניגן — אבער היילן? א שווערער ענין — וואס מער ווייסן, וואס מער טרייסט, וואס מער אמת'ע פריינט, וואס א הייליקערער פאמיליע לעבן, וואס בעסערע צופאסונג אין סעקס לעבן — ווען ניט דאס, זינקט דער אומגליקלאכער טיפער און טיפער.

א קינד איז, למשל, טיילווייז צוליב ביאלאגישע טעמים, נאך נישט אימשטאנד צו זיצן א לענגערע צייט אינגאנצן שטיל ביים טיש, צוליב דעם, וואס דאס קינד איז דאס קלענסטע ביים טיש, פאדערט זיין אמביציע, אז עס זאל זיך מאכן אביסל אנזעעודיק. דער רוב פון די דערשיינונגען, וועלכע מיר באצייכענען אויף אן אומגערעכטן אופן אלס "צעלאזנקייט", זיינען אלזא נארמאלע און נויטווענדיקע אויסדרוקס פארמען פון דער קער־פערלאכער און גייסטיקער אומרייפקייט. וואס ווייניקער מיר וועלן זיך מיט זיי צערעמאניען און ניט מאכן פון זיי קיין ווען, אלץ שנעלער וועלן זיי אריבערגיין, אלץ שנעלער וועט זיך דאס קינד צופאסן צו די עלטערע מענטשן. עס וואלט געווען דורכאויס פאלש, א קינד וואס איז באזונדערס אומרואיק און ווידערשפעניק, צו ועלן אפשרעקן מיט דער דראאונג : "אויב

דו קאנסט ניט איינזיצן ווי א מענטש, דארפסטו מיט אונז צוזאמען נישט עסן!" די געמיינזאמע מאלצייטן האבן א דערציערישן ווערט נאר דאן, ווען זיי גייען דורך אין א הייטערער, פריינטלאכער שטימונג. דאס דאזיקע איז נוגע נישט נאר דער באציאונג פון די דערוואקסענע צו די קינדער, נאר אויך פון די דערוואקסענע צווישן זיך. קיינמאל זאלן די עלטערן נישט פירן צווישן זיך קיין צאנקערייען ביים געמיינזאמען טיש, אפילו ווען סכסוכים זיינען אין זייער מאן־און־ווייב־לעבן אומפארמיידלאך. קיינמאל זאל דער געמיינזאמער טיש נישט אויסזען אזוי, אז דער פאטער לייענט זיך זיין צייטונג און אלע איבעריקע מוזן שווייגן ווי די פיש. מען זאל אויך ווי ווייט מעגלאך אויסמיידן צו רעדן וועגן אזעלכע זאכן, וועלכע דאס קינד קאן ניט פארשטיין. די געמיינזאמע מאלצייטן זאלן זיין אזעלכע, אז זיי זאלן געבן דעם קינד א ווערט פארן שפעטערדיקן לעבן : די דערינערונג אן דעם פריילאכן צוזאמענזיין פון מענטשן, וועלכע האבן זיך איינער דעם אנדערן ליב און האבן איינזעען איינער פארן אנדערן. ווער עס ווייסט, וואס פאר אן אומגעהויערע באדייטונג אזעלכע טאגטעגלאכע קינדהייטס־איינדרוקן האבן פארן גאנצן לעבן פון א מענטש; וואס פאר אן איינפלוס דאס האט אויף זיין לעבנס־מוט, אויף זיין געזעלשאפטלאכער צופאסונגספייאיקייט — דער וועט פאר זיינע קינדערס וועגן זיך באמיען, אז אין דער האלבער שעה פון מיטאג־עסן, זאל ביים טיש הערשן א פריינטלאכע און אנגענעמע שטימונג. דער צווייטער עקסטרעם פון שטרענגקייט, פון קלעפ, פון שטראפן איז צופיל צעפעשטשעטקייט.

ברענגט באוועד פאוועד אזא עפיזאד אין א געריכט : "איך קאן ניט שלאפן, הער ריכטער, גיט מיר אפ מיין קינד. גיט מיר אפ מיין קינד, ווייל איך קאן ניט שלאפן. איך בענק נאך אים. דאס הויז איז מיר ליידיק אן אים. איך קאן דאס שוין מער ניט איבערטראגן. איר ווייסט גאר נישט, וואס פאר א טייער קינד עס איז ביי מיר מיין ווילילע: א מלאך, זאג איך אייך, ניט קיין קינד. אזא שטילער, אזא לייטישער, ער וועט אפילו קיין פליג אויף דער וואנט ניט זאטשעפען. היינט ווי ער לערנט זיך אין סקול. א גאלדענער קאפ. — איר האט אליין געוואלט, פריער, מיט צוויי וואכן צוריק, אז מען זאל אים צונעמען פון אייער הויז? — האט דער ריכטער צו איר א טענה. ס'שטייט אין רעקארד אז ער האט דיר ארייגעכאפט דעם פינגער אין מויל און אים צעביסן. ס'שטייט אין רעקארד, אז ער האט זיך מיט א מעסער געווארפן אויף איינער פון דיינע טעכטער און ער האט זי שיעור ניט דערשטאכן. ס'שטייט אויך אין רעקארד, אז ער האט דערלאנגט דער סקול־לערערן א פאטש אין פנים; ער האט אויך געשלאגן דעם טאטן זיינעם, מיט א שטעקן', לייענט ווייטער ארויס דער ריכטער פון רעקארד. א, הער ריכטער, גיט מיר אפ מיין קינד, און זאל איך גאט געבן דערפאר אלדאס גוטס. — ניין, מיין ליבע פרוי, — מאכט צו איר דער ריכטער איידל, — פאר דער טובה פון אייער זון, מוז ער בלייבן דארטן, וואו ער איז. — אבער איך קאן ניט שלאפן דורך די נעכט. דאס הויז איז

מיר א ליידיקס. — לויט דער אונטערזוכונג, וואָס ספּעציאַליסטן האָבן געמאַכט איבער אייער קינד, האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט זייער פאַרדאַרבענע פאַרברעכערישע נייגונגען, און אין קינדער־היים וועט מען פּרובירן אויסבעסערן זיין כאַראַקטער. — וואָס רעדט איר, אַז ער האָט גאָר אַ גאָלדן האַרץ. איר דאַרפט אים אַליין אָנקוקן, וועט איר שוין זען, אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות. שיקט דער ריכטער נאָך דעם זון. ער וויל טאַקע אויך אָנקוקן איר זון און זיך אַליין איבערצייגן. די מאַמע לויכט אויף. זי שטייט גאַלע־פּלאַטער, אָט וועט מען ברענגען איר זון. זי קוקט אויף דער טיר, פון וואַנען עס דאַרף דערשיינען די ליבע געשטאַלט פון איר קינד. עס דערשיינט טאַקע זיין געשטאַלט. אַ הויכער איבערגעוואַקסענער בחור פון אַ יאָר 14, מיט אַ פּנים, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַזויפיל רשעות, ווי אַ פּנים פון אַ ווילדן מענטשן: קרומע אויגן, גרויסע ציין, עפּעס אַזאַ געזונטער קאַרק, ווי ביי אַן אָפּגעפּרעסענעם פעטן מענטשן, משונה־דיקע, ברייטע פּלייצעס. — ווילעלע, — לויפט זי אים אַנטקעגן, און קושט דעם גאָרילאַ ס׳פּנים. איר זעט, — ווענדעט זי זיך צום ריכטער, — איר זעט, אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות. ווען דער ריכטער האָט איינגעזען, אַז קיין טעות האָט מען טאַקע ניט געמאַכט, און ער האָט אים געהייסן צוריקשיקן פון וואַנען ער איז געקומען, האָט די מאַמע אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. — מיין ווילעלע, מיין גאָלדן קינד!״ (כאַוועור־פּאַוער). קיין צווייפל, אַז די מוטער, דאָ, האָט אפשר אַרויסגעוויזן איין קינד מער ליבע און אַ צווייטן ווייניקער און איצט ליידט עס פון חרטה־געפילן: אָדער האָט איר צו שטאַרקע ליבע צעפּעסטשעט ס׳קינד; אָדער האָט מען ס׳קינד געהאַלטן אין איין שלאָגן און פאַרביטערט: ס׳איז אויך מעגלאָך אַז ס׳קינד איז קראַנק — אַזוי צי אַזוי דער עפּיזאָד ווייזט אָן אויף אונזער אומוויסנהייט ווי צו באַהאַנדלען אַזאַ צי אַן אַנדער קינד. זעט מיט וויפל צאַרטקייט און ליבע אפילו אַ פאָטער ווי קאַרל ליבקנעכט, וואָס גייט אויף קידוש השם אין קאַמף קעגן מלחמות, שרייבט פון שלאַכטפעלד צו זיינע קינדער : ״איך טראַכט כסדר וועגן אייך : כ׳וואָלט אייך וועלן שאַפן די גליקלאַכסטע צוקונפט; כוח, און זונדליכט וויפל ס׳איז נאָר פאַראַן. איך האָב אייך אַזוי ליב, ווי אַ פאָטער קאָן נאָר ליב האָבן זיינע קינדער. איר דאַרפט דאָס וויסן, איר טאָרט אין דעם ניט צווייפלען. העכערע כוחות רייסן מיך אַלץ אַרויס פון דער פאַמיליע. איר זאָלט ניט ווערן נאַריש און איינגעגלויבט אין זיך. דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק. דווקא צו זיך מוז איטלאַכער צוגיין מיט דער שטאַרקסטער קריטיק, מיט דער שאַרפסטער מאָס, אַניט — פאַלט מען אַראָפּ פון די שטאַלצעס אין בלאָטע אַריין . . . אַרבעטן. אַרבעטן ! נאָר דאָס באַפרייט און באַפרידיקט. אַרבעטן דאַרף מען מיט אַ גרונט, ניט אַרומטאַנצן פון אויבן־אויף. צופרידן זיין פון זיך און צופיל האַלטן פון זיך איז אַן אומגליק און מאַכט פאַר אַ שוטה. איך האָף אַז איר וועט ניט פאַרלירן אייער טאַטן, איידער איר וועט קריגן פליגלען״. און איר, לעבנדיק אַ רואיק לעבן, פאַרגעסט, אַז ס׳קינד איז סוף־כל־סוף אַ קינד.

קינדער ווערן דאך געבארן (ווען נאר ניט גע'ירשנ'ט א וועלכע עס איז חולאת) ריינע, ווארימע, זיי זיינען דאך אזוי לאנג נאאיוו. זיי ציען זיך דאך אזוי שטארק צו זון. קוקט זיך צו ווי נאיוו, קינדיש מאטל (פון שלום עליכם), נעמט אויף דאס אויספארקויפן אלץ פון שטוב, ווי ער נעמט אויף דעם טאטנס קראנקהייט. "און מיין ברודער אליהו פירט מיך אריין אין קראנקן חדר. דער טיש איז אנגעשטעלט מיט פלעשעלאך, מיט באנקעלאך, סע שמעקט אפטייק. דאס פענסטער איז צוגעמאכט. לכבוד שבועות האט מען אים צוגעקליבן דעם חדר מיט גרינס, צוקאפנס איבערן בעטל האט מען אים אויפגעהאנגען א מגן־דוד פון 'ליוביסטיק'. דאס איז מיין ברודער אליהו'ס ארבעט. אויף דער ערד איז אויסגעשפרייט שמעקנדיקעס גראז. דער טאטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט א לאנגן דארן פינגער. מיין ברודער אליהו שטופט מיך אונטער. איך גיי צו צום טאטן. איך האב אים קוים דערקענט. דאס פנים ווי ליים די גרויע האר גלאנצן, שטארצן איינציקווייז ווי ארייגעשטרייכטע פרעמדע האר. די שווארצע אויגן זיצן טיף, ווי ארייגעפאסטע פרעמדע אויגן. די ציין זעען אוים ווי אריינגעזעצטע פרעמדע ציין. דער האלדז איז אזוי דין, אז קוים וואס דער קאפ האלט זיך אין אויף אים. א גליק, וואס ער קאן ניט זיצן . . . מיט די ליפן מאכט ער עפעס מאדנע, ווי אמענטש בשעת ער שווימט: מפפו ! . . ער לייגט ארויף אויף מיין פנים א הייסע האנט מיטביינעריקע פינגער, דאס פנים מאכט א קרומען שמייכל ווי א מת. אלעמענעס אויגן קוקן אויפן "גאסט". און דער "גאסט" קוקט אראפ צו דער ערד. און דער קאפ איז אים אין דרויסן, ערגעץ ביי די קלעצער, ביי די שטעכלקעס וואס שטעכן, ביי די קרינגלאך וואס קנאקן, ביים שכנ'ס קעלבל דעם בר־דעת, וואס איז שוין געווארן א "סקאטינע", ביים טייכל, וואס רוישט דארט בארג־אראפ, אדער גאר אין דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יארמעלקע, וואס מע רופט דאס הימל". . . שפעטער, אז דער פאטער שטארבט, איז אים גוט וואס ער איז א יתום — ער זאגט קדיש און "מזל־טוב ! איך קאן שוין גאנץ קדיש אויף אויסנווייניק. רבנן־קדיש אויך. אין שול שטיי איך אויף א באנק און קלאפ דעם קדיש, ווי א מזיק. א קול־נגינה האב איך אויך, בירושה פון מיין טאטן, אז אמת'ע סאפראנא. אלע אינגלאך שטעלן זיך אוים ארום מיר זיין זיינען מיר מקנא. ווייבער וויינען. בעלי־בתים שענקען מיר א קאפיקע. יאסי דעם נגיד'ס אינגל, העניך מיטן אויגל (ער איז א מורא'דיי־קער ניט־פארגינער!), אז עס קומט צו רבנן־קדיש, שטעלט ער מיר ארוים א צונג, — ער וויל, ער גייט אוים, ער חלש'ט, איך זאל מיך צעלאכן. אים אויף צו־להכעיס וועל איך ניט לאכן ! האט דערזען אהרן דער שמש, האט ער אים אנגענומען פארן אויער און האט אים צוגעפירט צו דער טיר. א מצוה אויף אים!" שלום עליכם ווייזט אונז דא ווי נאאיוו און קינדיש א קינד איז אפילו צו 7-8-9 יאר. קומען מיר מיט אונזערע פעטש, מיט אונזערע געשרייען, מיט אונזערע פאדערונגען, אז ס'זאל האבן א זיידנס שכל און פארביטערן ס'קינד. פון אזא צוגאנג וואקסט נאר שנאה, שרעק, פארצווייפלונג אינם קינד, וואס סמ'ט זיין לעבן און פירט אים צו מעשים, פאר וועלכע עס ליידט גיהנום ליידן פון חרטה.

פארצווייפלונג, אומעט, שרעק, פארדרוס, זארג, מרה שחורה שטי־מונג, פארלייגט אין די פריסטע קינדער יארן, קירצן די יארן דעם מענטשן און זיינען בכלל די קוואלן פון אלע חולאת׳ן, פון אלע קראנקהייטן. אויס־מיידן דאס דאזיקע, אנפילן די נשמה פונם קינד מיט א קוואל, וואס זאל שפרודעלן פרייד און רו. התלהבות און ליכט, איז דער געבאט פון דערצי־אונג. געפילן פון רו, פרייד, און גליק זיינען ניט נאר מיטלען, וואס העלפן דעם מענטשן בייצוקומען קראנקהייטן. זיי זיינען לעבנס עלעקסיר, וואלט דאך ניט מער ווי רעכט געווען, עלטערן זאלן וועגן דעם מער טראכטן ווי וועגן געבן דעם קינד א דר. דיפלאם, צי איבערלאזן א גרויסע ירושה — דערמוטיקט, בארואיקט בעסער אייער קינד. באאייגפלוסט בעסער אייער קינד. אז עס וועט זיין דאס און דאס, און דאס וועט אים זייער און זייער א סך העלפן צו ווערן טאקע אט דאס. אבער ווער קאן זיך אויף אייך, מאמעס, פארלאזן, — איר וועט אים האמערן אין קאפ אריין ער זאל כאפן, ווערן רייך, ווערן א גרויסער האקי שפילער, א קינסטלער, א דעקלאמא־טאר, מחמת דאס וועט אייך ברענגען א סך כבוד. — די אמת׳ע מאמע איז נאר די, וואס זארגט זיך פארן נשמה־גליק פון איר קינד — וואס גרייט עס צו עס זאל האבן א הארמאנישע נשמה, פריי פון קאמפולסיעס, קאפריזן, חשדים, עס זאל לויכטן ווארימען אים און אלע ארום אים — אבער די ביל־דער פון אזוינע מאמעס שטעלט מען ניט אריין אין די צייטונגען . . .

ווייסט איר, מיינע טייערינקע, אז קינדער פון ארימע זיינען דאס רוב ווארימע, געפילפולערע מענטשן, און ווייסט איר פארוואס ? ווייל זיי האט דערצויגן א מאמע, אן אמת׳ע מאמע און ניט א באנע, צי א מאמע וואס איז פארשמאיעט ראטעוועדיק די וועלט דורך טרינקען טיי, שפילן קארטן, פארקויפן בילעטן, אדער פארשמאיעט ניט דורכצולאזן פארגעניגנס, לויפנדיק פון איין קינא צום צווייטן, בייטנדיק קליידער, צופוצנדיק די נעגל, ליפן, אויגן, באקן, און ארבעטנדיק צו 3 שעה ביים שפיגל, כדי צו שאפן א געוויסן שמייכל אלא גרעטא גארבא צי נארמא שירער . . . און קינדער האבן א וואונדערבארן חוש צו דערפילן, וואס ס׳טוט זיך אין דער מאמעס צי אין טאטנס נשמה, ווי זיי, די עלטערן, זאלן זיך ניט מיען צו פארדעקן . . . איר מעגט זיך זיין א מיטגליד, צי א פירער פון א אידישער שול, פון א קולטור אינסטיטוציע צי פון א געזעלשאפטלאכער ארגאניזא־ציע און אייער קינד זאל דאס אלץ האסן און אנטלויפן פון זיי, וואו פע־פער וואקסט, מחמת אייער פירערשאפט, אייער מיטגלידערשאפט איז גע־ווען א קאלטע, א מעכאנישע, א ״ניטא וואו אוועקצוגיין, וואו צו פארווײלן זיך״, — ווען איר האלט א פאר אידישע צייטונגען אין שטוב, ווען איר קויפט פון צייט צו צייט א אידיש בוך, ווען איר לייענט, ווען איר ברענט מיט דער אידייע פון דער אינסטיטוציע, ווען אין שטוב, כאטש, פילט זיך דער גייסט פון דעם ״בית מדרש אייערן״, וועט עס אנשטעקן אייער קינד. — ווען איר האלט אבער אייער געשעפט וויכטיקער פאר אייער שול, פאר אייער קולטור אינסטיטוציע, ווייל פון שול ״מאכט איר ניט קיין לעבן״,

טויטעט איר, שעכט איר אייערע קינדער קולטורעל, — פון געשעפט פארדינט איר צום לעבן—די שול, די קולטור אינסטיטוציע, דארף זיין אייער לעבן (אין דער היים עסט איר, שלאפט איר, און לעבט, אויב ס'איז אן עבא פון קולטור אינסטיטוציע) אזוי לאנג ווי איר האלט דעם טאפ לינזן פארן עיקר, זייט איר אין אייער היים נאך אין מצרים . . . נאך מער, אז איר האלט אין איין בארעדן פריינט, פארשפרייטן רכילות, נאך מער ווען איר זייט פול מיט חשדים, האס, קאנט ניט מוחל זיין, רוקט זיך אפ פון אינסטיטוציעס, מחמת מען אנערקענט ניט אייער "גרויסקייט", מחמת דער אדער יענער געפעלט אייך ניט, מחמת ס'לוינט אייך ניט, מחמת איר "ווערט אנטוישט", קאנט איר זיך אין אייער היים אנשטאפן מיטן גאנצן ש"ס פון אידישער ליטעראטור — עס וועט ניט ארבעטן. פארן קינד גייט עס ניט אין דעם, וואס עס איז אין שטוב, ווי וואס עס לייענט פון אייך ארויס; פארן קינד גייט עס ניט אזוי אין דעם, וואס איר רעדט פון קולטור, ווי ווען איר האלט זיך אליין אין איין באנייען זיך קולטורעל. חסידים האבן אמאל דעם קאצקער רבי'ן געבעטן ער זאל תפילה טאן, אז זייערע קינדער זאלן לערנען מיט חשק תורה. מחמת זייער טענות צו זייערע קינדער העלפן ניט. ניין, מיינע טייערינקע, האט ער זיי געענטפערט, ניט אייערע בקשות, ניט מיינע תפילות וועלן העלפן. לערנט אליין תורה מיט חשק און אייער קינדער וועלן אייך נאכמאכן; אנדערש, אנדערש וועלן זיי אייך סיי ווי ניט נאכמאכן, — זיי וועלן זיך אפלערנען פון אייך אויך אליין ניט צו לערנען און טענה'ן צו זייערע קינדער זיי זאלן לערנען . . . א רבי, וואס האט ניט שטודירט קיין קינדער־פסיכאלאגיע — אבער דווקא די רביים האבן געהאט א וואונדערבארן חוש פאר אזויגע פראבלעמען, חיים בראצלאווער. זיינען געדאנקען איבער דערציאונג וואס שווער צו דערקענען אין זיי געדאנקען פון א חסיד'ישן רבי'ן און ניט פון א מאדערנעם קינדער פסיכאלאג. זיינען זייער כאראקטעריסטיש . . . 1) דער וואס דערציט א יתום איז, ווי ער וואלט אים געבוירן — ס'הייסט, אז דער, וואס דערציט איז א פאטער צי א מוטער. דער וואס לאזט עס איבער דער נאטור — איז ניט קיין מאמע, ניט קיין טאטע; 2) גוטע קינדער זיינען קוואלן פון פרייד און געזונט; 3) אפילו דער, וואס שטרעבט צו טאן גוטס, שטרעבט בלב ובנפש, און דאס שטרעבן קוואלט פון די טיפענישן פון נשמה, אבער ער קאן ניט, איז ניט ביכולת צו טאן — איז דאך א גוטער דערציער פון זיינע קינדער, — דאס שטרעבן אליין, בלב ונפש, וועט ווירקן אויף די קינדער הצעהדיק, די קינדער וועלן דערפילן דעם פאטער - מוטערס פארלאנגען און ס'וועט ווירקן, פונקט ווי זיי דערקאנען דאס פאלשע; 4)ווייזט ניט ארוים מער ליבע איין קינד ווי א צווייטן .דאס איז סם; 5) פלאנצט גוטס, דערציט אבער פון פריסטער קינדהייט; 6) א שטרענגער, א היציקער, א כעסן א פאטער, קאן ניט דערציען קיין גוטע קינדער. נאר א מענטש וואס איז דורכגעדרונגען מיט טיפער רעליגיעזיטעט, קאן בחוש דערפילן די היילקסטע געבאטן פון קינדער פסיכאלאגיע; אבער רעליגיעזיטעט איז ניט אין בית מדרש, נאר אין נשמה פונם מענטשן, איינעם פירט עס אויף באריקאדן, א צווייטן צו קינדערלאך, א הריטן צו קולטור; רעליגיעזיטעט מיט מילכיק פלייש, כשר

טריף האָט קיין שום שייכות ניט. אין דעם ליגט דער סוד, וואָס די אַמאָליקע הסידים (נאָר אַמאָליקע, די היינטיקע זיינען פון די פּאַביסנסטע פּאָנאַטיקער, פול מיט רשעות . . .) האָבן געלערנט אַז תּפילה איז מעשים טובים.

"אייער משל מיטן אויוון, געפעלט מיר ניט, מיין פריינט", האָט זיך אריינגעמישט דער פּאַטער, וואָס איז געזעסן און געגעסן, געשטופּט אין זיך ווי נאָך א חולאת, געוואָרפן "גרויסע אויגן" איבערן טיש, מחמת וואָס ער האָט ניט געקאָנט אריינשטאָפּן אין זיך, האָט ער כאַטש מיט די אויגן געגעסן . . . אונזער שמועס האָט אים ווייניק וואָס אינטערעסירט. ער ווייסט, אַז ווי נאָר וואָס, כאַפּט ער זיך צום גאַרטל . . . צעלויפן זיך די חברה אין טויט שרעק און ער איז פריי פון זייערע בקשות און פון זייער געוויין. זיין אריינמישן זיך האָט אונז איבערראַשט. "יאָ", האָט ער מיט א האַלב פאַרשטענדלאַכער שפּראַך געזאָגט, מחמת ער איז געווען לייִדנשאַפטלאַך פאַרטאָן אין פאַרזוכן א הינערשע פּאָלקע . . . "יאָ, אייער משל מיטן אויוון געפעלט מיר ניט", דערלאַנגט ער א זאָג. "וואו איז די זיכערקייט, אַז ווען ס'קינד ברענט זיך אָפּ ס'הענטעלע, וועט דאָס אים אויך זאָגן. אַז ער זאָל ניט קריכן אויפן פלאַנקען, און ווען ס'פאַלט שוין ארונטער פון "פלאַנקען" — דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, מחמת מען האָט צוגעטראָגן צום טיש געבראָטענע בולבעס, האָט עס אים איבערגעריסן זיין געדאַנקענגאַנג. ער איז אָבער מיט מזל גיך געקומען צו זיך. זיין פרוי האָט פאַרשטאַנען די סיבה פון זיין צעטומלעניש, פון זיין פאַרלירן זיך, זי האָט אים דעם ערשטן גלייך דערלאַנגט דעם באַ'טעמט'ן מאכל, און, אויסקלייבנדיק מיט אַן ערנסטן פּנים די בעסטע קאַרטאָפל, האָט ער זיך ווידער געפונען און אָנגעהויבן : — "נו, הייסט עס, ווען עס פאַלט שוין ארונטער פון פלאַנקען, וואו איז די זיכערקייט, אַז ס'וועט אהין ניט שלעפּן דעם קלייִנעם ברודערל זיינעם?" ניין, מיין פריינט, די סיסטעמאַטישקייט, זאַכלאַכקייט און קאַלטקייט פון די שטראָפן פון דער נאַטור ווירקט, מחמת דאָס זיינען העצהדיקע אָנדייטונגען. יאָ, מיין פריינט, לאָגישע, אויסגעהאַלטענע, סיסטעמאַטישע, קאַלטע, זאַכלאַכע, אומדירעקטע אָנדייטונגען, הצעות ווירקן טיפער, ווירקן אמת'דיק טיף. שטרענגקייט און שטראָף גראָבט אויף מינדערווערטיקייט געפיל. און די גהינום ליידן אין דער נשמה פונם קינד אויף זיין גאַנצן לעבן, וואָס מינדערווערטיקייט געפיל איז זייער קוואַל, איז אין לשער. פאַרקערט, אָפּגעלאָזנקייט און צופיל נאָכגעביקייט פירט צו צעפּעשטשעטקייט. צופיל פרייהייט פירט צו ווילדקייט. אַנדערש איז ליבע, ליבע און געדולד (און וויסן פון ספּעציפישקייטן פון קינדס נשמה בכלל און פון דעם געגעבענעם קינד בפרט), איז זון פאַר דער נשמה פון קינד. יאָ, וויסן, געדולד און ליבע ! צייט צו וויסן, אַז א קינד איז א זיך־זעלבסטלעבנדיקע באַשעפעניש (מיר אליין האָבן זיך דען אַזוי פיינט!) אַז ס'איז נאַטירלאַך פאַרן קינד צו זיין עגאָאיסטיש, נעמעריש און ניט געבעריש. עס זוכט נאָר פאַרגעניגנס און האַלט אין איין אַנטלויפן פון ווייטיקן. געפילן עגאָצענטרישע (ער מוז זיין אין צענטער פון אַלץ אין שטוב) און עגאָ־

איסטישע מוז ס'קינד איבערלעבן, אנדערש וועט עס אַן דעם זיך קלאמערן דאָס גאַנצע לעבן. יאָ, דאָס קינד מוז זיך אליין ליב האָבן. — דאָס איז דער וואָרצל, פון וועלכן ס'צעוואַקסט זיך ליבע צו אַלץ. ערשט ליבט עס זיך אליין, שפּעטער יעדן, וואָס טוט אים גוטס, וואָס זאָרגט פאַר אים. (דאָס לערנט אים די נאַטור צו אַסאָציאירן גוטסקייט מיט אַ פּערזאָן, אין דעם פאַל איז עס די מוטער דער אָביעקט פון זיין ערשטער ליבע. ערשט ליבט עס זיך, הייסט עס. (עגאָאיסטיש, וועט איר זאָגן): שפּעטער ליבט עס די מוטער, מחמת זי טוט אים גוטס, (ווידער ליבע אויס עגאָאיזם); נאָך שפּעטער ליבט עס אַלע נאָענטע, מחמת אַלע נאָענטע טוען אים גוטס, שמייכלען צו אים (שמייכלט ער צוריק צו זיי). עס ליבט אפילו זיין פאָלק, זיין לאַנד, מחמת דאָס גיט אים זיכערקייט, עס פילט אומבאַוואוסטזיניק, אַז זיין פאָלק און זיין לאַנד זאָרגן פאַר אים (ווידער אַמאָל עגאָאיזם), אָבער שרעקט זיך ניט, אין ליב האָבן אימעצן בכלל שטעקט אַ שטיק עגאָאיזם. מיר האָבן זיך ביז איצט נאָך ניט אויסגעלערנט ליב צו האָבן אונזערע שונאים, אָדער די, וואָס טוען אונז שלעכטס. ליבע וואַקסט זיך פאַנאַנדער פון עגאָאיזם, און וואַקסט זייער פּאַמעלאַך. דער אומגליק מיט אונז איז וואָס מיר זיינען גוואַלדיק אומגעדולדיק; אָקאָרשט געגעבן דעם קינד אַ לעקציע, (נאָר פאַרבייגייענדיקע הצעהדיקע לעקציעס האָבן אַ וועלכן עס איז ווערט) ווילן מיר שוין עס זאָל ווירקן, ס'זאָל זיך אַ גאַס טאָן פונם קינד פיינקייט, און וואָס ניט ? אַזוי גייט עס ניט, מיינע פריינט. ווען ס'קינד דערפילט, אַז ס'לוינט זיך אים צו זיין גוט, ווערט עס גוט און געוויינט זיך צו זיין גוט, נאָר דער אופן עפנט דעם קוואַל פון ליבע ביים קינד. שפּעטער האָט עס גוואַלדיק פאַרגעניגן פון טאָן גוטס, אפשר מער פאַרגעניגן ווי דער, וועמען דאָס גוטס ווערט געטאָן.

יאָ, ביסלאַכוויז הויבט דעם קינד אָן גוואַלדיק צו געפעלן, אַז מ'לויבט אים, אַז מען שמייכלט צו אים. נו ! סטאַרעט עס זיך דאָס צו פאַרדינען. ס'ווערט גוט און פרום. די מאַמע איז דאָ דערצידירנדיק. ניט אומזיסט זאָגט מען אַז וואַרימקייט גיט נאָר די מוטער . . . און אַז וואָס עס דערגייט צו דער מוטערס האַרץ דערגייט אַפילו ניט צו דעם פאָטערס קני. אַז דער נאַרט דיר אָפּ, וואָס זאָגט, אַז ער ליבט דיך ווי אַ מוטער איר קינד. אַז דער מוטערס ליבע איז די סמעטענע פון ליבע בכלל, אַז איין גוטע מוטער איז מער ווערט ווי אַ הונדערט לערער, אַז די צוקונפט פונם קינד ליגט אין האַרץ ביי דער מוטער, אַז מחמת גאָט קאָן אומעטום ניט זיין, האָט ער באַשאַפן אַ מוטער. די ליבע פון דער מוטער איז זונשיין. ניט אומזיסט הויבן זיך כמעט אַלע קינדער מעשה'לאַך אָן מיט דעם נוסח „אַז די מאַמע איז אַוועק איז געקומען דער וואָלף און אויפגעגעסן די קינדערלאַך". אַז ליבע פאַרשווינדט הויבן אָן שדים און רוחות (וועלף) צו קריכן אין נשמה פון קינד . . . און מחמת מיר זיינען דערצויגן געוואָרן דורך שטרענגער דיסציפּלין, דורך קאַזאַרמע דיסציפּלין, זיינען מיר טאַקע אויסגעוואַקסן שקלאַפערישע נאַטורן, ניט אויסגעהאַלטענע, נערוועזע און

דערפאר האלטן מיר טאקע פון שטראפן, מחמת דאס שטראמט ארויס פון אונזער פארביטערטער נשמה. כדי צו פארדעקן דעם גאל, וואס גאלט פון אונזער נשמה, א דאנק דער אונטערדריקונג פון אונזערע עלטערן. קומען מיר מיט טעאריעס וועגן דעם ווערט פון שטראף, בעת טיף אין דער נשמה וויסן מיר וועגן דעם צויבער־כוח פון ליבע, וואס קאן פאר קיין שום געלט ניט געקויפט ווערן. פונקט ווי עס קאן ניט געקויפט ווערן דער נחת רוח, וואס א מענטש קאן האבן פון א שטערנדיקן הימל אין א שטיל רואיקער נאכט.

אונזערע טענות צום קינד, אז ס'איז שלעכט זיינען לעכערלאכע. ווען ס'קינד וואלט נאר קאנען (ווען ס'האט ניט קיין מורא און איז בכוח), וואלט עס געזאגט דער מוטער: "מאמע, וואס שרייסטו, וואס טענה'סטו, די בילדער וואס הייגגען אויף די ווענט, דיין באציאונג צו שכנים, דיין געשריי, קלעפ, די לופט פון שטוב האט עס אלץ מיר אויסגעלערנט און איינגעפלאנצט". עס מעג און דארף צומאל זיין א געוויסע שטרענגקייט, א העכערער טאן פון צייט צו צייט, — ס'טאר אבער ניט זיין קיין געשריי. ס'דארף זיין נאר ווייטיק. — אויפן ארט קאן ס'קינד ניט אונטערשיידן. שפעטער איבערצייגט זיך ס'קינד, אז ס'איז ווייטיק, און דאס ווערט הימליש דערציעריש, ספעציעל, ווען הויכער טאן ווערט צום סוף פארביטן מיט ליבע. דער ווייטיק־טאן בלייבט און לערנט.

האבן טאטע און מאמעס שוין געמעגט וויסן, אז קלעפ, געשרייען, כעס'ן, קאנען איבערשרעקן ס'קינד און זיך פאטאל אפרופן אויפן גאנצן לעבן, קאנען אפטעמפן די צארטקייט פון קינדס נשמה (וועלכע ס'קינד דארף שפעטער כדי צו סובלימירן סעקס געפילן). האבן טאטעס און מאמעס געמעגט וויסן אז קלעפ, כעס'ן געשרייען, קאנען ארויסרופן אינם קינד גראבקייט, וועלכע ס'וועט ניט קאנען קאנטראלירן, און וואס וועט אים אליין שפעטער פארשאפן א סך ווייטיקן און ליידן. מיר קעמפן קעגן קערפערלאכע, קעגן פיזישע שטראפן אין סקול און אליין . . . אמת, א מאמעס קלאפ האט ניט דעם כוח וואס א לערערס. פאראן א שפריכווארט, פון א מאמעס קלעפ איז נאך קיין קינד ניט געשטארבן, אבער . . . גייסטיק ניט אין אן ערד טיפער ליידט א קינד פון א מאמעס קלעפ. דעם לערערס קלעפ פילט עס פיזיש, דער מאמעס גייסטיק; אבער ניט אין דעם גייט עס. עס גייט אין דעם, וואס קלעפ דערשרעקן ס'קינד און א שרעק קאן ווערן דיבוק אין נשמה פון קינד, וואס זאל אים פינסטערן ס'גאנצע לעבן. האט רחמנות, ברענגט נאר ניט קיין ביישפילן פון אמאל. ס'איז געווען א גאנץ אנדער צייט, און אן אנדער לעבן. און דאך — איז שלמה המלך געווען א גרויסער "חכם" אין דערציאונג, זאל ער מיר דארטן דער לעבע־יונג, דער אמאליקער, מוחל זיין. דאס גאנצע פאלק האט מיט בלוט באצאלט פאר זיינע דערציערישע מעטאדן — "דער איז א שונא דעם קינד, וואס שלאגט אים ניט". נו, האט ער דאך זיין אייגענעם געבאט זיכער מקיים געווען. נו,

האט ער דערצויגן זיין זון אין עקשן — און א כעסן. רחבעמס (שלמה'ס זון)
ענטפער ירבעמ'ען איז, ווי פון א פארביטערטן (פון קלעפ משמעות). גע־
קאנט זיין אנדערע סיבות, אבער אז א טאטע האט אזא צוגאנג אין דער־
ציאונג, קאנען מיר זיך אנשטויסן, אז אויך קלעפ זיינען געווען די סיבה
פון זיין פארביטערטקייט. ס'שטייען ארימע, אויסגעמאטערטע מענטשן
און בעטן זיך ער זאל גרינגער מאכן דעם יאך, ענטפערט זיי דער קייסער
— "מיין טאטע האט אויף אייך ארויפגעלייגט איין פינגער — איך אבער
וועל אויף אייך ארויפלייגן א גאנצע האנט". קלעפ און שטראפן איז רצי־
חה, די גרעסטע רציחה, מער רציחה ווי פארשיידענע "מנהגים" פון אל־
טערטום, לויט וועלכע מען פלעגט ברענען, שחט'ן אויפן מזבח, אדער צו־
ווארפן קינדער צו וועלף און צו שלאנגען. די ליידן פון קלעפ און כעס
קאסטן שפעטער א סך מער, ווי די זאכן, איבער וועלכע מען איז געווען
אין כעס, איבער וועלכע מען האט געשלאגן. עס קאסט דעם קינד און די
דורות נאך דעם קינד. 70 מלאכים, דערציילט די לעגענדע, האבן געבעטן
גאט ער זאל מוחל זיין פרעה'ן זיין שלעכט באגיין זיך מיט די אידן. דער
רבונו של עולם איז שוין גענייגט געווען מוחל צו זיין, איז אבער אין
לעצטן מאמענט צוגעלאפן א מלאכ'ל און א זאג געטאן: "גאטעניו, ווייסט.
ער פלעגט דאך איינמויערן די קינדערלאך אין ווענט" — אזוי, האט גאט
א געשריי געטאן פון שוידער — "ניטא פאר אזא איינעם קיין פארגע־
בונג". און פון דעמאלסט אן שטראפט ער אלע די וואס ווילן איינמויערן
קינדער (דיסציפלין), ער שטראפט זיי מיטן האנט פון די זעלביקע קינ־
דער, וואס, ווען ניט געמויערט, געהאמערט, ווען ניט טשוועקעס אין זיי
געקלאפט, וואלטן זיי געקאנט בליען און וואקסן און לויכטן — און פאלגן.

דערציילט א פאטער אזא פאל: ער האט פארבראכט מיט פריינט.
מיטאמאל איז אריינגעלאפן זיין אינגעלע און אנאנסירט הויך אויפן קול,
אז ער האט ערשט גע'הרג'עט פינף פליגן. דריי פון זיי זיינען געווען
דזשענטלמען, מענער. די אנדערע צוויי — פרויען. דעם פאטער איז גע־
ווארן מאדנע אויפפאלנד די ביאלאגישע קענטעניש, און ער האט אים גע־
פרעגט, פון וואנען ער וויים וואס זיי זיינען געווען. "זיכער", איז געקו־
מען אן ענטפער, "צוויי זיינען געווען אויפן שפיגל און דריי ארום דער
בראנפן פלאש"... דאס איז מער ווי א וויץ. וויפל קינדער, מיט טיף־פאר־
לייגטע פייאיקייטן אויפצוכאפן זאכן, קריגן ניט די היים סביבה וואס זאל
אויפטויכן זייער לאגיק און זי פירן אין געזונטע פארן קינדס נשמה, קא־
נאלן? די בעסטע היים איז די היים וואס קאן אנקערן די נשמה פונם קינד
אין דער וועלט פון קולטור און גייסטיקן שטייגן. מענטשן ווערן ניט אלט.
זיי הערן נאר אויף צו וואקסן — נאר די היים איז א היים, וואס ניט נאר
העלפט זי דעם גייסטיקן וואוקס פונם קינד, נאר זי פארלייגט אינם קינד
כוחות, וואס וועלן סטימולירן דעם וואוקס אויפן גאנצן לעבן. מינדערווער־
טיקייט געפילן האבן קינדער, וואס זיינען געוואקסן אן זון, אן ליבע, אן
געזונטער ליבע, וואס די עלטערן זייערע האבן זיי ניט געקאנט געבן און
וואס האבן ניט געקאנט ווערן ס'ליכט פון זייער לעבן, וואס די עלטערן

האָבן זיי ניט געקאָנט געבן קיין היים. דו האָסט אַלץ זאָגסטו, געזונט, עשירות, א נאָמען — נארישקייט. אמת גליק פּליסט נאָר פון נשמה ארויס. — און אזוי איז דער ציל פון דערציאונג צו דערפירן דעם קינדס איינגע־בוירענע פייאיקייטן צו דער פולער אנטוויקלונג און זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט, דערפירן די פערזענלאכקייט צו דער פולער הארמאָנישער אנט־וויקלונג (י. באראכאדט); און דאָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן, וועז א מו־טער און פאָטער זיינען אי מוטער־פאָטער, אי לערער, אי עצה־געבער, אי פריינט, אי ביישפּילן אין לעבן, אי פול מיט דרך־ארץ צו דער פערזאנלאכ־קייט פונם קינד. יאָ, זיין ביישפּילן פון לעבן פארן קינד איז דער הייליקס־טער געבאָט. אָבער אום צו זיין ביישפּילן דארפן עלטערן פילן בלוטיק־הייליקע קרוב שאפט צום קינד — א קינד לערנט זיך דאך אלץ נאכמאכן דעם פאָטער צי די מוטער.

"דאָס נאָכמאכן איז דאָס ערשטע מיטל, וואָס הייבט אָן אנטוויק־לען דעם קינדס גייסטיקע פייאיקייטן. פון דאנען איז געדרונגען, אז יעדער איינער ,וואָס האָט א מגא־ומשא מיט קינדער אין דעם דאָזיקן עלטער, מוז לייגן גרויס אכט אויף זיך אליין. און קודם־כל, פארשטייט זיך, די עלטערן, מחמת זיי זיינען די גרעסטע אויטאָריטעטן פאר די קינדער, על־כל־פנים אין דעם דאָזיקן עלטער. אויב די עלטערן נוצן דאָס אויס אויף א געהעריקן אופן, האָבן זיי אויף שטענדיק דערפון גרויס געווינס. און פאר־קערט, די מיאוס'טע פעלערן קאָנען זיך אין דער עלטער, דורך נאכמאכן, אזוי פארוואָרצלען (און בשעת מעשה וועלן מיר "שעפּן נחת דערפון!), אז מיר וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט קאָנען אויסראטן. שפּעטער וועלן די עלטערן זוכן אויסצוברענען מיטן קאנטשיק דאָס, וואָס זיי האָבן צוליב זייער נאכלעסיקייט גורם געווען ! געבן א גוטן — ביישפּיל — איז דער ערשטער יסוד פון דער גוטער דערציאונג. דאָס ווירקט א סך בעסער, ווי די שענסטע מוסר־דרשות.

פאראן איבסענס א דראמע : "דער פאָלקס פריינט". דאָרט ווערט פאָרגעשטעלט א דאָקטאָר, וועלכער האָט לאנג געקעמפט מיט די פארשי־דענע שטערונגען, וואָס ער האָט געהאט אויסצושטיין אין זיין לעבן. דער־צו האָט ער געדארפט מפרנס זיין א פרוי מיט דריי קינדער. ער האָט אויס־געפונען אז זיין געבורט־שטעטל, א נארוועגיש שטעטל, וואָס ליגט ביים ברעג ים, איז צוגעפּאסט אויף איינצוארדענען קור־בעדער. נאָך יאָרנלאנגע באמיאונגען, האָט זיך אים ענדלאך איינגעגעבן דאָס איבערצוצייגן די אָר־טיקע מאכט, וועלכע האָט די גאנצע זאך איבערגענומען אין אירע הענט. מען האָט אויסגעבויט א באָד־אנשטאלט און דר. שטאָקמאן — אזוי האָט ער געהייסן — האָט באקומען א שטעלע אַלס באָד־דאָקטאָר; א דאנק דעם האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן זיך דערשלאָגן צו פארזיכערן זיין עקז־זיסטענץ, ווי אויך די מעגלאכקייט צו געבן די קינדער א בעסערע דערצי־אונג. אויס שפּאָרזאמקייט, ווי אויך צוליב דער עקשנות פון דער ארטיקער

מאכט, האט מען, נים רעכענענדיק זיך מיטן דאקטארס אנווייזונגען, דורכ־געפירט וואסער־לייטונג אין דער באד פון א סך א טיפערן ארט, ווי עס האט פארגעלייגט דער דאקטאר. דאס האט אזוי אנגעהאלטן בלויז צוויי יאר. און האט זיך צווישן די באד־געסט געטראפן פארדעכטיקטע קראנק־הייט־פאלן און מ'איז געקומען צום באשלוס, אז דאס נעמט זיך דערפון, וואס דאס וואסער איז קאליע. דער דאקטאר פארשט דאן אויס דעם צו־שטאנד פונם וואסער און קומט צום אויספיר, אז צוליב דער נישט־גענוי־עריקער דורכפירונג פון דער וואסער־לייטונג, איז דאס וואסער אינגאנצן קאליע און שעדלאך פארן געזונט. ער מעלדעט וועגן דעם דעם בירגער־מייסטער און פאדערט איבערצובויען די וואסער־לייטונג. דאס גייט אבער נישט אזוי שנעל. מען וואלט געדארפט, נישט נאר אויסגעבן עטלאכע הונ־דערט טויזנט מארק אויף איבערצובויען, נאר אויך שליסן אויף עטלאכע יאר דעם גאנצן באד־אנשטאלט. חוץ דעם וואלט זיך ביי דער געלעגנהייט ארויסגעוויזן, אז דער כיטרער מאגסיטראט, וועלכער האט בשעתו זיך נישט צוגעהערט צום דאקטארס עצות, איז דער פאקטישער שולדיקער אין דעם דאזיקן אומגליק. דער בירגערמייסטער האט נישט בדעה אויף אזא אופן זיך עפנטלאך צו קאמפראמיטירן. נאך מער, ער פארלאנגט פונם דאקטאר, נישט נאר ער זאל צוריקציען אלע זיינע אויסבעסערונגס־פלענער, נאר ער זאל אפילו, כדי צו פארדרייבן דעם גאנצן עניין, עפנטלאך דערקלערן, אז נאכן דורכפירן א צווייטע אונטערזוכונג, האט ער זיך איבערצייגט, אז עס האלט גארנישט אזוי שלעכט מיט דעם באד־אנשטאלט, און, אז נאר עט־לאכע אויסבעסערונגען אין דער וואסער־לייטונג וועט פולשטענדיק זיין גענוג אויף צו ברענגען אין ארדענונג דעם גאנצן באד־אנשטאלט. אויב ער וועט דאס נישט טאן, וועט ער פארלירן דעם פאסטן אלס באד־דאקטאר און וועט במילא מיט זיין גאנצער פאמיליע ווידער מוזן ליידן נויט און דחקות. בעת דער דאקטאר קעמפט מיט זיך וועגן דעם דאזיקן שווערן אויס־וואל, עצה'ט אים די פרוי זיינע, ער זאל איינגיין אויף די פאדערונגען פון דער מאכט און פארהיטן די פאמיליע פון אן אומגליק. דערביי ווייזט זי אים אן אויפן גורל, וואס עס דערווארט די קינדער. אויף זיינע עקשנות'די־קע ווערטער: "צי זאל איך זיך דערנידעריקן און שפייען דעם אמת אין פנים? איך וואלט דאך שוין מער קיין איין גליקלאכע מינוט אין לעבן נישט געהאט!" ענטפערט אים די פרוי: "זאל אונז דער אויבערשטער אויסהיטן פון דעם אומגליק, וואס דראעט אונז אין פאל, אז דו וועסט זיך האלטן ביי דיין עקשנות. ווידער וועסטו בלייבן אן פרנסה, אן עקזיסטענץ־מיטלען. און איך מיין, אז מיר האבן זיך שוין גענוג אנגעליטן ביז היינט... נים פון איין עוולה האבן מיר אויסצושטיין אויף דער וועלט, — טו א קוק אויף אונזערע אינגלאך: וואס וועט פון זיי ווערן? אך, ניין, דיין הארץ וועט דאס נישט דערלאזן!" באטראכטנדיק די קינדער, האט זיך דר. שטאקמאן אויף א רגע א וואקל געטאן אין זיינע געדאנקען, אבער באלד האט ער זיך אומגעקערט צו זיין פעסטן באשלוס: "ניין, ווען אפילו די גאנצע וועלט זאל זיך איבערקערן, וועל איך קיינמאל נישט בייגן מיין רוקן

אונטער דעם שענדלאכן יאך!״ און ווען די פרוי פרעגט אים אין פארצווייפלונג : ״וואס וועסטו טאן?״ דעמאלסט שוין האלטנדיק ביים אוועקגיין, קערט ער זיך אום פון דער טיר און ענטפערט : ״כ'וועל מיר איבערלאזן דאס רעכט צו קאנען קוקן מיינע קינדער גלייך אין די אויגן אריין!״ טאטעס און מאמעס, וואס היטן ״זייערע אויגן״ פאר זייער קינדער, וואס ווילן זיך פילן הייליק צו זייערע קינדער, זיינען פון די אמת'ע פעדאגאגן. פון די אמת'ע פעדאגאגן וואס קאנען אויפטויכן מזוזות אין נשמות פון זייערע קינדער.

איז זייט געלאגן, מוטערס און פאטערס ! דער באדן פון דעם קינדס נשמה פארמאגט אוצרות — געפינט זיי ווי קינסטלער־געלאגן און אקערט דאס דאזיקע פאנאנדער, באווארימט מיט זון פון הארצן, מיט ליבע, און ליכטיק וועט אייך זיין, און ווארים און גוט, און פאלגן וועלן זיי אייך! האט רחמנות — שטראפט ניט. פארשטייט, קודם־כל, די נשמה פון אייער קינד, לערנט, זייט אליין מענטשן, זאפט אין זיך איין הייליקייט — אייערע קינדער וועלן פון דעם גליק שעפן. דער לערער וואס קאן ניט אונטערשיידן א נערוועז קינד פון א שלעכט דערצויגענעם; א קינד, וואס לעבט איבער דעם שטורעם פעריאד, פון א קאפריז קינד; א קינד, וואס שלאפט שלעכט, עסט שלעכט, פון א נערוועז קינד, — דער איז קיין לערער ניט, און א מאמע, וואס איז פון דעם טיפ לערער, וואס אויבן דערמאנט, איז א מלאך־המות פארן קינד. מען דערציילט, אז גאט האט אדמ'ען ערשט געוויזן די דורות, וואס וועלן פון אים ארויסקומען און שפעטער די פירער. פארוואס האט ער ניט געוויזן פארקערט ? ערשט די פירער, און נאך דעם די דורות — ווייל, ווען ער ווייזט ערשט דעם פירער פון א דור וואלט אדם געפרעגט ״אזא פירער״? ווען פארקערט, האט ער שוין ניט געפרעגט אזא קשיא — יעדער דור איז ווערט זיינע פירער. מיר זיינען ווערט אזוינע, ווי אויבנדערמאנטע, מאמעס — אין אונז ליגט די שולד, אבער אויך אין אונז די ישועה.

וועגן דר. פרענק פיינס עשרת הדיברות

מיר לעבן אין א צייט, ווען שווערע שטימונגען, נערוועזישקייטן, איינגערעדטע חולאת'ן, שרעקן און פינסטערן אונזער לעבן ניט אין אן ערך מער און ברענגען מער טראגעדיעס ווי קאנסער, שווינדזוכט, משוגעת'ן און אפילו מגפות.

א טבע אזא איז שוין ביי יעדן מענטשן צו באשולדיקן אין זיינע צרות, אין זיינע ליידן און אפילו אין זיינע חולאת'ן עמיצן אנדערש, אבער ניט זיך אליין. ער איז גאט די נשמה שולדיק. שולדיק איז דער אדער יענער, די אינסטיטוציע אדער יענע, דער אדער יענער צופאל, די אדער יענע סביבה, די אדער יענע אומשטענדן, אבער ניט ער. יא, ארויפצווארפן שולד

אויף עמיצן אנדערש ליגט טיף, זייער טיף אין דער טבע פון יעדן מענטשן. מען קאָן עס אפשר דערקלערן מיט דעם, וואָס די דאָזיקע טבע מאַכט גרינגער צו ליידן, מחמת דער כעס אויף "דעם עמיצן" באַהויכט דעם ליידנדיקן מיט דער האָפענונג, אַז ער דאַרף זיך נאָר באַפרייען פון דער סביבה, צי פון דעם מענטשן, און פול מיט זוניקער פרייד וועט ווערן זיין לעבן. ווי שרעקלאַך וואָלט געווען צו ליידן, ווען דער מענטש איבערצייגט זיך, אַז דער קוואַל פון זיינע ליידן ליגט אין אים אַליין. דאָס וואָלט געשפּייזט זיין נשמה מיט פאַרצווייפלונג; די טבע אָבער צו זען דעם קוואַל פון זיינע צרות אויסער זיך שטאַרקט אין אים דעם גלויבן אין זיך, און די האָפענונג אויף בעסערע צייטן. זעט טאַקע די טבע פון אויבן אויף אויס ווי א ברכה פאַרן מענטשן. אין דער אמת'ן איז זי אָבער א קללה פאַרן מענטשן, — מחמת דאָס זען דעם קוואַל פון אַלע זיינע צרות אויסער זיך פירט דעם מענטשן אַראָפּ פונם דירעקטן און באמת ווירקזאַמען וועג צו באַקעמפן אין זיך די געוואוינהייטן, וואָס זיינען דער קוואַל און די סיבות פון זיינע ליידן.

אַזוי זעט פון אויבן אויף אויס אונזער פאַרקאַכטקייט אין פּאָליטיק, אין אויפבוי פון א לאַנד, אונזער פאַרקאַכטקייט אין פאַרשפּרייטן קולטור ווי א ברכה. עס רייסט אים אָפּ פון זיינע מרה שחורה שטימונגען. יאָ, פון אויבן אויף איז עס אַזוי, אָבער הלוואַי וואָלטן מענטשן ניט בכוח געווען זיך "אַנצו'שיכור'ן" מיט אידעאַלן, זיי וואָלטן אפשר גיכער געפונען די אמת'ע רפואה, ווי פּטור צו ווערן פון די שטימונגען, וואָס זיינען די סיבות פון חולאת'ן, און וואָס פינסטערן און קירצן ס'לעבן.

אַט ליידט א מענטש פון "אומזיניקע" שרעק געפילן, אים דוכט זיך אויס, אַז אַט שטאַרבט ער, אַז אַט ווערט ער קראַנק, אַז אַט וועט דער אָדער יענער אים טאָן שלעכטס, אַז אַט גייט זיין געשעפט צו גרונט, אַזוי געפינט זיך א מענטש אין א תמיד'יקן ערב פון גרויסע אומגליקן.

אַט איז א מענטש עפּעס תמיד אומרואיק, קאָן ניט איינזיצן אויף אן אָרט, קאָן זיך ניט קאָנצענטרירן, קאָן ניט פילן קיין פרייד, קיין נחת, מחמת אן אינוויינקסטער געפיל טראָגט אים, יאָגט אים, און שרעקט אים. אפילו די חלומות זיינע זיינען פול מיט אומרואיק שרעקלאַכע בילדער, וואַרנונגען; א באַגאַסענער מיט שווייס און א טויט דערשראָקענער כאַפּט ער זיך יעדן פרימאָרגן אויף.

אַט פילט א מענטש ווי די מרה שחורה האַלט אים פעסט אין אירע קלעשטשעס און דריקט, שטיקט און פינסטערט אָן א פאַרוואָס. די דאָזיקע חולאת'ן, געפילן, לאָזן דעם מענטשן ניט אָפּ אויף איין מינוט, זיי גייען מיט אים מיט אומעטום, באַווירקן יעדע האַנדלונג זיינע, יעדע באַציאונג זיינע, יעדע אונטערנעמונג זיינע. איינע פון די געפילן, וואָס רואינירן אונזער לעבן איז, ווי פריער געזאָגט, מידקייט. מיד ווערט א מענטש פון

זאָרגן (מעג עס זיין אומזיניקע), פון צופיל אָנשטרענגען זיך, פון אַרבעטן (ספּעציעל גייסטיקע אַרבעטן) איבער די כוחות, פון מענטשן, וואָס (זעצן זיך אויף אייך אָן) און צאַפּן אייך ס׳בלוט, פון מענטשן, וואָס זייערע טבע׳ס "ווירקן אויף אייערע נערוון", פון שרעקן (מעג זיין אומזיניקע), פון שוועריקייטן (מעגן זיי ווי נישטיק אויסזעען פאַרן צווייטן), פון פיזישע חולאת׳ן (רעוומאַטיזם, הויט קראַנקהייטן, פּערמאַנענטע קאַטאַרן, דריקענישן, שטערונגען א. א. וו.). יאָ, מידקייט איז סם, וואָס גיסט זיך אַריין אין אונזערע בלוטן און ווירקט פּאַמעלאַך, עקשנות׳דיק, פאַטאַל, און מאַכט דעם מענטשן אַזוי סענסיטיוו, אַזוי צערייצט, אַז יעדער קלענסטער וואָלקן קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטורעם, וואָס טראָגט פאַרניכטונג און טויט . . . ניט אַלע מענטשן האָבן גלייכע פעיאיקייטן און גלייכע נאַטורן. וואָס פאַר איינעם איז גרינג קאָן דעם צווייטן טויט מיד מאַכן; וואָס פאַר איינעם איז גאָר קיין ענין ניט, קאָן דעם צווייטן צעטרייסלען אין די טיפסטע טיפעניש פון נשמה; וואָס פאַר איינעם איז פרייד און פאַרגעניגן, קאָן פאַר אַ צווייטן זיין אַן אָנרעגער צו פינסטערסטע נשמה איבערגעבונגען. איינע פון די ערשטע מיטלען קעגן מידקייט געפילן איז אַ גוטער געזונטער שלאָף. כאַפּט מען זיך אָבער צו דעם מיטל, ווען די מידקייט געפילן האָבן שוין אַזוי צעטרייסלט און צע׳סמ׳ט דעם מענטשן, אַז ער קאָן שוין ניט שלאָפן. די טויט שונאים פון שלאָף זיינען קודם: האַרטער מאָגן, נישט נאָרמאַלע שעה׳ן (ניט געגנוג פרי גיין שלאָפן), ווייניק פרישע לופט אינם שלאָפצימער, טומל (סטריט־קאַר, ראַדיאָ, הונט, האָן, טראָפיק).

דער שלאָף, לערנט אונז דר. מעקפערסאָן לאָווריע, איז דער האַפן פון אונזער ציוויליזאַציע, אין דעם האַפן רוט זיך די שיף (דער מענטש) אויס, גיסט זיך מיט נייע כוחות (אויל) כדי פריש, מונטער און זיכער זיך צו לאָזן ווייטער אין ים פון לעבן . . . שלאָף איז דעם קינדס מלאך, דער מלאך פון גייסטיקן און פיזישן שטייגן, און ס׳איז קיין וואונדער ניט. "דער שלאָף באַרואיקט דעם מידן מאָרד, ברענגט אונז אין אַ צושטאַנד פון רו און שלום, פרישט אָפּ, באַנייט אונזער לעבנס־קראַפט און ענערגיע".

מיר פאַרמאָגן שוין די בעסטע אַפּאַראַטן און מיטלען צו היילן פאַרשיידענע חולאת׳ן. די קראַנקהייטן אָבער, וואָס גראָבן אונטער די פרייד פון אונזער לעבן, וואָס פינסטערן אַזוי לאַנג ווי זיי צעטרייסלען דעם פיזיש שטאַרקסטן מענטשן, אָט די חולאת׳ן צו פאַרהיטן, צו פאַרמיידן, איז דער הייליקסטער געבאָט פון אונזער ציים.

אָבער פאַרהיטן דאַרף מען אָנהויבן פון דער פרישטער קינדהייט אָן. אַזוי פרי אפשר ווען דאָס קינד איז נאָך אין דער מוטערס קערפּער, און אפשר אַ סך פריער נאָך. ווי גליקלאַך איז דער מענטש וואָס איז אַ פרייע פערזענלאַכקייט און וואָס איז קולטורעל רייך. פרייע פערזענלאַכקייט מיינט אַ מענטש וואָס איז פריי פון קנאה, שנאה און נקמה געפילן, וואָס איז פריי

פון קאמפולסיעס, פון שרעק, פון תמיד'יקן אומרו. א קולטורעל רייכער מענטש איז א מענטש, וואס די נשמה זיינע (די פרייע פערזענלאכקייט) באנעמט דאס גרויסע, דאס וואונדערבאר שיינע, פון זיין ארום. — כדי צו דערציען אזא מענטשן דארף מען אנהויבן פון די פריסטע טעג פון זיין לעבן, און אפשר שוין דאן, ווע ער איז נאך אינם קערפער פון דער מוטער, און אפשר גאר פריער נאך. ווי טיף וואלט יעדער פאטער און יעדע מוטער באדארפט ארייננעמען אין נשמה דר. ארטור פראנק פיינס צען געבאטן :

1) שטעק ניט אן דיין קינד מיט דיינע קאמפולסיעס, מיט דיינע געוואוינהייטן און מיט דיינע מרה שחורה שטימונגען; 2) אונטערדריק ניט דיין קינדס פארלאנגען און באשטרעבונגען; אויב זיי זיינען ניט קיין לאגישע און ניט קיין דערגרייכבארע, רעד און דערקלער עס דיין קינד מיט הארץ און מיט דרך־ארץ, חבר'יש; פלאנץ אין אים, מיט דיין באציאונג צו זיין פערזענלאכקייט, מיט דיין תמיד באליידיקן אים, אונטערדריקן אים, חלילה ניט איין דעם מינדערווערטיקייט געפיל. מחמת דאס איז דער גרעסטער אומגליק פאר דיין קינד, אויפן גאנצן לעבן; 3)איידער דו גיסט ארויס דיין אורטייל איבערן קינדס א האנדלונג, הער דיין קינדס טענות אויס דרך־ארצ'דיק, און חבר'יש, געפין אויס די וויטסטע מאטיוון, וואס האבן געפירט צו דער האנדלונג, און שטעל זיך קודם־כל פאר, ווי וואלסטו געהאנדלט, ווען דו ביסט אין דיין קינדס לאגע; 4) אויב דו באשליסט שוין יא צו באשטראפן, זאל דיין באשלוס ניט זיין א רעזולטאט פון דיינע געפילן אין דעם געגעבענעם מאמענט, און זיכער ניט קיין קאמפענסאציע פארן שאדן, וואס דעם קינדס האנדלונג האט געבראכט. נאר די שטראף זאל זיין א קאנסטרוקטיווע, האבנדיק אין אויג דעם קינדס נשמה און זיין צוקונפט; 5) אויב איר דארפט אייער קינד מאכן א באמערקונג, רעדט גלייכצייטיק, אונטערשטרייכט גלייכצייטיק אויך גוטע שטריכן, וואס איר באמערקט אינם קינד, כדי אייער באמערקונג זאל פארלירן יעדן שפור פון פארביטערטקייט און כעס. די באמערקונג זאל קלינגען אזוי ווייך, הארציק, און זאל זיך ענדיקן אזוי ווארים, אז איר זאלט זיך ביים שלום פון שמועס זיך דערפילן נאך נעענטער ווי פריער; 6) זייט אזוי אפנהארציק און אמתדיק צום קינד, אז דיין קינד זאל תמיד קאנען פאראויסזען דיין שטעלונג צו דער אדער יענער האנדלונג זייערע, זיי זאלן פילן אז זיי קאנען דיין נשמה נאך בעסער ווי דו זייערע; 7) זאלסט תמיד האבן אין זינען די אונטערשיידן אין כאראקטער שטריכן און באציאונגען צו זאכן צווישן א קינד און א דערוואקסענעם און תמיד געדענקען, אז אויך קינדער האבן זייערע צרות, לעבן איבער זייערע געדריקטע שטימונגען, מאכן דורך זייערע קאנפליקטן אין זייערע נשמות; 8) באטראכט דיין קינדס כאראקטער ניט פונם שטאנדפונקט ווי עס איז ביי דיר אין דער היים, נאר זאל די היים זיין דער קדשי־קדשים וואו ס'קינד זאל זיך אנזאפן מיט די דערהויבן הייליקעמענטשלאכע געפילן, עס זאל זיין א פרייד זיינע מיטמענטשן, און א הילף

אין זיין לעבן: 9) געדענק אז אין דיין קינדס נשמה זיינען פארליגט אוצ־רות פון גוטסקייט, פיינקייט, איידלקייט און גייסטיקייט. זיי דער קינסטלער געאָלאָג, געפין עס און באַארבעט דעם באַדן אזוי, אז אין דיין קינדס נשמה זאָלן זיך צעבליען די דערהויבנסטע חלומות; 10) דאָס ווירקזאַמסטע פון אַלע געבאָטן איז ס'געבאָט צו דינען דיין קינד ווי א ביישפּיל.

ירושה'שאַפט און סביבה

ווידעראַמאָל די אייביקע פראַגע, וואָס האָט א דעציזירנדיקערן כוח — ירושה.שאַפט צי סביבה ? און וואָס איז דער כוח פון סביבה און דער כוח פון ירושה'שאַפט ? דאַרף מען נאָך זוכן אַן ערגערע סביבה, ווי די סביבה, אין וועלכער מאַטקע גנב (שלום אַש) איז דערצויגן געוואָרן און אָפּגעלעבט זיין קינדהייט ? פונדעסטוועגן באַוואונדערט יעדער לעזער מאַטקעס ציען זיך צו הייליקייט און זיין בענקשאַפט נאָך א ריין, ערלאַך, מענטשלאַך לעבן, זיין ליבע צו דער מוטער זיינער, זיין הייליקע ליבע צו חנה'ן, זיינע האַפענונגען, זיינע פּלענער, זיינע חלומות ווייזן אונז אויף דעם קדשי־קדשים, וואָס איז געווען פאַרלייגט אין זיין נשמה, אויף דעם קדשי־קדשים, וועלכן קיין סביבה האָט ניט געקאָנט אויסבּרענגען פון זיין הארצן. אין די פינסטערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, ווען ער איז געלעגן אויפן דעק פון לעבן, ווען ער איז געווען צווישן די געפאַלנסטע נעבאַך פון די געפאַלענע, האָט דער קדשי קדשים געמאָנט און געשלעפּט מאַטקען פונם דעק . . . מאַטקען האָט מען פון יענער וועלט מיטגעגעבן א ביטערן מזל, אָבער א ליכטיק שיינע נשמה, וואָס פלעגט אויפלויכטן אין אים א גן עדן. מאַטקע פלעגט אַרומגיין מיט ווייטיקן און ליידן אין הארצן, מחמת דאָס ליכטיקע גע'ירשנ'טע אין אים פלעגט זיך ראַנגלען מיט די פינסטערע כוחות פון דער סביבה, וואָס פלעגן אים פירן און צווינגען צו טאָן אַזוינע זאַכן, פון וועלכע זיין גע'ירשנ'ט געוויסן פלעגט אַזש אויפציטערן. יאָ, די נשמה זיינע האָט אים ניט געלאָזן פאַלן, ניט געלאָזן זינקען. ער איז גובר געווען די סביבה זיינע.

אין דנ'ען (ש. אַנסקיס "טאָג און נאַכט"), פלעגן, פאַרקערט, די ליכטיקע כוחות פון דער סביבה קעמפן מיט די פינסטערע גע'ירשנ'טע כוחות. אין דעם גרויסן רב, אין דנ'ען, וואָס די גאַנצע דערציאונג זיינע, פון די פריסטע יאָרן אָן, וואָס דאָס גאַנצע לעבן זיינס, איז דורכגעזאַפּט געווען מיט הייליקייט, און יראת שמים, וואָס זיין גאַנץ לעבן איז ער אָפּגע־זעסן יומם ולילה על תורה ועל עבודה, אין דעם דנ'ען, הייסט עס, האָט דער הימלישער ריינער כוח פון דער סביבה זיינע, נאָר מיט דער גרעסטער איבער־מענטשלאַכער גבורה, דאָס גע'ירשנ'טע אין אים קוים געקאָנט גובר זיין. זי, די סביבה, האָט דאָס גע'ירשנ'טע נאָר געקאָנט פאַרטרייבן אין זיין אומ־באַוואוסטזיין, וואו דאָס גע'ירשנ'טע אין אים האָט געברענט און גע־שרפה'ט און געריסן זיך אויף אַרויס. איז דען מעגלאַך נאָך א ריינערע

סביבה, נאך א הייליקערע, וואס זאל קומען דעם מענטשן צו הילף, כדי צו האלטן אויף קייטן דעם גע׳ירשנ׳טן שד אין זיך, ווי דנם סביבה? דאס גע־ירשנט׳ע איז, ניט אין אן ערד, שטארקער. דער כוח (סביבה) וואס האלט אויף דעם שד קאן אפגעשוואכט ווערן, די קייט קאן זיך איבעררייסן, און דער שד קאן זיך ארויסכאפן און אנטאן די גרעסטע צרות. לכן מוז די סביבה געלייטערט ווערן, געהייליקט ווערן, געשטארקט ווערן. נאר אין דעם ליגט די ישועה. ער, דער רב איז א קינד פון א גזלן, וואס האט פארגוואל־דיקט בעת א פאגראם, זיין, דעם רבס, מוטער. איז אויב די סביבה, די הייליק ריינע, האלט אין צוים דאס גע׳ירשנ׳טע אין רנ׳ען, איז עס מחמת זי איז הייליק ריין און מחמת דעם, וואס ער, רן, באפרידיקט כאטש אבי־סעלע די נאטירלאכע גע׳ירשנ׳טע פארלאנגען אין די נאכטיקע חלומות. ווען ניט דאס, ווען ער וואלט ניט געקאנט נייטראליזירן די ברוזנדיקע לייד־נשאפטן און חלומות, וואלט דער שד די קייטן אין וועלכע די סביבה האט אים, דעם שד, אויסגעשמידט, צעריסן ווי א דין פעדימל. ש. אנסקי מאלט אונז טאקע דא דעם פארביטערטן קאמף אויף לעבן און טויט צווישן די כוחות פון ירושה׳שאפט און די כוחות פון דער סביבה. פון די צוויי פאלן זעען מיר דעם דעצידירנדיקן כוח פון ירושהשאפט, מיר זען אבער אויך ווי שטארק איז דער כוח פון סביבה.

אמת, פון אן עפל־קערנדל קאן ניט אויסוואקסן קיין בארנע, אבער ניט אלע עפל זיינען גלייך. ברידער און שוועסטער פון די זעלביקע טאטע־מאמעס זיינען אפטמאל ווייט איינע פון צווייטע, ווי מזרח צו מערב. ניט אלע קינדער ירשנ׳ען פון עלטערן איין און די זעלביקע שטריכן. דאס ירשנ׳ען איז אויך א מזל זאך. ס׳ווענדט זיך וועלכע כראמאזאמס האבן זיך דא פאראייניקט.

יעדעס קעמערל פון א לעבעדיקן ארגאניזם, זאל עס זיין א בעל־חי אדער א געוויקס, טראגט אין זיך ירושה־אייגנשאפטן. וויכטיק איז דערביי ניט דאס גאנצע קעמערל, נאר געוויסע באשטימטע טיילן פון דעם קעמערל. עס זיינען פאראן אין דעם קעמערל פעדים און שטיקלאך פון א באזונדער שטאף, וואס צייכענען זיך אוים דערמיט, אז זיי נעמען אויף פארב־שטאפן, בשעת דאס רעשט פון דעם קעמערל בלייבט פארבלאז. אט די פעדים אדער ברעקלאך שטאף, וועלכע נעמען אויף פארב, זיינען עס די טרעגער פון ירושה אייגנשאפטן, מען רופט זיי "כראמאזאמען", און יעדער בעל־חי אדער געוויקס באזיצט זיינעם א כאראקטעריסטישן גאנג כראמא־זאמען. מיטן בלויזן אויג קאן מען ניט זען די כראמאזאמען, ווייל דאס קעמערל פון א לעבעדיקן ארגאניזם איז אויך צו קליין אום געזען צו ווערן איינפאך מיטן אויג. אונטער א מיקראסקאפ דאקעגן זעט מען זייער גוט די קעמערלאך און אינווייניק אין זיי די כראמאזאמען, און ווען דער געניטער ביאלאג קוקט אריין אין דעם מיקראסקאפ, איז ער, לויט דער צאל כראמא־זאמען אין א קעמערל און לויט זייער אויסזען און קעגנזייטיקער לאגע,

אומשטאנדרצו זאגן ווען מען געהערט דאס קעמערל. ער וועט אייך געגוי אָנרופן דעם געוויקס אָדער בעל־חי און וועט קיין טעות ניט מאכן. ער וועט אפילו געגוי אָנגעבן, צי איז דאָס קעמערל גענומען פון א זכר אָדער פון א נקבה. יאָ, ס׳וועגדט זיך וועלכע כראמאזאמען האָבן זיך דאָ פאראייניקט. ס׳איז א מזל זאך. אָבער אפילו ווען גע׳ירשנ׳ט די זעלביקע כראמאזאמען זיינען זיי ניט גלייך. מחמת געוויסע כאראקטער שטריכן טויטן שוואכערע שטריכן, קרייצן זיי. און נאָך וואָס, איין קערנדל פון עפּל איז געפאלן אויף א פרוכטבארער ערד און א צווייטער אויף א שטיינערנעם באָדן, צי אויף א זאמדיקן.

די סביבה לייגט איר חתימה. זאָל דאָ א חוץ דעם אויך באטאָנט ווערן, אז ניט אלע ברידער און שוועסטער פון איין און דער זעלביקער מאַמאָן האָבן איין און די זעלביקע מאמע. יאָרן בייטן אונז, שוואכן אָפּ אונזער געדולד, אונזערע כוחות, ענדערן אונזער צוגאנג צו זאכן, מאכן אונז נערוועזער, אומרואיקער, אנטוישטער א. א. וו. חנה׳לע, וואָס איז געבאָרן געוואָרן מיט פינף יאָר שפּעטער, האָט שוין געטראָפן ניט די מאמע פון איר שוועסטערל רייזעלען, נאָר אן אַנדערע, מיט אנדערע נערוון, אז אַנדעם היים, און ניט נאָר דאָס. שפּאצירט משה׳לע מיט דוד׳לען איבערן גאַס. משה׳לען האָט זיך פארקוקט אין א פענסטער מיט בלומען און דוד׳ל האָט צו דער צייט צוגעזען ווי אן אוטאָמאָביל האָט דער׳הרג׳עט א מענטשן... דוד׳ל האָט א פארלייגטן טיומאָר, וואָס וועט אפשר דערוואכן צו 40 יאָר: משה׳לע האָט זיך אָבער אמאָל שטארק דערשראָקן און דוד׳ל איז אמאָל באפאלן געוואָרן פון א הונט; איז אָבער דוד׳ל אמאָל ארונטערגעפאלן פון טיש, דערפאר האָט משה׳לע דורכגעמאכט א סך חולאת׳ן; משה׳לען האָט די מאמע ארויסגעוויזן מער ליבע א. א. וו. צוויי ברידער און . . . זאָלן מיר, הייסט עס, צושרייבן דעם אונטערשייד צווישן ברידער, שוועסטער נאָר דעם צופאַל פונם צונויפשטעל פון די כראָמאָזאמס, צי אפשר אויך דעם פאקט, וואָס יעדעם קינד טרעפט אן אנדער סביבה, אנדערע אומשטענדן אין שטוב, אן אנדער פּאָזיציע פאר זיך, און מאכט דורך אנדערע צופאלן. זאָגט מען דאָך, נעמט עס ניט אָן פאר א וויסנשאפט, (כאָטש פאראן אין דעם א שטיק אמת), אז דאָס ערשטע קינד איז תמיד קאָנסערוואַטיווער — ס׳וויל אז אלץ זאָל בלייבן נאָכן אלטן. דאָס צווייטע רעבעלירנדיקער, ס׳וויל צונעמען א סך פריווילעגיעס פון דער שוועסטער צי פון דעם ברודערל, דאָס קאָנסערוואַטיווע קינד קעמפט קעגן דעם נייעם רעוואָלוציאָנער. דאָס דריטע קינד איז געניאלער מחמת ס׳דאַרף אויסקעמפן אנערקענונג קעגן צוויי קאָנקורענטן.

ס. דזש. האָלמס ציטירט אין זיין "די טרענד אָף די רייז", קאַרל פאַרסאָנס א מיינונג, אז מיר ירשנ"ען אונזער עלטערנס טעמפּעראַמענט, באַוואוסטזיניקייט, געוויסנהאפטיקייט, שעמעוודיקייט, און ווילן פונקט ווי וואוקס און פאָרם. זאָגט אָבער העגרי דזשאַרדזש, אז "די ווירקונג פון ירו־

שה'שאפט קאן לחלוטין ניט פארגליכן ווערן מיט דער ווירקונג פון לעבן, מיט דער ווירקונג פון דער סביבה, וואס שמעלצט דאס מענטשלאכע אין דעם מענטשן, נאכהעם ווי ער קומט אויף דער עלטער". האלט וואטסאן, אז מיר ירשנען בכלל נאר פייאיקייט צו גיין, צו זינגן און מער כמעט גארניט, אז מיר קומען נאר מיט געפילן פון שרעק פאר טומל און פאר אראפפאלן. אלע אנדערע שטימונגען, האלט ער, זיינען נאר ענטפערס אויף געוויסע אנרעגונגען, אויסגעלערנט פון דערפארונג. האלט אבער גאלטאן, פארקערט, אז געוויסע מעלות און חסרונות "לויפן" אין פאמיליעס, אז דאס דאזיקע איז שוין פארלייגט אין דעם "זייגאט", אין דעם ערשטן קעמערל, וואס ווערט געשאפן פון דעם ערשטן צונויפגוס פונם מענלאכן און פונם ווייבלאכן געשלעכט קעמערל .די ירושה'שאפט אנהענגער באהויפטן, אז אינם "זייגאט" זיינען פארלייגט אלע ירושה'שאפט טענדענצן.

דאס קינד איז אין אויסערלאכן אויסזען בדרך כלל ענלאד צום טאטן, צי צו דער מאמען, צי צום זיידן. וואו ליגט דער סוד פון איבערגעבן פון עלטערן צו קינדער אויסערלאכע און אינערלאכע כאראקטער - שטריכן, וואו ליגט דער סוד פון ירושה'שאפט ? ניט שווער זיך אנצושטויסן, אז ערגעץ וואו אין דעם קערנדל פונם קעמערל, פון וועלכן ס'אנטשטייט דאס קינד, מוז ליגן דער דאזיקער כוח. ס'איז ניט שווער צו פארשטיין, פארוואס קאן אן איין קעמערל באשאפעניש (א באשעפעניש, וואס דער גאנצער קערפער זיינער באשטייט פון איין קעמערל, וואס איז אבער אזוי קאמפליצירט, אז עס פירט דורך אלע לעבנס פראצעסן פון דעם באשעפעניש. כאראקטעריסטיש איז די לעבעוודיקייט, רירעוודיקייט, באוועגעוודיקייט און אמת'ע פריידיקייט פון אט די גרויסע העלדן. פשוט מקנא צו זיין), ס'איז ניט שווער צו פארשטיין, אז אן איין־קעמערל באשעפעניש גיט איבער בירושה אלע אירע כאראקטער שטריכן איר קינד. אזוינע חיהלאך "געבוירן" קינדערלאך אויף אן אייגנארטיקן אויפן. דאס קינד, ערשט געבארן, למשל, צעוואקסט זיך ביז ס'דערגרייכט א געוויסער גרויס, ביז ס'ווערט א דערוואקסן חיה'לע. דעמאלסט טיילט זיך דאס איין־קעמערל חיה'לע אין דער מיטן. פון דער מאמען (אדער טאטן, ניטא ביי זיי קיין טאטע מאמע באזונדער) שאפן זיך צוויי טעכטערלאך, און אזוי ווידער פון דאס ביי. פארשטענדלאך, אז אזוינע טעכטער זיינען פונקט ווי די מאמעס. זיי ירשנ'ען אלץ פון זייערע עלטערן. זיי זיינען סוף־כל־סוף זייערע עלטערן אליין. זיי שטארבן קיינמאל ניט, זיי לעבן אייביק, סיידן אז אומגליק געשעט און זיי ווערן צעקוועטשט. פון דער אלטער מאמען ווערן צוויי טעכטערלאך. ס'ווערט גארניט פארלארן. פון די צוויי טעכטערלאך, ווען עס ווען קומען די צייט, ווען זיי וועלן ווערן עלטער, וועלן ווערן פיר טעכטערלאך א. א. וו. ס'איז ניט שווער צו פארשטיין דאס פראבלעם פון ירושה־שאפט ביי אזוינע באשעפענישן. אבער וואס פאר א כוח ליגט אין א סך־קעמערלאך באשעפענישן (מענטש, הונט, מויז, בהמה, פערד, פויגל, א. א. וו.), וואס פאר א כוח ליגט אין אן איי־קעמערל (ווייבלאך) און אין א

ספערמאטאזויד (מענלאך). אז, ווי זיין טרעפן זיך נאר אינם קערפער פון דער מוטער או אפילו אויסער דעם קערפער פון דער מוטער, ווי ביי געוויסע פישן, פרעש א. א. וו.), הייבן זיי גלייך אן דורכצומאכן געוויסע פראצעסן, ביז ס'ווערט געשאפן א באשעפעניש, וואס איז תמיד ענלאך צו דער מוטער, אדער צום פאטער. דאס נייע באשעפעניש טראגט שוין אין זיך, אמת, נאך ניט אנטוויקלטע, איי־קעמערלאך אדער ספערמאטאזוידם, וואס אקארשט זיינען זיי, טאטע־מאמע, אליין דאס געווען, און פון וועלכן ס'וועלן זיך שאפן קינדערלאך, וואס וועלן ווערן טאטעס און מאמעס. אונז אינטערעסירט ניט נאר וואו ס'ליגט דער כוח פון רעפראדוקציע, נאר הויפטזאכלאך, וואו ליגט דער סוד פון ענלאכקייט, פון פאר'יר'שונג ביי חיות און פלאנצן, וואס זייערע קערפערס באשטייען פון א סך קעמערלאך?

דער פראנצויזישער באטאניקער, באניער, האט צעטיילט א לעווונצאן (דענדעליין — אדואוואנטשיק), אויף צוויי טיילן. איין טייל האט ער פארפלאנצט אויף א בארג און דעם צווייטן טייל אין א טיפן טאל. ס'זיינען אויסגעוואקסן פארשיידענע לעוונצאנען, ניט זייער שטארק ענלאך, איין פלאנץ צום צווייטן.ביים איבערפלאנצן א טייל בלימעלע אויף א בארג, און פארקערט, האבן די בלימעלאך געביטן זייערע פארמעס . . . וואס ווייזט עס ? דאס ווייזט, אז סביבה, אומשטענדן האבן א שטארקע ווירקונג, פארענדערן אין א געוויסער מאס באשעפענישן און פלאנצן. האט מען, למשל, גענומען א רויט בלימעלע און א ווייס בלימעלע, פון איין און דעם זעלביקן מין בלימעלאך, און דורכגעפירט מיט זיי אזא מין עקספערימענט. דאס רויטע בלימעלע האט מען פארפלאנצט אין א הייסער הויז, האט עס ביי דער טעמפעראטור גענומען ארויסגעבן ווייסע בלימעלאך, ניט קיין רויטינקע, נאר דווקא ווייסינקע. דער קאליר, הייסט עס, האט זיך געביטן. האט מען די קערנדלאך פון אזא ווייס בלימעלע פארזייט אין א פלאץ, מיט א נארמאלער פארן בלימעלע טעמפעראטור. האבן צוריק גענומען וואקסן רויטע בלימעלאך. די בלימעלאך האבן צוריק געקראגן זייער נאטירלאכן קאליר. האט מען, הייסט עס, פארפלאנצט אזא רויט בלימעלע מיט א נייעם מין ווייסע בלימעלאך, וואס זייערע בלעטעלאך וואקסן ווייסינקע. אונטער אלע טעמפעראטורן, פארפלאנצט האט מען זיי אין הייסער טעמפעראטור. זיינען אלע בלימעלאך פון ביידע מינים געווען ווייסינקע. אמת, אלע בלימעלאך זיינען ווייסינקע, אבער אין קערנדל פון איין מין בלימעלע, איז פארלייגט א נייגונג ביי אומשטענדן צו וואקסן רויט, די נייגונג ניט זי איבער אירע קינדערלאך. זאלן מיר איבערפלאנצן די בלימעלאך אין געוויינלאכער טעמפעראטור, וועט איין מין אנהויבן וואקסן מיט רויטע בלעטעלאך, מחמת אין זיי אין פארלייגט די נייגונג. וואס לערנען אונז די דאזיקע עקספערימענטן ? די דאזיקע עקספערימענטן לערנען אונז, אז סביבה האט א גרויסע באדייטונג, אבער נאר א גרויסע באדייטונג, ניט מער און ניט וויניקער, אז ניט אין איר אליין, אין דער סביבה, ניט אין איר אליין, ליגט די סיבה פון דעם, וואס קינדערלאך (בלימעלאך, אינזעקטן, חיות, מענטשן) זיינען ענלאך צו עלטערן. טיף אין די בלימעלאך זיינען

פאַרלייגט פאַרשיידענע כוחות וואָס רופן זיך אָפּ, און ווערן איבערגעגעבן דעם נייעם דור. און וואו זאָלן מיר עס געפינען אויב שוין ניט פאַרלייגט אינם "זייגאָט", אינם ערשטן צונויפגעגאָסענעם קעמערל פונם מענלאַכן און ווייבלאַכן געשלעכט קעמערל.

דער נאַטור וויסנשאַפט פאָרשער, דער גלח מענדל, האָט באַוויזן, אַז ווען אַ ווייס בלימעלע און אַ רויט בלימעלע, פון איין און דעם זעלביקן מין, ווערן געפּאָרט, וועלן די קינדערלאַך בלימעלאַך זיין ניט רויט און ניט ווייס, נאָר ראָזעווע. אַ צווישן קאָליר, צווישן רויט און ווייס. ווען אַזוינע צוויי ראָזעווע בלימעלאַך — קינדערלאַך, פונם רויטן טאַטן און פון דער ווייסער מאַמען, ווערן געפּאָרט וועלן פון יעדע פיר קינדערלאַך בלימעלאַך געבאָרן ווערן צוויי ראָזעווע, איין ווייס בלימעלע און איין רויט בלימעלע. ווען די רויטינקע ווערן געפּאָרט מיט רויטינקע, קומען אַרויס אַלע בלימעלאַך־קינדערלאַך רויטינקע. ווען ווייסינקע ווערן געפּאָרט צווישן זיך, וועלן אַלע קינדערלאַך זיין ווייסינקע. ווען די ראָזעווע פון צווייטן דור ווערן געפּאָרט צווישן זיך, וועלן ווידער אַמאָל פון יעדע פיר קינדערלאַך־בלימעלאַך געבאָרן ווערן צוויי ראָזעווע, איין ווייס בלימעלע, און איין רויט בלימעלע. אַזוי געזעצמעסיק גייט עס פון דור צו דור. די דאָזיקע געזעצן זיינען אויך גענוי פאַר קאָלירן פון אויגן און האָר, פאַרן וואוקס, פאַר פלעקן אויפן הויט אַפילו, פאַר די קאַמען ביי די הענער א. א. וו. פונקט ווי עס זיינען פאַראַן שטאַרקע דאָמינירנדיקע גענען (כאַראַקטער שטריכן) זיינען אויך פאַראַן רעצעסיווע שוואַכערע, נאָכגעביקע גענען. געוויסע שטריכן ווערן אַזוי צו זאָגן דערשטיקט אָבער "זיי בלייבן". אַזוי קאָן מען אַמאָל ניט גענוי באַשטימען דעם קאָליר פון אויגן פון אַ מענטשן, עפּעס איז עס בלוי און ניט בלוי. מעגלאַך אַז די טונקעלע אויגן (דאָמינירנדיקער פאַקטאָר) פונם טאַטן דאָמינירן איבער דעם קאָליר פון דער מוטערס אויגן.

עס איז כמעט ווי זיכער, אַז די פאַר'ירש'ונג ווערט איבערגעגעבן דורך די איי־קעמערלאַך און ספּערמאַטאַזויד, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט. קיין צווייפל, אַז אויב ס'וועט נאָכאַמאָל ווען עס איז ניט אָפּגעלייקנט ווערן די גאַנצע טעאָריע פון ירושה'שאַפט, וועט באַשטעטיקט ווערן, אַז נאָר די דאָזיקע סעקס קעמערלאַך גיבן די עלטערן איבער די נייגונגען, די שטימונגען, דעם אויסזען זייערע קינדערלאַך. די פראַגע איז נאָר ווי ? וואָס פאַר אַ ראָל עס שפּילן, אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, די כראָמאָזאָמען, די צענטראָזאָמען אָדער גאָר אַנדערע פּעדימלאַך. וואָס מיר זעען זיי נאָך אפשר איצט ניט, אַפילו אונטערן מיקראָסקאָפּ.

פאַראַן פאַרשיידענע טעאָריעס, וואָס זוכן דערקלערן דעם פּראָצעס פון פאַר'ירש'ונג. שוין דעמאָקריטוס און שפּעטער דאַרווין, האָבן אַרויסגעבראַכט אַזאַ טעאָריע : בעת דער באַפרוכפּערונג, און בכלל בעת'ן וואוקס, גיט אָפּ יעדעם קעמערל פונם גאַנצן קערפּער אַ טייל פון זיך (דער גאַנצער

קערפּער פון יעדן באַשטעניש באַשטייט פון מיליאַנען קעמערלאַך. אַ קער־
פּער איז אַ קאָלאָניע פון קעמערלאַך. אַפילו בלוט באַשטייט נאָר פון קע־
מערלאַך). די דאָזיקע "מתנה'לאַך" שאַפן עס, לויט דער דאָזיקער טעאָריע
די סעקס קעמערלאַך. ווען דער צונויפגוס פון דעם מענלאַכן און ווייב־
לאַכן קעמערל געשעט, און דער זיינגאָט, דער עמבריאָ, דאָס ערשטע קעמערל,
הייבט אָן צו וואַקסן, וואַקסן זיך אין דער אמת'ן פאַנאַנדער די טיילכעלאַך.
די "מתנה'לאַך" וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די קעמערלאַך פונם גאַנצן
קערפּער. אַזוי צעוואַקסן זיך די "מתנה'לאַך" פון יעדן קעמערל. וואָס זיינען
געקומען פון דער האַנט, אָדער פון דער פוס, אין פּיסעלאַך אָדער הענטע־
לאַך. דאָס דאָזיקע וואָלט באַשטעטיקט אין אַ געוויסן זין די טעאָריע, אַז
אויך אין אַ סך, — קעמערלאַך באַשטעפענישן, ניט נאָר אין איין קעמערל
באַשטעפענישן, קומט פאָר אַ טיילן זיך "אויף העלפט". . . איך מוזט גע־
דענקען, מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם, אַז ירושה'שאַפט ביי די
איין־קעמערל באַשטעפענישן איז גרינג צו פאַרשטיין. פון דער מאַמען ווערן
צוויי טעכטערלאַך און פאַלגלאַך ירשנ'ענען זיי אַלץ פון דער מאַמען, זיי
קריגן נאָר צו שטימונגען און געפילן פון דער סביבה זייערער. דאָס אַלץ.
אויב מיר זאָלן אָננעמען דעמאָקריטוס און דאַרווינס טעאָריע וועגן דעם, אַז
יעדעס קעמערל פון אונזער גאַנצן קערפּער גיט עפּעס וואָס אָפּ פון זיך אינם
סעקס קעמערל און פון סעקס קעמערל צעוואַקסט זיך דאָך, ווי מיר ווייסן
שוין, דאָס נייע באַשטעפעניש, וואָלט עס געמיינט, אַז אויך אין אַ סך־קעמער־
לאַך באַשטעפענישן שטאַרבט דאָס באַשטעפעניש קיינמאָל ניט. זי גיט איבער
אירע שטריכן דעם צווייטן דור, מחמת אויך דאָ קומט פאָר אַ צעטיילונג.
יאָ, ווערט אָבער די דאָזיקע טעאָריע ניט פון אַלעמען אָנגענומען. דר. אויג־
גוסט ווייסמאַן, דענקט, אַז דער דזשערם־פּלאַזם (סעקס קעמערל שטאָף)
ווערט ניט אינגאַנצן אויסגענוצט צו שאַפן אַ נייע באַשטעפעניש. אַז אַ טייל
פונם דזשערם־פּלאַזם ווערט איבערגעגעבן דעם קינד, כדי עס זאָל זיך פאַ־
נאַנדערוואַקסן אַ נייער דזשערם־פּלאַזם, אַ ניי געשלעכט קעמערל, אַזוי, אַז
דער דאָזיקער טייל שטאַרבט קיינמאָל ניט און איז אַלט ווי דאָס לעבן
אַליין. די דאָזיקע מיינונג זיינע וואַרפט אַ ניי ליכט אויף דעם פּראָבלעם
פון פאַר'ירש'ונג. די דאָזיקע מיינונג זיינע ווייזט אונז דעם סוד, פאַרוואָס
קינדער זיינען אַזוי ענלאַך צו עלטערן. עס נעמט דאָך איבער א טייל
דזשערם־פּלאַזם, א טייל געשלעכט קעמערל פון זיין טאַטן, דורך זיין טאַטן
אָדער מאַמען פון די זיידעס און באָבעס, דורך די זיידעס און די באָבעס
פון עלטער זיידעס און עלטער באָבעס און צו "איינס געטיילט אויף 1024"
טיילכעלע פון 10טן דור צוריק. זאָלן מיר אָננעמען די דאָזיקע טעאָריע,
וועט עס מיינען, אַז אין מענטשן פון היינט איז פאַראַן אַביסל שטאָף אין
זיין אָדער איר געשלעכט קעמערל, וואָס איז געווען מיט צענדליקער טויי־
זנטער יאָר צוריק ביי זיין אָדער אירן אור־אור א. א. וו. טאַטע אָדער
מאַמע. ווען די דאָזיקע קומען חלילה . . . אַרויס פון קבר, וואָלטן מיר
משמעות ניט וועלן אָנערקענען זיי פאַר פריינט. ס'וואָלט אונז, משמעות,
ניט אָנגעשטאַנען דער יחוס . . . אָבער אַזוי שיינט עס צו זיין. מיר טראָגן
אין זיך עפּעס לעבעדיקס, וואָס האָט אין יענעם "פריינטל" געלעבט . . .

אז פיזישע אייגנארטיקייטן ווערן גע׳ירשנ׳ט קאנען מיר אפטמאל זעען מיט אונזערע אויגן. קינדער און אייניקלאך נעמען איבער אפטמאל אפילו א פינטעלע אויפן באק; די פראגע איז נאר צי מיר נעמען איבער גייסטיקע אייגנשאפט פון אונזערע עלטערן. דאס איז די פראגע.

פלארינסקי זאגט, אז "די מענטשלאכע טיפן זיינען פארענדערלאך און ניט באשטענדיק, זיי געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון קרייצונג, פון פארונג און אונטער דעם איינפלוס פון דער סביבה". מען האט דורכגעפירט עקספערימענטן איבער מייזעלאך. מען האט געפארט פארשטענדלאכע מייזעלאך, פייאיקע מייזעלאך, קלוגינקע מייזעלאך מיט פארשטענדלאכע, פייאיקע און קלוגע. די קינדערלאך־מייזעלאך האבן ארויסגעוויזן פייאיקייט און פארשטענדלאכקייט. זיי פלעגן אויסלערנען זאכן גרינגער, ווי אנדערע, זיי פלעגן פאלן אויף וואונדערבארע המצאות, כדי צו דערגרייכן שפייז. האט מען געפארט נארישע מייזעלאך, מייזעלאך מיט "גראבע קעפלאך", האבן די קינדערלאך גע׳ירשנ׳ט די "מיניסטערשע קעפ" פון זייערע עלטערן. ניט געווען מעגלאך ארייננצוקלאפן זיי אין קאפ אריין, דאס גריננסטע, דאס איינפאכסטע. אן אנדער עקספערימענט האט דורכגעפירט ספאלדינג. ער האט גענומען אקארשט געבארענע פייגעלאך און האט זיי פארשלאסן אין באזונדערע שטייגעלאך, ווייט פון הימל, ווייט פון פויגעלאך, ווען די צייט איז געקומען זיינען זיי געפלויגן. הייסט עס, אז גיין און פליען לערנט מען זיך ניט אויס דורך אימיטאציע. מען מאכט ניט נאך, הייסט עס, נאר מען ירשנ׳ט. נו, איז דאס דאזיקע א פיזישע ירושה. האט מען דורכגעפירט אזא מין עקספערימענט. מען האט גענומען זינג פייגעלאך גלייך ביים געבורט, און זיי אפגעזונדערט פון אלץ, וואס דארף זיי אויסלערנען זינגען. זיי האבן אבער דאך געזונגען. אמת, אנדערש געזונגען, ווי די עלטערן האבן געזונגען. דאס איז געווען אן אייגנארטיק געזאנג, אבער ענלאך צום געזאנג פון די עלטערן. ווייסן מיר פאלן פון בושמענער, געניאלע זינגער, ווייסן מיר א פאל פון א האלב אידיאטישן און פרימיטיוון מענטשן, וואס איז געווען א געניאלער מאטעמאטיקער. עפעס וואס האט דאך געמוזט זיין אין זיי פארלייגט, מחמת די סביבה האט זיי נארנישט ניט געקאנט געבן. ס׳אנטשטייט די פראגע, וואס ירשה׳נען מיר, ספעציפישע פייאיקייטן, אדער פייאיקייטן בכלל?

אווגוסט ווייסמאן דענקט, אז מיר ירשנ׳ען סתם פייאיקייטן (ניט נויגונגען, ניט דיספאזיציעס, דווקא צו מאטעמאטישקייט, דווקא צו מוזיקאלישקייט א. א. וו.) אז מיר ירשנ׳ען, הייס עס, סתם פייאיקייטן, וואס ביי געוויסע גינסטיקע אומשטענדן, בליען זיי זיך פאנאנדער, אויף דעם געביט, וואס די סביבה פלאנצט. מיר האבן פאעטן, וואס זיינען גאנץ פיינע מאלער; מיר האבן מוזיקער, וואס זיינען גאנץ גוטע מאטעמאטיקער. ס׳ווענדט זיך אפטמאל וועלכע ריכטונג אין קונסט האט געהאט א גינסטיקע סביבה, גינסטיקע אומשטענדן, וועלכע ריכטונג האט ניט באגעגנט אויפן

אנטוויקלונגס וועג קיין שטערונגען, אדער וועלכע שטערונגען האט מען געקאנט גרינג בייקומען. מיר האבן אין דער פאמיליע מענדלסאן א גרויסן מוזיקער און א גרויסן פילאזאף. צווישן א מוזיקער און א פאעט איז ניט אזא מהלך, ווי צווישן א מוזיקער און א פילאזאף. מיר האבן אין דער פאמיליע פייערבאך א גרויסן פילאזאף און א גרויסן ארטיסט. יא, סביבה קאן אויפוועקן, און קאן ריכטן די פייאיקייט אין דער אדער יענער ריכטונג. יא, די סביבה און די צייט. פאראן צייטן, ווען פילאזאפן "בליען", פאראן צייטן ווען מיר האבן א "הצלחה" אויף פאעטן און פארקערט, פאראן צייטן, ווען מוזעס שטומען און די היטלערס "זינגען". קוקט זיך נאר צו צו דער געשיכטע.

טאם ברענגט אונז אזא ביישפיל: סעם און פעטער זיינען א צווילינג. סעם איז תמיד פארנומען, אקטיוו, פאראינטערעסירט, אויפמערקזאם צו אלץ, פריינטלאך, לעבעדיק און טעמפעראמענטפול. פעטער איז אבער, פארקערט, שעמעוודיק, שטיל, האט האלט צו זיין אליין, אפגעזונדערט, און אפטמאל טרויעריק־פארטראכט! סעם האט פריינט, קריגט גרינג פריינט, איז באליבט, דערגרייכט זיין ציל. פעטער איז אנגעצויגן, ברויגעז, האט תמיד מיסדערפאלג. אמת, איין טאטע־מאמע, איין היים, איין און די זעלביקע סביבה. מעגלאך אפילו, אזביידע האבן גע'ירשנ'ט איין און די זעלביקע פייאיקייטן, אבער איינער האט משמעות צוגע'ירשנ'ט א געוויסע דאזע עקסטראווערטיזם (דר. יאנג). ס'מיינט די פייאיקייט גרינגער אויסצודריקן געפילן, זיין ניט פארשלאסן אין זיך. פעטער האט משמעות צוגע'ירשנ'ט א געוויסע דאזע "אינטראווערטיזם" (דר. יאנג), א נייגונג צו זיין אין זיך, צו דריקן אין זיך געדאנקען, און דאס דאזיקע מאכט זיי פאר פארשיידענע טיפן, דאס דאזיקע שאפט א לאגע, אז ביידע, וואס טראגן אין זיך אפשר איינע און די זעלביקע ירושה שטריכן, פארן זיך אין משך פון לעבן גייסטיק אזוי פאנאנדער, אז ס'איז ניט צו דערקענען, אז איין טאטע־מאמע האט זיי געהאט. אויך מעגלאך, אז איינער פון די קינדער האט ארייגעכאפט א "מציאה", א געוויסן שטריך פון אן עלטער זיידן, און דער שטריך איז אפשר א דאמינירנדיקער, א שטארקער, וואס גייט להיפוך, אלס "מציאה", אלע אנדערע שטריכן. מעגלאך אויך, אז איין ברודער האט איבערגעלעבט א שרעק, ער האט אים שוין לאנג פארגעסן, אבער די נשמה האט א שטארקערן זכרון, זי "פארשרייבט", און דאס דאזיקע פירט אוועק איין ברודער פונם צווייטן אזוי ווייט, אז ס'איז ניט צו דערקאנען, אז זיי האבן זיך דערצויגן אין איין היים, אז איין טאטע־מאמע האט זיי געהאט.

האב איך ערגעץ וואו געלייענט א לעגענדע פערסעאוס. הרג'עט דארטן א העלד, א מיידל, — א מכשפה דאכט זיך. ער לייגט דעם קאפ אירן אין זאק אריין און פליט אהיים. עס קאפען פונם זאק ארונטער טראפנס בלוט. אויפן בלוט וואס פאלט אויף דער ערד, וואקסן גלייך אוים שלאנ־

גען. און ניט נאר דאס. יעדער איינציקער, וואס דערזעט דעם טויטן קאפ, ווערט פארשטיינערט. א סביבה פון בלוט געבורט שלאנגען. הייסט עס: טויט, פארניכטונג "פארשטיינערט" מענטשן. די לעגענדע, האלט איך, סימבאליזירט די ווירקונג פון סביבה אויפן מענטשן. א סביבה פון בלוט און טויט "פארשטיינערט", "פארשלאנגט" דעם מענטשן, הייסט עס.

מען דערציילט פון אזא פאל: צוויי חברים האבן זיך אריינגעכאפט אין א גארטן "גנב'ענען" עפל. דער גערטנער האט די לעצטע צייט געהאט באמערקט, אז עמיצער כאפט זיך סיסטעמאטיש אריין אין זיין גארטן און טוט אים אן היזק. די צוויי בחורים'לאך זיינען ניט געווען די שטענדיקע "געסט" אויף וועלכע דער גערטנער האט ארויסגעקוקט. איינער פון די צוויי בחורים'לאך פאלט אריין. מען כאפט אים. ער ווערט פארשפארט אין תפיסה. דארטן זיצט ער מיט "גוטע לערער", וואס פארכאפן זיין פאנטאזיע מיט א לעבן פול מיט שטארקע איבערלעבונגען. ס'זיינען אוועק יארן און יארן. מען משפט א מערדער, מען פאר'משפט אים צום טויט. דער ריכטער וואס לייענט דעם פסק, קוקט זיך גוט צו צום פאר'משפט'ן און חלש'ט — ער האט דערקאנט זיין חבר . . . ווידער אמאל סיבבה!

איך האלט, אז דעם ענין ירושה'שאפט וואלטן מיר באדארפט אננעמען אזוי ווי דער ערד ארבעטער נעמט אן זריעה אין באדן. גוטע זריעה (ירושה) און גוטער באדן (סביבה) גיט ארויס גוטע גרינס, גוטע זריעה אין א שלעכטן באדן אדער שלעכטע זריעה אין א גוטן באדן גיט קיין גוטע גרינס ניט ארויס. שטייט א מוטער לעבן איר אומגליקלאכן מאן. דעם שיכור און ליידנשאפטלאכן קארטנשפילער, פארצווייפלט און צעבראכן. איר קאן די פסיכאלאגיע, מיט דער טעאריע, אז א שיכור, א ליידנשאפטלאכער קארטנשפילער איז א קרבן פון א נעווראז, איז א קראנקער, וואס פארגיסט, פארשפילט זיין ווייטיק אין הארצן, איר, דער אומגליקלאכער, קאן די פסיכאלאגיע מיט דער דאזיקער טעאריע ניט בארואיקן; זי זוכט הילף, זי פארגיט איר מאן, זי ווייסט, אז ער טרינקט און שפילט, ניט דערפאר חלילה, וואס ער איז א שלעכטער מענטש, זי ווייס, אז ער איז קראנק, און די קראנקהייט האט אנגענומען אזא פארמע, זי ווייס . . . "וואס שטייסטו אזוי פאריאמערט", שרייט ער, דער שיכור'ער, "איך שפיל, כ'שיכור, כ'ווייס, איך בין זיך דער גרעסטער שונא, אבער וואס ביסטו אזוי פארצווייפלט?" "יא", טראכט זיך די אומגליקלאכע פרוי, "אבער די שטימונג אין שטוב, וואס דו ברענגסט אריין, דיינע קללות, דיינע געשרייען, די רעד דיינע וועלן דאך אומגליקלאך מאכן די קינדער, דאס וועט דאך צעברעכן די צארטקייט פון זייערע אויערן, די איידלקייט פון זייערע הערצלאך". יא, די מוטער פארשטייט אז אין דער סביבה איז ניט אלץ, אבער זייער א סך! ניט יעדעס שטיינדעלע, וואס איר ווארפט אריין אין טייך, שאפט איין און די זעלביקע צאל רייפן. איז

א שטילער שטראָם אין טייך וועט דאָס קלענסטע שטיינדעלע שאַפן א סך רייפן און אויף א לענגערער צייט. איז דאָס וואַסער שטורמדיק, וועט אַפילו א גרויסער שטיין שאַפן די קלענסטע צאָל רייפלאַך און אויף א מינימום צייט. ס׳ליגט די סיבה ניט נאָר אינם שטיין (ירושה׳שאַפט). נאָר אויך אין דעם שטראָם (סביבה) ווי שטאַרק דער שטיין זאָל ניט זיין. שפּאַלטן אים, עגבערן אים דורך טראָפּנס וואַסער (סביבה). צוקער האָט טאַקע די טבע זיך אויפצולייזן נאָר אין וואַסער, אין אויל לייזט זיך קיין צוקער ניט אויף, אָבער א שטיקל צוקער אַקאַרשט אַרויסגענומען פון אויל איז אַנדערש, מחמת ס׳איז אַקאַרשט געווען אין אַן אויליקער סביבה . . .

אין די עקאָנאָמישע שריפטן פון איוואָ ווייזט ל. הערש, אַז אין פּוילן גילט דער אַלגעמיינער כּלל: אין די שטעט און שטעטלאַך איז די פאַרברעכערישקייט גרעסער איידער אין די דערפער. דער דאָזיקער כּלל איז אָבער ניט חול פאַרן פּוילישן אידנטום. 73% פון די 3 מיליאָנען אידן וואוינען אין די שטעט און שטעטלאַך וואָלט דאַך דער פּראָצענט פאַר־ברעכער ביי אידן געדאַרפט זיין ניט אין אַן ערך א גרעסערער. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ס׳איז פּונקט קאַפּויר: אויף יעדע הונדערט מענטשן איז ביי אידן ווינציקער ווי א העלפט פאַרברעכער איידער ביי ניט אידן. גיט צו דעם צו, אַז דאָס רוב פאַרברעכער אידישע זיינען פּאָליטישע און איר זעט דעם כּוח פון סביבה.

חולאת׳ן זיינען אָפטמאָל ניט אַזוי געפערלאַך ווי די רייצונגען. שאַפט אָפּ דאָס וואָס רייצט (גיט אַן אַנדער סביבה) און די וואונדן וועלן זיך גרינגער און גיכער פאַרהיילן. סביבה קאָן אויפוועקן און קאָן איינ־שלעפערן. וואָס איז שייך פייאיקייטן, ירשנ׳ט א קינד בכלל ניט קיין ספּע־ציעלע פייאיקייטן. א קינד ירשנ׳ט פייאיקייטן אויף א געוויסן געביט. די געביטן קאָנען זיין קונסט, פירערשאַפט, מאַטעמאַטיק א. א. וו. אין וואָס די דאָזיקע פייאיקייטן זאָלן זיך אַזוי צו זאָגן "אויסגיסן" ווענדט זיך אָן דער סביבה. און ניט נאָר דאָס, די סביבה דאַרף עפענען דעם רע־זערוואואַר פון פייאיקייט בכלל. איין סביבה וועקט, גראָבט אויף איין פיי־איקייט, א צווייטע אַן אַנדער פייאיקייט . . . און א דריטע סביבה איז אפשר אַזאַ וואָס זי טויבט בכלל ניט אויף די פייאיקייטן, א פערטע פאַר־שטויבט אָדער פאַרמינערט. א מאָלער שרייבט אָפטמאָל שיינע פּאָעזיע, שאַפט שיינע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס און איז נאָך א שטיקל סקולפּ־טאָר אויך. סביבה, אומשטענדן (מזל) האָבן אים געפירט צו מאָלעריי. אַזוי קאָן אין א מענטשן א געבוירענע פייאיקייט צו פירן מאַסן, מיטצו־רייסן, זיך "אויסגיסן" אויפן געביט פון באַנדיטיזם אָדער אויפן געביט פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ס׳האָט אַמאָל א רעדנער א זאָג געטאָן, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין דער זון פון א רויבער איידער פון א רב . . . די ענערגיע, די מוט, די שאַרפקייט פון געדאַנק פונם רויבער וואָלט ער סובלימירט ווען ער פאַלט אַריין אין א גוטער סביבה, בעת דעם רב׳ס

זון ירשנ׳ט אפט קרענקלאכע נערוועזיטעט, שוואכע קאנסטיטוציע, מינדערווערטיקייט, מחמת מורא פאר יעדן א. א. וו. די סביבה קאן דא א סך אויפטאן. יא, ירושה׳שאפט גיט מעגלאכקייטן — סביבה געלעגנהייטן . . .

ירשנ׳ט אבער א קינד א שטארקערן כאראקטער, א שטארקערן ווילן, האט אויף אזא קינד די סביבה א קלענערע ווירקונג. ירשנ׳ט עס א שוואכערן ווערט דאס גע׳ירשנ׳טע דערטרונקען אינם ים־שטורעם, וואס מיר רופן סביבה. יא, ס׳ווענדט זיך זייער אן דעם, ווי ס׳קינד ענטפערט אויף סטימולאנטן פון סביבה. חיות קאנען זיך שווערער צופאסן צו געענדערטע אומשטענדן און קלימאטן, מענטשן קאנען זיך צופאסן א סך גרינגער. נאך גרינגער (מיט אויסנאמען) קאן זיך צופאסן א קינד. ווייל ס׳איז געפילפול. אזוי קומט פאר אין אונזערע נשמות אן אייביקע דינגעניש, אייביקע קאנטראקטן — שרייבענישן צווישן די כוחות די גע׳ירשנ׳טע און די כוחות פון דער סביבה, — ס׳מוז געפונען ווערן א קאמפראמיס, אנדערש ברעכט אוים א מלחמה — א נעווראז, דער מענטש, דער "איך" זיינער אנטלויפט פון זיך. ווען שלום, ווען קאמפראמיס, ארבעטן ביידע פארן גליק און וואוילזיין. יא, ירושה׳שאפט גיט מעגלאכקייטן, סביבה געלעגנהייטן. אין יוליסעס זאגט טעניסאן א גוט ווארט: "איך בין א טייל פון אלץ וואס כ׳האב באגעגנט אין לעבן". פון יעדער זאך פון דער סביבה נעמט דער מענטש עפעס וואס. ווי איידל די קינדער פונם שיכור זאלן ניט זיין — האבן בלי שום ספק זיינע געשרייען דאך אפגעטעמפט געוויסע צארטקייטן אין זייערע נשמות. — מלך ראוויטש האט אין משך פון א לענגערער צייט געהאלטן אין באזוכן היימען פאר גייסטיקע קראנקע. דערציילט ער פון א קראנקן, וואס פלעגט ארומגיין און האלטן אין איין טענה׳ן, אז קיינער קאן אים ניט משפט׳ן. קיינער טאר אים ניט משפט׳ן, קיינער האט קיין רעכט ניט אים צו משפט׳ן, משפט׳ן מעג אים נאר א מוטער. "מיין מוטער האט מיך געהאט אן אומשולדיק־ריינעם, און אויב כ׳בין באגאנגען א פארברעכן, בין איך ניט שולדיק, נאר די וועלט (סביבה) איז שולדיק, איז זאלן די מוטערס משפט׳ן די וועלט (די סביבה), וואס וועקט אויף אין זייערע אומשולדיקע נשמות שלעכטס און פארשטויבט אפטמאל דאס גוטע, דאס הערלאך גרויסע. יא, ירושה׳שאפט גיט מעגלאכקייטן, סביבה געלעגנהייטן.

פוילקייט

די סיבה פון פוילקייט אין קינד, למשל, ליגט אמאל אין קראנקע ציינער, אין שוואכע אויגן, אין מאנדלען, אין אדענוידס, אין א כראנישן הארטן מאגן. ס׳איז תמיד פאראן א פיזישע סיבה, וואס מאכט דעם קינד פויל. אמת, ניט אלעמאל איז גרינג אויסצוגעפונען די דאזיקע סיבה. פראפ. דזש. וואלים, פון סט. לואיס, ברענגט אזא פאל: ביי 21 קינדער פון

קליוולאנדער פאלק שול (פאבליק סקול), וואס זיינען געווען שטארק אפ־געשטאנען אין די לימודים, האט מען אויסגעפונען, אז די צרה פון זייער "פוילקייט" איז געלעגן אין זייערע קראנקע און פארנאכלעסיקטע ציי־נער. איידער מען האט זיך גענומען זיי צו היילן, בעת׳ן היילן און בעת׳ן געזונט ווערן, האט מען דורכגעפירט איבער זיי פסיכאלאגישע אונטערזו־כונגען. פארגלייכנדיק די רעזולטאטן, האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער זכרון זייערער איז, ביים געזונט ווערן, שטארקער געווארן אויף 19 פראָ־צענט, זייער אויפמערקזאם־פייאיקייט — אויף 60 פראצענט, זייער פע־איקייט אויפצונעמען אריפמעטיק אויף 25 פראצענט, זייער פייאיקייט צו אסאציאירן ווערטער, וואס האבן א קעגנגעזעצטע מיינונג, אויף 129 פראָ־צענט. אלע, חוץ איין קינד, האבן זיך אנגעהויבן א סך בעסער צו לערנען. דאס איינציקע קינד אויף וועלכן די קוראציע האט קיין ווירקונג ניט גע־האט, האט ווארשיינלאך געהאט נאך א קראנקהייט. וואס מען האט משמעות ערשט געראפט אויסגעפינען, האט, הייסט עס, געהאט נאך א קראנקהייט, וואס האט מיד געמאכט ס׳קינד און אויף אזא אופן פויל. 6 קינדער האבן דורכגעמאכט 38 וואכן שול ארבעט אין 24 וואכן, איין קינד האט דורכגעמאכט צוויי יאר שול ארבעט אין איין יאר, אלע אנדערע האבן אנגעהויבן זיך צו לערנען זייער גוט. די ציינער פלעגן זיי מיד, און קראנק, און נערוועז, און פויל מאכן. ס׳איז קיין וואונדער ניט. די בלוטן פלעגן פול זיין מיט סם, מיט מאטעריע פון די שלעכטע ציינער.

און סם אין די בלוטן פארשווערט די בלוט צירקולאציע, די שפייז פארדייאונג און מאכט לכן מיד און פויל ס׳קינד, עדינגטאן ברום ברענגט פאלן מיט קינדער, וואו די סיבה פון זייער פוילקייט און אפגעשטאנענ־קייט איז געלעגן אין די אויגן. אזוינע קינדער זיינען תמיד לעבעדיק, פריילאך, קלוג, שפילן זיך אויפן גאס אקטיוו, אבער אומעטיק, מיד און פויל זיינען זיי נאר אין סקול, וואו מען דארף אנשטרענגען די אויגן. פא־ראן פאלן, וואו קינדער צעוויינען זיך, אדער ס׳ציט זיי שטארק צום שלאף, בעת מען רופט זיי אוים לייענען. זיי ווייסן נעבאך אליין ניט פארוואס ס׳ווייגט זיך זיי; זיי האבן שוין א פארגעפיל, אז זיי וועלן באלד טויט־מיד ווערן. געגוג צו דערמאנען, אז טשארלס דארווין, הענריך היינע, וואודס־ווארט, דזשיימס ראסל לאוועל, סעמועל דזשאנסאן, באלזאק זיינען אין זייער קינדהייט געווען זייער פוילע קינדער. זיי האבן אפשר אריבערגע־וואקסן די פיזישע סיבה פון זייער פוילקייט, אדער זיי האבן זיך אפשר צוגעפאסט צו אן ארבעט, וואס האט זיי מער ניט מיד געמאכט.

דזשאנעט לערנט, אז ס׳איז פאראן אן אמת׳ע דירעקטע שייכות צווישן מידקייט און נערוועזיטעט. מידקייט און נערוועזיטעט פירן צו פוילקייט. פאראן א גאר נאענטע ענלאכקייט, האלט ער, צווישן אונזער שטימונג ביי שטארקער מידקייט און דער שטימונג ביי א נערוועזן צוזאַ־מענבררוך. דר. קלייטמאן, פון שיקאגא, האט דורכגעפירט אזא מין עקס־

פערימענט. ער האט געבעטן איניקע סטודענטן אין משך פון אייניקע טעג צו טאן שווערע ארבעטן, אבער די נעכט ניט צו שלאפן. שוין אויפן צווייטן טאג האט ער באמערקט אין זיי סימפטאמען פון אבנארמאלקייט. מאלט דר. י. נ. שטיינבערג אין זיין "דער וועג פון פיין" אזא מין עפיזאד: "עמיץ האט איינמאל ניט דרייסט אנגעקלאפט אין מיין טיר. ס'איז

אריין אן ארים־געקליידעטער זקן און האט מיר דערציילט א פשוט'ע געשיכטע. זיין ניינצן יאריקער זון איז אויפן פראנט באשולדיקט געווארן אין פארבינדונגען מיטן שונא און איז פאר'משפט געווארן צו תפיסה. אים, דעם פאטער, האט מען וועגן דעם גארניט מודיע געווען. ערשט אין א צייט ארום האט ער זיך דורכן דאקטאר פון א משוגעים־אנשטאלט דערוואוסט, אז זיין זון האט זיך נאך דער פאר'משפט'ונג ארויסגעוויזן פאר קראנק, און געפינט זיך אין א תפיסה שפיטאל. דער אלטער האט זיך פאר זיינע לעצטע פאר גראשן געלאזט אין וועג אריין. אונטערוועגס האט ער געטראכט און איז געקומען אויפן געדאנק: אויב מיין זון איז איצט משוגע, איז דאך מעגלאך, אז ער איז פון תמיד אן קראנק געווען. מיט דער דאזיקער פראגע איז ער געקומען צו מיר. אבער דאס איז ניט וויכטיק. דערנאך האט ער מיך געבעטן, איך זאל אים באגלייטן צו זיין זון. מיר זיינען אוועקגעפארן צו אים. — ווען מען האט דעם זון ארויסגעפירט צום פאטער, האט זיך דער בחור לאנג ארומגעקוקט — ערגעץ ארויסגעבליקט דורכן פענסטער. דער אלטער איז געווען אויסער זיך — פארשטיינערט פון ווייטיק. מען האט זיי אוועקגעזעצט ביי א טיש, און אז אויפהער האבן זיי זיך ביידע אנגעקוקט, ניט פארשטייענדיק לחלוטין גארניט. ביי דער זייט איז געשטאנען די קראנקען שוועסטער, איבער זיי האט ערגעץ וואו געשטשירעט זיין גיהנום'דיק מויל דער טייוול. ביידע זיינען זיי געווען ווי קליינע, נישטיקע קרישקעלאך אין מויל פון דעם דאזיקן קריג.

איך האב אפגעקערט מיין פנים. כ'האב ניט געקאנט אויסהאלטן דעם צער פון דעם דאזיקן שטומען בליק. א גאנצע אייביקייט איז, דוכט זיך, פארביי; און פלוצלונג האב איך געהערט א שארפן געשריי. כ'האב זיך אומגעדרייט און דערזען, ווי א לאווע פון פייערדיקע ביטערע טרערן האט זיך א גאס געטאן פונם זונס אויגן. דער אלטער איז זיך פארגאנגען, ער האט זיך איינגעקראמפט אינם זונס הענט און בלויז געקאנט הילפלאז שעפטשען 'די מאמע לאזט דיך גריסן! די מאמע לאזט דיך גריסן!' " טראגיש, ניט אמת? די טראגעדיע איז זיכער געקומען פון איבערמידקייט, פון אנגעשטרענגטקייט, פון מלחמה . . . יעדער מענטש האט נאר זיין מאס כוח, איינער ווערט פריער א צווייטער שפעטער מיד, אבער אלע ווערן מיד.

אזוי פארשיידן איז אויך די מידקייט אביעקטן. איינעם מאכט מיד איין זאך, א צווייטן א צווייטע זאך. אמת ניט אלע קינדער גייען אזוי ווייט פון איבער־מידקייט, אבער שרייט ניט אויף זיי "ביסט משוגע", זיי זיינען טאקע אפטמאל אפשר אביסל ניט נארמאל פון אנשטרענגונג. פינא, פידל, היים־ארבעט פון דער שול, און היים ארבעט פון טאג־שול, צוהעלפן אין שטוב — איז אן אמת שווערע הארעוואניע, פונקט אזוי און אפשר שווע־

רער פאר דער הארעוואניע פונם טאטן און דער מאמען צוזאמען. ניט צו דעם צו א שלאפלאזע נאכט, צוליב א וועלכער עס איז סיבה און . . . דאס קינד האט רעכט צו זיין אביסעלע משוגע. גיסן אבער מאמעס און טאטעס אויל אויפן פייער ! יא, שוין אויפן צווייטן טאג האט דער דאקטאר, וואס האט דורכגעפירט דעם עקספערימענט מיט די סטודענטן באמערקט ביי זיי סימפטאמען פון אבנארמאלקייט. אויפן פערטן טאג האבן די דאזיקע געזונטע סטודענטן, טויט מידע פון א רייע שלאפלאזע נעכט, ארויסגעוויזן אמת'ע סימפטאמען פון ניט נארמאלקייט אין זייערע שריפטלאכע אר־בעטן, וואס איז זיי געגעבן געווארן אלס פראבע סעאנס. געוועז זיינען עס סטודענטן, וואס פלעגן זיך תמיד פריער אויסצייכענען אין זייערע אר־בעטן. נו, שטעלט זיך פאר ווי מיד, פארמאטערט א קינד קאן זיין אין אוונט, פארנאכט, און אפילו אינדערפרי, נאך א שלעכט געשלאפענער נאכט ? שרייען מאמעס אז דאס קינד איז פויל און שטראפן עס. זיי פאר־שארפן מיט דעם די צערייצטקייט, די מידקייט און אין רעזולטאט איז ס'קינד פויל. פארקערט, מיטגעפיל און פארשטענדעניש קאן א סך העלפן. יא, אפילו א חלום פארמאטערט א קינד, מאכט מיד א קינד, ווען עס ווייס אפילו, אז עס איז נאר א חלום געווען, ס'פילט פשוט פארמאטערט פון דער "אקטיוויטעט" אין חלום, מחמת ס'האט אין חלום שווער געארבעט, געשלעפט שטיינער, געקראכן אויף א בארג, צי גאר געבויט א הויז. אין דעם זיינען זיי ענלאך צו אלע פרימיטיווע פעלקער, ספעציעל צו די אינ־דיאנער אין אמעריקע. אן אינדיאנער קאן אמאל אינדערפרי בלייבן אין בעט, ניט אויפשטיין מחמת "ער איז פארמאטערט", ער האט זיך אין חלום לאנג געיאגט נאך א חיה, דער חלום האט אים פארמאטערט. איז אויב דאס קינד קאן מיד ווערן פון א חלום אין וועלכן עס האט שווער גע־ארבעט, ווי מיד קאן א קינד ווערן פון אזוינע חלומות, וואס צערייסן אים ?

יא, ווען דאס קינד איז פארמאטערט, ווען דאס קינד איז מיד, ווען עס איז אין א שווערער שטימונג, ווען עס איז צערייצט איז עס נערוועז. און קאן סיסטעמאטיש ניט טאן קיין שום ארבעט. מאמעס און טאטעס, וואס פארשטייען דאס דאזיקע ניט, אדער וואס ווילן פון דעם ניט וויסן, פארשאפן זיך און דעם קינד אומזיסטע צרות. מעג דאס קינד ווי צוגע־וואוינט זיין צו א געוויסן ענין, מעג דאס קינד ווי גוט קענען א זאך, ווען עס, ווען עס איז פארמאטערט, ווען עס איז מיד, ווען עס איז אין א שווע־רער שטימונג, פארגעסן און ניט קאנען. שרייט א טאטע, "גוואלד, כ'ווארף מיין געלט אין בלאטע. ס' גייט שוין אין שול 3 חדשים און קאן ניט אי־בערלייענען א בריוו פון דער באבען". . . ווי קאנען מיר פארשטיין א פא־טער, וואס פלוצלונג האט זיך אין אים צעשפילט די ליבע צום קינד, וואס פלוצלונג האט דערוואכט אין אים פאראינטערעסירטקייט אינם קינדס לי־מודים. פלוצלונג און דווקא דעמאלסט, ווען דאס קינד האט אפגעטאן א שפיצל, פלוצלונג און דווקא דעמאלסט, ווען דאס קינד האט שוין געבונג געקראגן ? ווען עס איז אין א שווערער שטימונג, און לכן מיד. מישט אזא

פאַטער אויף פאַרן "צעבראַכענעם", פאַרן "צעשראַקענעם", האַלב פאַר־שלאָפענעם, טויט מידן יאַנקעלען, וואָס איז מיד פון סקול, פון שול, פון פידל, פון חברים, און שרייט "לייען, לייען, פויער!.." וועלכער טאַטע וויל עס פאַרשטיין, אַז דווקא איצט, אין אַזאַ שטימונג, וועט דאָס קינד ביים בעסטן ווילן און בעסטן קאָנען, מוזן לייענען שלעכט, מחמת ס'איז טויט מיד אָנצושטרענגען זיך. פון דער שטימונג, פון די צרות. "אין אַ צושטאַנד פון איבערמידונג, פון אַרויפגעצוואונגענער האַלטונג, אָדער פון אונטערדריקטער שטימונג, ווערן ביים קינד פאַרשוואונדן געוואוינהייטס־פּראָצעסן. אין אַזאַ צושטאַנד לייענט דאָס קינד אַ סך ערגער, לאַנגזאַ־מער, איינטאָניקער מיט אַ פאַלשער אָדער גאָר אָן אָן אינטאָנאַציע, עס היפּט איבער אותיות, ווערטער, שורות, עס פּלאָנטערט זיך א. א. וו." (פּראָפ. שניאורסאָן). ניין, קינדער ווערן ניט געבאָרן פויל. קוקט זיך צו צו זייער אַקטיוויטעט. זיי זיינען דאָך פול מיט ענערגיע, פול מיט אונ־טערנעמונגס גייסט. זיי האָבן דאָך אַזויפיל געדולד און אויסדויער, זיי האָבן דאָך אַזוי ליב צו אַרבעטן, זיי ברענען דאָך אַזש. אָבער, אַז ס'הייבן זיך שפּעטער אָן צו ווייזן סימנים פון פוילקייט, איז ניט דאָס קינד אין דעם שולדיק, נאָר די קראַנקהייט, אָדער די שטימונג, אָדער אַ פאַרלייג־טע אין דעם אומבאַוואוסטזיין, אָדער אַ גע'ירשנ'טע סיטואַציע, וואָס מאַכט דעם קינד מיד. ניט פויל איז דאָס קינד, נאָר קראַנק אָדער מיד. און מאַ־מעס ? מאַמעס פאַרשטייען דאָס ניט און שלאָגן דאָס קינד, און פּאַטשן.

פאַראַן מענטשן וואָס דענקען אַז פוילקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ שוואַכער ווילנסקראַפט. קוקט זיך אָבער צו ווי גאַרניט פויל, און פול מיט ווילנסקראַפט זיינען אַט די "פוילע" ביים שפּילן זיך אויפן גאַס. אָבער אויב אַפילו אַזוי, איז שוואַכע ווילנסקראַפט אַ סיבה פון פיזישער און פּסיכישער אָפּגעשוואַכטקייט, איז דאָך דאָס ווידער אַמאָל קיין שלעכ־טע געוואוינהייט ניט און זיכער קיין פאַרברעכן ניט, קיין עקשנות ניט.

איז אייער קינד פויל, זוכט די פוילקייט אין אַ קראַנקהייט, אין אַ שטערונג, אין שוועריקייטן, אין קאָנפליקטן, פאַר וועלכע דאָס קינד איז גאָרניט שולדיק. פּראָפ. סוויפט ברענגט אונז אַזוינע פאַלן : א) אַ מיידל, 14 יאָר אַלט. מען האָט איר אויסגעשניטן די אַדענוידס, האָט זי אַ וואַקס געטאָן אויף דריי אינטשעס, אין משך פון 6 חדשים. אַ חוץ דעם האָט זי זיך גענומען גוט לערנען, זי איז געוואָרן לעבעדיק און פריילאַך, און עס איז פאַרשוואונדן אין איר יעדע שפּור פון פוילקייט און מידקייט; ב) אַ מיידל, 11 אָר אַלט, האָט אַ וואַקס געטאָן אויף זעקס אינטשעס אין פיר חדשים און האָט זיך אינגאַנצן געביטן. זי איז געוואָרן אַקטיוו, און אַר־בעטסזאַם, בעת פריער איז זי געווען שרעקלאַך פויל: ג) אַ אינגל, 12 יאָר אַלט, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען, האָט זיך געביטן גאָר אין אַ קורצער צייט, פיזיש און גייסטיק, נאָך אַן אָפּעראַציע. נו ? זיינען דאָס געווען שלעכטע אָדער פוילע קינדער ? ניין, די אַדענוידס האָבן זיי גע־

שטערט פריי צו אָטעמען און פאַרקלענערט דעם סכום זויער שטאָף, וואָס האָט געדאַרפט צוקומען צו די לונגען, פון דעם די פאַרמאַטערטקייט, די מידקייט, די אַפּאַטישקייט, און אין רעזולטאַט, פוילקייט. מ. וו. אַ—שי זאָגט, אַז "אַ פויל קינד איז אַ קרבן פון אַ פיזישן חסרון, פון אַ פאַרבאָרגענער קראַנקהייט, צי פון אַ שטאַרקער טענדענץ צו לעבן אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע", אַז "אויב דער טאַיראָיד דריז, למשל, איז צו שטאַרק אַקטיוו. און ווערט ניט קאָנטראָלירט דורך דער אַקטיוויטעט פון אַנדערע דריזן, ווערט אַ קינד אומרואיק, אויפגערייצט און נערוועז". "פאַרקערט, ווען דער טאַיראָיד דריז אַרבעט צו שוואַך, איז דאָס קינד פויל, פלעגמאַטיש און איז אַ צייט פאַרטרייבער". גערעכט איז דר. האַמאַקער וואָס זאָגט "אַז 'שלעכטע' קינדער וואָס עלטערן און לערער קלאַסיפיצירן זיי אונטער פאַרדאַרבענע, און ניט ערלאַכע, פוילע, זיינען אין דער אמת'ן קינדער, וואָס האָבן אַ שוואַכע אויפנאַמס פייאיקייט, וואָס רעוואָלטירן, וואָס ברעכן און שטעכן, מחמת זיי זיינען קראַנק, כאָטש ס'איז שווער און אָפטמאָל ניט מעגלאַך צו געפינען די דאָזיקע קראַנקהייט. די דאָזיקע פוילקייט, פלעגמאַטישקייט, שוואַכע אויפנאַמס פייאיקייט, דאָס דאָזיקע רעוואָלטירן, ברעכן, שטעכן, וואַרפן זיך, שליידערן זיך, איז אַ סיגנאַל אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט.

פאַראַן אָבער מאַמעס, וואָס שרייען אויף זייערע קינדער, אַז זיי זיינען פויל, בעת אין דער אמת'ן אַרבעטן זיי אפשר מער פאַר טאַטעמאַמען. פאַראַן קינדער וואָס גייען אין סקול, אין שול, נעמען פיאַנאָ שטונדן, געהערן צו אַ קלוב, העלפן אין שטוב, וואַשן, גייען אַ גאַנג און . . . דאָך שרייט די מאַמע אַז ס'קינד איז פויל. פאַראַן מאַמעס, וואָס פאַר 12 אַזייגער ביינאַכט, גייען ביי זיי די קינדער ניט שלאָפן, און שפּעטער האָבן זיי טענות צום קינד, וואָס ס'איז פויל . . . פאַראַן מאַמעס, וואָס, ווי זיי עפענען נאָר די אויגן, האַלטן זיי אין איין שרייען, איז איין קאָמאַנדעווען, האַלטן זיי אין איין דערגיין די יאָרן. קינדער ווערן מיד פון אַזאַ שטימונג און פויל. פאַראַן טאַטעס וואָס האַלטן אין איין מוסר'ן, וואָס מאַכט מיד דעם קינד. פאַראַן קינדער וואָס זיינען געצוואונגען צו זיין גוט, דאָס קומט זיי זייער שווער אָן, דאָס מאַכט זיי, ווידער אַמאָל מיד, און פון דעם פויל.

אַז אַ קינד איז נאַכלעסיק, און אָפּגעלאָזן, זאָגן מיר, אַז עס איז פויל. אַז אַ קינד איז אָפּגעשטאַנען אין לימודים, זאָגן מיר, אַז עס איז דעפעקטיוו, ניט אויפנאַמס פייאיק; אַז אַ קינד זאָגט ליגן, זאָגן מיר, אַז עס איז אומערלאַך און פאַרדאַרבן; אַז אַ קינד האָט ניט קיין שיינע מאַניערן, זאָג מיר אַז עס איז וואולגאַר; אַז אַ קינד פאָלגט ניט, רעוואָלטירט קעגן דער אויטאָריטעט פון פאָטער, אָדער מוטער, אָדער לערער, זאָגן מיר. אַז עס איז אַ נעמיין קינד; אַזאַ באַציאונג צום קינד איז אַ פאַלשע באַציאונג. מיר דאַרפן תמיד זען צו געפינען די אמת'ע, די טיפע און ניט די אויבנאויפיקע סיבה פון אַזוינע האַנדלונגען, פון אַזוינע שטימונגען, פון

אזוינע נייגונגען אין קינד. אפשר ווערט דאס קינד ניט גענוג נאַרהאַפּט געשפּייזט; אפשר קריגט דאָס קינד ניט קיין פּאַסיקע פּאַרן קינד שפּייז; אפשר רוּיכערט עס אַריין סמ'ען: אפשר שלאָפט עס צו ווייניק: שרייבט דר. ש. שטענדיג : "דאָס קינד אַרבעט ניט, פאַרשטייט זיך, אַזוי, ווי עס אַרבעט א פיזישער אָדער גייסטיקער אַרבעטער, ביי וועלכע עס שעפּט זיך אוים די קראַפט פון נערוון און מוסקולן. אָבער דאָס קינד איז אוּמ־געהויער באַוועגלאַך : עס לויפט, שפּרינגט, וויגט זיך, טראָגט זאַכן פון אָרט צו אָרט, שלעפּט אויף זיך גרויסע און קליינע, שווערע און לייכטע קעגנשטאַנדן, מיט איין וואָרט — עס אַרבעט אָן אויפהער, ביז וואַנען עס פאַלט 'ניט אַריין אין א צושטאַנד פון דערמידונג און אויסשעפּונג, איינ־שלאָפנדיק אויפן אָרט. איך האָב ניט איינמאָל באַאָבאַכטעט ביי מיינע קינדער, ווי זיי פלעגן איינשלאָפן נאָך אַזא אַרבעט אויף דער פּאָדלאָגע, נעבן א באַרג מיט שפּילצייג, אין אַן איינגעבויגענער פּאָזיציע, מיטן קאָפּ אויף די קני. פיזיאָלאָגיש אַנטשטייען בעת דער אַרבעט אין די אַרבעטנדע אָרגאַנען פּראָדוקטן פון שטאָף־ווּעקסל, וועלכע האָבן פאַרגיפטנדע, טאָק־סינישע אייגנשאַפטן, וועלכע ניט נאָר וואָס זיי שעדיקן די איברים וואָס אַרבעטן, נאָר זיי דרינגען אַריין אויך אין די בלוט־צירקולאַציע און פאַר־סמ'ען דעם גאַנצן אָרגאַניזם. פיזיאָלאָגיש דערקלערט זיך די דאָזיקע דער־שיינונג אויף דעם פאָלגנדיקן אופן. די טאָקסינישע סובסטאַנצן וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אין אָרגאַניזם און אַרויסגערופן די דערמידונג, ווערן בעת'ן אָפּרו און נאָכמער בעת'ן שלאָף דערוּוייטערט פון אָרגאַניזם. טיילווייז ווערן זיי דערוּוייטערט אין דרויסן, טיילווייז ווערן זיי פאַרברענט דורכן צוטריט פון זויערשטאָף. די אַנוועזנהייט פון טאָקסינישע סובסטאַנצן רופט אַלזאָ אַרויס די דערמידונג, דער מאַנגל פון זויערשטאָף — די אויס־שעפּונג. דער שלאָף רעסטאַוּרירט דעם 'אָרגאַניזם אין ביידע פאַלן, און דעריבער איז אַזוי וויכטיק, אַז קינדער זאָלן האָבן די מעגלאַכקייט צו גע־ניסן פון רו־שלאָף, וועלכער איז איבעריקנס 'אויך אַן אַנטוויקלונגס באַדער־פעניש פון קינדס אָרגאַניזם".

איז אייער קינד פויל ? קוקט זיך צו, אפשר האָט עס ביים שלאָפן צו ווייניק לופט; אפשר 'טוט עס אַן אַרבעט, וואָס איז צו שווער, צו לאַנג־ווייליק ,צו דערווידער דעם קינד: אפשר ווערט עס פאַרמאַטערט, מחמת עס דאַרף זיך צו שווער אָנשטרענגען פון אַן אַרבעט, אין וועלכער עס איז נאָרניט פאַראינטערעסירט; אפשר ווערט עס צעטומלט פון צופיל פליכטן אין משך פון טאָג, אַזא לאַגע 'קאָן פּשוט פאַראַליזירן דעם מאַרך ביים קינד: אפשר האָט איר צו פרי געשיקט ס'קינד אין סקול — צו 6 יאָר. אפשר שטערן דעם קינד 'געפילן פון שרעק, פון דערשלאָגנקייט, פון מינדערווער־טיקייט, און אפשר נאָר פון האַלטן זיך צו גרויס, צו וויכטיק פאַר געוויסע אַרבעטן און טעטיקייטן, וואָס עס איז געצוואונגען צו 'טאָן; אפשר האָט עס צופיל זאָרגן, פאַרדרוסן, אַנטוישונגען און צרות. אפשר האָט איר צו 2 יאָר אַלט, צי צו 3 'יאָר אַלט, גענומען שטאָפּן אינם קינד דעקלאַמאַציעס,

איז עס נאך פון דעמאָלסט מיד. צווישן צענדליקער און צענדליקער סיבות דאַרפט איר זוכן, און איר וועט געפינען די אמת'ע סיבה. נאָר א מאך טאָן מיטן האַנט, נאָר א זאָג טאָן ס'איז פויל, איז דער גרעסטער פאַרברעכן: דער בלוטיקסטער און שוידערלאַכסטער, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן קינד.

א קינד קען נים פאַרשטיין קיין ציל. א קינד האָט ליב נאָר דעם פּראָצעס פון א וועלכער עס איז אַרבעט. וויפל קינדער ליידן, און וויפל ווערן מיד. און, פאַרשטייט זיך, פויל פון דעם, וואָס זיי דאַרפן תמיד טאָן זאַכן, וואָס "דיר וועט עס צונוץ קומען, ווען דו וועסט עלטער ווערן". וואָס זיי מוזן טאָן זאַכן, מחמת מיר לעבן אין א געזעלשאַפט, וואו קינדהייט איז נים קיין נאַטירלאַכער פּעריאָד אין מענטשנס לעבן, וואו קינדהייט איז נים קיין פּעריאָד מיט זיינע פריידן, מיט זיינע אינטערעסן, מיט זיין גליק, נאָר א צייט ווען מען דאַרף זיך גרייטן פאַר א וועלכן עס איז ציל אין לעבן. דאָס איז קעגן דער נאַטור פון א פייגעלע, פון א פליגעלע, פון קעלבעלאַך, און קעגן דער נאַטור פון אונזערע "קעלבעלאַך". וואָס זאָרגלאָזיקייט וואָלט פאַר זיי געווען דער זוניקסטער און דער וואַרימסטער ווינטאָמין. די דערציאונג פאַכעט טאָג־איין טאָג־אויס פאַר די אויגן פונם קינד דעם ציל, בעת דאָס וואָלט באַדאַרפט זיין אונזער זאַך. דעם קינד אבער האָבן מיר געדאַרפט נאָר זיס מאַכן דעם פּראָצעס. ווי מיד ווערט א קינד, ווען עס דאַרף אונטערדריקן אין זיך דעם נאַטירלאַכן דראַנג אין דעם קינד פאַר ספּאָנטאַנער אַקטיוויטעט. א קינד פאַלט פּלוצלונג אַריין אין אַזא שטימונג, אַז עס שפּרינגט, טאַנצט, עס קוליעט זיך, עס מאַכט העוויות א. א. וו. מאַמעס קאָנען דאָס נים פאַרטראָגן. "וואָס ביסטו משוגע געוואָרן, וואָס?" בעת פאַרן קינד איז דאָס דאָזיקע א נאַטירלאַך אויסלאָדן זיין ענערגיע. ווי מיד ווערט דאָס קינד, און פון דעם פויל, אַז עס מוז זיין ערנסט, עס מוז זיין שטיל, עס מוז זיצן ווי א סטאַטעק. מיר לאַכן צוזאַמען מיט שלום־עליכמ'ען, וואָס מאָלט ווי שלמה'לעס פאָטער שרייט צו אים: "א בחור'עץ פון זיבן יאָר אַלט". און מיר אַליין ווילן נים פאַרשטיין, אַז א בחור'עץ פון 10 און 13 יאָר אַלט מעג און דאַרף איבערלעבן אַזוינע דראַנגען. ווי געזונט עס איז פאַרן קינד ! ווי אומגעזונט עס ווירקט די אונטערדריקונג.

ווי מיד און פויל פון דער מידקייט ס'ווערט א קינד, מחמת עס איז קיינמאָל נים פריי, עס איז תמיד אָנגעצויגן. עס מוז זיך תמיד היטן, אַט גייט עס אַרויס אויפן גאַס זיך שפּילן; ס'שפּילט מיט א פּילקע. עס מוז זיך היטן פאַר קאַרס, ס'מוז זיך היטן פאַר די הונדערטער שויבן אַרום אים, ס'מוז האָבן אין זינען זיין היים־אַרבעט, פּיאַנאָ, שול, העלפן דער מוטער, בעת מיר דאַרטן, אין דער אַלטער היים, האָבן מיר זיך שוין יאָ אַמאָל אַרויסגעריסן, אַרויסגעגנב'עט פון חדר אויף דער לאָנקע, צי צום טייך, האָבן מיר דאָך דערפילט די פולע פרייקייט און גענאָסן זי פון פולער האַנט.

ווי מיד ווערט א קינד פון מוזן זיך לאַנג קאָנצענטרירן אויף איין זאַך (ווי למשל, א שעה צי צוויי א טאָג רעפּעטירן פּיאַנאָ, צי פון שווערער

היים־אַרבעט). אַ קינד קען זיך לאַנג ניט קאָנצענטרירן אויף איין זאַך. דאָס איז קעגן דעם קינדס נאַטור. ווי מיד ווערט אַ קינד פון די פאַרבאַטן ניט צו "רויען" אין שאַפע, צי אין שופלאַד, צי אין קאַסטן. ס'איז דווקא נאַטירלאַך פאַרן קינד צו וועלן עפּעס וואָס תמיד אַנטדעקן, אויסגעפינען. ווי גליקלאַך אין דעם זין זייַנען מיר אַמאָל געווען אין דער אַלטער היים. הינטערן שטוב, הינטערן בית־מדרש, אויפן באַרג, האָבן מיר באַפרידיקט אונזער נאַטירלאַכן, קינדערשן דראַנג צו זוכן און פאָרשן. ווי מיד, און פון דעם פויל, ווערט אַ קינד פון דער מאָנאָטאָניקייט פון לעבן. אַלע הייזער האָבן איין פּנים, אַלע עס־צימערן, אַלע קיכן, אַלע גאַסן אין אַלע שטעט, — אַזוי מאָנאָטאָן! אַנדערש איז עס געווען אין דער אַלטער היים.

ווי מיד אַ קינד ווערט פון שווערע בילדער, וואָס ער זעט אין די קינאָ טעאַטערס, און פון טומל. שרייבט דר. פרענק מעקאַי, אַז ניט האַרמאָנישע קלאַנגען (טומל) ווירקן שעדלאַך אויפן געזונט פונם מענטשן (אַ פּשיטאַ שוין אויפן געזונט פונם קינד). עס צעשרויפט פּשוט די נערוועז. אַזוינע ניט האַרמאָנישע קלאַנגען, געשרייען, טומלענישן, מאַכן דעם מענטשן (און אַ פּשיטאַ דעם קינד) טויט מיד. די ראַדיאָ מיט די באַריכטן דורך איר די ספּאָרט נייעס — ברעכן בפועל ממש אונזער קינד.

ווי מיד ווערט אַ קינד פון קאָקורענץ געפילן, וואָס מאַמעס אַנטוויקלען, מחמת מען האָט פון דעם באַלדיקע רעזולטאַטן. אייפערזוכט צעפרעסט אַ קינדס נשמה, מאַכט אים ניט נאָר מיד און קראַנק, און פויל, נאָר פירט אים אין אַ וועלט פון פּראָטעסט־חולאת'ן. אייפערזוכט איז פאַרן קינד סם־המות.

יאָ, דבורה'לע איז גרעסער פאַר מיר, באַקלאָגט זיך פייגעלע, 5 יאָר אַלט. ווייסט, מיין קינד, דבורה'לע איז 10 יאָר אַלט. זי וועט וואַקסן ביז 17, 18 יאָר אַלט, און אויפהערן. דו וועסט ערשט דעמאָלסט זיין 12־13 יאָר אַלט, וועסט נאָך האָבן 5 יאָר צו וואַקסן — וועסט איר דעריאָגן. דאָס קינד באַרואיקט זיך. זעסט אָבער, זעסט אָבער, פייגעלע האָט שיינע אייגעלאַך. ביי מיר איז איין אייגעלע ניט גלייך, באַקלאָגט זיך דבורה'לע. שרעק זיך ניט, מיין קינד, קודם, מעגלאַך אַז דיין אייגעלע וועט נאָך אַמאָל געזונט ווערן. און אויב ניט, איז זע! קומט אַריין יאַנקל, זע ווי מיאוס ער איז, אָבער ווי קלוג, אַלע האָבן אים אמת'דיק האָלט, פאַר זיין חכמה. אָט קומט אַריין מאָטל, ער איז דאָך אויך קיין שיינער ניט. זע זיין נאָז, זיינע אויגן, און דאָך — אַלע וואָלטן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן פאַר אים — פאַר זיין גוטסקייט און פאַר זיין איידלקייט, די נאַטור גיט יעדערן עפּעס וואָס שיינעס. אַלץ קאָן זי ניט געבן — מענטשן וואָלטן זיך אפשר צו פיל איבערנומען . . . און גרויסהאַלטער האָט מען ניט ליב. האָסט גענוג אַנדערע שיינע שטריכן.

יאָ, פאַראַן אַ סך סיבות, וואָס מאַכן קינדער פויל, זיי זיינען פאַרמאַטערט, מיד, און עס לעכצט יעדעס גליד אין זיי צו רו, קורץ זיי זיינען מיד און לכן קראַנק, אָבער ניט פויל. מיד! — דאָס האַרץ ווערט גיך מיד, מחמת זי שלאָגט ריטמיש. וואָס מיינט עס ריטמיש? — עס מיינט אַז עס דערלאַנגט אַ קלאַפּ און רוט, אַ קלאַפּ און רוט אַ. אַ. וו. זי רוט ניט, בעת זי איז פאַרמאַטערט, נאָר זי ווייסט, אַז די רו איז אַ טיפערע ווען זי קומט ניט נאָך מידקייט. פאַרמיידט די טויזנט און איין צרה (און איר קאָנט) פון וועלכע ס'קינד ווערט מיד. אַראַנזשירט זיין אַרבעט אַז עס זאָל ניט מיד ווערן פון איר, און ס'וועט פויל ניט זיין.

סעקס בכלל

די פּראָבלעמען וואָס כ'ריר אָן אין די ערשטע קאַפּיטלען פון דעם בוך, האָב איך אויך גאַנץ ברייט באַהאַנדלט אינם ערשטן בוך מיינעם, "אין פאַרטיידיקונג פונם קינד". כ'האָב דאָס מאָל די דאָזיקע פראַגן ווידעראַמאָל אויפגענומען, מחמת דעם, וואָס כ'האָב נאָך געוואָלט עפּעס וואָס צוגעבן, נאָך עפּעס וואָס זאָגן וועגן די דאָזיקע אַנגעווייטיקטע אין יעדער היים. און אין יעדער מוטער'ס נשמה פראַגן, וואָס וועגן זיי וועט נאָך זיין וואָס צו שרייבן פאַר דורות און דורות...

אָבער וויפל טרערן און וויפל בלוט די ראַנגלענישן מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען קאָסטן עלטערן און קינדער, איז עס אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מיט דעם וויפל בלוט, טרערן און צעבראָכענע היימען (און לעבנס) עס קאָסט דער מענטשהייט די אומוויסנקייט אין פראַגן פון סעקס, אין פראַגן פון געשלעכטלאַכער ליבע, וואָס די לייזונג פון די דאָזיקע פראַגן, אויפן מינימאַלסטן כאָטש אופן, וואָלט געקאָנט פאַרלייכטערן אונז דעם וועג צו אַ מענטשלאַכער וועלט און אַ מענטשלאַכן לעבן.

אין די ראַמען פון דער איצטיקער געזעלשאַפט וועט די סעקס־פראַגע ניט געלייזט ווערן. פאַרקערט, זי (די געזעלשאַפט) פאַרשאַרפט נאָך, ציט אין דער נידער דעם געשלעכטלאַכן געפיל, און פאַרוואַנדלט אויף אַזאַ אופן יעדע היים כמעט אין אַ גיהנום. לאָזן אָבער די דאָזיקע פראַגן צו לייזן, ווען משיח וועט קומען, איז מער ווי אַ פאַרברעכן. דערפאַר פאַרקערעווע איך אין מיין שטודיום די נשמה פונם קינד אויך אויף דעם וועג.

"די געשלעכטלאַכע ליבע איז, נאָך דעם ליבע צום לעבן, די מעכטיקסטע און טעטיקסטע שפּרינג־פעדער (ספּרינגדזשינע) פון לעבן. אומאויפהערלאַך נעמט זי צו אַ העלפט פון די כוחות און געדאַנקען ביי דער יונגער מענטשהייט. זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם ענד־ציל פון כמעט אַלע מענטשלאַכע שטרעבונגען; זי ווירקט אויף די וויכטיקסטע ענינים און גע־

שעענישן; זי רייסט איבער כסדר די סאמע ערנסטע ארבעטן, אַפּט פֿאַר־טונקלט זי אויף אַ קורצער צייט די גרעסטע קעפּ; זי שעמט זיך ניט, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט, אַריינצורייסן זיך אין די באַראַטונגען פֿון מלוכה מענער און אין די פֿאַרשונגען פֿון געלערנטע; פֿלינק רייסט זי זיך אַריין מיט אירע ליבע־בריוועלאַך און פּרויען לאָקן אַפֿילו אין מיניסטערשע פּאַרט־פֿעלן און אין פֿילאָזאָפֿישע מאַנוסקריפּטן; טאָג איין טאָג אויס טרייבט זי צו די סאַמע ריזיקאַלישע מעשים, צעשטערט די סאַמע טייערסטע און נאָ־ענטסטע באַציאונגען; צערייסט די שטאַרקסטע קייטן, פֿאָדערט פֿאַר זיך ווי אַ קרבן לעבן און געזונטהייט, עשירות, געזעלשאַפֿטלאַכע לאַגע און גליק; נעמט צו דאָס געוויסן ביים ערלאַכן, פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַררעטער דעם טרייען, און ווירקט בכלל ווי עפּעס אַ שד, וואָס באַמיט זיך אַלץ צו פֿאַר־פּלאָנטערן, איבערצוקערן און אומצוואַרפֿן". (שאָפּענהויער, ביאָלאָגישע טראַגעדיע פֿון דער פֿרוי, אַ. נעמילאָוו).

לערנט, למשל, בודדא מיט זיינע תלמידים: "כ'קען ניט, תלמידים מיינע, קיין שום אַנדער געשטאַלט, וואָס זאָל דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל אַזוי צושמידן, ווי דאָס געשטאַלט פֿון דער פֿרוי; דאָס געשטאַלט פֿון דער פֿרוי, תלמידים, שמידט צו דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל. כ'קען ניט, תלמידים מיינע, קיין שום אַנדער שטים, וואָס זאָל דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל אַזוי צושמידן, ווי די שטים פֿון דער פֿרוי; די שטים פֿון דער פֿרוי. תלמידים, שמידט צו דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל. כ'קען ניט, תלמידים מיינע, קיין שום אַנדערן טעם, וואָס זאָל דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל אַזוי צושמידן, ווי דער טעם פֿון דער פֿרוי; דער טעם פֿון דער פֿרוי, תלמידים, שמידט צו דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל. כ'קען ניט, תלמידים מיינע, קיין שום אַנדער באַרירונג, וואָס זאָל דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל אַזוי צושמידן, ווי די באַרירונג פֿון דער פֿרוי; די באַרירונג פֿון דער פֿרוי, תלמידים, שמידט צו דאָס האַרץ פֿונם מאַנסביל". יאָ, אַ מעכטיקער כישוף ליגט אין געשלעכט געפֿיל, אַ כוח וואָס שמידט שטאַליק צו דעם גאַנצן מענטשן. לערנט אונז טאַקע איוואַן בלאָך, אַז "די ליבע איז די שטאַרקסטע פֿון אַלע ליידנשאַפֿטן, — מחמת זי באַ־פֿאַלט אויף אַמאָל דעם קאָפּ, דאָס האַרץ און דעם קערפּער".

אַלץ אמת, מיר קאָנען מיט זיי מסכים זיין, ווען זיי מאָלן דעם מעכטיקן כוח, און דעם פֿאַרפֿירערישן, וואָס שטעקט אין סעקס. מיר וועלן אָבער אויך מסכים זיין מיט ש. אַנסקי'ן, וואָס זאָגט, אַז "אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, האָט (אָבער) אין זיך אַ פֿונק הייליקייט". זאָגט טאַקע שאָ־פּענהויער, אַז: "אין די טעג און שעה'ן, ווען דער געשלעכטס־דראַנג איז צום שטאַרקסטן, ווען ער איז ניט קיין מאַטע ביינקשאַפֿט, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון פּוסטקייט און טעמפּקייט פֿון באַוואוסטזיין, נאָר אַ ברענענדיקער באַגער און העפֿטיקע תאווה, טאַקע דאַמאָלט זיינען די העכסטע קרעפֿטן פֿונם גייסט און דאָס העלסטע באַוואוסטזיין גרייט צו אינטענסיווער טע־

טיקייט. די קעניגרייך פון דער נאכט פירט צו דער קעניגרייך פון ליכט". אט דעם פונק הייליקייט צו שטארקן איז אונז טאקע לעבנסוויכטיק. עחווארד הארטמאן רופט אן די ליבע א שטורעם, וואס לאדט אויס איר עלעקטרישע מאטעריע ניט אין איין בליץ, נאר ביסלאכוויז, אין מערערע בליצן. און קוים האט זי זיך אנטלאדנט, דאן "קומט דער קילער ווינט און דער הימל פון באוואוסטזיין ווערט ווידער קלאר און קוקט התלהבות'דיק אויפן באפרוכטנדיקן רעגן און אויף די פארשווינדנדיקע וואלקנס אויפן ווייטן האריזאנט". וואס ליכטיקער, טאקע, וואס העכער, הימלשער צו ברייטערן אט דעם האריזאנט איז דער רוף פון אונזער צייט.

"אויב מיר קעמפן פאר א צוקונפט, וואו עס זאל זיין מעגלאך ווייניקער שלעכטס, קאן מען אויך די דאזיקע דערשיינונג גלייכגילטיק ניט פארבייגיין. דאס רעכט פונם מענטשן אויף גליקלאכער ליבע האט ניט קיין קלענערע באדייטונג, ווי זיין רעכט אויף מאטעריעלן וואוילשטאנד. אויב מיר קעמפן קעגן דעם, וואס פאראורזאכט עקאנאמישע אומגערעכטיקייט, דארף מען אויך אומשעדלאך מאכן דאס, וואס צעשטערט די פסיכא־פיזישע הארמאניע פונם מענטשנס נשמה" (פרידלאנד). איז טאקע "די עובדה פון צדיקים פון לעבן (בעסטע פעדאגאגן), צו רייניקן מענטשלאכע נשמות, אראפרייסן פ.ן זיי די קליפה פון זינד און הויבן זיי צו זייער ליכטיקן מקור". ווי טוט מען עס אבער? "מ'דארף ניט מלחמה האלטן מיט דער זינד, נאר אויסבעסערן זי". "ווי א גאלדשמיד לייטערט גאלד" "אזוי דארף מען אויסלייטערן די זינד פון איר טומאה און אויסלי טערן זי אזוי, אז אין איר זאל בלייבן נאר קדושה" (ש. אנסקי).

יא, ניט מלחמה האלטן, ניט פארמיאוסן אין די אויגן פון אונזערע קינדער אלץ, וואס איז פארבונדן מיטן פראבלעם סעקס; ניט מלחמה האלטן, נאר אויסנוצן דעם כוח, וואס צעשטורעמט זיך אי ן דער נשמה פונם קינד פארן וואוילזיין פונם קינד, פארן גליק פונם קינד (צו איבערצייגן דאס דאזיקע שטעלט זיך פאר זיין חוב דער שרייבער פון די שורות). ווי גערעכט איז ש. אנסקי וואס זאגט: "אז מען לייטערט אויס אט די זינד, קאן ווערן פון דער גרעסטער טומאה די העכסטע קדושה" (ש. אנסקי).

עס איז בלי שום ספק אמת, אז דער וועג צום קינדס גליק ליגט אין דער ריכטונג פון פארהייליקן, פון דערהויבן, פון סובלימירן דאס, וואס איז אין משך פון הונדערטער דורות פארמיאוסט געווארן. סובלימירן? וואס מיינט עס? סובלימירן מיינט א טייל און דערביי דעם גרעסטן טייל סעקסואליטעט אריבערפירן אויף אנדערע שינעס, מיינט איבערגיסן עראטישע כוחות אין שאפונגס־דראנג, אין שטרעבונג צו פיזיש־קולטורעלע דערגרייכונגען, אין אינטערעס צו ליטעראטור, אין ליבע צו קונסט און וויסנשאפט, אין ענטוזיאזם פאר קאלעקטיוויזם. דער דאזיקער פראצעס מוז, נאטירלאך,

אָנהייבן זיך וואָס פריער, — פון די סאַמע ערשטע טעג פון דער קינדהייט.
סובלימירן מיינט אויך דערציִען ס'קינד אַזוי, אַז דאָס סעקס געפיל זאָל ביי
אים זיין אַזוי דערהויבן, אַזוי הייליק, אַז ס'געפיל זאָל זיך קאָנען שטאַרקן
נאָר דורך דערהויבן־הייליקער ליבע און זיין אַ רעזולטאַט נאָר פון איר, פון
דער גייסטיק־הייליקער ליבע.

סובלימאַציע איז, אין תּוך גענומען, אַ ניי וואָרט. עס ציילט הינטער
זיך סך־הכּל אַ צוויי יאָר צענדליק. אָבער דאָס, וואָס דאָס וואָרט דריקט אויס,
איז שוין לאַנג באַקאַנט. און ניט בלויז פּסיכאָלאָגן האָבן עס געוואוסט. ווען
אַ שלימזל אין דער ליבע לאָזט זיך אויף רייזעס, פאַרנעמט ער זיך מיט
סובלימאַציע. מיר זעען אויף טריט און שריט, ווי פון האָפענונגסלאָזער ליבע
ראַטעוועט מען זיך דורך פאַרשטאַרקטער טעטיקייט, דורך גייסטיקער אַר־
בעט. דאָס איז אויך סובלימאַציע. אַן אַלטע מיידל, וואָס פאַרגעטערט אַ טויז
קעץ, אָדער אַן אויסגעקראַכענעם הונט, סובלימירט אויף אַזאַ אופן די ניט
באַפרידיקטע סעקסואַליטעט. מיר דאַרפן אָבער שטרעבן נאָר צו אַזאַ סוב־
לימאַציע, וואָס, ניט אויסמיידנדיק און ניט פאַרקריפּלענדיק דעם סעקס
דראַנג און סעקס געפיל, פאַרהייליקט זי דורך ליבע דעם דאָזיקן סעקס דראַנג,
דעם נאַטירלאַכן כּוח אין אַ מענטשנס נשמה.

„אין די פייערדיקע טעג פון דער רעוואָלוציע איז די געשלעכטס־
פראַגע אַזוי ווי ניט געווען. די ענערגיע און די כּוחות פונם מענטשן האָבן
געפונען אַ העכערן, יעדנפאַלס אַן אַנדער ציל, און די באַגערעניש מיט דער
פרוי פלעגט דורכגיין שפּורלאָז, ניט אויפרעגנדיק, ניט אָפּציענדיק דעם
מענטשן פון דער עיקר אויפגאַבע. ווען ס'זיינען געקומען די וואָכעדיקע טעג,
זיינען די מענטשן, וועלכע האָבן זיך צוגעוואוינט צו דעם דונערן פון האַר־
מאַטן, צו שאַרפע און העלדישע עמפּפינדונגען, שטיין געבליבן פאַר אַ ווירק־
לאַכקייט", פאַר דעם פּראָבלעם פון פאַרשאַרפטן סעקס דראַנג. ס'איז שווער
געוואָרן צו סובלימירן. האָט זיך טאַקע געטאָן חושך. די באַרואיקונג און
נאָרמאַלקייט איז געקומען בהדרגה, בהדרגה מיט ניי אַרויסגערוקטע אין
לעבן אויפגאַבן. די דערציִאונג דאַרף אָבער פאַרמיידן קאַטאַסטראָפעס און
אויפבראַוזונגען. לכן איז „די אויפגאַבע פון דער נייער פּעדאַגאָגיק אין דער
געשלעכטלאַכער דערציִאונג קלאָר. זי דאַרף פון דער פריסטער יוגנט דורכ־
פירן די סובלימאַציע פון דער סעקסועלער סטיכיע. זי דאַרף פּלאַנמעסיק און
אומאויפהערלאַך אַרבעטן, כּדי צו פאַרבייטן דעם זינלאַכן דראַנג מיט אויפ־
גאַבן פון אַ העכערער מדרגה; זי דאַרף אויך וואָס ברייטער און העכער עפע־
נען דעם זוניק־ליכטיקן קוואַל פון סעקס דראַנג — פון ליבע, און אַזוי אַרום
יועט סוף־כּל־סוף באַשאַפן ווערן אַ האַרמאָנישע און פולווערטיקע פּערזענ־
לאַכקייט" (נעמילאָוו).

יאָ, סובלימירן, אויפקלערן, אָבער ניט פאַרמיאוסן, איז אונזער היי־
ליקסטער געבאָט. פאַר דעם דאָזיקן פאַרמיאוסן, פאַרן גיין אין קעגנגעזעצ־

טער ריכטונג צו דער נשמה פונם קינד, צאָלן מיר דעם בלוטיקן פּרייז, פון צעבראָכענע לעבנס. פון זעלבסטמאָרדן, פון מיליאָנען אין די היימען פאר גייסטיקע קראַנקע, צאָלן מיר דעם פּרייז פון מיליאָנען פארשפארטע הינטער די גראַטעס פון תפיסות, דעם פּרייז פון צער, פון פּיינען און פון ימים טרערן.

קינדער, למשל, פון סעקסועלע קאַלטע מוטערס (און קאַלטקייט איז א קראַנקהייט, וואָס איר קוואַל איז דאָס רוב פון פאַרמיאוסן דעם סעקס געפיל), זיינען שוין נערוועז פון דער פריסטער קינדהייט, און מחמת אזא מוטער איז מיט "צעשרויפטע נערוון", קריגעריש, נגע צרעתדיק, אומרואיק — ניט באשטענדיק, עקסטרעם גוט און עקסטרעם שלעכט, שאפט אזא איינע א גיהנום אין שטוב. ווערט אזא איינע געזעלשאפטלאך טעטיק, ברענגט זי מיט איר ליידנשאפטלאכן ברען, וואָס שרפה'ט ארויס פון די טיפעניש! פון איר נשמה, וואָס איז אונטערדריקט, פארשטופט טיף, און פארפאנצערט מיט אייזערנע שלעסער, ברענגט זי, הייסט עס, מיט איר ליידנשאפטלאכן ברען, מיט דעם בגד, הייסט עס, וועלכן איר פיזישע ליידנשאפט האָט אנגעטאָן, כדי אזוי זיך ארויסצורייסן אויף דער וועלט, ברענגט זי, הייסט עס, א סך צרות. סיי אין דער היים, סיי אין געזעלשאפט, איז די קאַלטע פרוי אן אומגליק פאר זיך און פאר אירע מיטמענטשן.

פונקט ווי קינדער ווערן ניט געבוירן פויל, ווערן פרויען ניט געבוירן קאַלט. דאָס איז די דערציאונג, דאָס איז אונזער צוגאַנג צום פּראָבלעם סעקס, דאָס איז אונזער לעבן, וואָס מאַכט די פרוי סעקסועל קאַלט און ווארפט זי, און אלע ארום איר, אריין אין א גיהנום. יאָ, דאָס זיינען אלץ פסיכאָלאָגישע סיבות (פאראַן אָבער אויך פיזישע סיבות, וואָס מאַכן די פרוי קאַלט: דעפעקטיווע געשלעכטלאכע אָרגאַנען, למשל; ניט נאָרמאַלע מענסטרואַציעס (מאָנאַטלאכע), קראַנקע דריזן, ניט נאָרמאַלעם מאָזלען, סקאַרלעט פיבער, מאָגן קראַנקהייטן א. א. וו.). צו פסיכאָלאָגישע סיבות קאָן מען אויך צורעכענען אן איבערלעבונג אין דער קינדהייט, און אפילו אן איבערלעבונג אין דער ערשטער חתונה נאַכט, וואָס קומט ווי א קלאַפּ. מחמת ניט צוגעגרייט, מחמת אומוויסן, מחמת אומבאַפּרידיקטקייט. ביי דער פרוי, וואָס טרעפט אזוי אָפט, מחמת דער מאַן ווערט גיכער אויפגע־רייצט, און מחמת דעם ווערט ער פריער באפרידיקט, און לאָזט איבער די פרוי, איידער זי האָט דערגרייכט איר ארגאזם (העכסטע געפיל שטופע פון געניסן). צופיל ליבע צו א פאָטער אָדער צו א מוטער קאָן, למשל, פירן צו פסיכישער אימפּאָטענץ ביים מאַן און צו קאַלטקייט ביי דער פרוי. אזוי קאָן אימפּאָטענץ ביים מאַן, למשל, פירן צו קאַלטקייט ביי דער פרוי, עגאָ־איזם, גראָבהייט, דאָס ניט רעכענען זיך מיט דער פרוי טראָגט ניט ווייניק צו דער קאַלטקייט.

אויב אנאניזם (דאָס קינסטלאכע ארויסרופן געשלעכטלאכן גענוס), יאָ, אויב אנאניזם פיזישער (דאָס קינסטלאכע ארויסרופן געשלעכטלאכן

גענום) און גייסטיקער (עראָטישע טאָג חלומות) קאָן זיין א סיבה פון קאַלטקייט, מחמת אנאניזם, ווען אַן א מאָס, פירט ער צו נעווראסטעניע. און נעווראסטעניע פירט צו סעקסועלער קאַלטקייט. פאַראַן א דריטער מין אנאניזם וואָס פירט צו קאַלטקייט ביי דער פרוי — דאָס איז געשלעכטלאַכער אקט, אַן ליבע און אַן גענום, ספּעציעל אַן צוגרייטונג צום אקט. — די צוגרייטונג, דאָס פאַנאַנדערדרייצן זיך, דאָס גלעטן, קושן, ארומנעמען, דאָס צודריקן זיך, ארויסווייזן ליבע, שפּילט גאָר א גרויסע ראָלע און איז לעבנס וויכטיק פאַר דער פרוי. אנדערש איז איידער די פרוי ווערט גע־שלעכטלאך ערשט פאַנאַנדערגעווינט איז ער, דער מאַן (וואָס דאָס רוב רעכנט ער זיך ניט מיט דער פרוי) שוין פאַרטיק. פאַר דער פרוי איז אזא געשלעכטלאכער אקט פונקט ווי אנאניזם, — און ווירקט בכלל פאַטאַל אויף דער נשמה, אויף די נערוון, אויפן געזונט פון דער פרוי, און מאכט זי בדרך הכלל קאַלט. ער, דער דאָזיקער אנאניזם, טויכט אין איר אויף פאַרשיידענע נערוועזישקייטן, און פירט זי צו פאַרשיידענע קאָמפּולסיעס (געוואוינהייטן פון וועלכע זי איז ניט בכוח זיך צו באַפרייען), צו משוגה'דיקע שרעקן, חשדים; קורץ, ער רופט אין איר ארויס אַן אומרו, וואָס פינסטערט און ברעכט איר לעבן.

די מורא, לכּשל, צו האָבן א קינד. טראַגט במשך פון יאָרן אויך ניט ווייניק צו צו דער קאַלטקייט ביי דער פרוי צום געשלעכטלאכן אקט. ניט ווייניקער סם גיסן אריין אין געשלעכטלאכע באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי מחלוקות, חשדים, אייפערזוכטן, שווערע כאראקטער שטריכן, צופיל ערנסטקייט, צו פאַרקאָכטקייט אין באַוועגונגען א. א. וו.

אַלץ אין דער נאַטור באַוועגט זיך מיט ריטם. כוואַליעס, האַרץ, שלאָגן ריטמיש; פרילינג, זומער, ווינטער, הערבסט, קומען אויך פאַר ווי אַן אייביקער ריטם. אַזוי איז אויך מיט סעקס אימפּולסן, סעקס דראַנגען, וואָס דערוואכן מיט שטורעם און שלאָפן איין. ביי דער פרוי ווערן זיי שטאַרק דערוואכט — איינמאָל אין חודש פאַר און נאָך מענסטרואַציע; ביים מאַן איז דער קרייז יעדע 4 טעג. זיבן מאָל אין חודש ווערט צוגעפלאָסן דער ספּערם (זרע פעדימלאך) אין ספּערם־דריז.

ווען'א חיה ווערט געשלעכטלאך אויפגערייצט, און דאָס טרעפט נאָר אין באַשטימטע צייטן, האַנדלט זי אימפּולסיוו, זוכט זי דעם געשלעכטלאכן פאַרגעניגן (שטילן דעם הונגער); און ווען זי האָט אים שוין דערפילט, פאַרגעסט זי אינגאַנצן פונם עניין סעקס. יאָ, ביי אַלע חיות און פּרימיטיווע פעלקער, אפילו ביי אונז מענער, און ספּעציעל פרויען, איז דער דראַנג צו דעם געשלעכטלאכן גענום א פעריאָדישער און ניט קיין באַשטענדיקער. אמת, מען קאָן אפשר צו יעדער צייט אויפרייצן דעם מאַן צי די פרוי, אבער מען דאַרף "ארבעט", זיך "מיען", בעת די "ארבעט" און די "מי" איז

איבעריק, בעת'ן פעריאָד, ווען צוליב סיבות, ניט דערקלערבארע פאר אונז, דערפילט דער מענטש א דראנג צום געשלעכטלאכן אקט. ביי פרימיטיווע פעלקער פלעגן אין געוויסע צייטן פון יאָר פאָרקומען געשלעכט־פעריאָדן־יום־טובים. אויף די יום טובים פלעגן געשלאָסן ווערן שידוכים, דורכגעפירט ווערן אָרגיעס... וואָס זיינען די סיבות פון אזוינע פעריאָדן? דורקהיים דיינקט, אז די פעריאָדן זיינען רעזולטאטן פון געזעלשאפטלאכע דערשיי־נונגען, ווען מען איז זאטער, זיכערער מיטן עקאָנאָמישן לעבן; גערעקן ווידער דיינקט, אז די סיבה ליגט אין די כעמישע שטראלן פון דער זון; הייקראפט דיינקט, אז היץ, קלימאטישע באדינגונגען, האָבן א געוויסן שייכות צו פעריאָדישקייט, אָבער פעריאָדן זיינען א פאקט. יעדער דאָקטאָר ווייס פון צייטן, ווען די צאָל פאציענטן וואָס ליידן פון נאכט פאלוציעס (דער געשלעכט אָרגאן ביים מאן ווערט אין שלאָף שטייף, ער דערפילט דעם סעקס גענוס און ס''לויפט אָפ), ווען די צאָל פאציענטן איז אויפפאלנד גרע־סער און אויפפאלנד קלענער.

די אנטדעקונגען, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן געמאכט געוואָרן אין עסטרייך דורך קנוים, אין יאפאן דורך אָגינאָ, אין פראנקרייך דורך סעגי און פראָפעסאָר דעוורען, האָבן געעפנט אין דער הינזיכט נייע פערספעקטיוון. א דאנק די אנטדעקונגען ווייסט מען היינט, אז יעדע פרוי קאָן באפרוכפערט ווערן נאָר אין משך פון עטלאכע שעה אָדער עטלאכע טעג פון מאָנאט. די פאזן פון פרוכטבארקייט קאָנען פעסטגעשטעלט ווערן ביי יעדער פרוי און זיינען כמעט שטענדיק דיזעלבע. אויסער די קורצע פאזן פון פרוכטבארקייט, קאָן יעדע פרוי האָבן פריי נאָרמאלע סעקסועלע באציאונגען און ניט ווערן באפרוכפערט. די אנטדעקונגען פון אָגינאָ־קנוים און דעוורען־סעגי עפענען נייע פערספעקטיוון פאר דער באוואוסטזיניקער און קאָנטראָלירטער מוטער־שאפט. מען דארף געבן יעדער פרוי די מעגלאכקייט צו לאָזן זיך אונטערזוכן גינעקאָלאָגיש, כדי צו דערקענען איר פעריאָד פון פרוכטבארקייט.

דר. ח. גרינבוים באשרייבט אָגינא - קנוים מעטאָד אזוי : "דער מעטאָד פון אָגינא און קנוים שטיצט זיך אויף דעם פאקט, אז יעדע פרוי האָט יעדן מאָנאט נאָר א קורצע פאזע פון פרוכפערקייט. אויסער דער קרצער פאזע קען יעדע פרוי האָבן נאָרמאלע סעקסועלע פארקערן און זי וועט ניט ווערן שוואַנגער. דער יאפאנישער פראָפעסאָר אָגינאָ און דער עסטרייכישער פראָפעסאָר קנוים האָבן די ערשטע באוויזן צו באשטימען גענוי די פיזיאָלאָגישע פרוכפערקייט און ניט־פרוכפערקייט.

ד מענטשלאכע פארמערונג איז א רעזולטאט פון דער פאראייני־קונג פון אן אייעלע פון דער פרוי מיט איין זוימען (ספערמאטאזאיד) פון מאן. יעדער סעקסועלער אקט ברענגט מיליאָנען ספעמאטאזאידן (זוימען) אין קאָנטאקט מיט דעם העלזל פון דער געבער - מוטער. א דאנק זייער

שטאַרקער באַוועגלעכקייט דרינגען זיי אַריין אין דער גבער־מוטער און פֿון דאָרט אין די איי־לייטערס, וואָס פֿירן פֿון ביידע זייטן פֿון דער גבער־מוטער צום רעכטן און לינקן אייערשטאָק. זיי מוזן אַדורכדרינגען דעם גאַנצן איי־לייטער און ערשט אין דער דריטער אויסערלעכער טייל זיינער קומט פֿאָר די באַפֿרוכפּערונג. כּדי די באַפֿרוכפּערונג זאָל פֿאָרקומען, איז נויטיק, אַז אין דעם טייל פֿון איי־לייטער זאָל זיך געפֿינען אַן אייעלע.

יעדן מאָנאַט ווערט רייף, איינמאָל אין רעכטן און איינמאָל אין לינקן אייער־שטאָק, אַן אייעלע, וועלכע פֿאַלט אַריין לויט אַ ספּעציעלן מעכאַניזם אין דער אויסערלעכער טייל פֿון איי־לייטער. אַ דאַנק אַ ספּעציעלער אייגנשאַפֿט פֿון דעם איי־לייטער באַוועגט זיך דאָס אייעלע זייער לאַנגזאַם אין דער ריכטונג פֿון דער גבער־מוטער. אָבער דאָס אייעלע איז נאָר פֿרוכטבאַר אין דער אויסערלעכער טייל פֿון איי־לייטער, ווייל שפּעטער ווערט עס אַרומגערינגלט דורך אַ געדיכטן הייטל, וואָס מאַכט אוממעגלעך דאָס אַריינדרינגען פֿון זוימען. ניט אַלע זוימען האָבן די ערע צו ווערן צוגעלאָזט צו דעם אייעלע, זיי מוזן פֿריער אַדורכמאַכן אַ רייזע פֿון 20 צענטימעטער, וועלכע דויערט אַרום צוויי שעה. פֿאַר די ספּערמאַטאָזאָידן איז דאָס אַ קאָלאָסאַלע רייזע. ניט אַלע האַלטן זי אויס. מיליאָנען שטאַרבן אין וועג, נאָר די שטאַרקסטע און געזינטסטע באַווייזן צו צוקומען ביז צו דעם אייעלע. זיי רינגלען עס אַרום, אָבער נאָר איינער פֿון זיי, דער שטאַרקסטער און געזינטסטער האָט דאָס גליק אַריינצודרינגען אינעווייניק. אַלע אַנדערע זוימען זיינען פֿאַראורטיילט צו שטאַרבן, ניט קענענדיק די פֿרייד פֿון ליבע און באַפֿרוכפּערונג. דאָס אייעלע און דער זוימען, וועלכע זיינען איצטים פֿאַראייניקט, מאַכן צוזאַמען אַ רייזע ביז צו דער גבער־מוטער.

די גבער־מוטער ווערט אַ דאַנק אַ ריי פֿיזיאָלאָגישע פּראָצעסן צוגעגרייט אויפֿצונעמען דאָס באַפֿרוכפּערטע אייעלע. ווי נאָר דאָס אייעלע ווערט רייף אין דעם אייערשטאָק, פֿאַרשטאַרקט זיך די בלוט־צירקולאַציע אין דער גבער־מוטער, די שליים־הויט, וואָס בעט זי אויס, ווערט זייער דיק. דאָס באַפֿרוכפּערטע אייעלע שאַפֿט זיך דאָרט אַ נעסט, פֿון וועלכן עס קומט אַרויס נאָך ניין מאָנאַטן אַ קינד. אויב דאָס אייעלע ווערט ניט באַפֿרוכפּערט, דעמאָלט וואַנדערט עס אַליין פֿון דעם אייערשטאָק ביז צו דער גבער־מוטער, פֿון וואַנען עס שווימט אַרויס צוזאַמען מיט דעם בלוט ביי די רעגל.

די רעגל באַשטייען אין דעם, וואָס די שליים־הויט פֿון דער גבער־מוטער שיילט זיך אָפּ, דאָס רופֿט אַרויס אַ בלוט־שטראָם, וואָס דויערט עטלעכע טעג. נאָך דעם ווערט די גבער־מוטער אויסגעבעט דורך אַ נייער שליים־הויט, די נאַטור שאַפֿט אויף דעם אופֿן פֿאַר יעדער ניי אייעלע אַ ניי בעט.

די רעגל קומען געווייגלאך 14 טעג נאך דער אוואולאציע, ד. ה., נאך דער באפרייאונג פון א רייף אייעלע פון אייערשטאק. ביי יעדער נאר־מאלער פרוי חזר'ן זיי זיך איבער רעגלמעסיק, די צייט פון דעם ערשטן טאג (אריינגערעכנט) פון איין רעגל ביז צו דעם ערשטן טאג (ניט אריינגערע־כנט) פון די צווייטע רעגל רופט מען סעקסועלער ציקל. א פרוי, למשל, וואס באקומט די רעגל דעם 1טן יאנוואר, דעם 29טן יאנוואר, דעם 26טן פעברואר, דעם 26טן מארט, דעם 23טן אפריל א. א. וו. האט א סעקסועלן ציקל פון 28 טעג א. א. וו.

כדי צו באשטימען גענוי די פאלן פון פרוכפערקייט און ניט־פרוכ־פערקייט ביי דער פרוי איז נויטיק צו לייזן די פאלגנדיקע 3 פראבלעמען: 1) ווען קומט פאר די אוואולאציע, ד. ה., ווען באפרייט זיך דאס אייעלע פון אייערשטאק און צי האט די אוואולאציע שטענדיק די זעלבע דאטע אין דעם סעקסועלן ציקל ? 2) ווי לאנג נאך דער אוואולאציע קאן דאס אייעלע ווערן באפרוכפערט ? 3) ווי לאנג איז דער זוימען פעאיק צו באפרוכפערן ?

דער פראפעסאר קנויס האט פעסטגעשטעלט דורך א גרויסער צאל עקספערימענטן, אז די אוואולאציע קומט פאר ביי דער פרוי פון 14טן ביז דעם 16טן טאג נאך דעם אנפאנג פון די לעצטע רעגל. די דאזיקע פעסט־שטעלונג, וועלכע איז אין אלגעמיין ריכטיק, האט אבער א סך אויסנאמען. דער גרוסער פארדינסט פון פראפעסאר אגינא, איז דאס, וואס ער האט אויסגערעכנט די דאטע פון דער אוואולאציע לויט דער דאטע פון די רעגל, וואס דארפן ערשט קומען. ער האט פעסטגעשטעלט, אז די אוואולאציע באר שטימט די דאטע פון די רעגל, וועלכע דארפן קומען. די רעגל הויבן זיך אן 14 טעג נאך דער אוואולאציע. אויב מען קאן די דאטע פון די צוקונפ־טיקע רעגל, קאן מען פעסטשטעלן די דאטע פון דער אוואולאציע : 14 טעג פאר דעם אנפאנג פון די רעגל. די פרויען, וועלכע האבן א רעגולערן סעק־סועלן ציקל קאנען פאראויסזאגן די דאטע פון די צוקונפטיקע רעגל. א פרוי וואס האט, למשל, א רעגולערן ציקל פון 28 טעג, קאן לייכט אויסרעכענען, אויב אירע לעצטע רעגל האבן זיך אנגעהויבן, למשל, דעם 1טן יאנוואר, אז די צוקונפטיקע רעגל וועלן זיך אנהויבן דעם 29טן יאנוואר, דעם 28טן פעברואר, דעם 26טן מארט, דעם 23טן אפריל א. א. וו., קאנענדיק די אלע דאטעס, קאן זי אויסרעכענען די דאטעס פון דער אוואולאציע: דער 18טער דעצעמבער, דער 15טער יאנוואר, דער 12טער פעברואר, דער 12 מארט, דער 9טער אפריל א. א. וו.

כדי אויסצומיידן א צופאל, ווייל אז אייעלע קאן אמאל רייף ווערן אביסל פריער אדער שפעטער, גיט אגינא צו צוויי טעג פאר דעם 14טן טאג און צוויי טעג נאך דעם 14טן טאג און ער באקומט א פינף־טאגיקע פאזע, וואס ציט זיך פון דעם 12טן ביז צו דעם 16טן טאג פאר די רעגל, וואס דארפן קומען. דאס איז די פאזע פון אוואולאציע און פון פרוכפערקייט. ביי

א סך פרויען באווייזט זיך אין משך פון דער דאזיקער פאזע סימפטאמען, וועלכע באשטעטיקן די טעאריע פון אגינא. זיי פילן א ווייטיק איין מאל אויף דער רעכטער זייט און איין מאל אויף דער לינקער זייט פון דער געבערמוטער. ביי א טייל פרויען באווייזט זיך אביסעלע בלוט, אזוי ווי אין דער צייט פון די רעגל. די צוויי סימפטאמען זיינען אן אויסדרוק פון דעם אפרייסן זיך פון אייעלע פון דעם אייערשטאק. זייער א סך פרויען זיינען אין דער צייט פון דער פרופערקייטס־פאזע אין א צושטאנד פון שטארקערער סעקסועלער אויפרעגונג.

דער דאקטאר סעגי, פון פאריז, האט געמאכט א וויכטיקע אנטדעקונג, וועלכע גיט אויך א מעגלאכקייט צו קאנטראלירן די פראגע פון פרוכפערקייט. ער האט פעסטגעשטעלט, אז צווישן דעם 14טן און 16טן טאג פאר די רעגל, וואס דארפן קומען, באווייזט זיך אין העלזל פון דער געבערמוטער א פליסיקייט, וואס איז ענלאך צו דעם ווייסל פון א רוי איי. די דאזיקע פליסיקייט געפינט זיך דארט עטלאכע שעה, אדער עטלאכע טעג און באווייזט זיך רעגלמעסיק, זי איז זייער גינסטיק פאר די באוועגונגען פון די זוימען און גיט זיי א מעגלאכקייט אריינצודרינגען אין דער געבערמוטער. ווען זי עקזיסטירט ניט, קאנען די זוימען ניט אריינדרינגען אין דער געבער־מוטער און די באפרוכפערונג קאן דעמאלט ניט פארקומען. די ערשטע פאזע פון ניט־פרוכפערקייט איז דער פעריאד, וועלכער געפינט זיך צווישן דעם לעצטן טאג פון די רעגל און דעם ערשטן טאג פון דער פאזע פון דער פרוכפערקייט. ביי א פרוי, למשל, ביי וועלכער די רעגל קומען אלע 28 טעג און ביי וועלכע די רעגל דויערן 5 טעג, דויערט די ערשטע פאזע פון ניט־פרוכפערקייט 4 טעג, דעמאלט ווען ביי א פרוי, וועלכע האט א סעקסועלן ציקל פון 34 טעג און 5 טעג רעגל, דויערט די זעלבע פאזע 10 טעג. די ערשטע פאזע פון ניט־פרוכפערקייט איז אויך אפהייגיק פון דער לייגג פון די רעגל.

די פראקטישע אנווענדונג פון דער טעאריע פון אגינא און קנויס פאדערט א רייע צוגרייטונגען. יעדע פרוי מוז אין משך פון 8 ביז 10 חדשים גענוי שטודירן איר סעקסועלן ציקל. דאס איז ניט שווער צו רעאליזירן. מען נאטירט פינקטלאך אויף א קאלענדאר די דאטעס פון ערשטן טאג פון אלע רעגל, וואס קומען פאר אין משך פון די 8 אדער 10 חדשים. דאס גיט א מעגלאכקייט צו וויסן די לייגג פון סעקסועלן ציקל און זיין רעגלמעסיקייט. מיר דערמאנען, אז א ציקל רעכנט זיך פון דעם ערשטן טאג (אריינגערעכנט) פון איין רעגל ביז צו דעם ערשטן טאג (ניט אריינגערעכנט) פון דעם צווייטן רעגל. מען מוז געדיינקען, אז די טעאריע פון אגינא און קנויס איז אנווענדבאר ביים היינטיקן טאג נאר ביי פרויען, וועלכע האבן א רעגולערן סעקסועלן ציקל.

א סך דאקטוירים האבן באקאנטראלירט דעם מעטאד פון אגינא און קנויס. זייערע סטאטיסטיקעס זיינען זייער אינטערעסאנטע. די דאק־

טוירים מילער, שוטע און אנדערסאן, למשל, האבן נאכגעפאלגט ביי 87 פאר־פעלקער 725 סעקסועלע פארקערן, וועלכע זיינען פארגעקומען אין די ניט־פרוכפערקייטס־פאזן. די דאזיקע פארקערן האבן קיינמאל ניט געגעבן קיין שוואנגערשאפט. דער דאקטאר לאטע האט מיט דעם זעלבן דערפאלג נאכ־געפאלגט 4,702 סעקסועלע פארקערן ביי 114 פאר־פעלקער אין משך פון 1,128 חדשים.

דער פראפעסאר ווין, פון פאריז, וועלכער ציטירט די אלע פאלן, שרייבט: „איך קען עטלאכע פאר־פעלקער (און ספעציעל פאר־פעלקער פון דאקטוירים), וועלכע פראקטיצירן דעם מעטאד פון אגינא און קנויס מיט דערפאלג פון חדשים און יארן אן". דער זעלבער פראפעסאר ווין קומט אין זיין בוך, וואס איז נאר־וואס דערשינען, צו די פאלגנדיקע אויספירן: „איך גלויב אז די סטאביליקייט פון דער אוואולאציע איז א געזעץ. איך האלט, אז ביי דער פרוי מיט א רעגולערן ציקל איז די פרוכפערקייט מעגלאך נאר אין א באגרענעצטער צאל טעג, שטענדיק די זעלבע, וועלכע זיינען ארומ־גערינגלט דורך צוויי פאזן פון פיזיאלאגישער ניט־פרוכפערקייט. די פרוי־ען, וועלכע האבן ניט קיין רעגולערן ציקל, פאלן ניט ארונטער דעם געזעץ. דאס געזעץ פון אגינא־קנויס, וועלכעס איז ריכטיק אין פרינציפ, איז אבער ניט אבסאלוט און דעריבער דארף מען שטודירן יעדן פאל באזונדער מיט מעטאד און אויפמערקזאמקייט".

די דאזיקע אנטדעקונג איז לעבנסוויכטיק פאר יעדן איינציקן. כ'וואלט לכן געע'עצה'ט יעדן איינציקן זיך צו באקענען מיט דעם ענין גע־נויער, אין פרטים פון דר. ח. גרינבוים פאפולערער בראשורע „באוואוסט־זיניקע שוואנגערשאפט" און פון זיין קאלענדאר, וואס מ. מאוערער, אין ווארשע, האט פארעפנטלעכט אין אידיש.

די גרעסטע מערהייט העכערע חיות לעבן דורך פעריאדן פון סעקס דראנג צוויי מאל א יאר, אדער אין 'פרילינג' אדער אין הערבסט, אדער ביידע מאל. דאס פערד, למשל, איז איין טאג אין יאר סעקסועל ליידנשאפט־לאך צערייצט; ווערט עס געשלעכטלאך באפרידיקט, איז עס אויף מארגן געשלעכטלאך קאלט און וועט ניט אנרירן די קליאטשע, ספעציעל ווען זי איז אויף דער צייט — ווען זי איז 'שוין שוואנגער. יא, אויך די חיה ווערט געשלעכטלאך אויפגערייצט נאר אין באשטימטע צייטן. דאס ניט וויסן פון די קרייזן פירט צו א סך צרות. מחמת דער פרוים סעקס קרייז איז ניט אזא אפטער, ענטפערט די פרוי ניט אלעמאל דעם מאן מיט אזויפיל היץ, ווערט חושד, דער מאן, אז עמיצער 'אנדערש באפרידיקט זי, הייבן זיך אן מחלוקות... ווערט פון דעם די פרוי נאך קאלטער, מחמת שלעכטער שטימונג. פאמיליע מחלוקות זיינען בכלל די הויפט סיבות, וואס פארזייען קערנדלאך פון קאלטקייט שוין אין די קינדער, און צעבליען זיי, וועקן זיי שפעטער אויף צום לעבן. איז דאכט זיך גענוג שלעכטס. ליגט דא אבער נאך א צרה.

דער פרוים קאַלטקייט פירט צו אימפּאָטענץ ביים מאַן. דאָס פאַרשאַרפט נאָך מער די לאַגע, אַזוי אַז די שטוב ווערט אין אַזאַ פאַל פול מיט אַנגעצווינגנקייט, צערייצטקייט און גיהנום.

אויך די אמונה, מיט איר אַסקעטיזם, האָט אויסגעאיבט איר ווירקונג. ס'פילט זיך נאָך איצט די קאַלטע האַנט פון עבר, וואָס האָט געוואָלט טויטן אָדער כאָטש פאַרטרייבן דעם סעקס געפיל טיף, טיף, ניט פאַרשטייענדיק, אַז דאָס גיסט זי, די אמונה, אויל אויפן פייער. עס זיינען אָבער שוין דאַמאָלט געווען מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די טראַגעדיע פון קאַלטקייט ביי דער פרוי; ס'זיינען שוין דאַן געווען אַזוינע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער מאַרגנרויט צו דעם קעגנגעזעצטן געשלעכט איז די דערוואַכונג פון נשמה, אַז דאָס איז די צייט פון געבורט פון אַספּיראַציעס, סימפּאַטיעס, נויגונגען צו מעשים טובים, צו קונסט, צו מענטשלאַכער קולטור־פולקייט. די אייער שטאָקן ביי דער פרוי און די געשלעכט־דריזן ביים מאַן סעקרעטן, (האַלטן אין איין גיסן), ניט זרע־פעדימלאַך און אייעלאַך איין און אַליין. זיי דינען נאָך דעם מענטשן ווי אַ האָרמאָן, ווי אַ דריז, וואָס פּראָדוצירט געוויסע פליסיקייטן, וואָס גיסן זיך דירעקט אינם בלוט אַריין, ווערן דורכן בלוט צעטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער, וואָס אַ דאַנק זיי, אַ דאַנק די דאָזיקע האָרמאָנען, צעבליט זיך עס פיזיש און גייסטיק דאָס קינד. אין דער צייט פון רייף ווערן קאָן מען 'עס בולט זען. — איז עס מיאוסער ענין?

באַפרידיקן זיך קאָן אַ מענטש נאָר דאַמאָלט, ווען דער געשלעכט אַקט איז איינגעטונקט אין געפילן פון ליבע, מחמת דער מענטש, אין אונטערשייד צו דער חיה, האָט אַ נשמה. שרייבט נעמילאָוו: „די געשלעכטלאַכע אָרגאַנען, ד. ה., דער אייערשטאָק ביי פרויען און דער זוימען־דריז ביי מאַנסבילן, האָבן אַ טאָפּלטע אויפגאַבע. פון איין זייט ווערן אין זיי אויסגעאַרבעט די געשלעכטלאַכע פּראָדוקטן, ד. ה., איי־קעמערלאַך ביי פרויען און ספּערמאַטאָזאָידן אָדער זרע־פעדימלאַך ביי מאַנסבילן; פון דער אַנדערער זייט ווערן דורך די זעלביקע אָרגאַנען אויסגעשיידט באַזונדערע כעמישע אויפרייצונגס־שטאָפן, — האָרמאָנען, וועלכע קומען כסדר אַריין אינם בלוט, ווערן פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער און ווירקן דאָרט שטאַרק אויף אַלע פּראָצעסן”. די פאָרשונגען פון די לעצטע פופצן יאָר איבערצייגן אַלץ מער און מער די געלערנטע, ווי קאָלאָסאַל עס איז די פיזיאָלאָגישע באַדייטונג פון דער דאָזיקער געשלעכטלאַכער אינקרעציע, וועלכע צעגיסט זיך ווי אַ כוואַליע כעמישע־אויפרייצונגען פון די געשלעכטלאַכע אָרגאַנען איבערן גאַנצן קערפּער. אָן אַ נאָרמאַלער אינווייניקסטער סעקרעציע איז ניטאָ קיין געזונטהייט. אַלדאָס בעסטע, וואָס איז פאַראַן אין קערפּער און אין דער „נשמה” פונם מענטש, הענגט אָפּ פון די דאָזיקע געשלעכטלאַכע האָרמאָנען. זיי פאַרוואַנדלען עס דעם מענטשן אין אַ מענטש. פונקט ווי בלויזע, גייסטיקע נאָענטקייט איז ווייניק פאַר דער ליבע (זי קען העכסטנס

פירן צו פריינטשאפט), איז אויך ניט געגוג דער בלויזער פיזישער באגער. ביידע צוזאמען פירן צו דעם באמת הערלאכסטן הימל.

דער דירעקטער סעקס אימפולס (און דער געשלעכט אקט) איז, ווי געזאגט פריער, צינדט שטאף פאר א פייער, אין וועלכן דער מענטש ברענט פארשווענדעריש אוים ס'ליכט פון זיין לעבן, ווען דאס איז ניט פארבונדן מיט ליבע און הייליקייט. אן ליבע קאן מען א חוץ דעם ניט דערגרייכן דעם עקסטאז (געגוס), די פרייד, וואס וועקט אויף אינם מענטשן שפעטער שע־פערישע כוחות, גיסט אים אן מיט גליק און באפליגלט זיין נשמה מיט דעם העכסטן לעבנסלוסט. דערפאר איז לעכערלאך דאס פאזירן מיט קאלטקייט צום געשלעכט אקט. איז מען אבער אין דער אמת'ן קאלט — איז מען ניט נאר קראנק נאר טויט.

דורך אן אפעראטיווער אריינמישונג פלעגט מען פארניכטן קאסט־רירן, אויסשניידן (און מען טוט עס נאך איצט צוליב געווויסע סיבות) די געשלעכטלאכע דריזן. מען פלעגט עס טאן כדי צו פארהיטן די דינע זיסע (סאפראנא) שטימע ביים אינגל, מען פלעגט עס טאן און מען טוט עס נאך איצט צוליב רעליגיעזע טעמים, כדי זיך צו קאנען אפגעבן בלב ונפש דעם רבונו של עולם. נאך דער קאסטרירונג ווערן אויסגעלאשן די געשלעכטס גע־פילן, ווערן אבער דערביי אויך איינגעשלאפן די גייסטיקע כוחות און אימ־פולסן. דער קאסטרירטער איז פויל, אן פרייד, אן באשטרעבונגען, ער איז תמיד אין א געדריקטער שטימונג, טעמפ, ניט שעפעריש, טרוקן, קליינלאך, עגאאיסטיש און אפגעלאזן; זיינע מוסקולן זיינען שוואכע, ער איז פעט, מיט אן איינגעפאלענער בויך, בלאס, מיט דינע ביינער, ער האט פרי קנייטשן אויפן פנים, ער האט דעם אויסזען פון א זקן, און א הארלאזן פנים. קאסטרירטע הינט זיינען, לויט די ווערטער פון פראפ. רעפרעוו "מער ענלאך איינע אויף די אנדערע ווי נארמאלע הינט". זיי זיינען פויל, אומ־באוועגלאך און געפינען זיך די גאנצע צייט אין א געדריקטער שטימונג. ביי מענטשן שטארבט ביים קאסטרירטן אינגאנצן אפ די "נשמה". צוזאמען מיטן געשלעכטלאכן געפיל פארשווינדן אינגאנצן אלע ווערטפולע אייגנ־שאפטן פון דער מענטשלאכער "נשמה", און ס'ווערן אויסגעלאשן אירע בעסטע שטרעבונגען און אידעאלן. יא, קאסטראטן, הייסט עס, צייכענען זיך אוים מיט גייסטיקער טעמפקייט און אפגעלאזנקייט; זיי ווערן אומ־פיאיק צו שעפערישער טעטיקייט און צו עסטעטישע איבערלעבונגען: זיי פארלירן יעטווידן חוש פאר די איינפאכסטע טעכנישע זאכן; אין מארא־לישער באציאונג זיינען זיי ניט נאר עגאאיסטיש, טרוקן און קליינלאך, נאר אויך פולשטענדיק גלייכגילטיק צו אנדערע מענטשן; זיי לעבן מיט די סאמע פרימיטיווע רעפלעקסן; דאס גאנצע לעבן זייערס ווערט אויס־געפילט מיט אינטערעסן פון מאגן און מיט קליינלאכע טאג־טעגלאכע ענינים. זעט איר שוין פון דעם, וואס פאר א כוח א שיינער, א גייסטיקער

איז דער געשלעכט האַרמאַן, דאַרף מען דעם דאַזיקן עניין פּאַרמיאַוסן? בירגערשאַפט דעם געפיל כדי אים צו סובלימירן.

א סך פרויען לייקענען סעקס אימפּולס (דראַנג), מחמת זיין סעקסועל גלייכגילטיק, און נאָך מער, האַסן דאָס דאַזיקע, האַלטן זיי ווי א סימן פון דערהויבנקייט, אינטעליגענטישקייט און ראַפינירטקייט, בעת איז דער אמת'ן איז קאַלטקייט א קראַנקהייט. די ניו ענגלאַנדישע פּוריטאַנער זיינען אויפן געביט פון ליבע און געשלעכט לעבן געווען זייער שטרענג. אפילו א לייכטער פלירט, א שמייכל, אויפמערקזאַמקייט צו א פרוי, א גוט וואָרט צו איר האָבן זיי געהאַלטן פאַרן גרעסטן פאַרברעכן. ביי זיי איז געווען אזא מנהג: פאַר דער חתונה האָבן חתן כלה געמוזט א נאַכט, צי איינציקע נעכט, שלאָפן צוזאַמען, אין איין בעט, אויסגעטאָן, צי אין די קליידער. דער מנהג האָט דעם חתן צי דער כלה געגעבן די געלעגנהייט צו ווייזן ווי ריין און ערלאַך איר חתן צי זיין כלה איז. דער מנהג האָט געזאָלט ווייזן דעם חתן צי דער כלה, ווי שטאַרק זי אָדער ער וועלן קאָנען אמאָל ביישטיין א נסיון. דער מנהג שטאַמט ניט פון ניו ענגלאַנד. מיט דעם מנהג פלעגן די קאַטאָליקן אמאָל אויספּרובירן די גלחים און די הייליקע שוועסטער. פלעגן אָבער פון דעם מנהג אזויפיל כלות און הייליקע שוועסטער ווערן שוואַנגער, אז מען האָט געמוזט אויפגעבן דעם דאָזיקן מנהג. — צו שטאַרק איז דער געשלעכט דראַנג, און צו שוואַך איז דער מענטש אים צו קאָנטראָלירן. איז היט זיך פאַר נסיונות... קומען אָבער און "פלירטעווען" מיט קאַלטקייט איז אַן אומזין. די קאַלטע פרוי איז קראַנק, אָבער ניט דווקא ריין, ניט אינטעליגענט, און ניט חווקא הייליק, — זייער מעגלאַך, אז אין די טאָג חלומות ברענט זי ווי דער העלישסטער פייער...

אין א סך קולטור־געשיכטלאַכע מוזעאומס פון פאַרשידענע לענדער געפינען זיך עקזעמפּלאַרן פון צניעות־גאַרטלען, פון יענעם אַפּאַראַט, וואָס אייפערזיכטיקע מענער פלעגן אין מיטלאַלטער אָנטאָן זייערע פרויען, ווען זיי פלעגן אוועק אין מלחמה, אָדער סתם ערגעץ אוועקפאָרן. דער גאַרטל איז געווען פאַרזען מיט א שלאָס און האָט פולשטענדיק אוממעגלאַך געמאַכט די אומטרייהייט פון דער פרוי. אזא מין אייפערזיכטיקער מאַן האָט זיך פאַרן מיטגענומען דעם שליסל, און, בעת ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערמיט צוריק אָפּגעעפנט דעם גאַרטל, און טאָמער האָט געטראָפן, אז ער האָט פאַרלאָרן דעם שליסל, האָט מען פשוט געמוזט אויפברעכן דעם שלאָס. אפילו אין יענע אלטע גוטע צייטן איז מען שוואַך געווען קעגן א נסיון, מחמת צו שטאַרק איז ס'סעקס געפיל און דאָס פאַרמיאַוסן העלפט ניט, נאָר פאַרקערט, קריפּלט און צערייצט.

ס'איז נענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, וואָס וויקטאָר מאַרגאַרעט באַשרייבט: א מיידל וועלכע א מאַן פאַרגוואַלדיקט, בייסט אים, קראַצט

אים, רייסט פון אים שטיקער פלייש, זי דערפילט אבער פלוצלונג סעקס־
גענוס — זי בייט זיך, הויבט אָן זיך צוצודריקן צו אים, אים קושן א.א.וו.
— צו שטאַרק איז דער כוח פון סעקס. אפילו דער "פּאַלקסוויץ", וואָס
דערציילט פון א מיטליאַריקער פרוי, וואָס בעט זיך רחמים ביים סאָלדאַט,
ער זאָל זי ניט טשעפּען, ניט פארגוואַלדן, מחמת זי איז שוין אַלט, איר
פעלט אפילו די ציין, נאָר איין צאָן פארמאָגט זי. אָבער אַז ס'העלפט ניט,
ער לאָזט זי ניט אָפּ, רופט זי אים נאָכן אַקט צו און זאָגט אים: דאָ האָב
איך נאָך א צאָן... דורות און דורות האָט מען געמאַכט דעם פאַטאַלסטן טעות.
מען האָט געוואָלט דערשטיקן א כוח, א הייליקן און א גייסטיק־שעפערישן.
דעם כוח האָט מען ניט דערשטיקט, מען האָט נאָר געקריפּלט נשמות. ניט
טויטן דעם דאָזיקן געפיל, נאָר אויפהערן צו פארמיאוסן, דערהויבן אים
און געבן אים בירגערשאַפט אין דערציאונג, איז דער רוף פון דער צייט.

"די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון געשלעכטלאַכן אַפּאַראַט, זאָגט נע־
מילאָוו, די געשלעכטלאַכקייט, (שטאַרקער ווי ביי בעלי־חיים) אין ברייטן
זין פון וואָרט, איז געווען איינע פון יענע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גאָר ארויס־
גערוקט דעם מענטשן אויבן אָן, אין דער ריי פון אנדערע לעבעדיקע באַ־
שעפענישן". און ניט געצויגן חלילה אין דער נידער. די ליידנשאַפטלאַכקייט
איז ניט קיין זינד, נאָר א צירונג פון לעבן, א מתנה פון גאָט, פונקט ווי
פרילינג און זומער ווינטן. מען דאַרף דערפון געניסן, מיט א ריין געוויסן
און מיט גרוים פרייד. "ס'איז גענוג זיך צוצוקוקן כאָטשבי נאָר אויבער־
פלעכלאַך צו דער לעבעדיקער נאַטור ארום אונז, כדי זיך צו איבערצייגן,
ווי אומגעהייער וויכטיק עס זיינען די פּראָצעסן פון געשלעכטלאַכן לעבן.
בלויז צוליב געשלעכטלאַכער פארמערונג, בליען ליליען אין פעלד, און שמעקן
רויזן אין די גאָרטנס; בלויז א דאַנק דעם דאָזיקן מעכטיקן לעבנס באַוועגער
צוויטשערט דער סאָלאָוויי אויף די ביימער, און ס'פליט הויך אין הימל
אריין מיט זיין ליד די לערכע. די גאַנצע שיינקייט, די גאַנצע פּראַכט, און
בונטקייט פון די פארבן, מיט וועלכע עס באַצויבערט און פארלאַקט אונז
די לעבעדיקע נאַטור, — דאָס אַלץ אַנטשטייט, פארפולקאָמט זיך און אַנט־
וויקלט זיך ברייטער און טיפער, בלויז א דאַנק די דערשיינונגען פון גע־
שלעכטלאַכן לעבן. לסוף איז אויך דער מענטש ניט קיין אויסנאַם פון אַלגע־
מיינעם כלל. אויך ביי אים איז דער געשלעכטלאַכער דראַנג איינע פון די
וויכטיקסטע סיבות פון פיזישער און גייסטיקער פארפולקומונג" (יאַשונסקי).
גייסטיקייט, הייסט עס, איז ענג פארבונדן מיט געשלעכט. און ס'איז קיין
וואונדער ניט, מחמת "די נאָרמאַלע געשלעכטלאַכע נייגונג איז א נאַטיר־
לאַכע, א ריינע און, ווי אזא, — אן אומבאַדינקט־עטישע נאַטור דערשיינונג.
וועלכע דער מענטש, ערשט אין זיין שגעונדיקער פארבלענדקייט און פעלשן
פון איר אמת'ן וועזן, האָט געשטעמפּלט מיטן נאָמען "זינד" און עפּעס
"שלעכטס". דער מענטש האָט א נאַטירלאַך, איינגעבוירן געזעץ צו באַ־
פרידיקן זיין געשלעכטלאַכן באַגער. די אַבסאָלוטע פּרישות דאַרף מען אָפּ־
וואַרפן אַלס אומבאַדינקט אוממאָראַלישע לערע". (דר. בלאָך).

מענטשן מיט שטאַרקערן געשלעכט דראַנג זיינען די פיזיש שטאַר־קערערע, מונטערערע, לעבעדיקערע, זיי זיינען גוטמוטיקער געשטימט, קעמ־פערישער, אַמביציעזער, זיי זיינען אמת׳ע פּערזענלאַכקייטן.

יאַ, אָבער באַפרידיקן זיך און פאַרגעניגן האָבן זיינען צוויי פאַר־שיידענע געפילן. פאַרגעניגן האָבן קאָן מען, ווען מען קריגט פון עפּעס וואָס אויף אַ ווײַלע אַ פאַרגעניגנדיקן גענוס און אַ סוף און עק. ניט זעלטן בלייבט מען אויף אַ לייגנערער צייט מיט אַ שווערן ביי־טעם נאָך דעם פאַרגעניגן. באַפרידיקן זיך קאָן מען נאָר, ווען דער באַפרידיקונג־אַקט איז געווען פאַר־בונדן מיט ליבע און פריינטשאַפט, ווען דער קוואַל איז אַ ריינער, אַ דער־הויבן־מאָראַליש־מענטשלאַכער. געשלעכטלאַכן פאַרגעניגן קאָן מען האָבן פון שפּילן זיך מיט געשלעכט אָרגאַנען פון דעם קעגנגעזעצטן געשלעכט; מיט קושן, האַלזן, אַרומנעמען; אַפילו די גענוס איבערלעבונגען, וואָס דער מאַן פילט בעת ס׳דערגייט ביי אים ביז צו דעם אָרגאַזם, די העכסטע שטופע פון געשלעכט גענוס, בעת עס לויפן ביי אים אָפּ די זרע פעדימלאַך, וואָס האָבן געשפּאַרט אויף אַרויס, אַפּילו דאַמאָלט, הייסט עס, ווען דער מענטש פילט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, איז עס נאָר פאַרגעניגן און ניט מער. פון באַפרידיקונג איז עס ווייט, — באַפרידיקן זיך קאָן מען נאָר, בעת אַלץ אַרום דער גאַנצער קאָמפּלעקס איז פאַרבונדן מיט אמת׳ער דערהויבענער גייס־טיקייט, מיט אמת׳ער ליבע.

”ליבע האָט אַ העכסט גינסטיקע ווירקונג אויף אַלע אָרגאַנען. ליבע איז געזונט. דאָס געפיל פון ליבע פאַרגרעסערט דעם געברויך פון זויערשטאָף און פאַרשטאַרקט די אַרבעטס־פעיאיקייטן פון די מוסקולן און אַלע אַנדערע אָרגאַנען. עס איז וויסנשאַפטלאַך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אַ גליקלאַכע ליבע פאַרברייטערט דעם אינטעלעקטועלן האָריזאָנט פון דעם מענטשן. פונקט אַזוי ווי אַן אומגליקלאַכע ליבע פאַרשמעלערט אים; און ווען געטע לייגט אַריין אין מויל פון דעם אומגליקלאַכן ווערטהער די ווערטער: ”איך האָב פאַרלוירן דאָס, וואָס איז געווען די איינציקע פרייד פון מיין לעבן, די הייליקע און היילנדע קראַפט פון ליבע, דורך וועלכער איך בין געווען פעיאיק צו שאַפן וועלטן אַרום מיר”, האָט ער בלויז געגעבן אַ פּאָעטישן אויסדרוק פאַר דעם וויסנשאַפטלאַכן אמת, אַז ליבע איז די העכסטע פאָרם פון לעבן, און אַז לעבן אָן ליבע האָט קיין שום זין ניט און קיין שום ווערט ניט”. (דר. מאַגנוס הערשפעלט). מיר לערנען אונזערע קינדער, ריכטיקער, מיר שטאָפּן זיי מיט אַזויפיל פאַקטן און מיינונגען, אַז מיר גרייטן זיי אויף אַזאַ אופן צו צום לעבן. די אמת׳ע פעדאַגאָגיק מיינט ניט שטאָפּן, ניט געבן. נאָר וועקן אינם קינד. אויסלערנען ׳ס׳קינד ליבן, אויסלערנען אים ליבן הויך וואָלט אים צוגעגרייט צו אַ ליכטיקן לעבן. שפּאָרן מיר אָבער אין אים האַסן (צו אידן, ”נאַלישן”, צו שכנים, צו פריינט), שטאָפּן מיר אים מיט חשדים. און ברעכן די יונגינקע צווייגעלאַך אין זיין נשמה, די יונגע בלימעלאַך אין אים פון ליבע. — דאָס פּראָבלעם סעקס, איז ס׳פּראָבלעם ליבע.

איז טאקע די אויפגאבע פון אונזער דערציאונג, איר הייליקסטער חוב, געבן בירגערשאפט דעם סעקס פראבלעם, וועקן התלהבותדיקע פרייד אינם קינד דורך נייסטע מעטאדן פון לימודים (באגלייטן דעם לימוד מיט געזאנג, מוזיק, שפיל, אויסקלייבן דאס פארכאפנדיקסטע, ניט לערנען לשם עפעס אן "איזם, נאר לשם אויפצואוועקן אינם קינד דעם קוואל פון גייסטיקער פרייד און ליבע), לערנען דעם קינד ליב צו האבן די נאטור און דעם מענטשן (געפינען אויף אלץ א זכות). ווי קאן מען עס ביים אונזערע אומשטענדן, וועט איר פרעגן, ס'איז מעגלאך, דער פאקט, וואס, ביי אונזערע שרעקלאכסטע אומשטענדן האבן מיר דאך געהאט מערעמס, מיכאלעווישעס, זשיטלאווסקים; דער פאקט וואס מיר האבן געהאט און האבן אזויפיל קדושים וטהורים, וואס שטארבן מיט פרייד על קידוש השם, ווייזט, אז שוין ביי איצטיקע אומשטענדן דארפן מיר אנהויבן. דאס וועט פירן אז דער מענטש זאל זיך קיינמאל ניט קאנען צופרידנשטעלן (שטילן דעם הונגער) סעקסועל, נאר, אז ער זאל נאר קאנען זיך באפרידיקן און באפרידיקן זיך הויך, מענטשלאך און הייליק. יא, דעם מענטשנס באפרידיקונג הענגט אפ פון זיין "איך", און פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט. דער מענטש קאן העכער שטייגן און נידעריקער פאלן ווי א חיה, א חיה ווערט סאטיספיצירט, צופרידנגעשטעלט. דעם מענטשנס געשלעכטלאכע באפרידיקונג שטעלט מיט זיך פאר די סומע געפילן, וואס ער קריגט פון סעקס צוזאמען מיט פריינטשאפט, מיט ליבע; עס איז דורכגעזאפט מיט שיינקייט און פראכט. מיטן עסן שטילן מיר דעם הונגער. א געשלעכטלאכער פארקער, אן ליבע, אן הייליקייט, קאן שטילן דעם סעקס הונגער, ער קאן בארואיקן די געשלעכט אויפרעגונג, די אנגעצויגנקייט, ער קאן געבן פארגעניגן (וואס רייצט און שאפט און קריפלט), ער קאן אבער ניט באפרידיקן די אלע בייגקשאפטן, וואס זיינען פארבונדן אינם מענטשן מיטן פראצעס פון געשלעכטלאכן גענוס. דא ליגט די קאמפליצירטקייט פון דער לאגע. ביי דער חיה איז געשלעכטלאכע באפרידיקונגען א פיזיש מעכאנישער פראצעס. ביי מענטשן מער פאר אלץ א פסיכישער, אפהענגיק פון א סך געפילן, אפעטיטן,, טעמים א. א. וו.

עמיל לוקא רעדט וועגן "דריי שטופן פון עראטיק": וועגן דער ערשטער — די ריין קערפערלאכע תאווה, וועגן דער צווייטער — די ריין גייסטיקע ליבע, און וועגן דער דריטער שטופע — די צונויפגיסונג פון דעם קערפערלאכן באגער מיט דער פארגייסטיקטער ליבע. די דאזיקע דריטע סטאדיע איז דער חלום פון יעדן קולטור־מענטשן, דאס איז באפרידיקונג! דער מענטש וועלקט, שטארבט בפועל ממש אפ, ווען ער קאן זיך הייליק הויך געשלעכטלאך ניט באפרידיקן. פון דעם אפשר אזויפיל גייסטיקקראנקע און גייסטיק צעבראכענע.

א סך קאמפליצירטער איז דער ענין, וואס די פרוי ליבט אנדערש ווי דער מאן. מוט, איידלקייט, אכטונג, באוואונדערונג, שטים, גייסטיקייט,

הארציקייט קאנען צוציען די פרוי, אבער ניט דעם מאן. אזוי האלט וויל דוראנטי, אז פרויען פארשטייען בעסער מענער ווי מענער פרויען; אז די פרוי איז ביאלאגיש מער וויכטיק אין פונדאמענט פון סעקס; אז דער מאן איז מען דערפינדעריש, זוכעריש, און געוואגטער; אז דער מאן איז מער קריגעריש, עקשנות׳דיקער, שטורמישער; די פרוי געטרייער, באשטענדיקער און נאכגעביקער; דער מאן אקטיווער, די פרוי פוילער. די פרוי איז גרייטער צו ליבן, דער מאן איז געניייגטער צו פריינטשאפט; די פרוי איז געזעלשאפטלאכער, דער מאן אייַנזאמער; די פרוי רעדעוודיקער, זי איז מער געניייגט צו מנהגים, אבערגלויבן; די פרוי איז מער אפהענגיק פון עפנטלאכער מיינונג, זי איז שטילער, אידעלער, אויסגערעכנטער, האט מער פיזאיקייטן, איז מער גענייגט צו אלטרואיזם און מאראלישקייט; די פרוי איז רעליגיעזער, דער מאן סקעפטישער, דער מאן מער אינטעלעקט; די פרוי אבער אינטעליגענטער; די פרוי זיכערער, קלוגער, פראקטישער און ערלאכער. דער מאן אייפערזיכטיקער, (מחמת ער קאן גרינגער פארראטן, זעט ער זיין גרייטקייט ביי דער פרוי...). קורץ, צווישן מאן און פרוי איז ווי צווישן הימל און ערד.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואס פאראן אונטערשיידן אין כאראקטערן צווישן דעם מאן און דער פרוי. די פרוי באזיצט קאמפליצירטע ארגאנען צו שאפן דאס אייעלע, צו ווארימען אים שפעטער אין איר קערפער, צו געבוירן, צו היטן, קא־מענען; דעם מאן האט די נאטור נאר געגעבן דעם סטימולירנדיקן כוח צו זוכן, צו באפרוכפערן. — אט אין דעם אליין ליגט א קוואל פון אונטערשיידן.

די פרוי איז סעקסועל פארשיידנארטיקער פארן מאן. זי קאן אבער זיך אויף מיליאנען אופנים אויסלעבן סעקסועל אומדירעקט; איר מוטערליבע, איר צארטערע גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט צו גייסטיקע ענינים איז ס׳פעלד, וואו זי קאן סובלימירן איר סעקסועלן הונגער. די ליבע ביי דער פרוי גייט פון אויבן (נשמה) אראפ און דערגייט זעלטן. ביי דעם מאן גייט די ליבע פון אונטן ארויף (צו דער נשמה) און דערגייט אויך זעלטן ווען...

די סיבות פון אונטערשיידן דערקלערט בלאך אזוי: דאס מענלאכע זאמען־קעמערל און דאס ווייבלאכע איי־קעמערל דריקן אויס אויפן פשוטסטן און איבערצייגנדיקסטן אופן די דיפערענציע פון די געשלעכטער, די שוין **דורך דער נאטור פארגעזעענע און שפעטער דורך דער** קולטור נאך ווייטער אנטוויקלטע, געזעטייגערטע און פארפיינערטע ספעציפישע געשלעכטס **אונטערשיידן.** די פרוכפערונג קומט צושטאנד דורך דער וואנדערונג פון דעם זאמען־קעמערל צום ווייבלאכן איי־קעמערל, דורך זיין אריינדרינגען דערין. דאס מענלאכע קעמערל רעפרעזענטירט דעם אקטיוון עלעמענט אין דער סעקסואליטעט, דאס ווייבלאכע דאגעגן — דעם מער פאסיוון; שוין אין

דאַזיקן וועזנטלאַכן אקט פון דער פרוכפּערונג דריקט זיך קלאָר און דייטלאַך אויס דאָס נאַטירלאַכע פאַרהעלטעניש צווישן מאַן און פרוי. די דאָזיקע אויפפאַסונג באַגעגענען מיר שוין אינם מיטאָס און אין דער סימבאָליק פון אַלטערטום. דאָ ווערט דער מאַנסביל, אַלס אַקטיווער עלעמענט, תמיד אַנטקעגנגעשטעלט דער פרוי, אַלס פּאַסיוון עלעמענט". "שטילקייט און מנוחה הערשט אינם איי, אָבער ווען דער מענלאַכער גאָט, געטריבן דורך תשוקה, ברעכט דורך די שאָל און ענאַרכים הויבט אָן זיין ווערק, דאַן ווערט אַלץ באַוועגונג, אַלץ רווילאָזער חפזון, אַלץ טרייבקראַפט, אַלץ אַ קיינמאָל זיך ניט ענדיקנדיקע קרייזלאַך. דער מענלאַכער עלעמענט דערשיינט בכן אַליין אַלס דער פאָרשטייער און טרעגער פון דער באַוועגונג אין דער זעבאַרער ערדבאַשאַפונג. פונקט ווי ער גיט דורך דער ערשטער טאַט דעם אָנשטויס, אַזוי באַנייט ער זי אָן אויפהער דורך כסדר'דיקער איבער'חזרונג פון דער זעלביקער. דער אַקטיווער נאַטור־עלעמענט דערשיינט צוגלייך אַלס באַוועגנדיקער... דער עלעמענט פון דער באַוועגונג איז דער מאַנסביל, דער עלעמענט פון דער רו איז די פרוי, די סיבה פון אייביקן אומבייט איז דער מאַן, דאָס בילד פון אייביקער מנוחה — די פרוי, צוליב וועלכן די ערדמוטער ווערט מייסטנס פאָרגעשטעלט זיצנדיק". די אומצווייפלהאַפטע פאַראַנענע קערפּערלאַכע אונטערשיידן צווישן די געשלעכטער אַנטשפּרעכן פונקט אַזוי די אומצווייפלהאַפט פאַראַנענע גייסטיקע דיפערענצן. העוולאָק עליס ("מאַנסביל און פרוי") האַלט, למשל, אַז "כל זמן די פרויען אונטערשיידן זיך פון דעם מאַנסביל דורך פּרימערע סעקסועלע אייגנשאַפטן און דורכדעם, וואָס זיי פאַרשוואַנגערן און געבוירן, אַזוי לאַנג וועלן זיי זיך צו אים ניט קאָנען גלייכן אין די העכסטע פּסיכישע פּראָצעסן". די נאַטור פונם מאַנסביל, האַלט ער, איז אַגרעסיוו, פּראָגרעסיוו, פאַרשיידנאַרטיק, — בעת די נאַטור פון דער פרוי איז אויפנעמבאַר און מער עמפּפינדלאַך. העוולאָק עליס ווייזט אָן, אַז דער ערשטער אימפּולס צו אַלע גרויסע רעליגיעזע באַוועגונגען פון דער וועלט שטאַמט אין 99 אויף 100 פאַלן פון מענער. די פרויען זיינען תמיד נאָר געווען גרייט אָנצושליסן זיך אָן די רעליגיע־גרינדערס. אָבער דער אַרגומענט פאַלט צענויף, ווען מיר נעמען אין אַכט דעם פאַקט, וואָס פרויען זיינען צו העכערע אַחבעטן ניט צוגעלאָזן געוואָרן.

העוולאָק עליס האָט דורכגעפירט גענויע פאָרשונגען איבער דעם געשלעכטס־דראַנג ביי דער פרוי און אויסגעפונען די פאָלגנדיקע אונטערשיידע צווישן דעם געשלעכטס־דראַנג ביי דער פרוי און ביי דעם מאַנסביל: 1) דער געשלעכטס־דראַנג ביי דער פרוי ווייזט אַ גרעסערע אויסערלאַכע פּאַסיוויטעט (נאָר אויסערלאַכע); 2) דער דראַנג איז ביי איר קאָמפּליצירטער, טרעט שווערער ספּאָנטאַן אויף, באַדאַרף אָפּטער די אויסערלאַכע אָנרעגונג, דער אָרגאַזם קומט פאָר לאַנגזאַמער, ווי ביים מאַנסביל; 3) דער דראַנג אַנטוויקלט זיך ערשט אין זיין פולער קראַפט נאָכן אָנהויב פון רעגלמעסיקן געשלעכטס־לעבנס; 4) די גרעניץ, מחוץ וועלכן ס'הויבט זיך אָן דער געשלעכטס־עקסצעס, ווערט שווערער דערגרייכט ווי ביים מאַנסביל;

5) די געשלעכטס־ספערע האט א גרעסערע אויסברייטערונג, איז מער פּאַנאַנדערגעשפּרייט ווי ביים מאַנסביל; 6) די ספּאָנטאַנישע רעגונגען פון געשלעכטלאַכן באַנער ווייזן אַרויס א ד"יטלאַכע נייגונג צו פּעריאָדישקייט; 7) דער געשלעכטס־דראַנג ווייזט אַרויס ביי דער פרוי א גרעסערע פאַרשיידנאַרטיקייט איידער ביים מאַנסביל, וויבאַלד מיר ווילן פאַרגלייכן מיט אַנאַנדער ניט בלויז די איינצעלנע ווייבלאַכע אינדיווידן, נאָר אויך די פאַרשיידענע פאַזן פון לעבן ביי איין און דערזעלביקער פרוי. די דאָזיקע גרויסע אויסגעשפּרייטקייט פון דער סעקסועלער ספערע ביי פרויען אילוסטרירט, למשל, דער דורך מאַראַגליא מיטגעטיילטער פאַל פון א פרוי, וועלכע איז, דורך מאַסטורבאַציע פון פערזן פאַרשיידענע ערטער פון איר קערפּער, געוואוינט אימשטאַנד אַרויסצורופן ביי זיך געשלעכטלאַכע אויפרעגונג.

איצט וויפל די פרוי איז מער סעקסועל ווי דער מאַנסביל, קאָן מען באַאָבאַכטן אין די משוגעים־הייזער, וואו ס'פאַלן אוועק די קאָנווענציאָנעלע שטערונגען. לויט שאָיס באַאָבאַכטונגען שטייגן די פרויען בלי־ספק איבער די מענער אין ביטערקייט, בייזוויליקייט און שמוציקייט, און אין דער דאָזיקער הינזיכט איז ניט פאַראַן קיין שום אונטערשייד צווישן אן אומפאַרשעמטער פרוי פון די אונטערשטאַטישע קוואַרטאַלן פון לאָנדאָן און א פאַרנעמער דאַמע פון אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל. פיל אָפטער באַגעגנען מיר זיך מיט ליאַרעס, אומריינקייט און געשלעכטלאַכער אויסגעלאַסנקייט אין רעדן און אין האַלטן זיך אין פרויען אָפּטיילונגען איידער אין די מענלאַכע. אין אַלע פאָרמען פון שאַרפער משוגעת טרעט דער סעקסועלער עלעמענט אויף, לויט שאָו, דייטלאַכער ביי דער פרוי ווי ביים מאַנסביל.

האַלט אָבער אָטאָ ווייניגער, אז: "יעדער מענטש וואַקלט צווישן דעם מאַנסביל און דער פרוי אין אים, מעגן די וואַקלעניש זיין ביי איינעם קוים באַמערקבאַרע און אָבנאָרמאַל גרויס ביי דעם אַנדערן. אזוי, אז אין דער דערפאַרונגס־וועלט איז ניט בנמצא ניט קיין מאַנסביל און ניט קיין פרוי, פאַראַן מער ניט ווי מענלאַכעס און ווייבלאַכעס". פאַראַן, הייסט עס, פרויען, וואָס לויט זייער כאַראַקטער זייען זיי מער "מענער", און מענער, וואָס זיינען לויט זייער כאַראַקטער מער "פרויען".

"ווייבלאַכע מאַנסבילן זיינען, אין הסכם מיט זייער ווייבלאַכקייט, אויך קערפּערלאַך איידעלער, איידער אַנדערע מענער. פאַראַן מענער, וועלכע גייען אַרויס אויפן שפּאַציר, כדי צו פילן, ווי מען באַוואונדערט זייער אויסערלאַכקייט, און קערן זיך דערנאָך אום באַפרידיקטע אַהיים. אזלעכע פערזאָנען זאָרגן אויסערגעוויינלאַך וועגן פריזיר, קליידונג, שוכוואַרג, וועש. זיי זאָרגן זיך וועגן דער מאָמענטאַנער האַלטונג פון זייער פיגור, וועגן דעם, ווי אזוי זיי זעען אויס יעדן טאָג, וועגן די קלענסטע פּרטים פון זייער טואַ־

לעט, זיי באמערקן יעדן צופעליק געפאלענעם בליק פון א דורכגייער און אפט זיינען זיי פונקט ווי פרויען קאקעטיש אין גאנג און אין די זשעסטן. דאגעגן, ביי דער ווייראגא (מענלאכער פרוי), באמערקט זיך אפט א פולע פארוואַרלאָזונג פון טואלעט און מאנגל פון קערפער פלעגע; זי ווערט מיטן אנטאן פיל שנעלער פארטיק, איידער וועלכער ס׳איז ווייבלאכער מאנסביל, מענלאכע פרויען שערן זיך קורץ די האר, האבן ליב צו טראגן ספארט מלבושים, שטודירן, טרינקען, רויכערן, קלעטערן אויף די בערג, ווערן ליידנשאפטלאכע יעגערינס. פארקערט, ווייבלאכע מאנסבילן פארלאזן אפט לאנגע האר, טראגן בלוזעס, ווייזן ארויס פיל פארשטענדעניש פאר די טואלעט־ענינים פון פרויען, מיט וועלכע זיי זיינען אימשטאנד מיט גלייכן אינטערעס צו פירן חברישע שמועסן; מעכטיק זיינען די אינסטינקטן, די "דעטערמינאנטן" פון איינגעבארענע נטיות. פאראן אינגלאך, וועלכע שפילן זיך זייער גערן מיט ליאלקעס, לערנען זיך אויס ביי זייערע שוועסטער נייען און העפטן, האבן ליב אנצוטאן מיידלשע קליידער, און מיט פארגעניגן רופן זיי זיך אן מיט א ווייבלאכן נאמען; פאראן ווידער מיידלאך, וועלכע מישן זיך צווישן אינגלאך, נעמען אנטייל אין זייערע ווילדסטע שפילן. און ניט נאר דאס. אלע אייגנטימלאכקייטן פון מענלאכן געשלעכט לאזן זיך אין א רודימענטארן צושטאנד אפזוכן אויך אין דעם ווייבלאכן געשלעכט און פארקערט. ביי דער סאמע ווייבלאכסטער פרוי איז פאראן אויף יענע ערטער, וואו ביים מאן וואקסט די באָרד, א לייכטער פוך. פונקט אזוי באזיצט דער מענלאכסטער מאנסביל אונטער דער ברוסט־וואַרצל די אין דער אנטוויקלונג אפגעשטאנענע דריזן־קאמפלעקסן". די דאזיקע די דאזיקע קאמפליצירטקייטן פלאסטערן נאך גליטשיקער אויס דעם וועג צו קאלטקייט, אדער צו ניט באפרידיקטקייט.

פרויד, אבראהאם, זשאנעט, וו. ווייט, פפיסטער, פערענטש, שטעקל, יאנג, באשטעטיקן, אז א סך פאביאס (ניט נארמאלע שרעק) פאר חיות, מענטשן, סיטואציעס, און זאכן קומען פון אינערלאכן קאנפליקט, וואס קומט פון אונטערדריקן דעם סעקס אימפולס, אדער פון ניט קריגן די געהעריקע מענטשלאכע, פסיכאלאגיש־צוגעפאסטע באפרידיקונגען. "קיין זאך האט ניט געבראכט דעם מענטשן אזויפיל פארקריפלונג ווי דער סעקס געפיל". א פרוי, למשל, מיט א סך מענלאכעס אין זיך, קאן קאלט זיין צו א מאן, וואס איז א סך מער מאן ווי פרוי און פארקערט. אויך פון דעם דאזיקן אינערלאכן קאנפליקט קומען א סך צרות. נעווראזן (קראנקהאפטע ביז משוגעת נערוון צערודערונג א. א. וו.) קומען פון בלאקירן דעם סעקס אינסטינקט, אדער פון ניט קאנען געהעריק אים באפרידיקן.

יא, קאלטקייט צום געשלעכט גענוס ביי א פרוי איז פון די געציילטע גרעסטע סיבות פון מחלוקות צווישן מאן און פרוי, און פון גט׳ן. פון אויבן אויף איז אפשר צו א גט געקומען צוליב טויזנטער און איין סיבה, די סיבה אבע ר פון די אלע טויזנטער סיבות איז די קאלטקייט צום געשלעכט גענוס

ביי דער פרוי. סיבות, וואָס האָבן געפירט צו קאַלטקייט זיינען, ווי פריער שוין געזאָגט, פאַראַן אַ סך. פונם ערשטן טאָג פונם געבורט פונם קינד און אפשר נאָך פריער, הויבט זיך ביי אים אָן דער פּראָצעס פון דערגרייכן אַ נאָרמאַלע סעקס אַנטוויקלונג. יעדער אָפּנייג פון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פירט צו טויזנטער און איין פאַרקריפּלונגען אויף דעם געביט. די פרוי איז אַ דאַנק דער קאָמפּליצירטקייט פון איר סעקסועלן געבוי גיכער גענייגט אַראָפּצוגיין פונם נאָרמאַלן וועג פון אַנטוויקלונג.

דער ערשטער שטוים, דער בראשית פון סעקסועלן גענוס דערפילט ס'קינד, ווען עס רירט אָן, אָדער ווערט אָנגערירט פון זיין באַליבטן מענטשן. קודם איז עס פאַרשטייט זיך די מוטער. דאָס מיידעלע קינד, ווען נאָרמאַל, וועט שפּעטער דעם דאָזיקן גענוס דאַרפן פילן פון אַ באַליבטן מענטשן, פונם קעגנגעזעצטן געשלעכט. דעם אינגעלע־קינד איז גרינגער. דאָס אינגעלע קינד דאַרף זיך נאָר אָפּרייסן פון דער מוטער און זיך ציען צום זעלביקן געשלעכט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס די פרוי גיט, ניט אַ פאַרגלייך, אַ גרעסערן פּראָצענט האָמאָ סעקסועלן. יאָ, דאָס וואָס דאָס מיידל־קינד דאַרף זיך ניט נאָר אָפּרייסן פון דער מוטער נאָר אריבערטראַנספערירן איר ליבע צו אַ קעגנגעזעצטן געשלעכט פירט צו דעם, אַז אין מיידל זאָל בלייבן אַ געוויסע דאָזע האָמאָ סעקסואַליטעט, און דאָס פירט זי צו קאַלטקייט, צום קעגנגעזעצטן געשלעכט, צום מאַן. אַ געוויסע סיבה פון קאַלטקייט צום געשלעכט־גענוס, וואָס איר אורשפּרונג ליגט אין דער קינדהייט איז, וואָס דאָס אינגעלע־קינד דאַרף ניט בייטן דעם רייצבאַרן אָרט, בעת דאָס מיידעלע־קינד וועט עס מוזן, מחמת זי האָט געפילט סעקס גענוס פון רייצן, פון אָנרירן די אויבערשטע טיילן פון איר סעקס אַפּאַראַט, איצט דאַרף זי סעקס גענוס פילן טיף, טיף אינם אַפּאַראַט, — אין אַ גאָר נייעם אָרט, בלייבט זי אָפּט אומבאַפרידיקט און פון דעם קאַלט.

פאַר איינע פון די סיבות פון קאַלטקייט און ניט באַפרידיקטקייט ווערט אויך אָנגענומען דער אומבאַוואוסטזיניקער פּראָטעסט, וואָס דאָס קינד־מיידעלע לעבט איבער, וואָס זי איז ניט קיין אינגל. זי וויל זיך ניט אונטערוואַרפן דער אינפעריאָריטעט. קעמפט זי מיט דער מיידל איז איר "איך" — און פילט זיך מער אינגל — פון דעם תשוקה צום "קעגנגע־זעצטן" געשלעכט, צום מיידל, און קאַלטקייט צום "אייגענעם" "אינגלשן" געשלעכט.

דאָס אינגל־קינד האָט אַ סך פאַרצוגן פאַרן מיידעלע־קינד, צו אים איז די עפנטלאַכע מיינונג ניט אַזוי שטרענג, ער ווייס ניט פון היטן אַזוי דעם קערפּער (פון שעמען זיך), פון מענסטרואַציעס, ער דאַרף ניט טראַנס־פערירן זיין ליבע צו אַ קעגנגעזעצטן געשלעכט, — ווערט אָבער דאָס מיי־דעלע־קינד קאָמפּענסירט, — דורך דעם, וואָס זי און ניט דער אינגל גע־

בוירט א קינד, — זי און ניט דער אינגל וועט אמאל זיין א מוטער. דאס דאזיקע קאמפענסירט פאר איר דעם ארגאן, וועלכע זי איז דעם אינגל מקנא. מיט דעם דערקלערט זיך, וואס א סך פרויען נאכן האבן א קינד, ווערן ווארים צום געשלעכט גענוס.

צו קאלטקייט אין דער פרוי פירט ניט נאר אנאניזם אין די קינדער־יארן (ספעציעל דער פארגעזעצטער אנאניזם נאך דער חתונה), ניט נאר דער מינדערווערטיקייט געפיל אין קינדהייט, ניט נאר פיזישע דעפעקטן (דריזן קראנקהייטן), ניט נאר צופיל וועגעטארישע שפייזן, נאר זייער און זייער א סך פירט צו דעם די צנועהדיקע היים. אלע חולאתן ציען זייער יניקה פון "קלעפ" — איבערלעבונגען אין די פריסטע יארן; אזוי איז אויך מיט דער קאלטקייט, אבער די אויבנדערמאנטע סיבות אין דער קינדהייט זיינען נאר א טראפן אין ים, אין פארגלייך מיט די טויזנטער סיבות וואס צעוואקסן זיך שפעטער פון איין, אפשר, סיבה אין די קינדער יארן.

האלט אבער על'ן קי, אז די פרוי ווערט אפגעקילט צום געשלעכט־אקט, מחמת איר אלץ וואקסנדיקער ליבע צום קינד. זי סובלימירט, אזוי צו זאגן, איר סעקס ליבע (פארבייט מיט א העכערן סובסטיטוט). דאס הייסט, עס, פירט איר צו קאלטקייט: זי איז, הייסט עס, פארטרונקען אין סובלי־מירטע סעקס פליכטן. און נאך וואס, די פרוי פארמאגט א קאמפליצירטן געשלעכט ארגאן, מיט וועלכן זי האט תמיד "צו טאן". אפילו דער עניז פון אויפבויען דאס אייעלע איז פארבונדן מיט א סך דערשיטערונגען: שפעטער ווארימען דעם זייגאט אין זיך, געבוירן, זיין דער ערשטער חבר, די דאזיקע פליכטן, וואס זיינען ליב דער מוטער, מאכן דאך מיד און לכן אפטמאל פויל צום עניין סעקס. דער מאן איז א גרינגער פאסאזשיר, א זוכער, — יא, זיין "גרינגקייט" און גרייטקייט ביי יעדער געלעגנהייט א "לעב צו טאן", דאס אליין איז גענוג עס זאל מאכן די פרוי נערוועז און קאלט צום עצם געשלעכט אקט.. איז טאקע דערפאר אפשר על'ן קי גערעכט ווען זי זאגט, אז די ליבע ביי דער פרוי גייט תמיד פון דער נשמה צו די געשלעכט געפילן און דער־גייט אהין אפטמאל ניט; ביים מאן גייט עס פון געשלעכט געפילן צו דער נשמה, און קומט אויך ניט אלעמאל אן צו דער סטאנציע... דאס דאזיקע פירט צו א סך מיספארשטייענישן, און צרות און גיהנומס.

די פריש־חתונה־געהאטע פרוי איז אין געשלעכטלאכן פארקער בדרך־כלל מער אדער ווייניקער פולקאם "קאלט". זי מוז ערשט דערצויגן ווערן צו דער ליבע (ליבע אין פולסטן זין פון ווארט, ווי מיר פארשטייען זי). געלינגט דאס דעם מאן ניט. (דאס רוב געלינגט עס אים ניט, מחמת דעם מאן גייט עס ניט אן...) דאן בלייבט די פרוי קאלט. אבער, אפילו ווען דער מאן ווייזט זיך ארויס אלס גוטער דערציער, אויך דאמאלט בלייבט נאך די פרוי אין דער ערשטער צייט הינטערשטעליק לגבי דעם מאן. דאס יונגע

ווייב אנטוויקלט זיך ערשט לאנגזאם צו דער מדרגה פון א פרוי, וואס איז
סעקסועל אינגאנצן רייף און פארמאגט די נויטיקע ליבעס־דערפארונג.
דערביי איז אגב מעגלאך, אז אפילו אין דעם דאזיקן סטאדיום זאלן די
ווינציקע רייצונגען, וועלכע גענוגן כדי ארויסצורופן דעם אויסגוס ביים
מאן, ניט גענוגן כדי צו דערפירן די פרוי צו אן אנטשפרעכנדיקן סעקסועל
צעריצטן צושטאנד.

דר. מאקס האדראן, וואס האט געווידמעט זיין לעבן צו ראטעווען
וואס מער אומגליקלאכע, שרייבט אין זיין בוך "דאס סעקסועלע לעבן אין
אייראפע" דאס פאלגנדיקע: "אין די אלטע צייטן האט מען בעסער פאר־
שטאנען ס'פראבלעם סעקס. א מאכמעדאנער געלערנטער און מאראל פריי־
דיקער, א גלח, שרייבט, למשל, אזוי: ווען דו האלטסט ביים צונויפקומען
אין געשלעכט לעבן מיט דיין פרוי, צי איר ליב, צארט און הארציק צו צו
זיך, רעד צו איר זיסע, ליבע רייד, גלעט איר, קוש איר, ריר אן די רייצ־
בארסטע ערטער ביי איר א. א. וו." — ווי אומוויסנדיק די מערהייט איז
(און פון דעם קומען צרות, מחלוקות, גט'ן, פאר וועלכע קינדער צאלן).
מיינענדיק, אז דער געשלעכטלאכער אקט, הויבט זיך אן מיט דעם דירעקטן
פראצעס און ענדיקט זיך מיט דעם. דער דאזיקער פראצעס אליין קאן קיין
פרוי ניט באפרידיקן, סיידן פאראן א צוגרייטונג.

די קערנדלאך פון יעדן נעווראז "דרעמלען" אין יעדן מענטשן. ביי
דער ערשטער געלעגנהייט כאפן זיי זיך אויף פון שלאף און טוען אן די גרעסטע
צרות. איז טאקע אונזער חוב צו דערציען דעם קינד אזוי, אז די "שדים
קערנדלאך" זאלן ניט קריגן די געלעגנהייט אויפצושטיין פון שלאף, — איז
טאקע אונזער הייליקסטער חוב צוצוהערן זיך צו אונזער חבר פון לעבן
(פרוי־מאן), כדי דורך אונזער נאכלעסיקייט ניט צו געבן די געלעגנהייט
די שדים, זיי זאלן זיך צעטאנצן אין זייער שדים טאנץ, מחמת דער טאנץ־
זאל זייערער איז די נשמה פון דעם חבר־חברה פון לעבן. מענער דארפן וויסן
אז פרויען האבן האלט צו ליבן און געליבט צו ווערן, דאס איז דער זין פון
זייער לעבן, ווען דאס פעלט אויס, צאלן זיי מיט ליידן. אט, למשל, ליידן
זייער א סך פרויען פון שרעק (ניט פאר פינסטערניש, ניט פאר חיות, ניט
פאר טויטע), פון שרעק, אז אט מארגן וועט דאס געשען, אז אט איבערמארגן
וועט יענעם געשען, אז אט־אט שטארבט זי א. א. וו. — די דאזיקע שרעק,
וואס פינסטערט, ביטערט דאס לעבן, מאכט מיד און טריכט אויף פארשיי־
דענע חולאת'ן און קאמפולסיעס; די דאזיקע שרעק, דיינקט פרויד, איז א
רעזולטאט פון דעם ניט באפרידיקטן סעקס דראנג. — דאס רוב ליידן פון
דעם קאלטע ניט אויפגעוועקטע פרויען. זיי קאנען נעבאך ניט רעוואלטירן,
(זיי און זייערע מענער זיינען קרבנות פון אונזער פאלשער דערציאונג).
דריקן זיי אין זיך און פון דעם מרה שחורה און פארשיידענע שרעקן. דאס
רוב הויבט זיך אן די דאזיקע אויפרעגנדיקע שרעק אין דער צייט פון רייף־

ווערן, ווען ס'קינד (דאָס רוב ס'מיידל), דערוויסט זיך פּלוצלונג (און מיט־אמאָל א סך) פון די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פארבונדן מיטן עניין סעקס. ניט אין דער ליכט, וואָס וואָלט געזונט געווען פאַרן קינד.

יאָ, וויכטיק, לעבנס וויכטיק, איז די צוגרייטונג צום אקט. דער פּסיכאָלאָגישער הינטערגרונט איז וויכטיק; ווען דאָס איז געלייזט, פּירט עס צום אמת'ן הערלאכן, וואָס איז הייליק. די נשמה זייט פון יעדער זאך איז דעצידירנד, אָבער דאָס ווערט דערגרייכט פון קינדהייט אָן. פּראָפ. א. א. בריל ברייננגט אין זיין בוך "פּסיכאָ־אנאליז" א שוידערלאכע סטאטיסטיק פון איינציקע זין אָדער טעכטער, וואָס, א דאנק זייער פּאָזיציע אלס איינ־ציקע קינדער אין משפּחות, זיינען זיי צעפּעסטשעט געוואָרן. "פון 400 פאלן 112 מענער און 288 פרויען) אינם עלטער פון 18 ביז 68, וואָס דר. בריל האָט זיי אונטערגעזוכט, זיינען 36 פּראָצענט (44־ מענטשן) געווען סעק־סועל אָבנאָרמאל. די גרעסטע צאָל פון אָט די זיינען געווען אָדער האָמאָ־סעקסועל, אָדער מיט פּסיכישער אימפּאָטענץ (מענער), אָדער סעקסועל גלייכגילטיק (פרויען). אייניקע זיינען געווען עקסיבישאָניסטן (געשלעכט־לאכער געניס פון דעמאָנסטרירן די סעקס אָרגאנען), וואיערישטן (גע־שלעכטלאכער געניס פון קוקן אויף יענעמס געשלעכט אָרגאנען), סאדיסטן און מאָזאכיסטן (געשלעכטלאכער געניס פון שלאָגן יענעם אָדער געשלאָגן צו ווערן). 18 פּראָצענט (72 מענטשן) האָבן געליטן פון פארשיידענע מינים דעמענטיא פּרעקאָקס (גייסטיקע קראנקע). די אנדערע זיינען געווען מיט פארשיידענע פּסיכישע אָבנאָרמאלקייטן. די קוואלן פון די אלע צרות קאָן מען געפינען אין דער פרישטער קינדהייט. דער אָנהויב פון די אלע צרות, דעם וואָרצל, די סיבה איז תמיד שוין אין דער פרישטער קינדהייט פאר־ליִגט. אָט שפּילט זיך ס'קינד און טאפּט אָן מיטן האנט דעם היימן אויוון. ס'דערפילט א ברען... ס'דערשרעקט זיך און כאפּט גלייך צו דאָס הענטל. יעדעס מאָל ווען עס וועט איצט צוקומען צו אן אויוון, וועט יענע שרעק דערמאָנען אינם ווייטיק. דאָס קינד וועט דעם אויוון שוין ניט אָנרירן מיטן האנט, כדי ס'זאָל זיך ניט איבער'חזרן די דאמאָלסדיקע אונאנגענעמע סי־טואציע פאר אים. אזוי וועט א קינד וועלכן מען האָט דערשראָקן דורך א קלאַפּ, אָדער דורך א וואָרט, אנטלויפן פון יעדער סיטואציע, וואָס קאָן דערמאנען אן דער דאָזיקער פּאסירונג, אָדער וואָס קאָן זי איבער'חזרן. ניט איין געבאָרענער רעדנער אנטוויקלט ניט זיין קונסט, מחמת זיינעם א דורכ־פאל, מחמת א שארפן טאדל אין דער פרישטער קינדהייט. ער אנטלויפט פון רעדן, מהמת דאָס רעדן קאָן אויפוועקן די וואונד, אָדער איבער'חזרן די אומאנגענעמע סיטואציע פון דאמאָלט. די וואונדן אָבער פון סעקס זיינען די טיפסטע, מחמת סעקס בכלל איז א דאנק האָרמאָנען, פארבונדן מיטן גאַנצן קערפּער, מיט יעדן פאָדים פון נשמה. מען האָט חנה'לען איינמאָל שטארק פארשעמט, ניט נאָר דאָס, מען האָט איר אויסגעלאכט און געזידלט, בעת מען האָט איר, באוואוינגן פון קוריאָזיטעט, געפונען קוקנדיק אויפן

נאַקעטן קערפּערל פֿון איר קליינעם ברודערל. שפּעטער קאָן זי זיך איר גאַנץ לעבן ניט באַפֿרייען פֿון דער וואונד, וואָס דער ״סקאַנדאַל״ האָט איין איר געעפֿנט. זי אַנטלויפֿט פֿון סעקס, מחמת אומבאַוואוסטזיניק איז זי פֿול מיט שרעק, וואָס טליעט אין איר אומבאַוואוסטזיין פֿון דער וואונד פֿון דער קינדהייט. און וואונדן קריגט דאָס קינד אַ סך, מחמת אונזער אומוויסנהייט, און שדים און רוחות לויערן אַ סך. שפּילן זיך טאַקע אָפּ מיליאָנען שטילע דראַמעס אין היימען, פֿון וועלכע קיינער ווייסט ניט. גיסן זיך טאַקע ימים טרערן און בלוט, ווערן טאַקע לעבנס געקורצט, פֿאַלן טאַקע מיליאָנען קרבנות אויפֿן מזבח פֿון אונזער פֿאַלשן צוגאַנג צו סעקס. פֿון פֿאַרמיאוסן, פֿון פֿאַרשוויגן, פֿון איגנאָרירן דעם ענין, פֿון איבערלאָזן אים פֿאַר גאַס אינפֿאָרמאַציע.

מיט דעם ״באַגאַזש״ וואונדן קומט מען צו דער ״ערשטער נאַכט״ — ספּעציעל ניט צוגעגרייט איז צו איר די פֿרוי. זי איז פֿול מיט שרעק פֿאַר ווייטיקן און קאָנזעקווענצן. זיי ביידע זיינען נערוועז, און טויט מיד פֿון די ״שמחות״, וואָס מען האָט געהאַלטן אָן אויפֿהער אין פֿראַווען לכּבֿוד חתן־כּלה. מען פֿלעגט אַמאָל היילן אַ חולה מיט טומל, מיט געשריי, בעת געזונט איז רו און שטילקייט. אַזוי איז אויך מיטן חתונה־יום־טובֿ. ערבֿ דער גרויסער געשעעניש, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גורל פֿון אונזער פֿאָרפֿאָלק אויפֿן גאַנצן לעבן, חוזקא דאַמאָלט, — טומל און הו־האַ! קומען חתן־כּלה ״יענעם אָוונט״ איינע צו די אַנדערע טויט מידע, און מידקייט איז דאָך סם. איז אויב ס׳דערגייט ניט צו אַ נערוון־צוזאַמענברוך איז אַ נס גדול. שטייען טאַקע ביידע אויף מאָרגן אויף אַנטוישטע, דערשלאָגענע, מיט אַ ביי־טעם וואָס וועט אפֿשר פֿינסטערן זייער גאַנץ לעבן.

יאָ, דער ענין סעקס איז ניט קיין קלייניקייט. זאָגט דאָך ס. ה. ריבוּנג: ״פֿאַר מיר איז די סעקסועלע פֿראַגע דער שורש און דער בלי־פּונקט, דער אָנהייב און דער סוף פֿון יעדער מאָראַל. מעג מען אַרבעטן טאָג און נאַכט פֿאַרן גליק פֿון דער מענטשהייט, מעג מען דערפֿאַר אָפּפֿערן האָב און בלוט; לויט מיין מיינונג איז דאָס אַלץ נוצלאָז, כּל זמן מען פֿאַרנאַכלעסיקט דעם געשלעכטלאַכן לעבן. די דאָזיקע אייביק־יונגע עלעמענטאַר־שולע פֿון אמת׳ן אַלטרואיזם״. יאָ, דאָס רובֿ צרות הייבן זיך טאַקע אָן פֿון דער ״ערשטער נאַכט״, מחמת דאָ קומט אַחוץ דעם צום אויסדרוק די סעקס ״דערציאונג״, וואָס ביידע, דאָס יונגע פֿאָרפֿאָלק, האָבן געקראָגן. זאָגט דר. טשאַרלס אַ. קלינטאָן אַז: ״די ערשטע חתונה־נאַכט קאָן ניט נאָר אָנגיסן די נשמה פֿון דער כּלה צי פֿון חתן (גיכער פֿון דער כּלה) מיט ביטערער אַנטוישונג, נאָר זי קאָן עפֿענען אַ קוואַל פֿון ביטערניש, האַס, וואָס וועט פֿינסטערן אָדער ברעכן ס׳גאַנצע לעבן זייערס״. די דערציאונג פֿונם קינד, דער וועג איבער וועלכן ס׳האָט געשפּאַנט דער פּראָצעס פֿון סעקסועלער אַנטוויקלונג, וואוקס, אַלע איינדרוקן, אַלע איינרעדענישן, אַלע ״גייסטיקע קלעפּ״, וואָס ס׳איז

איבערגעלעבט געוואָרן, אַלע שטימונגען, ניואַנסן פון נשמה, אַלע ספּעצי־פישקייטן פון כאַראַקטער קומען דאָ צום אויסדרוק און דעצידירן דעם מזל, דעם לעבנס וועג.

גענוג ווייטיקן, שפיכות דמים, פאַרשאַפט א מאַן דער פרוי און די פרוי דעם מאַן, מחמת זייערע קעגנגעזעצטע כאַראַקטער שטריכן, מחמת דער דראַנג צום לעבן און בליק אויפן לעבן ביי איינעם איז פונקט דער היפוך פונם קוק אויפן לעבן ביים צווייטן; דאָס דאָזיקע איז אָפטמאָל אמת'ער סם, אומפאַרמיידלאַכער סם, וואָס מאַכט די פרוי קאַלט און דעם מאַן אימפּאָ־טענט. דער דאָזיקער סם דינט ווי א טאַרמאַז, ווי אַן אַפּציער אין ליבע; דער דאָזיקער סם שטעלט אָפּ דעם פּראָצעס פון אַנקוועלן סעקס־כוחות, אָדער ער טאַרמאָזירט דעם פּראָצעס צו דערגרייכן דעם העכסטן גענוס פון פרייד. וואָס מיינט עס טאַרמאָזירן? פרידלאַנד ברענגט אונז אַזאַ דערקלערונג: "אויב איר וועט אומדערוואַרטעט אונטערטראָגן א פויסט צו מיין אויג, וועל איך א פינטל טאָן מיטן אויג און ניט־ווילנדיק אָפּשפּרינגען. וואָס איז פאַר־געקומען? דאָס איז געווען די אַרבעט פון א רעפלעקס, פון א שוץ־רעפלעקס. דער דאָזיקער רעפלעקס איז אַן איינגעבוירענער. ער קומט צום אויסדרוק אָן דעם אַנטייל פון ווילן, אָדער אַנדערש: דאָס איז אַן אומבאַדינקטער רעפלעקס. ליינט אריין א הונט פלייש אין מויל און ביי אים וועט זיך תיכף אָנהויבן אויסטיילן שפּייעכץ. דאָס איז אויך אַן אומבאַדינקטער רעפלעקס. אָן דעם ווילן פונם הונט וועט דאָס מויל ווערן פול מיט שפּייעכץ. בעת איר ברענגט דעם הונט שפּייז, הערט ער קודם־כל אייערע טריט, דערנאָך גייט איר צו צו אים און עס הויבט זיך אָן די פּראָצעדור פון שפּייזן. לאָמיר אָננעמען, אַז אַזוי דויערט עס א וואָך צייט, יעדן טאָג. איינמאָל זייט איר געקומען מיט ליידיקע הענט. איר זייט צוגעגאַנגען צו דער טיר, נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז איר האָט גאָרנישט מיטגענומען, גייט איר אַוועק צוריק. וואָס וועט זיין מיטן הונט? ביי אים וועט זיך אָנהויבן אויסטיילן שפּייעכץ, הגם קיין שום איינדרוק פון שפּייז האָט ער ניט באַקומען. אַזוי ווייזט דער לאַבאָראַ־טאָרישער אַנאַליז לויט פּאַוולאָוון. דער דאָזיקער עפעקט איז אַרויסגערופן געוואָרן בלויז דורכן קלאַנג פון אייערע טריט, וועלכע זיינען, א דאַנק זייער כסדר'דיקן צונויפפאַלן מיטן אומבאַדינקטן שפּייז־רעפלעקס, געוואָרן א גענוגנדע סיבה אויף צו רייצן דעם שפּייעכץ דריז. דאָס זעלביקע קומט פאָר ביי א הונגעריקן מענטשן, ביי וועלכן עס הויבט אָן צו לויפן דאָס שפּייעכץ פון מויל, ווען ער דערהערט הינטער דער וואַנט דעם קלאַנג פון גאָפּל־מעסער. אַזאַ דערשיינונג באַצייכנט די פּאַוולאָוו־שול מיטן טערמין תנאי־רעפלעקס, צום אונטערשיידן פונם אומבאַדינקטן רעפלעקס.

פונם שטאַנדפּונקט פון פּאַוולאָווס לערע איז די אויסערלאַכע וועלט א סומע פון אָנרעגערס און טאָרמאַזן. אַלע אָנרעגער באָמבאַרדירן אונזער מאַרך, שטויסנדיק אים און וועקנדיק אין אים אומרו. אויף דעם דאָזיקן

שטראם פון איינפלוסן גיט אונזער פסיכיק תשובות. און אלץ, וואס מיר פילן, און דאס, ווי אזוי מיר פילן, ווי מיר באוועגן זיך, וויינען, דיינקען, פארלאנגען, אונזערע געוואוינהייטן, שטרעבונגען, פארצווייפלונגען, פריידן, צרות, אונזער עקל, אנטציקונג, באגייסטערונג, פארוואונדערונג, — די דאזיקע גאנצע רעאקציע, פון דער מענטשלאכער נשמה און באוואוסטזיין, זיינען נאר א שפיל פון רעפלעקסן (פון אנרעגער וואס רופן ארויס רעפלעקסן). איר האט אמאל אויף אייער לעבנס־וועג באגעגנט א מענטשן. עס זיינען פארביי א סך יארן. איר ווילט מיטאמאל, צוליב א וועלכער עס איז סיבה, זיך דערמאנען עפעס וואס וועגן דעם דאזיקן מענטשן, צי זיין נאמען אפשר גאר, אבער איר קאנט ניט. וואס איז דא פארגעקומען? דא איז פארגעקומען אן אינערלאכע טארמאזירונג. עפעס וואס האט פאראקט די אנרעגונג און קיין רעפלעקס קומט ניט. אט גיסט זיך פרייד, איר זייט מלא שמחה, א געוויסע אנרעגונג האט געעפנט געוויסע דריזן, וואס גיסן זאפט און איר שפרינגט אזש פון פרייד. פלוצלונג האט איר זיך אין עפעס וואס דערמאנט — דאס האט גענומען פארטונקלען אייער פרייד, טארמאזירן אייער פרייד־יקע שטימונג. די דערינערונג וואס האט אפגעשטעלט די פרייד איז אייער טארמאז, די זעלביקע דערינערונג איז אפשר פאר אן אנדערן אן אנרעגער צו פרייד.

"לייענען מיר ביי אנאטאל פראנס אין זיין "רויטער ליליע". אז: "אין אויסברוך פון איר ליבע האט זי זיך געווארפן אויף אים און באשיט מיט קושן און טרערן, וויינענדיק און בייסנדיק אים... ער האט אלץ פארגעסן. ער האט זי א כאפ געטאן, א פארפייניקטע, א גליקלאכע, און זי אריינגענומען אין זיינע ארעמס מיט א פינסטערער, ווילדער ליידנשאפט. זי האט שוין געשמייכלט דורך די טרערן, צוריקווארפנדיק דעם קאפ אויפן ברעג קישן. פלוצלונג האט ער זיך אפגעריסן פון איר. "איר זייט ניט אליין. יענער, דער צווייטער, איז די גאנצע צייט מיט אייך..." זי האט שטוינענד אין שפראכלאזער פארצווייפלונג געקוקט אויף אים. זי האט זיך אויפגעהויבן, און צורעכט געמאכט דאס קלייד מיט א ניט־אויסדרוקבארן געפיל פון חרפה. דערנאך, פילנדיק, אז אלץ איז געענדיקט, האט זי א קוק געטאן ארום מיט איבערראשטע, גארנישט־זעעוודיקע אויגן און איז לאנגזאם ארויסגעגאנגען". ווער איז דער העלד פון דער דאזיקער געשיכטע? פארשטייט זיך, אז די אינערלאכע טארמאזירונג, וואס איז ארויסגערופן געווארן דורכן בילד פונם דיוואל, קעגנער, צו וועלכן ער, דער מאן, איז געווען אייפערזיכטיק". (פרידלאנד).

ווען אלץ איז שוין אפילו גוט (וואס דאס טרעפט זייער זעלטן), שטעקט נאך א גרויסע סכנה אין דעם, וואס יעדע פרוי איז א שלאס אין וועלכער ניט יעדער שליסל פאסט, א פידל וואס נאר דער צוגעפאסטער קינסטלער צו דעם ספעציעלן פידל קאן שפילן גן־עדן ניגונים. זיין דער

אמת'ער שלאָס, דאָס אמת'ע שליסל באַשטימט דעם גורל פון סעקס געָנוס, און פון דעם קומט דער גיהנום אָדער גן־עדן. פונקט ווי אַ געוויסער טאַרמאַז קאָן פּלוצלונג דערשטיקן, איבערברעכן די ליידנשאַפט ־ שטימונג, וועקן רעפלעקסן און איר אויף. פאַראַן אָבער פאַרשיידענע רעפּלעקסן, און טשיקאַוועס — אַזוי, קאָן אַ פעטיש (האָר, אַ פאַטשיילקע, זייד) אויפשטורמען אַ ליידנ־שאַפט, מחמת מען גלאַך, אַז דער ערשטער געָנוס, איז פאַרבונגן מיט אָט דעם פעטיש. דאָס זיינען אַלץ אַבנאָרמאַליטעטן, אַזוי אַבנאָרמאַל איז, למשל:

1) מאַזאָכיזם: אַ מאַזאָכיסט איז אַ מענטש (דאָס רוב אַ פרוי), וואָס פילט דעם העכסטן געָנוס פון ליידן, פון צרות, פון זיין אַ מאַרטירער; תמיד קלאָגט זיך אַזאַ מענטש און פילט אומבאַוואוסטזיניק פרייד פון ווייטיקן. דער מאַזאָכיסט האָט תמיד מיטגעפיל צו זיך און דורכן אַרויסרופן ביי יענעם אַ רחמנות געפיל צו אים האָט ער פון דעם גרויס הנאה, מחמת דאָס גיט אים אַ געוויסע מאַכט איבער יענעם. אַזוינע האָבן ליב מען זאָל זיי שלאָגן, קנייפן, טרעטן מיט די פיס, ובעתן געשלעגט אַקט. די קלעפּ רופן אַרויס העכסטן געָנוס. קומען קומט עס דאָס רוב פון דעם, וואָס מיט קלעפּ זיינען פאַרבונדן געווען די ערשטע געָנוס־געפילן אין דער קינדהייט.

2) סאַדיזם: אַ סאַדיסט איז פאַרקערט — אַ מענטש, וואָס האָט די גרעסטע פרייד, וואָס פילט דעם העכסטן געָנוס, ווען ער שלאָגט, הרג'ט, טוט אָן צרות, דערהגייט די יאָרן עמיצן. דער געשלעכט אָרגאַן קאָן דערגיין ביז עוואַקולאַציע, עס קאָן אָפּלויפן... בעת אַזאַ מענטש שלאָגט, ברעכט, שטעכט, "צאַפּט עמיצן בלוט". אַ סך "מערדער" זיינען אפשר אין דער אמת'ן די בעסטע מענטשן, נאָר סעקסועל אַבנאָרמאַל. אַ חוץ די דאָזיקע קרענקלאַבע געשלעכט צושטאַנדן זיינען נאָך פאַראַן פאָלגנדיקע אַבנאָרמאַליטעטן:
3) עקסיבישיאָניזם: אַזאַ איינער פילט פרייד פון ווייזן זיך נאַקעט, פון אַרויסשטעלן די געשלעכט אָרגאַנען, כדי מען זאָל עס באַוואונדערן, מען זאָל עס זען. דער עקסיבישיאַניסט קאָן זיך קיינמאָל ניט קאָנטראָלירן, — באַפאַלט אים דער דראַנג פאַרלירט ער דעם באַוואוסטזיין, אַזוי צו זאָגן. ער מוז עס טאָן און ליידט שפּעטער פון דעם גייסטיקע שמערצן, אויב ניט פון געזעץ. אַלע די דאָזיקע אַבנאָרמאַליטעטן זיינען רעזולטאַטן פון דעם רעפּלעקס געזעץ, אָדער פעטיש־געזעץ.

4) נימפאָמאַניע: נימפאָמאַניע איז אַ קרענקלאַכער געשלעכט דראַנג, אַ ניט־זאַטבאַרקייט. אַ נימפאָמאַניע קראַנקע פרוי ווערט קיינמאָל געשלעכטלאַך ניט זאַט. די קלענסטע אָנדייטונג פירט די פרוי אַריין אין אַ צושטאַנד פון סעקס ליידנשאַפט, וואָס זי קאָן בשום אופן ניט קאָנטראָלירן, וואָס זי קאָן בשום אופן ניט איינשטילן. זי קאָן לעבן מיט אָן אַ צאָל מענער, און אָן אויפהער. אַן אַטאַקע פון נימפאָמאַניע לעבט איבער יעדע פרוי איין מאָל אין דריי חדשים. די געשיכטע דערציילט אונז פון קלעאָפּאַטראַ, וואָס האָט ביי איין אַטאַקע פון נימפאָמאַניע געלעבט מיט 106 מענער.

לאמבראזא דיינקט, אז נימפאמאניע־קראנקע זיינען דאס רוב אזוינע פרויען, וואס האבן א נייגונג צו באגיין קרימינעלע פארברעכנס, אדער, וואס האבן א נייגונג צו פראסטיטוטוציע. ער דערציילט פון פאלן מיט פרויען פון העכסטער געזעלשאפט און העכסטער אינטעליגענץ, קינסטלערינס, וואס פלעגן קוים זאט ווערן מיט 25 מענער און נאך מער... נימפאמאניע איז א ניט מאראלע משוגעת. דאס איז גיכער א משוגעת אויסברוך, וואס קומט פון עקסטרעמער קאלטקייט ביי דער פרוי. נימפאמאניע איז אפטמאל דער רעזולטאט פון גרויסער אנטוישונג אין דער קינדהייט אויף דעם געביט, וואס האט געפירט פון האס צום מאן, צום האס צום אקט, בעת לײדנשאפט האט געברענט, האט עס פון קאלטקייט געפירט צו אן אויסברוך פון נימפאמאניע.

לערנט אונז דר. ה. וואשע, אז די געשלעכטלאכע תאווה, וואס טרעט ארויס צום אינטענסיוועסטן אין דעם יוגנט, געפינט בדרך כלל איר באפרי־דיקונג אינם לעבן פון דערוואקסענעם מענטשן, און ווערט בהדרגה אפגע־שוואכט און לעשט זיך אויס. אפט אבער, באזונדערס ביי פרויען, וועקט זי זיך אויפסניי אויף שוין אויף דער שוועל פון אלטקייט און — אין גאר א גוואלדיקער פארם. ניט אומזיסט ווערט דעריבער אנגערופן אלס געפערלאכע עלטער־צייט יענער מאמענט, ווען עס קומט אן די גענגא פויזע, ד. ה., ווען עס הערט אויף די מענסטרואציע. אונטערן איינדרוק פון דעם פלוצלונג נעשטערטן גלייכגעוויכט אין דער ביז־איצטיקער סעקרעציע (דריזן אויס־טיילונג), ווי אויך אונטערן איינדרוק פון דעם שטארקן בלוט צופלוס אין די געשלעכטס־ארגאנען, וועלכע עס הויבט פלוצלונג אן פעלן דער ביז איצטי־קער רעגולאטאר, אין דער פארם פון מענסטרואציע, — מאכט די פרוי דורך אין דעם דאזיקן פעריאד אן אמת'ע פיזיאלאגישע און גייסטיקע רעוואלוציע, ביי גלייכצייטיקער דערוואכונג פון גוואלדיקן עראטיזם.

5) אויף וויפל דער טערמין, וואס כ'וועל דא ווייטער ברענגען, זאל זיך ניט ארויסווייזן קאמיש, באנוצט מען פונדעסטוועגן גאנץ אפט די ווער־טער: "מענלאכע מענאפויזע" אויף צו באצייכענען די דאזיקע ארגאנישע שטערונגען, צעפלאקערטע פון דאס ניי לײדנשאפטן, וואס טרעטן טיילמאל ארויס ביי מאנסבילן צווישן פופציק און זעכציק יאר. פיזיאלאגיש קומט עס פאר דווקא דאמאלט, ווען דער מאנסביל הערט אויף צו פראדוצירן זרע. ביז איצט קאן מען נאך ניט אויסגעפינען יענע, ווארשיינלאך גיפטיקע, פאק־טארן, וואס רופן ארויס די דאזיקע שטערונגען אין נערוון־סיסטעם ביי מאנסלייט פון דעם עלטער. אפטמאל טרעטן די דאזיקע שטערונגען ארויס אין דער פארם פון היפאכאנדריע. דער מאנסביל פארלירט זיין גייסטיקע רואיקייט, עס פארפאלגן אים כסדר עראטישע גלוסטונגען, וועלכע זיינען אין בפירושן קאנטראסט צו זיין פולשטענדיקער אימפאטענץ. דא גייט ניט אזויפיל וועגן דער אויפסניי אויפגעוואכטער געשלעכטלאכער תאווה, וויפל וועגן דער עראטאמאניע פון דער אויפגערייצטער פאנטאזיע. דער מאנסביל

ווערט קודם־כל איצט געפייניקט מיט דעם פאקט פון זיין מענלאכער שוואכקייט, צוליב דעם דערצערט ער זיך, און נאר וועגן דעם טראכט ער שטענדיק. צווישן אזעלכע מאניאקן קאן מען אונטערשיידן צוויי טיפן: איינער איז דער אלטער פרויען־פאנגער, — דער צווייטער איז אן אכזריותדיקער, אייפערזייכטיקער טיראן.

6)נארציסיזם איז לויט פרוידן א פארליבטקייט אין זיך אליין, אין אייגענעם קערפער. דער נאמען איז גענומען געווארן פון א לעגענדע איבער דעם יונגטלאכן נארציטוס, וועלכער איז א פארמאטערטער פון א גאנצן טאג זיך יאגן נאך חיות, צוגעקומען צו א קרישטאל ריינעם קוואל, אין וועלכן ער האט דערזען ווי אין א שפיגל זיין פנים און איז פארכאפט געווארן פון זיין אייגענער שיינקייט. ער האט זיך ניט געקאנט אפרייסן פון באוואונדערן זיין שיינקייט. די געטער זיינען אויף אים אין כעס געווארן און האבן אים פארוואנדלט אין א בלום, נארצים, וואס שפיגלט זיך אין א קוואל־וואסער. "נארציסטישע", אזוי צו זאגן, מענטשן, זיינען מענטשן, וואס זיינען פיזיש נארמאל, זיינען אפילו געלערנטע מענטשן, אבער זיינען קינדער לויט זייער פסיכישן צושטאנד. זיי זיינען שרעקלאך עגאאיסטיש, נאריש־שטאלץ, פארריסן, האלטן פון זיך, עולם ומלואה, רעדן זיך תמיד איין, אז אן זיי וואלט די וועלט געשיכטע חלילה געגאנגען אויף קרומע וועגן... אזוינע שטייען שעה'ן ביים שפיגל, קאנען זיך ניט אפהאלטן פון לויבן זיך אליין. זייער רעדן, זייערע האנדלונגען, זייערע דערפאלגן, זייערע גרויסקייטן, מוזן פון אלעמען אנערקענט ווערן, ווען דאס געלינגט זיי ניט, קאנען זיי צונויפברעכן גייסטיק. און פון דעם איז דער וועג צו היסטעריע א גליטשיקער.

7) אינצעסט: מיינט תשוקה־געפילן, אבנארמאלע, וואס א פאטער קאן פילן צו טאכטער.

8) נעקראפיליע — תשוקה צו טויטע און פארגוואלדיקונגען אזוינע.

9) היסטעריע: דאס ווארט "היסטעריע" קומט פון גריכיש און באדייט אין אריגינאל "געבוירמוטער" (וואומב). די אלטע גריכישע מעדיצין האט שוין פאראויסגעזען, וואס פראפעסאר פרויד האט טויזנטער יארן שפעטער אנטפלעקט, אז היסטעריע און סעקס זיינען שוועסטער און ברידער. בקיצור, היסטעריע איז א קראנקהייט, וואס קומט פון צוריקדרענגונג און פארשטויסונג פון א פארבאטענעם געשלעכטלאכן וואונש, וועלכער קאן אינגאנצן ניט געטויטעט ווערן. מער קאנקרעט גערעדט, איז אט וואס: ס'טרעפט זיך, אז דער מענטש האט געוויסע וואונשן און תאוות, וועלכע ער קאן בשום אופן ניט באפרידיקן, מחמת די תאוות זיינען ניט "אנשטענדיקע", אדער ניט אין אנקלאנג מיט דער מאראלישער נאטור פון דעם פארשוין און זיין דערציאונג. אבער דער וואונש איז צו שטארק און קאן ניט דערשטיקט

ווערן. דאָס ברענגט צו אַן אינערלאַכן זעעלישן קאָנפליקט, אַ מין "קרע שבלב" (אַ ריס אין האַרץ). וואָס צעשטערט דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט. אָבער די נשמה איז ניט קיין יאַריד אויפן בוידעם און שטרעבט נאָך רו און שלום. און כדי צו פאַרשאַפן רו און אָרדנונג וואַרפט ער, דער גייסט, אַריין די רו־שטערער און שרייערס (די פאַרבאָטענע געפילן און תאוות) אין דעם תהום פונם אונטערבאַוואוסטזיין, און אָט איז, דאַכט זיך, אַלצדינג ווידער כשר וישר. קאָן מען אָבער דעם דין אַזוי ניט פסקנ'ען. די פאַרשטויסענע געפילן נעמען אָן גאָר וואונדערלאַכע מיטלען. אַרויסגעוואָרפן דורך דער טיר, שפּרינגען זיי אַריין דורכן פענסטער, אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס. דאָס מאָל שוין גאַנץ אומבאַוואוסט, הויבט דער קראַנקער אָן צו באַפרידיקן די געפילן אויף אַן אומבאַוואוסטן אופן. דער מענטש ווערט היסטעריש. אַ היסטערישע פרוי איז, למשל, אויפגערעגט, שרייט און איבערטרייבט אַלצדינג, מחמת זי האָט ניט קיין רו. דער פאַרשטויסענער און אומבאַוואוסטער וואונש פייניקט איר. מיטאַמאָל פאַרלירט זי דעם לשון, אָדער ס'ווערט גאָר ביי איר אָן אָדער געליימט, אָדער זי ראַטעוועט זיך פון דעם קאָנפליקט דורך פאַרגעסנקייט. זי גייט קויפן אַן אינדיק און קויפט אַ לונג־און־לעבער; זי גייט באַזוכן אַ פריינט און קאָן דעם אַדרעס ניט געפינען, כאָטש דער נומער פונם הויז גלאָצט איר ממש אין די אויגן. אָדער זי האָט גאָר מורא פאַר איר אייגענעם שאָטן. אַנדערע הערן אויף צו פילן געוויסע אבֿרים פונם קערפּער. איר קאָנט זיי ממש ברענען און בראָטן און זיי פילן גאָרניט. מיר וואָלטן געקאָנט אויסרעכענען פיל מער פון אַזעלכע היסטערישע סימנים. היסטעריע איז איינע פון די ווייניקע שטערונגען, וואָס קאָנען גאַנץ גרינג אויסגעהיילט ווערן, און דערפאַר, אויב אַ פאַרהייראַטע פרוי איז היסטעריש, ליידט פון אַלערליי אייגנגערעדטע קראַנקהייטן, איז דער כלל: אונטערזוכן ניט נאָר די פרוי, נאָר אויך דעם מאַן, און ניט די היסטעריע, נאָר זייער געשלעכט לעבן.

10) אימפּאָטענץ: מענלאַכע שוואַכקייט קאָן קומען פון טויזנטער און איין סיבה. דאָס רובֿ שוואַכקייטן זיינען פּסיכישע און ניט פיזישע. פיזישע קאָן דער דאָקטאָר היילן, פּסיכישע מוז מען אַליין זיך היילן. אַ מאַן קאָן מענלאַך שוואַך ווערן פון שרעק, פון דער קאַלטקייט פון דער פרוי, פון זאָרג, פון שווערע אינטעלעקטועלע אַרבעטן, פון צופיל ליבע צו דער פרוי, פון צו אויפגעצייצט ווערן, פון געפאַלן זיין ביי זיך, אַז ער איז גאָר קיין מאַן ניט א. א. וו. פון דער שוואַכקייט פונם מאַן, פאַרקערט, ליידט די פרוי אָן גרעניצן. אַלע מאַדנע שרעקן, בגע, צרעתן, נערוועזיטעטן, אַלע פונקציאָנעלע קראַנקהייטן ביי דער פרוי קאָן קומען פון דעם שוואַכן מאַן, וואָס קריגט ווי עס איז אַריין זיין געשלעכטלאַכן אָרגאַן אין דער פרוי און כאַפּט אים גיך אַרויס, מחמת ער האָט מורא די זרע פעדימלאַך זאָלן ניט עוואַקולירן (זיי עוואַקולירן אין סעקונדן), ווייל ער איז אַזוי שוואַך, און זיין גאַנצער צוזאַמענקומען דויערט אַ מינוט.

דאָ האָב איך נאָר אַ כאַפּ געטאָן 10 שטערונגען, פּאָפּולערע, אַזוי צו זאָגן, שטערונגען (חולאתן). זיי זיינען פאַראַן אין די הונדערטער. מענטשן וואָס ליידן פון די דאָזיקע שטערונגען זיינען חולאים, אָבער וויפל מיליאָנען מענטשן ליידן פון דאָזעם נאָר פון די אָדער יענע חולאתן? פערטל היסטעריקער, אַכטל קאַלטע, צענטל אימפּאָטענטע א. א. וו. די דאָזיקע שטערונגען זיינען די שטראָף וואָס מיר צאָלן פאַרן פאַרקריפּלען אַ שעפערישן כוח, פאַרן פאַרמיאוסן דעם נאַטירלאַכן סעקס געפיל. פאַרן דערנידעריקן, פאַרן פאַרשטופּן, צאָלט די מענטשהייט ימים טרערן, בעת דאָס געשלעכטלאַכע לעבן קאָן פאַרן מענטש ווערן אַ קוואַל פון גרעסטע פריידן, וועלכע קאָנען ניט פאַרביטן ווערן דורך קיין שום אַנדערער זאַך. סעקס איז דער גרעסטער, אומפאַרגלייכלאַכער פיזיאָלאָגישער אוצר, וועלכן מען דאַרף היטן מיט אַלע מעגלאַכקייטן און ניט פאַרפאַלגן. דאָס געשלעכטלאַכע לעבן שפּייזט און באַגייסטערט די מענטשלאַכע שאַפונג; אַ דאַנק אים איז אַלץ אין לעבן העל, זוניק און פּרעכטיק; אָן אים איז דאָס מענטשלאַכע לעבן נודנע. דער סעקס כוח ווירקט אָפטמאָל אומבאַמערקבאַר, אומזעבאַר, באַהאַלטן, אַזוי צו זאָגן, און ווירקט אויף די קאָמפּליצירטסטע פּראָצעסן פון מענטשנס מענטאַלן לעבן. דער דאָזיקער כוח איז דאָס רוב און אפשר דער איינציקער כוח, וואָס זיין ניט נאָרמאַלע אַקטיוויטעט, זיין דיסהאַרמאָניע מיט אַנדערע כוחות אין מענטשנס נשמה, פירט אין דער וועלט פון די גרעסטע צרות און ליידן.

"די געשלעכטלאַכקייט איז אַ ריזיקע פיזיאָלאָגישע קראַפט, וועלכע פאָדערט, מען זאָל זיך צו איר באַציען פונקט אַזוי פּאָרזיכטיק, ווי, למשל, צו אַן עלעקטרישן שטראָם פון הויכער שפּאַנונג. לויט איר מאַכט און לויט איר באַדייטונג פאַרן מענטשן איז דאָס אַ שרעקלאַכע קראַפט. זי איז אָבער לחלוטין ניט קיין פיינטלאַכע קראַפט, נאָר פאַרקערט, אַ פריידיקע, אַן אויפבויענדיקע, אַ גזועלשאַפטלאַכע קראַפט, וועלכע פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין דעם, וואָס ער איז, ד. ה., אין אַ שטאָלצן שעפער פון פּראָדוציר־מיטלען, וואָס האָט אומבאַגרעניצט פאַרברייטערט זיין מאַכט איבער דער נאַטור. צי דאַרף די דאָזיקע קראַפט אינגאַנצן אויסגענוצט ווערן פאַר פאַרמערונג, פאַר דערנעענטערונג פון די געשלעכטער? ניין, בלי שום ספק, ניין! אויב די גאַנצע ענערגיע וואָלט אַוועק בלויז אין איין ריכטונג, וואָלטן אויסגעטריקנט געוואָרן די אַלע טייכעלאַך, וועלכע באַלעבן פאַרשיידענע אַנדערע זייטן פון דער מענטשלאַכער עקזיסטענץ. דאָס וואָלט באַדייט אַ פאַרוויסטונג פון מענטש, ס'וואָלט אים דערנידעריקט ביז צו דער ראָלע פון אַ באַהעפטונגס־מאַשין, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַן אָגער אָדער אַ "ראַסאָוון בוהיי" אין דער לאַנדווירטשאַפט. כדי צו פאַרבלייבן מענטש מיטן גאַנצן כלי־זין פון זיינע פיזיאָלאָגישע מעגלאַכקייטן, טאָר ער ניט לאָזן אויסטריקענען די טייכעלאַך, וואָס באַלעבן און שפּייזן מיט ענערגיע אַלע געביטן פון דער מענטשלאַכער עקזיסטענץ. ביים עפענען די שלויזן טאָר ער ניט פאַרגעסן אָן די דאָזיקע טייכעלאַך, ווארום זייער אויסטריקענונג קאָן אים שיער ניט ברענגען צום אונטערגאַנג. ס'איז אומבאַדינקט נויטיק צו רעגולירן די דאַ־

זיקע קראפט, אניט וועט עס אויסגעלאָדן ווערן אין איין ריכטונג און דאָמאָלט וועט דער מענטש אויפהערן צו זיין מענטש". יאָ. ס'מעגן איבערגעשאַצט ווערן ווערטן, ס'מעגן פונדאַסניי דורכגעקוקט ווערן אמת'ן, מחמת מיט דער צייט ווערן די ליכטיקסטע אמת'ן פסול... עס דאַרפן באַציִאונגען צו זאַכן פון צייט צו צייט רעווידירט ווערן. מיר דאַרפן תמיד האַלטן אין איין לערנען, לערנען פון דער נאַטור, פון ניי אַנטדעקטע וויסנשאַפטן און אפילו פונם לעבן פון די פרימיטיווע פעלקער.

פאַרגלייכט, למשל, סעקס מנהגים, דאָס סעקס לעבן ביי פרימיטיווע פעלקער — מיט אונזער סעקס לעבן, און שלוסן וועט איר קאָנען זייער גרינג ציען. וועגן די נאַסאַמאָנען אין אַפריקע, למשל, באַריכטעט העראָדאָט, אַז: "אויב אַ נאַסאַמאָנישער מאַנסביל נעמט זיך די ערשטע פרוי, איז דער מנהג, אַז די כלה מוז זיך אין דער ערשטער נאַכט לאָזן באַשלאָפן דורך אַלע געסט לויט דער ריי און יעדער, וועמען זי האָט זיך אָפּגעגעבן, שיינקט איר אַ מתנה, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים".

זייער אינטערעסאַנט זיינען די ידיעות פון מיעלניקאָוון וועגן די פרייע געשלעכטס־פאַרהעלטענישן ביי די סיבירישע בוריאַטן. דאָרט הערשט פאַר דער חתונה אַן אומרעגלמעסיקער געשלעכטס־פאַרקער צווישן מענער און מיידלאַך. באַזונדערס לאָזט זיך דאָס באַמערקן, בעת די בוריאַטישע פייערלאַכקייטן. זיי קומען ס'רוב פאַר שפּעט אין אָוונט און קאָנען מיט רעכט אָנגערופן ווערן "ליבעס־נעכט". נאָענט פון די דערפער ברענען שייטער־הויפנס, אַרום וועלכע מענער און פרויען טאַנצן זייער אייגנאַניקן טאַנץ "נאַדאַן". פון צייט צו צייט גייען פאַרלאָך אַוועק פון די טאַנצנדיקע און פאַרשווינדן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. נאָך אַ קורצער ווייל קערן זיי זיך צוריק אום און נעמען ווידער אַנטייל אין די טענץ, כדי נאָך אַ געוויסער צייט ווידער צו פאַרשווינדן אין דער נאַכט פינסטערניש. אָבער דאָס זיינען ניט תמיד די זעלביקע פאַרלאָך, וואָס פאַרשווינדן אויפסניי. די פּערזאָנען בייטן זיך.

מאַרקאָ פּאָלאָ דערציילט וועגן אַ מערקווירדיקן כאַראַקטער שטריך פון די איינוואוינער פון טיבעט. אַ דאָרטיקער מאַנסביל וואָלט בשום אופן ניט חתונה געהאַט מיט קיין מיידל, וואָס זאָל זיין אַ בתולה, מחמת זיי האַלטן, אַז אַ פרוי איז גאָרניט ווערט, וויבאַלד זי האָט ניט פאַרקערט מיט קיין מענער. מ'פלעגט דאָרט אָנבאָטן די מיידלאַך צו די רייזנדע און דערוואַרטן, אַז דער פרעמדער זאָל באַלוינען די געפעליקייט מיט אַ רינג אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער קלייניקייט, וואָס דאָס מיידל האָט געמוזט ווייזן אַלס "ליבעס־צייכן", אויב זי האָט געדאַרפט חתונה האָבן. וואָס מער זי האָט פאַרמאָגט אַזוינע זאַכן, אַלץ אַ בעסערע כלה איז זי געווען

דערציילט מאַרגאַרעט מעאַד פונם סעקס לעבן פון די מאַניס — באַפעלקערונג פון די אַדמיראַלטי אינזלען פון ניי גווינעא: ביי די מענטשן

איז דער ענין גיין מיטן מאָגן און דער ענין סעקס און ליבע שרעקלאַך פֿאַר־האסט, פֿאַרטריבן אין דעם סודותפֿולסטן ווינקל, לכן א גרויסער פּראָצענט קאַלטע פֿרויען און נערוועזע.

אנדערש איז אין סאמאַא. דאָ אנאַנירן כמעט אַלע מיידלאַך פֿונם זעקס יאָריקן עלטער פּריוואַט, און אינגלאַך בציבור. פֿרויען אָדער מיידלאַך, וואָס אַרבעטן צוזאמען רופֿן "האָמאָסעקסועל" (געפֿילן וואָס א מיידל קאָן האָבן צו א מיידל) ארויס דעם געשלעכט גענוס. קינדער הויבן זייער פֿרי אָן צו לעבן געשלעכטלאַך.

די באַפֿעלקערונג פֿון די טראָבריאַנט אינזלען פֿון ניי גווינעא האָבן א ספּעציפֿישן (דער איינציקער אויסנאַם אין דער וועלט) צוגאַנג צום ענין סעקס צווישן קינדער. עלטערן און דערוואַקסענע באַהאַלטן ניט זייער נאַקעטקייט, זייערע סעקס אָרגאַנען פֿאַר קינדער פֿון קעגנגעזעצטן געשלעכט. ניט נאָר דאָס, זיי היטן זיך אַפֿילו ניט אָפּ פֿאַר קינדער בעתן געשלעכטלאַכן צוזאמענלעבן. קינדער שפּילן סעקס־שפּילערייען, זיי שטילן זייער קוריאָזי־טעט און ווערן ביים שפּילן אַפֿילו אין א געוויסער מאָס גראַטיפֿיצירט גע־שלעכטלאַך. אזוינע שפּילערייען שפּילן קינדער אַפֿילו צו 4—6 יאָר אַלט. מיידלאַך צו 6—8 יאָר אַלט, און אינגלאַך צו 8—10 יאָר הויבן אָן צו לעבן א געשלעכטלאַך לעבן ("דאָס סעקסועלע לעבן ביי פּרימיטיווע", מאַלי־נאָווסקי). זיי ווייסן נאַטירלאַך ניט פֿון קיין נערוועזיטעטן, פֿון קיין נעוראָזן און פֿון קיין "קאַלטע פֿרויען" און "שוואַכע מענער".

פֿאַרטמאַן דערציילט, אז ביי די אנדאַמאַנעזער איז דער סעקס דראַנג זייער א מעסיקער, ביז 18 יאָר, למשל, פֿילן זיי קיין סעקס פֿאַרלאַנגען בכלל ניט. דאָס זעלביקע באַהויפּטעט היידס און דעניקער וועגן די פּיגמיאַנס. דר. קוק דערציילט אונז, אז די עסקימאָסן פֿילן זייער א שוואַכן סעקס דראַנג אין משך פֿונם גאַנצן, לאַנגן, פֿינסטערן ווינטער; פֿרויען מענסטרואירן ניט (האָבן ניט די צייט) בעת די לאַנגע, פֿינסטערע ווינטער חדשים. דאָס רוב קינדערלאַך ווערן געבאָרן 9 חדשים נאָך דעם, ווו די זון האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן. האַוועלאָק עליס ווייזט אָן, אז צווישן די האַלב פּרימיטיווע ("ווילדע") פֿעלקער איז דער סעקס דראַנג א שוואַכערער, אין פֿאַרגלײַך מיטן דראַנג ביי אונז, ציוויליזירטע. די דרום אמעריקאַנער אינדיאַנער לעבן למשל ניט צווישן זיך (ווי מאַן און פֿרוי) אינם גאַנצן משך פֿון זויגן ס'קינד, וואָס דויערט פֿון 3 ביז 4 יאָר צייט. דאָס זעלביקע באַמערקט מען צווישן דער גרעסטער צאָל שבטים, וואָס לעבן אין אַפֿריקע. דאָס פֿירט אונז צום געדאַנק, אז אפֿשר איז דר. נאָוואַק גערעכט ווען ער באַהויפּטעט אז מענסטרואירן (האָבן די צייט) איז א ניט נאַטירלאַכע זאַך, אז דאָס איז א קראַנקהייט אָדער א שטראָף פֿאַר אונזער ניט נאַטירלאַכן לעבן (קליידער, לופֿט, שפּייז, פֿאַרברענגאַכצן). דער פֿאַקט, וואָס ניט פֿאַרהיימישסטע חיות

מענסטרואירן ניט. זיי הויבן אָן צו מענסטרואירן דאַמאָלט, ווען זיי ווערן פאַרהיימישט (קליאַטשעס, אייזלען, קי, שעפסן, חזירים, האָזן, הינט און אָקסן) ווייזט ווידעראַמאָל, אַז מענסטרואַציע איז אפשר אַ קראַנקהייט. און ניט נאָר דאָס: ציוויליזירטע פרויען מענסטרואירן שטאַרקער (מער בלוט, מער טעג), ווי פרויען, וואָס לעבן אַ דאָרפס, צי אַ פּרימיטיוון לעבן.

די פולשטענדיק נאַקעט גייענדיקע באַקאַירן האָבן ניט קיין ״געהיימע״ קערפּער־טיילן. זיי שפּאַסן איבער זיי מיט דער גרעסטער אָפנטקייט. אַנרופן זיי צוליב דעם ״אומאַנשטענדיקע״ וואָלט געווען נאַריש. דער איינטריט פון רייפקייט ביי ביידע געשלעכטער ווערט געפייערט דורכן גאַנצן פאָלק, דערביי איז די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט און שטיפעריי געווענדעט דעמאָנסטראַטיוו אויף די ״געהיימע קערפּער־טיילן״. אַ מאַנסביל, וואָס וויל זיך פאָרשטעלן דעם פרעמדן אַלס פאָטער פון זיין קינד; אַ פרוי וואָס וויל זיך פאָרשטעלן אַלס מוטער פון איר קינד, באַרירט מיט ערנסטער, נאַאיווער מינע די געשלעכטסטיילן, אָנערקענענדיק זיך אַזוינאָך צו דער עלטערנשאַפט. די פּענים־שיידלאַך און די דרייעקיקע ״אולורים״ פון די פרויען זיינען ניט קיין פאַרהילונגען, נאָר דינען בלויז דעם שוץ פון דער שליימהויט, אַלס פאַרבונד ביי פרויען און אַלס מכשיר צו דער גימנאַסטישער באַהאַנדלונג פון דער פּימאַזע ביי מענער. בלויז אין שפּאַס קאָן מען באַטראַכטן די דאָזיקע מכשירים אָנגפ ״קליידונגס־טיילן״, וועמעס הויפּטצוועק זאָל זיין צו דינען דעם בושה־געפיל. זיי דינען ניט צום פאַרהילן, ווי אויך ניט צום פאַרבאָרגן די סעקסועלע אָרגאַנען; דאָס רויטע פעדימל פון די אַזוי גערופענע ״טרומיי״, די שיקלאַכע ״אולורי״, די פאַרבנרייכע פאָן פון די ״באַראַראַ״ ציען אויף זיך אַלס צירונג די אויפמערקזאַמקייט, אַנשטאָט זי פון זיך אָפּצולענקען. די פולשטענדיק נאַקעטע פרויען פון ״סואיאַ־שבט״ האָבן זיך געוואַשן די געשלעכטסטיילן ביים טייך אין קעגנוואַרט פון אייראָפּייער. דווקא אַזאַ אָפענער פרייער אופן פון געשלעכט לעבן צערייצט ניט; פאַרקערט, עס ווערט אַ נאַטירלאַכער ענין; ער באַרואיקט און פאַרטיפט דעם סעקס געפיל.

וואָס לערנט דאָס אונז? דאָס לערנט אונז, ראשית כל, אַז דאָס געשלעכטלאַכע לעבן איז ביי פאַרשיידענע פעלקער פאַרשיידן; אַז ס׳איז ניט קיין גאָטס געבאָט (אַזוי, און ניט אַנדערש!); אַז מאָראַל איז אויך אַ ענין, וואָס פאַרשיידענע פעלקער פאַרשטייען אים פאַרשיידן; אַז דאָס פּראָבלעם, ווי ער ווערט געלייזט ביי אונז, ברענגט אונז אומגליק, קראַנקהייטן און קירצט אונז די יאָרן — מעגן מיר לכן אויפנעמען די פראַגע און לייזן זי צום גליק און ניט צום אומגליק פון אונזער לעבן. גענוג צו פאַרמיאוסן אַ לעבנס כוח, וואָס, ווען סובלימירט, קאָן ער ווערן אַ קוואַל פון העכסטער גייסטיקייט. די ציאָכץ צום קעגנגעזעצטן געשלעכט איז נאַטירלאַך און געזונט. דאָס דאָזיקע געפיל גיט דעם לעבן קולטור און פּראַכט. דאָס דאָזיקע

געפיל איז דער וויטאמין פארן וואוקס פון דער פערזענלאכקייט און וואס פריער, און וואס מער מיר פארשענערן די דאזיקע געפילן (אנשטאט זיי צו פארמיאוסן), אלץ זיכערער איז דאס גליק פונם קינד. האלטן אין איין פאטשן דעם בארג, פארשטעלן דעם בארג (סעקס) מיט א פארטוך, איז אן אומזין. דער בארג האט אין זיך צופיל אויפרייס־מאטעריאל. ער איז א וואולקאן, א פסיכישער און א פיזישער.

ניט קיין קלייניקייט איז דער קאאיטוס (געשלעכטלאכער אקט). בעתן קאאיטוס ווערן א סך דריזן אין קערפער אקטיווער. דער בלוט דרוק ווערט שטארקער. דאס הארץ און מוסקולן ארבעטן שנעלער און אינטענסיווער, בעתן סעקסועלן אקט. דאס אלץ פארשטאקט נאטירלאך די ווירקונג פון די סעקסועלע רייצונגען. ווען דער מאן און די פרוי זיינען אין העכסטן גראד צערייצט, — דריקט זיין פנים אויס ענערגיע, און גבורה און איר פנים איז פול מיט צארטקייט, ווייכקייט, גוטסקייט, און מיט א זיסן שמייכל. בעת ס'האלט שוין ביים דערגרייכן דעם העכסטן עקסטאז פון גענוס, דאמאלט בייטן זיך אמבולטסטן די אויסדרוקן פון די פנים'ער. די שווארצאפלען ווערן גרעסער, די נאזלעכער ברייטער, דער שפייעכץ־דריז ארבעט אינטענסיווער, און דער צונגנג קריגט א נייגונג מעכאניש צו באוועגן זיך (פון דעם דאס פרעפלען ווערטער), די אויגן ווערן פול מיט טרערן, און די מוסקולן פון דער אויבערשטער ליפ ווערן צונויפגעצויגן. ניט זעלטן פאלט דער מאן אריין אין א, קוים באמערקבארער, קאנוואולסיע. ניט נאר דאס, דאס הארץ איז אין דעם מאמענט אזוי אנגעשטרענגט, אז ס'טרעפט (אמת, זייער זעלטן) א הארץ־שלאג, פון וועלכן מען קומט מער ניט צו זיך. פאלן אין חלשות, ברעכן, מעכאנישעם לאזן אורין, אדער אפילו א מעכאנישעם גיין מיטן מאגן איז ניט זעלטן ביי יונגע מענטשן, ביים ערשטן מאל, ווען זיי לעבן איבער דעם געפיל פון געשלעכט גענוס. ביי באזארגטע מענער זיינען געווען פאלן ווען דער מילץ האט געפלאצט און ביי א העכערן בלוט דרוק אפילו א בלוטונג אויפן מארך און ממילא פאלן פון טויט צווישן עלטערע מענטשן. אבער דאס זיינען אויסנאמספאלן, דאס רוב איז דער גענוס געזונט אפילו פאר שוואכע און קראנקע מענטשן, געזונט און ברענגט א סך נוצן דעם מענטשן. אזוי אז דאס איז ניט קיין קלייניקייט! דאס גאנצע וועזן ווערט אויפגעטרייסלט; דאס ווייזט אונז ווי טיף אפווייכונגען פון נארמאלקייט ווייטיקן און ווי שווער די אונטערדריקונג.

האוועלאק עלים באשרייבט דעם פראצעס אזוי: ״אין יענעם מאמענט, ווען ס'דערנעענטערט זיך דער שלום פון העכסטן לעבנס־אקט, דערגרייכט דער מענטש די העכסטע מדרגה פון שטראלנדיקער שיינקייט. די פארב ווערט לעבעדיקער, די אויגן — גרעסער און העלער, די געזיכטס־מוסקולן ווערן מער געשפאנט, אזוי, אז ביי דערוואקסענע פערזאנען פארשווינדן אלע פאלדן און ס'קערט זיך אום צוריק די יוגנט״. ״אין מאמענט

ווידער, ווען דער העכסטער פונקט פון סעקסועלער רייצונג, איז שוין דער־גרייכט, רופט ער ארויס אויפן געזיכט די טיפישע מענלאכע און ווייבלאכע שטריכן; א גרויסע מאָס קראפט ביי די מענער און ליבלאכקייט ביי די פרויען". ווי צו דער פרוי און צו דעם מאן, וואָס פילן ניט קיין ליבע מחמת "ווען מען ליבט, איז ניט פאראן עפעס בעסערס, ווי צו געבן, שטענדיק צו געבן, אלץ, אלץ, אלץ, דאָס לעבן, די געדאנקען, דעם קערפער אלץ וואָס מען פאַרמאָגט".

די פרייד דער גענוס ווערט אָבער געהאמפערט דורך דעם, וואָס יעדער מאן און יעדע פרוי האָט א געוויסן געשמאַק צו אזא פרוי אָדער מאן און ניט צו קיין אנדערער אָדער אנדערן. צווישן די בבל'שע פרויען, וואָס פלעגן לויט זייער אמונה מוזן איינמאָל אין לעבן זיך אָפּגעבן א פרעמדן מאן אין טעמפּל פונם גאָט מיליטא, פלעגן זיין א סך, וואָס פלעגן זיך ארומדרייען יאָרן אין טעמפּל ביז זיי פלעגן קריגן א מאן, וואָס פלעגט זיי לויטן געשמאַק אויסקלייבן. דער דאָזיקער סעקסועלער צוציאונג געשמאַק קומט אָפּט דורכן אָנרירן (ביי די קרעפּסן, קרייפּיש און שפּינען איז דאָס אָנרירן דער הויפּט אָנרעגער. ביי בהמות, הירשן, פערד, הינט, איז לעקן מיטן צונג א וויכטיקער עלעמענט). מיידלאך ווערן שטארק צערייצט, האָבן גרעסטן גענוס פונם אָנרירן, פונם גלעטן זיי און קושן און ניט פון צוזאמענקומען, — מיט דעם דערקלערט זיך די פרייד פון קוש ביי א מיידל. אָבער ניט אלעמאָל איז דאָס אָנרירן דער רייצער, אמאָל איז עס דער גערוך, דער קול, גאָר א שמייכל, דער באָרד, די פיגור, דער גאנג, וואָס ציט צו אָדער רייצט אויף.

שטעלט זיך איצט פאָר וויפל צעבראָכענע לעבנס זיינען געווען דער רעזולטאט פון די גאָר אמאָליקע שידוכים (אז די מחותנים געפעלן זיך, וואָס דאַרף מען מער?) און פון די אמאָליקע נעשעפט־שידוכים (נדן, יחוס). אמת פון אויבן אויף איז אלץ געווען כשר וישר — די טרערן און ליידן אָבער האָט קיינער ניט געזען... און היינט? אזוי לאנג ווי דאָס מיידל וועט ניט קריגן דעם זעלביקן גלייכן רעכט צו קלייבן זיך א לעבנספריינט — וועלן זיי, און די גאנצע מענטשהייט צאָלן מיט טרערן און בלוט. איך האַלט די אינסטיטוציע, וואָס נאָר דער איינגל קלייבט זיך א כלה, פאַר א בלוטיקער עוולה, פאַר א בלוטיקער אונטערדריקונג. ס'וואָלט מיר זיס געווען אָפּצוגעבן מיין לעבן אין קאמף קעגן דער אויבנדערמאָנטער באַרבאַרישקייט און רציחה.

קוקט זיך צו צו די סעודה'לאך, צו די געבורטסטאָג יום־טובים, ווי גרויסהאַלטעריש, ווי "סנאָביש", ווי חוצפה'דיק, די איינגלאך האַלטן זיך; ווי זיי פאַלן צו, ווי בינען, צו איינער, ווי זיי איגנאָרירן א צווייטע. שפּעטער, נאָך די "פּאַרדים", האָבן די טרערן און צעבראָכענע הערצער, פון א סך נאַלדענע נשמות, געמעגט קומען צו גאָט. ניט איין מיידל "קרענקט" אויס די סעודה'ס וואָכן אזן וואָכן. אָבער ניט נאָר אין דעם גייט עס, ס'גייט

אין דעם מינערווערטיקייט געפיל, וואָס צעוואַקסט זיך אין אַזוינע מיידלאַך און אין האַס, קנאה און שנאה, וואָס צעגיסט זיך אין די נשמה'לאַך פון ד בעסטע אפשר קינדער... אַזוינע מינדערווערטיקע האָבן, דיינקט מען, אָפטמאָל חתונה פאַר עלטערע.

יאָ, אָפטמאָל האַלטן מענטשן פאַר אַבנאָרמאַל דאָס הייראַטן צווישן עלטערע און גאָר יונגע מיידלאַך. ניט אַלע יונגע וואָס האָבן חתונה מיט עלטערע (18—45) טוען עס אויס נויט. ניין. שרייבט אָטאָ וויינינגער: "די דערשיינונגען, אויף וועלכע איך וועל אָנווייזן, זיינען אין אַלגעמיין גענוג באַקאַנט. אין דער יוגנט, ניט עלטער פון 20 יאָר אַלט, פילט מען מייסטנס א תשוקה צו עלטערע פרויען (פון איבער 35 יאָר). אין דער צייט ווען מיטן לויף פון די ווייטערדיקע יאָרן הויבט מען אָן ליבן וואָס אינגערע. פונקט אַזוי (קעגנזייטיק!) גיבן די גאַנץ יונגע מיידלאַך אָפט אָפּ דעם יתרון עלטערע מענער לגבי די אינגערע, כדי שפּעטער ווידער צו פאַרראַטן דעם מאַן ניט זעלטן מיט גאַנץ יונגע בחורים. די דאָזיקע אַלע דערשיינונגען מוזן האָבן זייער שורש פיל טיפער, איידער זיי ווייזן זיך אויס פון יענעם קאַטאַוועסדיקן אופן, מיט וועלכן מען טראַקטירט זיי על־פּי־רוב" (אָטאָ וויינינגער). אפשר, האַלט איך, דערקלערט זיך דאָס דאָזיקע מיט דער בייִנקשאַפט פונם יונגן בחור'ל נאָך זיין מוטער, צי מיט דער בייִנקשאַפט פון דער יונגער מיידל נאָך איר פאָטער (אַן אָפּשליקאַכץ פון די ערשטע יאָרן פונם לעבן פונם קינד ווען ס'קינד־מיידל האָט א תשוקה צום פאָטער און דאָס קינד־אינגל צו דער מוטער). דאָס יונגע מיידל, צי דער יונגער בחור'ל האָט געפילן דווקא צו עלטערע, מחמת זיי טראָגן אַריבער זייער ליבע צו די עלטערן אויף דעם עלטערן מאַן צי אויף דער עלטערער פרוי. שפּעטער ליבט די מיטל־יאָריקע פרוי דעם יונגן בחור'ל, מחמת זי פילט אין אים איר זון (און דער פאָטער זיין טאָכטער). אָבער דאָס רוב איז עס אַן אַבנאָרמאַלע דערשיינונג, א רעזולטאַט פון צעריסנקייט, און רייצן רייצן דער גאַנצער אַרום מיט אַלע זיינע כוחות. מאַכן מיר אָבער אָפט א פאַטאַלן טעות, היטנדיק א מיידל, עס זאָל וואָס ווייניקער רעדן, שפּילן אָדער זיין אין דער סביבה פון אינגלאַך, — דאָס זיין צוזאַמען (אין איין קלוב, אין איין קלאַס) באַרואיקט דעם סעקס דראַנג און סובלימירט אים.

ס'איז א טעות צו דיינקען, אַז וואָס מער א מענטש איז אין דער קאַמפּאַניע פון א קעגנגעזעצטן געשלעכט, אַלץ צעריסענער איז ער — ס'איז א טעות אַזוי צו דיינקען; דווקא פאַרקערט, די צעריסנקייט פון סאָלדאַטן, בעת דער מלחמה, איז א סך א שווערערע. פאַרקערט, ווען זיי געפינען זיך אין א סביבה פון פרויען, דאַמאָלט איז דער געשלעכט אימפּולס ביי זיי רואיקער.

יאָזעף פולינג פישמאַן, דער געוועזענער אינספּעקטאָר איבער די אַמעריקאַנער תפיסות, שרייבט אין זיין בוך "סעקס אין תפיסה": "יאָר איין

יאָר אוים ווערן יונגע אינגלאַך, יונגט מענער, פאַרוואַנדלט אין האָמאָסעקסועלן (בחורים אָדער מענער באַפרידיקן זיך געשלעכטלאַך איינער מיטן צווייטע). דאָס קומט פון מאָנאָטאָניקייט פון לעבן, פון איינזאַמקייט, פון זיין אָפּגעזונדערט פונם קעגנגעזעצטן געשלעכט. פון דעם, דאָס תמידע רעדן פון סעקס, וואָס צעדרייצט ביז משוגעת. א חוץ דעם פירן אריין די, וואָס ווערן צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות, צייטווייליקע אָדער אויפן גאַנצע לעבן האָמאָסעקסועליטן, א חוץ דעם, הייסט עס, פירן אריין די אזוי גערופענע "וועלף" אין זייער נעץ אריין די מענער זייערע (וואָס דינען זיי פאַר מיידלאַך). די דאָזיקע "וועלף" ווערן אין משך פון יאָרן קינסטלער אויף דעם געביט, קינסטלער צו פאַרפירן און אריינפירן. אויב ס'גייט ניט מיט גוטן, ווענדן זיי אָן "קראַפט", און ס'איז קיין וואונדער ניט. דער סעקס געפיל איז דער שטאַרקסטער געפיל ביים מענטשן נאָכן געפיל פון הונגער און דורשט. געפינט ניט דער ארעסטאַנט קיין אומדירעקטן מיטל צו נייטראַליזירן די אָנשטרענגונג, פירט עס צו פאַרקריפּלונג. דווקא ווייל מען זעט ניט קיין פרויען, איז דער דראַנג ניט אין אַ ערך שטאַרקער, און ניט אריבערצוטראָגן. פון די 63,000 מענטשן פאַרשיקטע אין תפיסה אין איין יאָר, זיינען 37,000 געווען אונטער 34 יאָר אַלט, און נאָך אינגער. דאָס זיינען יאָרן מיט דער שטאַרקסטער סעקסועלער אַקטיוויטעט".

אין סאָוועטן פאַרבאַנד, ווערט אַן ארעסטירטער באַטראַכט ווי א קרבן פון אומשטענדן, ווי א קרבן פון א שוואַכערן כאַראַקטער, ווי אַן אומגליקלאַכער, וועלכן מ'דאַרף העלפן. אים ווערט געגעבן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט (גאָרקי'ס באשרייבונג). ער קאָן זיך טרעפן מיט זיין פרוי, מיט פריינט, אין א פריוואַטן צימער, ווען ער פאַרלאַנגט עס נאָר; ער קריגט פערצן טעג אין יאָר וואַקאַציע, וועלכע ער קאָן אויסנוצן ווי און ווען ער וויל; ער קאָן זיי נעמען צו איין טאָג אָדער מער יעדן חודש, און זיין צוגאַסט אין דער היים. ער קאָן זיך פאַרזינדיקן אין א סך זאַכן, אָבער ער קאָן ניט פאַרזינדיקן דאָס רעכט צו טרעפן זיך מיט זיין פריינדינע, מיט זיין פרוי... אויך אין פיליפּינען אין סאַלוואַדער, האָט דער ארעסטאַנט דאָס רעכט צו באַגעגענען זיך מיט זיין פרוי אין א פריוואַטן צימער יעדע וואָך.

די מאָנאָטאָניקייט און די אָפּוועזנהייט פון פרויען, פאַרוואַנדלט פריינט אין שונאים, געבילדעטע, געזונטע, נאָרמאַלע מענטשן אין האָמאָסעקסועלן און אנדערע סעקסועל פאַרקריפּלטע. זיי ווערן דעפּרעסיוו, אימפּאָטענט, ליידן פון שלאָפלאָזיקייט, זיי ווערן פשוט אַבנאָרמאַל.

פאַראַן, דערציילט אלעקסאַנדער בערקמאַן, אין זיינע תפיסה זכרונות, א שטיקל משוגענער, אַן עסטרייכער. יעדן פרימאָרגן, ווען דער באַאמטער עפנט ס'טיר איים צו געבן א שטיק ברויט, וואַרפט ער זיך ווילד צום טיר שרייענדיק "מיין פרוי, וואו איז מיין פרוי?" ער רייסט זיך פאַרצווייפלט

צום טיר, און גראבלט און רייסט זי. די טיר איז ווידער פארט פארשלאסן, בלייבט ער דערשראקן, בלוטיק אנטוישט; דער באאמטער שמייכלט... ראיאטן אין תפיסות זיינען אפטמאל רעזולטאטן ניט פון הונגער און שווערע שטראפן, נאר גיכער פון פארצווייפלונג, פון שטימונגען, פון אומבאפרידיקטקייט, און פון דערוואכטע סעקס אינסטינקטן.

די גאנצע וועלט איז באהערשט פון אן אלגעמיינער אומבאפרידיקטקייט. אויף יעדן שריט און טריט פון אונזער לעבן און שטרעבן פילט זיך דאס דאזיקע. הגם הונגער איז א געוואלדיקער כוח, וואס פירט מענטשן צו מעשים, וואס זיי וואלטן, ווען זאט, קיינמאל ניט באגאנגען, האלט איך אבער, אז שארפזיניקייט און גאל, גיסט אריין אינם קאמף ניט נאר הונגער אליין, נאר אויך סעקס אומבאפרידיקטקייט, סעקס צערייצטקייט. דאס רוב פאמיליע מחלוקות צווישן מאן און פרוי זיינען א רעזולטאט פון נויט אבער אויך (גאר א גרויסער פראצענט, גאר א גרויסער!) רעזולטאטן פון סעקס אומבאפרידיקטקייט.

האט זיך אין 1935 איבער קאנאדע צעגאסן א כוואליע פון רעוואלט און קעמפ־סטרייקס, דאס האבן געסטרייקט די ארבעטסלאזע אין די רעגירונגס ארבעטס קעמפס וואו זיי האבן שוין יארן געלעבט (איניקע 2־3 יאר) אן האפנונג צו קריגן ארבעט, כדי אויפצוהערן צו לעבן פון קצבה. גענוג ברען־שטאף געווען, וואס האט אנגעצונדן דעם רעוואלט: ניט נארהאפטע שפייז, איינזאמקייט, מאנאטאניקייט, האפנונגסלאזיקייט, איז בכלל אויל אויפן פייער פון רעוואלטן. האבן זיי זיך א הויב געטאן, אוועק פון די קעמפס אין די שטעט אריין, זיך צעלייגט אויף די דעכער פון פראכט־צוגן, און מ׳האט זיך געלאזן אויף דער הויפטשטאט, צו דער רעגירונג; ס׳האט אויסגעזען, ווי אן אויפשטאנד פון דער יוגנט. די רעגירונג האט דאך אבער צו איר דינסט פסיכאלאן, וואס האבן משמעות אנגעוויזן אויף דעם שטארקסטן כוח, וואס האט אט די סטרייקער אויפגעהויבן, אויף דער סעקס צערייצטקייט, מחמת אפגעזונדערט פון שטאטיקן לעבן, פון זען אין די אויגן פרויען. די רעגירונג האט באשלאסן זיי צו לאזן זיך אביסעלע נייטראליזירן. — זאלן זיי פילן בליקן פון ליבע, זאלן זיך א סך אויסלעבן. די גאנצע כוואליע האט זיך גענומען איינשטילן, און געשטארבן מיט א מיאוסן טויט. אן פאדערונגען האבן זיי זיך אונטערגעגעבן. אמת, די אנפירנדיקע האבן אין זייער אויפשטאנד געזען א רעוואלוציאנערן כוח, זיי זיינען זיך מקריב געווען — די מאסן האבן אבער גיך אויפגעגעבן דעם קאמף מחמת איין כוח (סעקס אומבאפרידיקטקייט) האט זיך אויסגעלאשן. מענטשן האבן דעם טעות געמאכט, ניט אפגעשאצט וויסנשאפטלאך דעם ענין. ס׳וועלן נאך א סך טעות׳ן געמאכט ווערן ביז מען וועט אפשאצן דעם סעקס כוח אין יעדן רעוואלט, ספעציעל אין די תפיסות. יא, נייטראליזירן אין זיך דעם סעקס דראנג, זאל זיין דורך א זיסן שמייכל, דורך הארציקע ליבע באצי־

אונגעז, דורך אמת צארטער אויפמערקזאמקייט, איז אן ערשט ראנגיקע נויטווענדיקייט, אנדערש פירט די ניט־באפרידיקטע ביינקשאפט צו פאר־שיידענע ליידן.

מיר לעבן אין א צייט ווען אלץ, וואס האט אמאל אויסגעזען אזוי פעלזן־שטארק, אזוי פונדאמענטאל זיכער, אזוי "אויף אייביק", פאלט צונויף שיר ניט ביים ערשטן בלאז. די בלוטיק־פארביסענע מחלוקות צווישן פארשיידענע גרופעס רבנים איבער כשרות; די מחלוקות, שיר ניט אויף מעסער, צווישן רעדל־פירער אין פארשיידענע גרופירונגען; טראנען; אפ־מאכן צווישן מלוכות — דאס אלץ טראגט אזא ביליקן גייסט! אבער ניטא וואס געפאלן צו זיין ביי זיך. דאס איז די פינסטערסטע מינוט פאר א הער־לאכן זון־אויפגאנג, פאר א פרידיקן מארגנרויט. פון דעם ראזיקן כאאס, פון דער דאזיקער געפאלנקייט וועט זיך אויסשיילן די נייע וועלט. דעם נייעם מענטשן אבער דארפן מיר שמידן שוין איצט, שוין גלייך, און שמידן אים דארפן מיר פונעם ערשטן טאג פון זיין געבורט (אויב ניט נאך פריער). און שמידן דארפן מיר אטהויבן דורך עגדערן אונזער גאנצן צוגאנג צום קינד, צו זיין פסיכא־פיזישער נאטור.

קינדהייט

דריי סטאדיעס אין לעבן מאכט דורך א מענטש: 1) די ביז־יצירה׳דיקע סטאדיע, ווי אן אייעלע אין מוטערס אייערשטאק, און ווי א ספערם־פעדימל אין פאטערס סעקס דריז, — וואס ביידע טראגן זיי אין זיך פארלייגטע ירושה שטריכן; 2) די ביז־געבורטיקע סטאדיע, ביי דער מוטער אין קערפער, וואו ער איז שוין אונטער דעם איינפלוס פון א סביבה; 3) די נאכגעבורט סטאדיע — א סעקונדע נאכן געבורט ביזן קבר. די ביז־געבור־טיקע סטאדיע און א טייל פון דער נאכגעבורטיקער, די קינדהייט, וועלן מיר ווידעראמאל צעטיילן, אבער דאס מאל אין זעקס פעריאדן: די פריע קינדהייט; די מיטעלע קינדהייט; די שפעטערע קינדהייט; די פריע יוגנט: די מיטעלע יוגנט און די שפעטערע יוגנט. די פריע קינדהייט (ביזן 5-6 יאריקן עלטער); די מיטעלע קינדהייט (ביז ארום 9 יאריקן עלטער), און די שפע־טערע קינדהייט (ביז ארום דעם 12 יאריקן עלטער); די פריע יוגנט (ארום דעם 13-15 יאריקן עלטער; די מיטעלע יוגנט (ארום דעם 16-18 יאריקן עלטער), און די שפעטערע יוגנט (ביז ארום דעם 24 יאריקן עלטער.

די פריע קינדהייט

(ביז ארום 5-6 יאריקן עלטער)

מען גיט צו גאר א גרויסן ווערט דעם ערשטן געשריי, וואס א קינד לאזט ארויס ביים געבורט. דאס געשריי האט דווקא גאר קיין ווערט נים.

דאָס ווערן די לופּט רערן זיינע אָנעפּילט מיט לופט, צום ערשטן מאָל האָבן זיך די לונגען זיינע אַ באַוועג געטאָן. אַ סך קינדער זופּן אָבער אַריין מיטן ערשטן געשריי, ניט גענוג ריינע, ניט געזונטע לופט. און דאָס דאָזיקע איז שוין יאָ אַן ערנסטער ענין, מחמת דאָס רופט זיך שפּעטער אָפּ אויפן גאַנצן לעבן. אַזוי איז אויך מיט די אומזעבאַרע ערשטע איינדרוקן מחמת זיי רערן סוגעסטיוו, אומדירעקט, פאַרבייגייענדיק, הצעת'דיק.

אפילו די שטילקייט אין צימער, אין וועלכן ס'לעבט איצט דער נייער גאַסט, וואָס אַלט איז ער שעה'ן, טעג, צי וואָכן, האָט אַ דערציערישן ווערט פאַר דער נשמה פונם קינד. אַ גאַנצע ריי קינדער־פּסיכאָלאָגן גיבן צו גאָר אַ גרויסן ווערט די ערשטע קלאַנגען, די ערשטע ליכטשטראַלן, די ערשטע קאָלירן, וואָס ס'קינד "דערזעט" אָדער "דערפילט" אומבאַוואוסטזיניק. פאַראַן גאַנצע שטודיאומס, אַ גאַנצע ריי אַרבעטן אויפן געביט פון פאַרשן די ערשטע איינדרוקן וואָס ס'קינד באַקומט, באַגעגענענדיק צום ערשטן מאָל אונזער וועלט. דאָס זיינען נאָך אָבער אַלץ השערות.

פאַראַן אָבער אַ גאַנצע ריי "קליינקייטן", וואָס קאָנען שפּעטער, ווען פאַרזען, ברענגען גרויסע צרות. אַזוי דאַרף אַ מוטער וויסן, אַז ס'קינד דערשרעקט זיך שטאַרק פון יעדן קלאַפּ מיט דער טיר, צי מיט אַ לעפעלע אָן טיש; אַז ס'קינד דערשרעקט זיך פון אַ הויכן קול, פון אַ פייף, אַז ס'קינד שרעקט זיך, ווען ס'ליגט ניט זיכער, ווען ס'פילט, אַז אַט־אַט פאַלט עס. פאַרוויילן מיר אָבער אָפט אַ קינד אַ קליינס מיט "טוטוטיען", מיט צימבלען אין אַ בלעך, מיט וואַרפן עס אין דער הויך, מיט פּאַטשן אין די הענט... און וויפל טאַטעס און מאַמעס באַוואיקן אַזאַ עופעלע מיט קיצלען אַ געוויסן טייל פון קערפּער. מיט וויפל "ליטעראַטור" עלטערן לייענען זיך אָן איידער זיי קויפן אַן אָוטאָמאָביל, צי אַ נייע וואַש־מאַשין, וועגן "קליינקייטן" פאַר וועלכע ס'קינד צאָלט שפּעטער מיט גרויסע ליידן פרעגט מען זיך אָן ביי דער שוויגער...

ניט ווייניקער וויכטיק זיינען "קליינקייטן", וואָס דר. קאַנטאָר וואָרנט אונז וועגן זיי. ער זאָגט, אַז: "דעם צווייטן אָדער דריטן טאָג פון קינד'ס לעבן קאָן מען אין אַ סך פאַלן באַמערקן, אַז די בריסט ביים קינד זיינען געשוואָלן. זיי זיינען ניט רויט און טוען ניט וויי. די געשווילאַכץ אַנטוויקלט זיך פון דעם, וואָס אין די בריסט געפינט זיך מילך. דאָס פּאַסירט סיי ביי מיידלאַך, און סיי ביי אינגלאַך. ווען די מוטער, אָדער די קראַנקן־שוועסטער רייבט אַזאַ ברוסט, אָדער פּרובירט עס אויסצוהיילן דורך פאַר־שיידענע מיטלען, אַנטוויקלט זיך אָפט אַן אַנטצינדונג און עס פאָרמירט זיך אַ געשוויר. אויב מען טשעפּעט עס אָבער ניט און עס ווערט בלויז געהאַלטן ריין, פאַרשווינדט עס אָן שום שוועריקייטן.

אָפט פּאַסירט, אַז ביים נאָפּל־שטריק אַנטוויקלט זיך ווילד פלייש. עס זעט אויס רויט און עס לאָזט אַרויס אַ סערום, וואָס רייצט אויף די הויט.

עס קאָן ליכט באַזייטיקט ווערן דורך אויסברענען מיט "סילווער נייטרייט", אָדער, אין פאַלן ווען עס איז גרויס, קאָן עס גאָר אויסגעשניטן ווערן. עס זיינען אָבער דאָ פאַלן, וואו די בלוט רערן ארום דעם נאָפּל ווערן אנטצונדן. דאָס איז אַן ערנסטע קראַנקהייט, און די הויפּט־באַהאַנדלונג באַשטייט אין פאַרמיידן די קראַנקהייט דורך ריכטיק אָפּהיטן די געוויינלאַכע כללים פון ריינלאַכקייט.

אַן ערך א העלפט פון אַלע ניי־געבוירענע קינדער אַנטוויקלען צווישן דעם צווייטן און זעקסטן טאָג א געלבזוכט. דער גאַנצער קערפּער, אפילו די ווייסלאַך פון די אויגן, ווערן געל. דאָס קינד פילט זיך ניט קראַנק, און איז טאַקע ניט קראַנק. זאָרגן זיך ווענן דעם איז טאַקע ניטאָ וואָס, סיידן עס איז דאָ א באַשטימטע קראַנקהייט, וואָס פאַראורזאַכט די געלקייט. אין דורכשניט איז קיין באַהאַנדלונג ניט נויטיק.

צווישן צווייטן און פינפטן טאָג פּאַסירט, אַז קינדער אַנטוויקלען א גאָר הויכן פיבער, אַמאָל אַזוי הויך ווי 105 אָדער אפילו 106. צו דער זעלבער צייט קאָן מען מערקן, אַז די קינדער ווייזן סימנים פון הונגער און דאַרשט, דאָס קינד פאַרלירט וואָג און די הויט ווערט טרוקן און צעקנייטשט. די אורזאַך פון אַזא צערודערונג איז מערסטנטייל זייער א פּשוט׳ע: דאָס קינד האָט ניט געקראָגן צום עסן און טרינקען. דער מוטערס מילך קומט ניט צו געוויינלאַך ביז דעם פערטן טאָג; אויב דאָס קינד קריגט ניט קיין וואַסער דורך דער גאַנצער צייט, דאַן קאָן פאַרקומען אַזא פאַל. כדי צו היילן אַזעלכע פאַלן, איז נויטיק צו געבן דעם קינד וואַסער. אויב דאָס קינד קאָן ניט פאַרנעמען קיין וואַסער, קאָן עס קריגן וואַסער אונטער דער הויט.

א ברוך (ראַפּטשור) ביים נאָפּל־שטריק אַנטוויקלט זיך זייער אָפט ביי קינדער נאָך דעם, ווי דער נאָפּל־שטריק פאַלט שוין אַרונטער. עס קאָן זיך אַנטוויקלען צו יעדער צייט פון ערשטן יאָר. די הויפּט אורזאַכן זיינען: הוסטן, וויינען א סך, אָדער פון דעם, וואָס דער מאָגן ווערט אָנגעפילט מיט צופיל גאַז (לופט). אין א סך אַזעלכע פאַלן, איז דאָ א נייגונג צו פאַרהיילן זיך אפילו אָן א באַהאַנדלונג; אָבער עס פאַרהיילט זיך א סך שנעלער, ווען מען גיט אויף דעם אַכטונג. עס איז נוצלאָז צו פּרובירן פאַרמיידן עס דורך שטייפע באַנדן, עס מאַכט דעם קינד בלויז אומבאַקוועם. די בעסטע באַהאַנדלונג איז איינצושטייפן די הויט איבערן נאָפּל מיט פּלאַסטער. דער נאָפּל ווערט אַריינגעשטופּט און די הויט פון ביידע זייטן ווערט אַריבערגעגלייכט איבער דעם. די גאַנצע פּראָצעדור איז א גאָר לייכטע און יעדע מוטער קאָן עס טאָן. עס איז ניט ראַטזאַם אַריינצולייגן א מטבע, אָדער א קנעפּל איבערן נאָפּל, ווייל באַטש עס לאָזט דעם נאָפּל ניט אַרויס, דערלאָזט עס אָבער ניט, אַז דער רינג זאָל זיך פאַרהיילן אַזוי גוט, ווי ווען די הויט ווערט אַריבערגעבויגן".

א קינד האלט אין איין דורכמאכן קרייזן, פעריאָדן, אין זיין לעבן. די ערשטע זעקס וואכן קאָנען פאררעכנט ווערן פאר א גאַנצן פעריאָד, פאר א תקופה. אין די זעקס וואכן לערנט זיך ס'קינד אוים ווי צו וויינען און צו לאכן, צו ווייזן אַן ערנסט פנים, צו ווערן רויט אָנגעצונדן און צו שמייכלען. גיט דעם קינד וואָס מער געלעגנהייטן צו שמייכלען, צו לאכן, צו פרייען זיך, — דעם גאַנצן לעבן שפּעטער וועט עס געדיינקען די דאָזיקע ערשטע זעקס וואכן. וויינען אבער אונזערע קינדער אַזוי זינלאָז, אומזיסט, מחמת די מאמע טראכט אביסעלע צו וויניק. מען דערציילט פון א קינד, וואָס האָט זיך א גאַנצע נאכט אומגעוואָרפן, געשריען, מען האָט אַלץ געטאָן, אפילו דעם דאָקטאָר געבראַכט. דער סוף איז געווען אַז, מען האָט געפונען א טיי־לע־פעלע ערגעץ וואו אין בעטעלע, וואָס האָט געדריקט ס'קינד. געפינט די סיבה פונם שרייען, לאָזט עס ניט כתם שרייען, כאָטש ס'שרייען איז גע־זונט פאר די לונגלאַך. זאָרגט זיך ניט, ס'וועט שרייען און שרייען א סך, אבער ווען? ווען ס'שרייען וועט זיין א שרייען אַן ווייטיק, אָן כעס, אַ מין זינגען אַזא, רחמנא לצלן...

דער צווייטער פעריאָד פונם קינד'ס לעבן איז גאָר א יום־טובדיקער — ס'געפינט פיסעלאַך, הענטעלאַך, אייגענעם קערפערל — א גליק. דער דריטער פעריאָד — ס'הויבט אָן ארומצוקריכן, פויזן, דאָס זיינען די ערשטע שריט צו זעלבסטשטענדיקייט. דאָס איז גאָר א גרויסער יום טוב פאַרן קינד. פריער האָט עס אַנטדעקט ביי זיך אַזוינע פאַרכאַפּנדיקע זאכן ווי פינגער־לאַך, נעגעלאַך, פיסעלאַך, וואָס זיינען אַזוי זיס צו שמאַקטשען... איצט גע־פינט עס וועלטן: ביינדעלאַך, צאַצקעס (זייט פאָרזיכטיק... מחמת ניט וויניק שרעקן לעבט איבער ס'קינד, ווען עס שטויסט זיך אָן אַן זאכן, וואָס דערשרעקן אים ביז טרערן).

די דריי פעריאָדן זיינען טאקע באמת פון די וויכטיקסטע, לעבן־דעצעדירנדיקסטע. "אַלץ האָט ערשטע בלייבט אייביק אינם קינד. דער ערשטער קאָליר, די ערשטע בלום, די ערשטע מוזיק, דאָס אַלץ מאָלט אוים דעם פאָרערגרונט פון זיין לעבן אין די ערשטע חדשים. און וועט אַנט־שיידן דעם גורל פונם מענטשן. אַלץ וואָס ער לערנט שפּעטער איז נאָר אַן איבערחבוי איבער די ערשטע איינדרוקן און דערפאַרונגען" (דר. וו. שטעקל).

שרייבט דר. ישראל רובין, אַז: א גאַנץ באַזונדערע און וועזנטלאַכע באַדייטונג האָט אין דער פריסטער קינדהייט פון קינד זיין ערשטעס יאָר לעבן. אין דעם יאָר ווערן אַנגעקניפּט אַלע גייסטיקע קנייפעכלאַך, וועלכע וועלן און דאַרפן אין משך פון דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון קינד אויפגעוויקלט ווערן. ווען מ'זאָל זיך צוקוקן נעענטער און זיך אָפּגעבן א דין־וחשבון וועגן די אומצייליקע דערגרייכונגען, וואָס דאָס קינד מאַכט דורך אין זיין ערשטן יאָר, ווען מ'זאָל פאַרגלייכן, למשל, וואָס איז דאָס

קינד געוועזן ביי זיין געבוירן ווערן, און וואָס עס איז געוואָרן צום סוף פון ערשטן יאָר, וועט מען מוזן מסכים זיי, אַז דאָס ערשטע יאָר איז טאַקע דער וואונדערלאַכסטער פּעריאָד אין גאַנצן מענטשלאַכן לעבן, אַז דאָס ערשטע יאָר פון קינד פאַרדינט טאַקע דעם אויסרוף "אצבע אלהים" (ווי גאָט אליין וואָלט עס פירן). דאָס ערשטע לעבנס־יאָר פון קינד איז א נס, אפשר דער גרעסטער נס, וואָס מ'ר ווייסן נאָר. גענוג צו מאַכן א קליינעם חשבון: ביים געבוירן ווערן איז דאָס קינד אינגאַנצן אומבאַהאָלפן, באַהערשט ניט זיינע אייגענע גלידער (געוויסע גלידער באַהערשט עס יאָ, אָבער זייער שוואַך). און וואָס שטעלט עס מיט זיך פאָר שוין צום שלום פון זיין ערשטן יאָר! עס איז שוין א בעל־הבית אויף זיינע חושים, קאָן שוין אין א סך א סך פאַלן זיך אליין העלפן, קלייבט זיך פאַנאַנדער אין דער סביבה, קאָן שוין אַפּטיילן נוציקעס פון שעדלאַכע, אומווירקלאַכעס פון ווירקלאַכן. אין זיין צווייטן געבורטסטאָג טרעט דאָס קינד שוין אריין מיט א פולשטענדיקן פאַר־דינטן אַטעסטאַט וועגן ערשטן און שווערסטן גלענצנד אויסגעהאַלטענעם עק־זאַמען; אין דעם אַטעסטאַט איז שוין מיט גאָלדענעם בולטן שריפט אריינ־געטראָגן זיין ערשטער פאַרדינטער טיטול: (מענטשעלע, מ. ב.). נאָך דעם ערשטן יאָר איז דאָס קינד שוין א שטיק מענטש, א מענטש מיט ווילן, מיט כאַראַקטער (פּאַרהעלטניסמעסיק, פאַרשטייט זיך), מיט א קלאָרן פּסיכישן פּנים".

די ערשטע האַנדלונגען פון דעם קינד זיינען אווטאָמאַטיש — אינ־סטינקטיווע: מען קיצלט אים אין פּיסעלע, כאַפּט עס אַוועק; מ'רירט אָן א העַנטעלע, מאַכט עס צו; ווען הונגעריק שרייט עס. די געפילן זיינע זיינען אויך אווטאָמאַטיש און אינסטינקטיוו. הערט עס א קלאַפּ, דערשרעקט עס זיך און שרייט; איז פאַראַן ווייניק שפּייז אין מאָגן, איז עס הונגעריק, שרייט עס; אַז עס איז זאַט, ווייזט עס ארויס צופרידנקייט, פאַרגעניגן, שמייכלט עס. אַלץ אווטאָמאַטיש.

דאָס ערשטע, וואָס א קינד לערנט, איז א ס אָ צ י א צ י ע. דער מאַ־מעס קול הערט עס תמיד פאַרן געבן עסן — נו, רופט שוין ארויס דער מאַמעס קול פריידן; עס לערנט זיך צו אַסאָציאירן די מוטער מיטן עסן. שפּעַ־טער זעט עס א באַשטימטן פּנים־אויסדרוק. עס דערקאָנט די מאַמען און הויבט זיך אָן צו שרעקן פאַר פרעמדע פּנימער. נאָך שפּעטער הויבט עס אָן זיך צוצוהערן צו קלאַנגען, פאַרבינדט געפילן גוטע צי שלעכטע מיט מענטשן, חיות, זאַכן א. א. וו.

אפילו אזא ענין ווי פאַרוויילן זיך מיטן קינד, צי לאָזן אים אליין, אפילו אזא ענין שפּילט א דעציזירנדיקע ראָל. וואָס מער אליין! — אנדערש וואַרט עס שטענדיק, מען זאָל אים פאַרוויילן. פאַרוויילן דעם קינד, דאָס פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן, טויטעט אָפּ אינעם קינד דעם פאַנאַנדערבלי אין

אים די כוחות פון אונטערנעמונגס דראנג, ענערגיע, איניציאטיוו; ס'וועט שפּעטער תמיד קומען מיט טענות: "וואָס זאָל איך טאָן"; ס'וועט אפשר אויפן גאנצן לעבן ניט קאָנען זיך באפרייען פון לאנגוויל. לאָזט דעם קינד, היט עס נאָר ווי דער פאַרמער זיין תבואה פון קראָפּעווע און פון ווילדגראָז. שרייבט ישראל רובין: "וויפל מאָל פאלט דאָס קינד ביי זיין פּרובירן זיך צו שטעלן, פאלט און צעקלאַפּט זיך? וויפל מאָל שטויסט זיך דאָס קריכנדיקע קינד, וועלכעס קאָן זיך נאָך ניט היטן פאַר סכנות, אויף שווערקייטן, וועלכע רופן ארויס זיין פאַרביטערונג; וויפל מאָל הויבט די מאמע אויף איר קריכנדיק קינד מיט א צעבלוטיקט נעזל, מיט צעקראַצטע הענטלאַך, א וויינענדקן, א שרייענדיקן? וויפל מאָל דערכאַפּט דאָס קינד, ביי זיין ערשטן ניט זיכערן גיין, ניט דעם אָנלען (עס קאָן נאָך ניט אויסרעכענען דעם שטח צווישן זיך און דעם נויטיקן אָנלען) און ציט זיך אוים אויף דר'ערד ווי לאנג עס איז?" נאָר אייגענע אנטדעקונגען, וואָס א קינד מאכט, ברענגט אים גליק.

האָט תמיד אין זינען, אז, "דער פונדאמענט פון דעם פּסיכישגייסטיקן לעבן ווערט געלייגט אין די ערשטע 5-6 יאָרן פונם קינד'ס לעבן" (דר. סטענפאָרד ריד). האָט תמיד דאָס דאָזיקע אין זינען, און גליקלאַך וועט זיין אייער קינד! "די מערהייט פּסיכאָטעראַפּיקער באַהויפּטן, אז אלע פונקציאָנעלע (איינגערעדטע זיך, לכן שווערסטע און געפערלאַכסטע) נערוון צערודערונגען (וואָס האָבן קיין פיזישע־קערפּערלאַכע סיבה ניט), אלע נערוון צוזאמענברוכן פון, למשל, א מיידל צו 16 יאָר, א פרוי צו 30 צי א פּראָפעסיאָנאַל צו 55 שטאמען פון דער פריסטער קינדהייט" (דר. האַרדפילד). אזוי קאָמפּליצירט איז די פריסטע קינדהייט, דאָס איז די וויכטיקסטע צייט צו דערציען, וואָס מיר דערוואַקסענע קאָנען קוים משיג זיין.

דאָס קינד אין דעם עלטער איז נאָך, פיזיש גערעדט, א מאסע, וואָס דאַרף זיך אויספורמען, איז פול מיט אינסטינקטן, צארט און שטארק געפילפול צו איינדרוקן, איינכאַפּנד, וואָס האָט אָבער שוין אין זיך געוויסע נייגונגען, פאַראוים באשטימטע (גע'ירשנ'טע), ליניעס לויט וועלכע צו שפּאַנען. מען קאָן שוין אין דעם עלטער ביז א געוויסן גראַד דערקאָנען אינסטינקטן, וואָס וועלן זיך פאַנאנדערוואַקסן, און אינסטינקטן, וואָס וועלן אָפּשטארבן, איינדרעמלען. געוויסע אינסטינקטן וואָס וואָלטן איינגעדרעמלט, רייצן, למשל, מאמעס אויף, וועקן אויף דורך זייער אומוויסנהייט. "די קינדהייט איז א ברייטער און טיפער ים, און די דערוואַקסענע וועלכע רינגלען ארום די קינדער — טאטע־מאמע אויך בתוכם — זיינען אָפּטמאָל זייער שלעכטע שווימער. האלטן זיי, די דערוואַקסענע, זיך נאָר ביים נידעריקן און פלאכן ברעג פון ים, קאָנען זיך אין זיינע ווייטקייטן ניט לאָזן און זיינען נאָך מער ניט ביכולת אין זיינע טיפענישן אראָפּצוגרונטעווען". דאָס וואָס מיר ווייסן יאָ וועגן אונזערע קינדער איז נאָר דער "בראשית", דער אָנהויב פון דער

תורה, און די תורה איז א גרויסע און א שווערע. און מיר מוזן זי לערנען בסדר, אן אויפהער. ווי יעדע, און נאך מער פון יעדער אנדער תורה. איז די דאזיקע תורה פון קינד פול מיט מצוות, וועלכע ווערן אויף אונז דער־וואקסענע ארויפגעווארפן זיי מקיים צו זיין, אום כדי מיר זאלן קאנען ווי געהעריק דורכפירן די שווערע און פאראנטווארטלאכע דערציאונג פון אונזער קינד. פאראן צווישן די מצוות פון דער תורה "קינד", "מצוות־עשה": וואס מיר דארפן יא טאן, אום כדי צו זיכערן א דערפאלג אין דער דערציאונג, ווי אויך "מצוות לא תעשה", וואס מיר דארפן ניט טאן, אום כדי צו פאר־מיידן דעם אומדערפאלג, כדי מיט אונזערע אייגענע הענט ניט אנצוזאווארפן שטרויכל־שטיינער אויפן וועג פון קינד, אן וועלכע עס קאן נאך חלילה גע'ניזקט ווערן.

"דאס קינד איז דער צארטסטער פליים. מען קאן פון אים ארויס־באקומען די צארטסטע קלאנגען, כיען קאן אבער אויך ארויסבאקומען די גריל־צנדיקסטע דיסאנאנסן. ס'קענען אמאל אויך פלאצן סטרונעס אין זייער נשמה. און געפלאצטע סטרונעס אין נשמה איז שוין שפעטער אוממעגלאך צו פארריכטן. אלץ איז אפהענגיק פון דעם, ווי אזוי דער דערציער שפילט אויף דעם קינד'ס נשמה־פליים. "מה־דאך א פליים, דער געוויינלאכער בלי־זמרי'שער הילצערנער אינסטרומענט קאן ניט אלעמאל אריבערטראגן אומ־געשעדיקט דאס פאלשע שפילן, און אפט פלאצן זיינע סטרונעס אונטער די אומגעניטע פינגער. היינט ווי דארף שוין ליידן פון א אומגעניטער האנט יענער עמפפינדלאכער און לעבעדיקער אינסטרומענט, דער נאמען פון וועלכן ס'איז מענטש!" דער קלענסטער פעלער אין באגיין זיך מיטן מענטשן אין זיין קינדהייט לאזט זיך פילן אויך אין שפעטערן לעבן פון מענטש, ווען די קינדהייט איז שוין ווייט הינטער אים", (ישראל רובין).

אט צעשרייט זיך, למשל, ס'קינד. די מוטער לויפט גלייך ווי אן אונ־טערגעשאסענע צום קינד. זי זאגט אויף אזא אופן דעם קינד: "די וועלט געהערט דיר, עפעס א קלייניקייט — דו! ווערסטו שרייען, ווערסטו פאדערן, ווערסטו זיך שטופן מיט די עלנבויגנס, ווערסטו האבן: באהערש נאר!" (מאכט קאמפלעקס); אויפן גאנצן לעבן בלייבן אזוינע קאמפלעקסן. זיי טוען אן א סך צרות. אמת, אנדערע כאראקטער שטריכן קאנען האלטן דעם דאזיקן קאמפלעקס אין צוימען, אבער דאס קומט ניט גרינג אן; ברענגט טאקע שפע־טער דער דאזיקער קאמפלעקס א סך צרות די נאענטע זיינע, און פירט אמאל צו זייער ווייט־גייענדיקע קאמפליקאציעס אין פאמיליע לעבן. לויפט ניט ווען ס'קינד שרייט — לאזט עס. פלאנצט אין אים ניט איין דעם ווערט פון פיזישע כוחות. לויפט די מאמע אין די פריסטע וואכן, חדשים און יארן ווי אן אונטערגעצוונדענע, און שפעטער, ווען ס'קינד איז 3-4-5 יאר, בייט זי זיך און ווערט צו שטרענג; אונטערדריקט אזוי צו זאגן ס'קינד.

אונטערדריקן א קינד מיט "ניינען", מיט "ווי שטייסטו". "ווי גייסטו", "ווי ליגסטו", "ווי לויפסטו", מיט "אויך מיר א מענטש דו",

"איוואַן פּאַפּערילע", "אַקסענע אויגן", קרומער קאָפּ", "כ'וועל דיר באַלד געבן אַ פּלעם איבערן קאָפּ, וועסטו וויסן ווי צו כאַפּן, אַז כאַפּן זאָל דיר שוין ביי די זייטן", "ניין און ניין". אַזוינע אונטערדריקונגס ווערטער, אַזוינע דערנידעריקונגען, זיינען שעדלעך, מחמת ס'קינד וואַקסט אַן ליבע, אָן אַזאַ געזונטן, פאַרן קינד, כוח! אַזוינע קלעפּ גייסטיקע שאַפן אינם קינד וואונדן, דערשלאָגן מוט, שטיקן פרייד און פירן ס'קינד אין די וועגן פון שרעק און מינדערווערטיקייט געפילן, וואָס זייער שעדלאַכקייט פאַרן לעבן פונם קינד איז אַזאַ, וואָס די פאַנטאַזיע איז צו שוואַך זי צו מאָלן.

כאַראַקטעריסטיש זיינען פאַר דער פריער קינדהייט, דעם קינדס קוריאָזיטעט, זיין ליבע צו שפּילן, זיין פאַרשטעלונגס-קראַפט, זיין פאַנטאַזיע, זיין צוטרוי, זיין גלויבן, זיין פעיאיקייט צו אימיטירן, זיין גרייטקייט צו אונטערוואַרפן זיך און זיין עגאָאיזם. מאַמעס מאַכן אַ גרויסן טעות, ווען זיי מינימיזירן די באַדייטונג פון שפּילעריען פאַר קינדער. דאָס וואָס מיר רופן אָן שפּיל, איז ביי זיי, ביי די קינדער, אַרבעט. דער אונטערשייד בכלל צווישן שפּיל און אַרבעט איז, לויט אונזער באַגריף, אַזאַ: שפּיל איז אַזאַ אַרבעט, וואָס ברענגט ניט קיין נוצן, וואָס מיר טוען פאַר פאַרגעניגן וועגן, אַרבעט איז אַזאַ אַקטיוויטעט, וואָס ברענגט נוצן און וואָס מיר מוזן דאָס רוב, זייענדיק צו דעם געצוואונגען. פאַרשטייט זיך, אַז יעדע אַקטיוויטעט ביים קינד קאָן אָנגערופן ווערן שפּיל. פּראָפעסאָר שניאורסאָן האָט לעצטנס אָנגעשריבן אַ גאַנץ ווערק איבערן ענין שפּיל. ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז דאָס שפּיל פאַרן קינד איז ניט קיין באַפרייאונג פון דעם ענערגיע איבערפלוס (ספּענסער); אַז דאָס שפּיל ביים קינד האָט ניט קיין צוגרייטנדיקע באַדייטונג פאַר דער אַרבעט (גראָס); אַז זי איז ניט קיין רעפּראָדוקטיווע נאָכמאַכונג פון האַנדלונגען און סיטואַציעס ביי דערוואַקסענע, נאָר אַ וויטאַלע טרייב-קראַפט פאַר אַרבעט, עקזיסטענץ, קאַמף און לעבנס-דראַנג. דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס שפּיל רופט אַרויס אַ פאַרכאַפּנדיקע ליידנשאַפט און אורשפּרינגלאַכע פרייד, אַ דורכדרינגענדיקע אויפגעוועקטקייט, לערנט אונז, אַז שפּיל איז גייסטיקע שפּייז, איז פּסיכישער וויטאַמין פאַר דער נשמה פון קינד, וואָס וועקט אין אים פרייד, באַגייסטערונג און שעפערישקייט. רייסט איר אָז ס'קינד פון שפּילן, בעת דאָס קינד האָט אַ שטאַרקע גייגונג, אַ שטאַרקן הונגער צו דעם, קאָן דאָס אויספעלן פונם שפּילן פירן צו אַ קראַנק-מאַכנדיקן כוח.

אַזוי מאַכן מאַמעס אויך אַ טעות, ווען זיי מינימיזירן די באַדייטונג פון פאַרשטעלונגען פון פאַנטאַזיעס אינם קינד. אין דעם עלטער פון 4-5 יאָר האַלט דאָס קינד אין איין רעדן צו זיך, אָדער צו זאַכן; שפּילט, אַזוי צו זאָגן, מיט זיך אַליין. די קינדער לעבן אין דער צייט אין אַ וועלט וואו פּאַפּקעס רעדן, ווערן קראַנק, נויטיקן זיך אין אַלע מענטשלאַכע באַדערפעניש, פאָלגן ניט און ווערן באַשטראָפט; וואו פאַרצעלייענע חיות לעבן, רעדן,

ווערן קראַנק און נעמען רפואות און אַזוי ווייטער. דאָס קינד רעדט צו פריינט, חבר'טעס, חברים אין פאַנטאַזיע, קורץ, דאָס קינד לעבט שפּילנדיק און רעדנדיק צו דער וואַנט, אָדער צו זיך; עס שוועבט אין די הימלען, ווייט, ווייט, פון אונזער וועלטל. די נאַטור איז די בעסטע מוטער. זי האָט די דאָזיקע געוואוינהייט געגעבן דעם קינד צוליב דעם פאָלגנדיקן צוועק: אין דעם עלטער הויבט ס'קינד אָן צו זען וועלט און מענטשן נעענטער. דאָס רעאַלע לעבן איז אָפטמאָל פאַרן קינד אַנטוישנדיק. דער פאָטער איז ביז דעם עלטער, למשל, אין זיינע אויגן געווען דער בעסטער, דער שענסטער, דער שטאַרקסטער. די מוטער, אַ גוטין אַליין. עס הויבט אָבער אָן צו באַמערקן אַזוינע זאַכן, האַנדלונגען, וואָס אַנטוישן אים, וואָס טוען אים בלוטיק וויי. האָט די נאַטור צעשפּילט דווקא אין דעם עלטער אינם קינד די פאַנטאַזיע נייגונג, עס זאָל אויף שעה'ן, פאַרמאַטערט פון רעאַליטעט פון לעבן, קאָנען אַנטלויפן אין דער וועלט פון פאַנטאַזיעס, און אויף אַזאַ אופן זיך צוגעוואוינען צו די "קלעפּ", צו די אַנטוישונגען, וואָס ס'לעבן, וואָס דער אַרום הויבט אים אָן צו געבן. עס קריגט אַ "קלאַפּ", אַנטלויפט, באַרואיקט זיך און קומט ווידער צוריק, כדי ווידער צו קריגן אַ קלאַפּ און ווידער צו אַנטלויפן מיט דעם וואונד אין "זיין וועלטל". איר טאָרט דעם קינד ניט שטערן צו "אַנטלויפן", — זאָל עס רעדן, זאָל עס "פליען" אין די הימלען. איר מעגט זיין רואיק, אַז אין דעם ליגט קיין סכנה ניט, דאָס איז געזונט פאַרן קינד. אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד ווייזט נאָך אַזוינע שפּילערייען ניט אַרויס קיין קראַנקהאַפטע צערייצונג איז עס געזונט; ווייזט עס אָבער יאָ אַרויס, קאָן זיין (קאָן זיין!) אַז דאָס שפּיל איז ניט קיין אַנטלויפן פון רעאַליטעט, פון לעבן אויף אַ ווײַלע, נאָר אַ סימפּטאָם פון אַ נעווראָז; דאַרף מען זיך אַן עצה האַלטן מיט אַ קינדער־פּסיכאָלאָג. שניאורסאָן זאָגט, אַז "יעדער מענטש טרוימט אויף זיין שטייגער", און אַז "ביים אַנאַליז פון פאַנטאַזיעס, קאָן מען זען די אינעווייניקסטע אייגנאַרטיקע וועלט פון יעדן קינד באַזונדער". זייערע פאַנטאַזיעס איז זייער וועלט, זייער לעבן, אָפטמאָל זייערע דראַנגען, פאַרלאַנגען. פון די פאַנטאַזיעס, אויב זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ נעווראָז, קאָן מען זיך דערגרונטעווען צו דער סיבה פון נעווראָז.

ניט ווייניקער וויכטיק איז די נאַטור פונם קינד צו אימיטירן. דאָס דאָזיקע דאַרפן עלטערן שטאַרק אין זינען האָבן. זיי דאַרפן תמיד געדיינקען, אַז צו זיי קוקט זיך צו אַ נפשל, וואָס האָט הנאה זיי צו קאָפּירן, איז זאָל עס האָבן צו קאָפּירן נאָר גוטסקייט, איידלקייט. דאָס קינד איז אין דעם פאַל אַזוי ווי אַ לערן אינגל אין אַ ווערק שטוב, עס קוקט פאַרגאַפט אויפן באַלעבאָס, אויף יעדער באַוועגונג זיינער און לערנט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דער לערן־אינגל מוז אימיטירן, און דאָס קינד אימיטירט אָן אַ מוז, אימיטירט אימפּעטיק מיט ברען און זאַפּט האַנדלונגען, באַוועגונגען, שפּראַך, אַזוי טיף אַריין, אַז איר וועט עס ניט קאָנען אַרויסשלעפּן מיט די גרעסטע כוחות. די כאַראַקטער שטריכן אין דעם עלטער צו אימיטירן און צו אונטערוואַרפן זיך דאַרף אויסגענוצט ווערן שכל'דיק.

ניט ווייניקער וויכטיק פאר דער נשמה פונם קינד איז זיין קוריאָזיטעט, וואָס צעשפּילט זיך אין דעם עלטער. עס פאַרוואַרפט אייך מיט פראַגן און זוכט און עקספּערימענטירט, האַלט אין איין אַנטדעקן נייע וואונדער און נייע וועלטן. פאַרנאַכלעסיקט ניט די דאָזיקע גאָלדענע צייט. ענטפערט ברייט, טיף און וואָס לענגער. לאָזט עס אָבער עקספּערימענטירן, אויסגעפינען זאַכן אַליין. אַט קומט פּייגעלע און בעט וואַסער, ס׳וויל מאַכן אַ ברונעם אויפן הויף. כ׳גיב עס. כ׳גיי אַרויס. פּייגעלע און איר חבר׳ל מתתל האָבן אויסגעגראָבן אַ גרייבעלע און גיסן אַהין וואַסער. ס׳ווערט אַ ברונעם. עס פאַרשווינדט אָבער באַלד. מען פאַרלירט אָבער ניט דעם מוט, מ׳שלעפּט איין גלאָז וואַסער נאָכן צווייטן. כ׳טראָג אַרויס קודם אַ שיסל, נאָכדעם אַ גאַנצן עמער וואַסער. מען גיסט און גיסט און דער ברונעם האַלט אין איין פאַרשווינדן... כ׳הער מתתל זאָגט: "וואו קומט עס אַהין, ס׳וואַסער?" — זיי שטייען פאַרגאַפט און טראַכטן. כ׳מיש מיך ניט אַריין. "טראַכט, קינדערלאַך, ס׳וועט אייך צוניץ קומען", זאָג איך צו זיך אַליין. פון צולויפן און גלייך וויזן, דערקלערן, האַלטן אַ לעקציע, וועט דאָס קינד ווייניקער געניסן, ווי פונם ברעכן ס׳קעפּעלע זיך. — שטופּט ניט ס׳קינד צו גייסטיקער אַנטוויקלונג — געדולד! ס׳איז ניט אָפּצושאַצן דעם ווערט פאַרן קינד, ווען עס "דערכאַפּט" אין ענין אַליין, דאָס גיט דעם קינד מוט, זעלבסט־באַוואוסטזיין, ענערגיע, געדולד און אָן אַ שיעור פרייד. טרייבט ניט אָפּ ס׳קינד, ווען ס׳מאַכט אייך אַפילו קראַנק פון די מיליאָנען און מיליאַסן פראַגן, וואָס עס שטעלט אייך. מיטן אָפּטרייבן שטאָפּט איר אָן ס׳הערצעלע פונם קינד מיט פאַרדרוס, כעס, לערנט איר אויס גראָב צו ענטפערן און זיך ניט אינטערעסירן מיטן צווייטן. פאַרקערט, ווען איר ווייזט אַרויס געדולד, איידלקייט, גרייטקייט, ווען איר שמייכלט תמיד דעריביי, גיט איר דעם קינד מער, מיליאָנען און מיליאַסן מער, ווי מיט אייערע שפּעטערע גליקן פון שיינע הוימען און פאַרגעניגנס. די נאַטור גיט ניט סתם אַזוי דעם קינד דראַנגען און פאַרלאַנגען. זי גיט עס דעם קינד ווי מיטלען זיך צו לערנען צו קלעטערן אויפן לייטער פון לעבן. נוצט איר עס אויס, עפנט איר אין אייער קינד דעם רעזערוואואַר פון שעפערישקייט, פרייד, איניציאַטיוו, איידלקייט, געדולד, ליבע, עפנט איר דעם קינד׳ס נשמה. אַנדערש איז נאָר אַ וואונדער, וואָס ס׳קינד רופט אייך עלטערן. פאַרדינט דאָך ס׳קינד איר זאָלט זיך באַציען צו אים כאָטש, ווי איר באַציט זיך צו פאַרזיינע אוגערקעס, צו מערעלאַך. ווער רעדט שוין פון בלומען. כאָטש די צאַרטע באַציאונג, וואָס איר האָט צו גרינס אין גאָרטן, האָט צו אייערע קינדער!

אַזוי האָט די נאַטור ניט סתם אַזוי געגעבן דעם קינד דעם אָן גרעניצן צוטרוי־געפיל און גלויבן אין דערוואַקסענע, אין עלטערן, און האָט עס געגעבן חוקא דאַמאָלט ווען די נשמה איז ביים קינד אַזוי צאַרט. טוט ס׳קינד, למשל, עפּעס אַ חטא: עס האָט געוואָרפן אַ שטיינדל; עס האָט עפּעס וואָס צעבראָכן; ס׳האָט פאַרגעסן, אַז ס׳דאַרף ניט זיצן אויפן בעט, וכדומה.

אַלץ אַזוינע גרויסע ״חטאים״! נו, דאָ הייבט זיך אָן די שטראָף־עקספּעדיציע: ״קום אַקאָרשט אַהער, תכשיט מײַנער. קום אַהער, זאָג איך דיר״, שרײַט די מאַמע. ״קום אַהער, כ'וועל דיר גאָרנישט טאָן. קום אַהער, האָב ניט קיין מורא״. ס'קינד גייט צו פֿול מיט צוטרוי און גלייבן אין דער מאַמעס רייד און... קריגט אַ פּלעם איבערן קאָפּ. די מאַמע ווייסט ניט, אַז זי האָט דעם קינד ניט ״געפּלעמט״ איבערן קאָפּ (וואָס דאָס איז גאָר אַ גרויסער פֿאַרברעכן, מחמת קלעפּ איבערן קאָפּ קאָנען אָנטאָן שפּעטער צרות, ניט נאָר דעם קינד אַליין...). די מאַמע ווייסט אפשר ניט, אַז זי האָט ״געפּלעמט״ ניט איבערן קאָפּ, נאָר איבער דער נשמה... ווי זוניק ס'איז פֿאַרן צוטרוי־פֿאַנאַנדערבלי און גלייבן־געפֿיל פֿונם קינד תמיד צו זאָגן דעם אמת, זײַן אויסגעהאַלטן. נו! שפּעטער קומט די מאַמע מיט טענות — ״זעט, ביי אַזאַ היים, ביי אַזאַ מאַמען... און זעט מײַן יאַנקל!...

דאָס קינד האָט מען, למשל, אין אַלע צײַטן געהאַלטן, אַז עס איז ריין און אומשולדיק און נאַאיוו, מחמת ס'איז פֿרײַ פֿון געשלעכטלאַכע חלומות, דראַנגען און ״זינד״. איז געקומען זיגמונד פֿרויד, דער שעפֿער פֿון פּסיכאָאַנאַליזם, און האָט אָראָפּגעריסן דעם ראָמאַנטיש־סענטימענטאַלריינעם שלייער, מיט וועלכן מיר האָבן דעם קינדס באַוואוסטזײַן פֿאַרשלייערט, און באַוויזן גאָר אַ נײַעם אמת. געקומען צו דעם איז ער אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: אַלס פּסיכיאַטער האָט ער, צוזאַמען מיט דר. ברויער, זיך פֿאַרנומען אויספֿאָרשן סיבות פֿון פּסיכיש־לײַדנדיקע מענטשן, וואָס זייערע הולאַתן זײַנען פֿונקציאָנעלע, דאָס מיינט, אָרגאַניש זײַנען זיי געזונט. זיי פֿילן אָבער ווייטיקן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון קערפּער, אָדער זיי זײַנען אונטערוואָרפֿן פֿאַרשיידענע קאָמפּולסיעס. זיי מוזן דורכפֿירן געוויסע באַוועגונגען, האַנדלונגען, וואָס פֿאַרשאַפֿן זיי לײַדן, און זיי קאָנען פֿון זיי ניט פּטור ווערן. אין היפּנאָטישן שלאָף פֿלעגט מען ביי אַזוינע קראַנקע אַרויסרופֿן פֿאַרגעסענע איבערלעבונגען, וואָס זײַנען אפשר געווען דער קוואַל, וואָס האָט געפֿירט צו די דאָזיקע קראַנקהייטן. פֿון די באַהעלטענישן ערגעץ וואו אינם אומבאַוואוסטזײַן ווירקן די דאָזיקע פֿאַרגעסענע אויפֿטרייסלונגען, פֿאַסירונגען. ס'איז אָבער שווער זיך צו דערגרונטעווען צו זיי, אפֿילו ווען דער פּאַציענט איז היפּנאָטיזירט. האָט פֿרויד גענומען אָנווענדן די מעטאָדע פֿון ביאָגראַפֿיע. דער קראַנקער האַלט אין איין דערציילן פֿון זײַן לעבן, און פֿרויד פֿלעגט אָפּטמאָל זיך צוטשעפּען צו אַ פֿאַקט און דורך דעם פֿאַקט נעמען ״שלעפּן״ אַנדערע פֿאַקטן, וואָס פֿלעגן אין זכרון פֿונם חולה בהדרגה אויפֿגעטויכט ווערן. — אַזוי פֿלעגט ער זיך דערגרונטעווען צום אורקוואַל פֿון דעם אָדער יענעם פֿאַקט, וואָס האָט געבראַכן דעם גלייכגעוויכט פֿונם מענטשן. האָט זיך דאָס רוב אַרויסגעוויזן, אַז דער אורקוואַל איז געלעגן העט־העט אין די פֿריסטע יאָרן פֿונם קינדס לעבן, און זײַנען כמעט תמיד געווען פֿאַרבונדן מיט סעקס. דאָס האָט געפֿירט צו פֿרויד'ס אַנטדעקונג, אַז ס'קינד איז גאָר ניט אַזוי ״ריין״, אַזוי ״זינדלאָז״, אַזוי פֿרײַ פֿון געשלעכט חלומות און דראַנגען.

שרייבט טאקע סטענלי האָל: מיר ווייסן שוין איצט, אַ דאָס עופּה'לע קינד פירט אַ סעקסועלן לעבן אפילו שוין דאַמאָלט, ווען די אָרגאַנישע זאָנען זיינען ביי אים נאָך ניט דיפערענצירט, דאָס מיינט, ס'קינד קאָן פילן סעקסועלן געגוס ניט דווקא דורך זיינע געשלעכט טיילן".

בכלל איז דעם קינדס סעקסואַליטעט אַן אויטאָעראָטישע, דאָס מיינט, ער קאָן מיט זיין אייגענעם קערפּער זיך סעקסועל "באַפרידיקן". שפּעטער פירט ער אריבער זיינע סעקס געפילן אויף דער מוטער, אויף דער אַם; נאָך שפּעטער, אויף אַ זייטיקער פּערזאָן. דער פּראָצעס קומט פאָר אַזוי: ס'קינד זויגט (רייבט די ליפּן אָן די ברוסטן פון דער מוטער), און ווערט זאַט. האָבן מיר דען ניט באַמערקט ווי עס בלייבט ליגן מיט דער ברוסט אין מויל און שמאָקטשעט (רייבט) וויטער און ווערט אַנטשלאָפן? די ליפּן ווערן עראָגעניזירט, דאָס קינד הויבט אָן צו פילן אַ סעקסועלן גענוס מיט זיי (ליפּן), און דורך זיי. ס'קינד ציט זיך צו צו דער מוטערס ברוסט ניט נאָר, ווען ס'איז הונגעריק, און לאָזט ניט אָפּ, ווען ס'איז שוין אפילו זאַט, מחמת דער מוטערס ברוסט איז איצט פאַר אים דער ערשטער אָביעקט פון זיין סעקסועלן גענוס, ווייל די ברוסט באַפרידיקט אים סעקסועל. נאָך שפּעטער ווערט דער אָביעקט פון זיין סעקס דראַנג דער פינגער זיינער. צום סוף געפינט ער אַ בעסערן געשלעכט אָביעקט, זיין געשלעכט, ער ווערט אויטאָעראָטיש.

פרויד צעטיילט די מענטשלאַכע סעקסואַליטעט בכלל אין צוויי פּאַזעס: אין אַן אויטאָעראָטישער (ווען ס'קינד קאָן זיך סעקסועל באַפרידיקן אָן דער הילף פון קעגנגעזעצטן געשלעכט), און אויף אַ געניטאַלער (געשלעכטלאַכער), ווען דער מענטש קאָן זיך באַפרידיקן נאָר מיטן קעגנגעזעצטן געשלעכט. אַזוי אַז ס'איז פאַראַן אַ סעקסועלע, אַזוי צו זאָגן (ליידנשאַפטלאַכע בכלל) פאַזע, און אַ געשלעכטלאַכע פאַזע. דער וועג, וואָס פירט דעם קינד פון אויטאָעראָטישקייט צום געשלעכטלאַכן אָביעקט מיטן ציל צו גענ׳סן פון געשלעכטלאַכן אַקט, איז אַ נאָרמאַלער וועג. יעדע אָפּווייכונג פון דעם וועג פירט צו אַבנאָרמאַליטעטן, צו נעוראָזן. מחמת יעדער נעוראָז איז אַ פאַרקלײדעטער סעקס אויסברוך, האַלט פרויד.

לערנט אונז פרויד, אַז אינגלאַך קאָנען האָבן סעקסועלע געפילן צו דער מוטער און מיידלאַך צום פאָטער, שוין אין די פריסטע יאָרן פון זייער לעבן. בכלל לעבט דאָס קינד אין דעם עלטער געשלעכטלאַך אומבאַוואוסטזיניק. די נאַטור האָט אַזוי ווי אַ מוטער פאַרזאָרגט, אַז די ערשטע פאָר יאָר זאָל זיך דער כוח פון סעקס גרייטן אין וועג דאָרטן טיף־טיף אינם אומבאַוואוסטזיין. די "ליבידאָ" (דער אינסטינקטיווער כוח, די טרייב ענערגיע פונם סעקס אימפּולס), שלאָגט זיך אַזוי אין דעם עלטער פון די די ערשטע פאָר יאָרן איר קאַנאַל וועג. טאַטעס און מאַמעס מעגן זיך וועגן דעם פאַר־

טראכטן, און זיין פּאַרזיכבטיק. טאטעס און מאַמעס מעגן ווייניקער דריקן צום הארצן קינדער, דאַרפן ניט נעמען צו זיך אין בעט אריין, דאַרפן ניט לאָזן אויף זיך רייטן, דאַרפן ניט לאָזן זיצן אויפן שויס. דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פילן א סעקסועלע נייגונג צום פאָטער, צי צו דער מוטער, קוקן אויפן טאַטן צי אויף דער מאַמען, ווי אויף קאָנקורענטן, וואָס רייסן פון זיי אוועק דעם געליבטן אָדער די געליבטע, קוקן אויף איינעם פון זיי, הייסט עס, מיט קנאה, פילן צו איינעם פון זיי האַס, וועלן זיי דערפאַר שטעכן, דערמאַרדן, ווינשן זיי דעם טויט, און שפּעטער איבערלעבן גיהנום ליידן פון חרטה געפילן, פון שולד געפילן; אָט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס זיינע כוחות בושעווען אינם אומבאַוואוסטזיין, רופט פרויד מיט נאָמען "אוידיפּוס קאָמפּלעקס".

פאַראַן אויך אַנדערע קוואַלן, וואָס פירן דעם קינד צו געפילן פון חרטה און שולד. דורך אונזערע כאַראַקטער שטריכן "קלאַפּן מיר אריין אין קינד באַציאונגען צו זאַכן, פירן מיר ס'קינד צו האַנדלונגען, וואָס שפּעטער ליידט ס'קינד איבער זיי פון געפילן פון שולד און חרטה. אזוי וועט א קינד פון א וועגעטאַריער מיט שרעק אַנטלויפן פון א פענסטער אויסשטעלונג פון קצב; אזוי וועט א קינד זיך שרעקן פאַר א כינעזער, א שוואַרצן, פאַר א קו אפילו. מיר פלאַנצן איין באַציאונגען און ס'קינד שרעקט זיך פאַר דעם און אַנטלויפט. אָבער ניט אין דעם גייט עס — דאָס קינד, וואָס אַנטלויפט, למשל, פון א אידן, איז ניט נאַר, מחמת מ'האָט אין אים איינגעפּלאַנצט האַס צום אידן, נאָר אָפּטמאָל מחמת דעם וואָס, דאָס קינד האָט דאָ געטראַנספּערירט זיין האַס למשל צו שמיץ אויפן אידן און פילנדיק זיך אין באַוואוסטזיין שולדיק, אין עפּעס א חטא, וואָס איז פאַרבונדן מיט שמיץ, אַנטלויפט עס פון אידן, האַסט עס און ווערט שפּעטער צעריסן פון חרטה געפילן, וועלכע וועקן אויף אין אים שפּעטער די געפילן פון שולד. יאָ, די געפילן פון שולד, פון חרטה, זיינען כוחות וואָס פירן ס'קינד אָפּטמאָל זייער ווייט. פונקט ווי עס ליגט אין דער נאַטור פונם מענטשן צו דיינקען און פילן, אזוי ליגט אין זיין נאַטור צו פאַרלאַנגען, צוביינקען, צו שטרעבן צו פאַרגעניגן, צו פרייד. טליען אין זיין אומבאַוואוסטזיין פאַרשיידענע פאַרלאַנגען. א קינד זעט קודם ניט קיין מוטער — ער זעט א מענטשן, וואָס טוט אים גוטס. אָבער אמאָל טוט זי אים לויט זיין באַגריף שלעכטס — ווערט ער אין כעס, שטאַרק אין כעס, און וואָלט זי געשלאָגן, צי געוואונשן שלעכטס. ער האָט דאָך אידענטיפיצירט די מוטער מיט גוטס, מיט זיך, איצט מיט דעם, וואָס ער וואָלט געטאָן, הויבט ער אָן מורא צו האָבן פאַר איר, פאַרן שלעכטס, וואָס ער וואָלט געטאָן. די אמת'ע מאַמע און די מאַמע, וועלכע ער זעט איצט דורך זיינע געפילן, זיינען צוויי באַזונדערע מאַמעס. פאַנטאַזיעס, חלומות און מורא'ס, נאַכט טעראָר אַטאַקעס, כעס'ן, און אַנדערע פאָביאַנס אינם עלטער פון 2, 3, 4, יאָר קומען פון דעם קאָנפליקט צווישן זיין מוטער וואָס ער ליבט און דער מוטער, וואָס וואַקסט פאַר אים אויס בעת'ן כעס.

געפילן פון שולד און חרטה ווירקן אומבאוואוסטזיניק. אזוי צי אזוי — געפילן פון שולד און חרטה פינסטערן די נשמה פונם קינד.

סעקסואליטעט, לערנט פרויד, מוז שוין אינם קינד זיין פארלייגט פונם געבורט אן. ס'קאנען ניט אין א געווייסן עלטער פלוצלונג "ארויסשפרינגען" געפילן, וואס זאלן ניט געווען זיין פארלייגט אינם עמבריא, אינם ערשטן זייאט, אינם ערשטן צונויפגוס פון דער מוטער'ס אייעלע און פאטערס ספערם־קעמערל, פון וועלכן ס'קינד האט זיך אנטוויקלט. ווען מען פארזייט, למשל, צוויי קערנדלאך, אזוינע צוויי קערנדלאך, וואס זיי איז כמעט אוממעגלאך מיטן אויג צו אונטערשיידן, ווען מען פארזייט אזוינע צוויי קערנדלאך, קאן פון איין קערנדל ארויסוואקסן א מערעלע, און פון צווייטן, א בוים, אויף וועלכן ס'וועלן וואקסן עפל. אין די קערנדלאך זיינען שוין געווען פארלייגט טענדענצן, וואס האבן געקאנט פאנאנדערוואקסן דווקא אין אזא און ניט אין אן אנדער פרוכט. אזוי איז אויך מיטן קינד. פון הימל, צי דורך פאסט קומען ניט קיין געפילן, קיין טענדענצן, זיי זיינען שוין פארלייגט אינם זייגאט, זיי אנטוויקלען זיך שפעטער; זיי "לעבן" אמאל יארן און יארן אין א דרעמלדיקן צושטאנד, און דערוואכן ווען די צייט קומט. אבער אומבאוואוסטזיניק פילט דאס קינד די דרעמלענדיקע כוחות אין זיך. אט הויבט, למשל, אן דער טיימוס דריז איינצושרומפן דווקא דאמאלט, ווען דאס קינד ווערט סעקסועל רייף. אפשר פירט און דערפירט אט דער דאזיקער דריז צו רייפקייט. הייסט עס, אז די רייפקייט האט אין משך פון יארן, זיך פאנאנדערגעבליט; הייסט עס, אז עפעס וואס איז שוין געווען פארלייגט אינם קינד, ביים געבורט נאך. דערציילט אונז די לעגענדע, אז איינמאל, ווען משה האט זיך געשפילט ביי פרעה'ן אויפן האנט, האט ער, משה, דעם קעניג פרעה'ן אראפגעווארפן די קרוין פון קאפ. ס'איז אויף אלעמען אנגעפאלן בעת מעשה א שרעק. אפשר, האבן זיי געטראכט, סיגנאליזירט די דאזיקע פאסירונג משה'ס אויפגאבע אין לעבן. מען באשליסט לויט דער עצה פון איינעם פון די נאענטעסטע פון פרעה'ן, אויסצופרובירן משה'ן. מען הייסט ברענגען צוויי שיסלען, איינע מיט גילדענע רענדלאך, און איינע מיט גליענדיקע קוילן. וועט משה זיך א ציי טאן צו די רענדלאך, איז א סימן, אז ער איז קלוג, דארף מען אים טויטן. וועט ער אבער זיך כאפן צום פייער, איז קיין סכנה ניטא. געפעלט מיר סתם די מעשה. די מלוכה, הייסט עס, דארף נאר נארונים, פאר קלוגע האט זי מורא. משה האט די הענטלאך א ציי געטאן צו די גליענדיקע קוילן. אין דעם אומבאוואוסטזיין האט שוין דאמאלט אין דעם עופה'לע משה, משמעות געטליעט א דראנג צו ווארימקייט, צו ליכט... יא. משה'ן האט א ציי געטאן צו פייער, מחמת זיין בארוף אין לעבן איז געווען צו צינדן הערצער. אפשר סימבאליזירט און סיגנאליזירט די דאזיקע לעגענדע, אז שוין אין דעם עופה'לע איז פארלייגט דאס גרויסע, וואס דארף זיך צעוואקסן. יעדעס געפיל מוז שוין, הייסט עס, זיין פארלייגט פון פריער אן. יא, אין משך פון יארן צעוואקסן זיך, לויט אומשטענדן און סביבה, געפילן. אזוי מוז אויך סעקסואליטעט זיין פארלייגט. איז היט זיך

אבער פאר דעם, צערייצט ניט דאס געפיל, וואס, ווען אויפגערייצט צו פרי, איז עם טויט סכנה'דיק פאר דער נשמה פונם קינד.

פארוואס רופט פרויד, דעם גאנצן קאמפלעקס פון סעקס געפילן צו די עלטערן, און שולד־געפילן, וואס פאלגן זיי נאך, פארוואס רופט פרויד דעם דאזיקן קאמפלעקס מיטן נאמען אוידיפוס קאמפלעקס? דעם נאמען האט ער גענומען פון סאפאלקס ״קעניג אוידיפוס״, וואו עס שפיגלט זיך אפ א טראגעדיע, וואס ווארפט א שיין אויפן דאזיקן פראבלעם. אין דער גריכי־שער שטאט טעבעי, וואס איז געגרינדעט געווארן פונם גרויסן העלד קאדמוסן, דערציילט סאפאלקס, קעניגט לאיאס, לאבדאקאסעס זון. א לאנגע צייט האט לאיאס מיט זיין ווייב יאקאסטע ניט געהאט קיין קינדער. ווען זיי האבן זיך נאכגעפרעגט ביים אראקול אין טעמפל פון דעלפוי, האט גאט אפאלאן געגעבן אזא תשובה: עס וועט ביי זיי געבוירן ווערן א זון, וואס וועט טויטן זיין פאטער, און חתונה האבן מיט זיין אייגענער מוטער. אין א צייט ארום איז ביי זיי טאקע געבוירן געווארן א זון. כדי עס זאל ניט מקוים ווערן די שרעקלאכע נבואה פונם אראקול, נעמען די עלטערן דאס עופה'לע און גיבן עס אוועק א פאסטוך, ער זאל דאס אוועקווארפן ערגעץ אין די ווייסטע בערג. נאר דער פאסטוך דערבארימט זיך אויפן יונגן קינד, און שיינקט דאס אוועק אן אנדער פאסטוך פון דער שטאט קארינט, מיט וועמען ער האט זיך באגעגנט אין די בערג. דער קעניג פאליבאס פון קארינט, וואס האט אליין קיין קינדער ניט, נעמט צו דאס אינגעלע צו זיך, און האדעוועט אים אויס אין עושר און אין כבוד, ווי אן אייגן קינד. אוידיפוס — אזוי האט מען אים א נאמען געגעבן — איז דער קינפטיקער יורש פון קארינטער טראן, ער איז פאליבאסעס אן אמת'ער זון. נאר איינמאל, בעת א סעודה, מיט יונגעלייט פון קארינט, צעקריגט זיך איינער פון זיי מיט אוידיפוסן און כאפט זיך ארוים מיט א ווארט ״אונטערגעווארפענער״... אוידיפוס גייט אוועק צו זיינע עלטערן און פאדערט אויפקלערונג. זיי פלייסן זיך אים צו בארואיקן, זיי באשטראפן דעם באליידיקער. נאר אוידיפוס ספיקות ווערן ניט אנטשוויגן און ער לאזט זיך אוועק בסוד צום דעלפישן אראקול — אויף צו דערגיין ביי אפאלאנען דעם סוד פון זיין אפשטאם. דער גאט ענטפערט אים ניט אויף זיין פראגע, נאר דערפאר זאגט ער אים אן אן אנדער בשורה, נאך א שרעקלאכערע: אז עס איז אים באשערט צו טויטן זיין פאטער און חתונה האבן מיט זיין מוטער. אוידיפוס ווערט פארציטערט פון דער נבואה און ער באשליסט קיינמאל זיך ניט אומצוקערן מער קיין קארינט, צו זיין ״פאטער״ און ״מוטער״, כדי אויסצומיידן די שרעקלאכע סכנה. נאר דווקא איצט, ווען ער שטרעבט מיט אלע כוחות צו אנטלויפן פון אומגליק, שטעלט זיך דאס אומגליק אוועק פאר אים. ער וואנדערט ביי א שייד־וועג, ניט ווייט פון דעלפוי באגעגנט ער א וואגן. אינוועניק זיצט אן אלטער מאן מיט פינף באגלייטער. דער וואגן פירער גיט אוידיפוסן א שטופ אן א זייט. אוידיפוס שטעלט זיך אנטקעגן און וויל פארבייגיין פארביי דעם וואגן. נאר דא ניט

אים דער אלטער מאן א קלאפּ מיטן שטעקן איבערן קאָפּ. בײַ אוידיפּוסן צעשפּילן זיך די געבליטן. מיט איין קלאַפּ לײגט ער אַוועק דעם זקן, דערנאָך נעמט ער זיך שלאָגן מיט די באַדינער, און דער׳הרג׳עט אַלעמען אחוץ איינעם. אָט דער איינער אַנטלויפט קיין טעבעי, פון וואַנען ער איז געקומען, און דערציילט דאָרט דעם גרויל, — אַז אַ באַנדע רוצחים האָט געטויטעט דעם קעניג, ווייל דער זקן איז געווען דער קעניג לאַיאָס, וואָס האָט זיך געקליבן קיין דעלפוי". אָט אַזוי האָט אוידיפּוס, ניט וויסנדיק און ניט ווילנדיק, מקיים געווען דעם ערשטן טייל פונם געטלאַכן שפּרוך. "אוידיפּוס וואַנדערט ווייטער און קומט צו נאָענט ביז טעבעי, זיין אמת׳ע היים־שטאָט. דאָ קלאָגט מען שוין ניט אויפן טויט פון קעניג, ווייל עס האָט זיך געמאַכט אַ גרעסערער בראָך: אַ ספינקס, אַ פּאַרזעניש, האַלב לייב, האַלב מיידל, האָט באַלאַגערט די שטאָט. ווער עס גייט פאַרביי, דעם גיט זי אויף אַ רעטעניש און ווער עס קאָן ניט באַשיידן די רעטעניש, דעם דערשטיקט זי. די טעבעיאַנער האָבן מודיע געווען, אַז ווער עס וועט בײַקומען די ספינקס, דער וועט ווערן קעניג אין טעבעי און וועט חתונה האָבן מיט דעם קעניג׳ס אַלמנה. הונדערטער יונגע טעבעיאַנער זיינען שוין געפאַלן אַ קרבן פון דעם ספינקס. אוידיפּוס קומט און די ספינקס זינגט פאַר אים אַ קשיא: וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש? אינדערפרי גייט עס אויף פיר פיס, בײַטאָג אויף צוויי פיס, פאַרנאַכט אויף דריי פיס, און ווען זי האָט די גרעסטע צאָל אברים איז די געשווינדקייט די קלענסטע? אוידיפּוס טרעפט. ס׳איז אַ מענטש. אינדערפרי, קינדווייז, קריכט ער אויף אַלע פיר, און דאַן דירט ער זיך פון אָרט גאָר פאַמעלאַך. בײַטאָג — אַ דערוואַקסענער, גייט ער אויף צוויי פיס, און דאָס איז דער העכסטער שטאַפּל פון זיין קראַפט; פאַרנאַכט, ס׳הייסט אויף דער עלטער — שפּאַרט ער זיך אָן אויף אַ שטעקן און האָט דריי פיס. פון גרויס פאַרצווייפלונג, וואָס איר סוד איז אַנטפּלעקט, וואַרפט זיך די ספינקס אַראָפּ פונם פעלז. אוידיפּוס קומט צוגיין קיין טעבעי, ווי אַ באַפרייער, און באַקומט זיין שכר. אָט אַזוי איז אָפּאַלאָנס שפּרוך מקוים געוואָרן. לאַנג יאָרן הערשט אוידיפּוס צופרידן איבערן פאָלק פון די טעבעיער, נאָר אָט שיקט אַפּאָלאָן צו אַ שרעקלאַכע מגפה, עס פאַלן מענטשן און פי. די פרויען קאָנען ניט געווינען. קיינער ווייסט ניט קיין תרופה. דאָס פאָלק קלייבט זיך דאַן צונויף ביים פּאַלאַץ פון אוידיפּוס, כדי צו בעטן בײַ אים הילף קעגן דער פּעסט". (ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן). פון געוויסע שורות פון סאָפאָקלס "אוידיפּוס רעקס", וואָס איז געבויט אויף דער דאָזיקער לעגענדע, לייענט פרויד אַרויס אַן אָנדייטונג פון אַמאָליקע פּסיכאָלאָגן. אַז קינדער חלומ׳ען און האָבן אַ סעקסועלן דראַנג צו זייערע עלטערן. ספּעציעל פילט זיך דאָס אין די רייד פון דער מוטער־פרוי צו איר קינד. יאָקאַסטע זאָגט עדיפּוסן, : זאָרג זיך ניט, וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן? ניט איין מאָן למשל, חלומ׳ט, אין זיין קינדהייט, אַז ער "לעבט" מיט זיין מוטער ווי מאַן און פרוי; דער וואָס זאָרגט זיך וועגן דעם אַמווינציקסטנס, טראַכט וועגן דעם ווייניק, נעמט זיך ניט צום האַרצן — דער גייט דורך זיין לעבנסוועג אַמגרינגסטן".

פרויד ווייזט אז אז שוין מיט הונדערטער יארן צוריק, האבן די דעמאלסטדיקע פילאזאפן, האבן די דעמאלסטדיקע בחוש קינדער פסיכאלאגן, געוואוסט וועגן געפילן, וואס א קינד, א אינגל, קאן האבן צו זיין מוטער, און א מיידל צו איר פאטער. דערפאר האלטן א סך סעקסעאלאגן, אז גליקלאך איז דער מאן, וואס איז ענלאך צו זיין פרוים פאטער, און די פרוי, וואס איז ענלאך צו דעם מאנס מוטער, מחמת די פרוי צי דער מאן קאן גרינגער טראנספערירן זיין ליבע, גרינגער און טיפער. א סך אלטע בחורים האבן חתונה ערשט נאכן טויט פון זייערע מוטערס, מחמת זיי וואלטן נית געקאנט זיך שיידן מיט דער מוטער, צו וועלכער זיי האבן פון קינדהייט אן געהאט געפילן.

מיר זיינען ביכולת צו דערקאנען און אפטמאל זיך צו דערגרונטעווען צו דעם אומבאוואוסטזיין פון דעם קינד, לויטן כאראקטער פון די שפילעריען, וועלכע דאס קינד ליבט אמשטארקסטן צו שפילן, לויטן עצם שפיל, לויטן כאראקטער פון די מעשה׳לאך, וואס אפעלירן צו אים און לויט די בילדעלאך, וואס עס האט ליב צו מאלן. די פארשיידענע מיטלען ווי ארייצוכאפן זיך אין דעם אומבאוואוסטזיין פונם קינד, באשטעטיקן, וואס ווייטער אלץ מער און מער, די השערה, אז קינדער האבן אומבאוואוסטזיניק געשלעכטלאכע געפילן צו עלטערן, אז די דאזיקע געפילן צעשטערן זייער רו, רופן ארויס האס צום ריוואל און געפילן פון שולד. מחמת סוף־כל־סוף איז עס דאך אן אייגענע מוטער, צי אן אייגענער פאטער. א קינד וואס ליידט פון דעם דאזיקן קאמפלעקס, האלט אין איין בייטן באציאונגען צו די עלטערן. דא ליבט עס, דא ציט עס זיך צום פאטער, דא צו דער מוטער. פרויד דערקלערט דעם פאקט אזוי : די געשלעכט געפילן ווערן פארביטן אויף שולד געפילן, בייט דאס קינד זיין באציאונג, זיגט ווידער דאס געפיל פון ליבע, בייט עס ווידער די באציאונג א. א. וו.

דיינקט אבער האמער ליין אנדערש. דער פאקט, וואס קינדער בייטן זייערע שטימונגען, זייערע באציאונגען צום פאטער, צי צו דער מוטער, איז ניט צוליב זייערע סעקסועלע געפילן און געפילן פון שולד, נאך צוליב דעם, וואס ס׳בייט זיך אין זייער נשמה די באציאונג זייערע צו פאסיוויטעט און אקטיוויטעט. לעבן זיי איבער א שטימונג פון אקטוויטעט, ברויזט אין זיי א דראנג צו בויען, צו שאפן, זיינען זיי נעענטער צום פאטער, וואס סימבאליזירט מיט זיך אקטיוויטעט, און ווייטער פון דער מוטער, וואס סימבאליזירט מיט זיך פאסיוויטעט, און פארקערט. ער לייקנט בבלל דעם גאנצן אוידיפוס קאמפלעקס.

דר. מעלאניע קליין ברענגט אונז פאלגנדיקע פאלן. ריטא האט דעם ערשטן יאר פון איר לעבן ארויסגעוויזן מער ליבע צו איר מוטער, ווי צו איר פאטער. אויפן צווייטן יאר פון איר לעבן, האט זיך איר באציאונג צו די עלטערן געביטן. זי האט ארויסגעוויזן א סך מער ליבע צו איר פאטער, ווי צו דער מוטער. די ענדערונג אין איר באציאונג צום פאטער איז געווען

אזא, אז זי פלעגט ארויסווייזן שטארקע סימנים פון אייפערזוכט צו דער מוטער. ריטא פלעגט ניט קאָנען גלייכגילטיק צוזען דעם פאטערס פריינט־שאפט און ליבע אויסדרוקן צו דער מוטער. ער האט באדארפט געהערן אינגאנצן צו איר. ווען ריטא איז אלט געווען 15 חדשים, פלעגט זי הנאה האבן און וועלן אויספירן צו בלייבן אליין מיטן פאטער אין צימער, זיצן ביי אים אויפן שויס, בעת ער פלעגט לייענען אדער שרייבן. צו 18 מאנאטן אלט האט זיך ריטאס באציאונג צו די עלטערן ווידער געביטן. די מוטער האט צוריק געוואונען איר ליבע. ריטא האט גענומען ווידער אמאל ארויס־ווייזן מער ליבע צו דער מוטער, ווי צו דעם פאטער. משמעות האבן שולד און חרטה געפילן צו דער מוטער גענומען ווירקן. צו דער צייט האט ריטא גענומען ליידן פון נאכט שרעקן און פון שרעק פאר חיות. וואס ווייטער האט זי אלץ מער גענומען ליב האבן די מוטער און פיינט קריגן דעם פא־טער. אויפן דריטן יאר פון איר לעבן, איז זי געווארן אזוי "שלעכט" און נערוועז, אז עס איז געווען פון איר ניט צו לעבן. צו 3¾ יאר פון איר לעבן, האט זי שוין געליטן פון שווערע אטאקעס פון פארשיידענע נעוור־ראזן, האט זי שוין ארויסגעוויזן סימנים פון מעלאנכאלישער דעפרעסיוו־קייט, איז זי שוין געווען תמיד אויפגערייצט, טרויעריק, און פלעגט ניט קאָנען איבערטראגן די קלענסטע שטערונג אין וועג, פון א וועלכן עס איז אירן פארלאנג. נאך א לאנגער ריי סעאנסן האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס אלץ איז געווען א רעזולטאט פון א שארפן אוידיפוס קאמפלעקס, און אז די אלע צרות זיינען געווען א רעזולטאט פון שוועריקייטן, וואס זיינען ארויסגעוואקסן פון אירע געפילן פון חרטה און שולד, וואס באגלייט דעם אוידיפוס קאמפלעקס אין דעם קינד.

טרוד איז 3¾ יאר אלט. ביי די סעאנסן פלעגט זי האלטן אין איין טענה'ן, אז ס'איז ביינאכט, און אז דער דאקטאר שלאפט מיט איר צוזא־מען. זי פלעגט אויך די ציפקעלאך צוגיין צום דאקטאר פון דער צווייטער זייט וואנט, "שפילנדיק", ווי זי וואלט געקומען פון איר שלאפצימער. ווי נאר זי פלעגט צוקומען צום דאקטאר, פלעגט זי שפילן אן אנדער שפיל. זי פלעגט סטראשען, אז זי צעשטערט דעם דאקטאר, אז זי ווארפט אים ארויס פון פענסטער, אז זי פארברענט אים, אז זי צערייסט אים א. א. וו. שפע־טער פלעגט זי שפילן א שפיל, וואס פלעגט סימבאליזירן איר פארלאנג צו זוכן אין מוטערס קערפער קינדערלאך. זי פלעגט זיך אויך פון צייט צו צייט פלוצלונג באהאלטן אונטער עפעס וואס, זויגן דעם פינגער, און זיך נאס מאכן. די מוטער האט אויך דערציילט דעם דאקטאר, אז טרוד פלעגט אין דעם עלטער פון צוויי יאר אן א פארוואס ביינאכט האלטן אין איין אריינ־לויפן אין שלאפצימער פון די עלטערן (היטן!), און אפט ארויסווייזן סימ־נים פון נאכט שרעק. אויך דער פאל איז געווען א פאל פון אוידיפוס קאמ־פלעקס.

מאלאניע קליינס אפיס פלעגט זיין פול מיט פארשיידנארטיקע קינ־דערשע שפיל־זאכן. לויט דעם, צו וועלכן שפיל געצייג א קינד פלעגט זיך

כאפן, אדער לויט דעם אופן פון שפילן, פלעגט קליין זיך אריינכאפן אינם אומבאוואוסטזיין פון קינד. ופעטער, למשל, האט געכאפט צוויי ווענעלאך און האט געהאלטן אין איין דריקן זיי, איינס דאס צווייטע, אין איין אנשטויסן איין ווענעלע אן דאס צווייטע. שפעטער, האט ער גענומען א פערדעלע און א ווענעלע, אנגעשטויסן איינס אן דאס צווייטע און א זאג געטאן : "איצט האב איך א גייעם, קליינעם ברודערל". אז דר. מעלאניע קליין האט אים א פרעג געטאן, וואס האבן די ווענעלאך געטאן, און וואס האט דאס פערדעלע געטאן מיטן ווענעלע, האט ער געענטפערט : "ס'איז ניט שיין צו זאגן". נאכדעם האט ער גענומען צוויי פערדעלאך און אנגעשטויסן איינס אן ס'צווייטע. מעלאניע קליין האט א זאג געטאן "זע, די פערד זיינען צוויי מענטשן, וואס שטויסן זיך איינער אן צווייטן". פעטער האט געענטפערט : "ניין, ס'איז ניט שיין . . . יא, דאס זיינען צוויי מענטשן, וואס שטויסן זיך איינס אין דאס אנדערע, און איצט וועלן זיי שלאפן". אומבאוואוסטזיניק, באמבלט זיך אין קינדס נשמה דאס אלץ, וואס וועט אין שפעטערע יארן פאר אים ווערן קלאר, אבער דערווייל נערווירט עס. קינדער מאלן אפילו ניט באוואוסטזיניק בילדער, וואס סימבאליזירן געשלעכטס ארגאנען און געשלעכטס אקטן.

פרויד האלט, אז דער סעקס געפיל צעוואקסט זיך אט ווי אזוי : א קינד האט האלט צו זויגן, ניט נאר בעת עס איז הונגעריק, נאר אויך נאכן עסן. ווען ס'איז זאט, געפינט א קינד גרויס פארגעניגן אינם סתם זויגן. א קינד ווערט אנטשלאפן אין עקסטאז פון צופרידנקייט מיט דער מוטערס ברוסט אין מיילכעלע. מאמעס קאנען גרינג בארואיקן א קינד, ווען זיי שטופן אין מיילכעלע אריין א גומענעם ניפל. דאס קינד זויגט שעה'ווייז דעם דאזיקן ניפל, איז צופרידן און דרעמלט. דאס זעען מיר ווי צוויי שטארקע אינסטינקטן ווערן גלייכצייטיק באפרידיקט, דער אינסטינקט פון הונגער, און דער אינסטינקט פון דורשט נאר פארגעניגנס. שפעטער ציט דאס קינד ארויס דעם זעלביקן פארגעניגן פון זויגן דעם פינגער, ביז עס געפינט די געשלעכטלאכע ארגאנען, וועלכע ס'רייבט (ענלאך צו זויגן), און קריגט געשלעכטלאכע באפרידיקונג. ש. ד. מגדל ווייזט פאלגנדע סימנים פון סעקסואליטעט ביים קינד : "שוין גלייך ווען דאס קינד ווערט געבוירן, אין הויבט אן זויגן די מוטערס ברוסט באמערקט מען, אז ווען דאס קינד איז שוין געגוג אנגעזעטיקט, דאך לייגט עס אריין דעם פינגער אין מויל, סמאטשקעט, און מאכט זויג באוועגונגען. אזוי ארום אנטשטייט די ערשטע עמפפינדלאכע סעקסועלע ספערע. וואס געפינט איר אויסדרוק אין רייצן די מויל און ליפן. סימפטאמאטיש איז די באציאונג פון קינד צו זיינע עקספערימענטן. צוויי, דריי יאריקע קינדער שעמען זיך ניט מיט זייערע פיזיאלאגישע פונקציעס. פארקערט: זיי גרויסן זיך, און מאניפעסטירן זיי בפרהסיה, וואס איז דער בעסטער באווייז, דאס געוויסע ארגאנען זיינען ספעציפיש־עמאציאנעל באפארבן. און דאס ווייזט אן אויף דער צווייטער עראטישער ספערע.

אזוי איז אויך פעסטגעשטעלט געווארן א באזונדער עמפפינדלאכ־קייט פון סעקסועלן כאראקטער אויפן גאנצן קינדערשן קערפער. יעדער איינער האט באשטימט אבסערווירט, מיט וואס פאר א פארגעניגן קליינע קינדער דעקן זיך אפ, ווי זיי זיינען דעמאלסט מאדנע פריילאך און מאכן פארשיידענע לוסטיקע באוועגונגען. אלזא, די אויבערפלאך פון קערפער איז דער דריטער סעקסועלער שטח ביים קינד.

וואס איז שייך דעם זויגן דעם פינגער, האט דר. דייוו ליווי אן אנ־דער מיינונג, ער האלט, אז דאס רוב זויגן קינדער, וואס מען האט זיי צו פרי צוגענומען פון דער ברוסט פון דער מוטער, און פון פלעשל. דאס זויגן פון פינגער איז א מין קאמפענסאציע פארן קינד. ער האלט, אז די געוואוינ־הייט קאן זיך אויך אנטוויקלען, ווען מען קארמעט דאס עופ'עלע אין צו גרויסע אינטערוואלן, ווען מען קארמעט זעלטענער. אמת, ס'איז לחלוטין ניט געזונט צו קארמענען א קינד יעדעס מאל ווען ס'שרייט; אמת, ס'איז לחלוטין ניט געזונט צו קארמענען א קינד צו אפט, יעדע צוויי שעה, למשל, אבער דער פאקט, וואס דווקא אזוינע קינדער זויגן א סך זעלטענער א פינ־גער, ווארנט זיך צו פארטראכטן. פאראן פאלן, ווען קינדער פארציען זייער זויגן, ריכטיקער געזאגט, שמאטשקען א לאנגע צייט. דערלאנגען א צי מילך און שמאטשקען ווייטער. זיי האבן גוואלדיקן פארגעניגן פונם געגנוס. אין אזוינע פאלן ווערט רעקאמענדירט אפצוהאלטן א געוויסע צייט דאס קינד ביים ברוסט און צונעמען. ס'וועט שפעטער פארגיין אין א געוויין, מחמת ס'איז דאך געבליבן הונגעריק, ס'שאדט ניט. דאס נפש'ל וועט פארשטיין א צווייטן און א דריטל מאל, אז מען דארף זויגן, אנדערש בלייבט מען הונגעריק. אזוי געוואוינט איר דעם בחור'ל אפ פונם תאווה'דיקן "זויגן". אפילו דער פראצעס פון שלאגן וואסער און גיין מיטן מאגן, איז ביים קינד ניט פריי פון סעקסועלע געפילן. אומבאוואוסטזיניק איז עס פארן קינד א גרויסער פארגעניגן. פון דעם קומט אפשר די דערשיינונג, וואס קינדער האבן שפעטער שטארק ליב צו צוזעען דעם פראצעס ביי אנדערע קינדער. אט וועט איר זען אויף א סעודה, ווי מיידלאך האלטן גרופעסווייז אין פארשפארן זיך אין באד־צימער. אפט וועט איר זען, ווי גאנצע גרופעס אינגלאך האלטן אין איין פארמעסטן זיך, ווער עס קאן אויף א ווייטערן שטח שלאגן וואסער. דאס זיינען ניט קיין אומשולדיקע פארגעניגנס. דאס געפיל פון סעקס־נייגעריקייט אנטוויקלט זיך אויך זייער פרי אינם קינד, אמאל צו צוויי יאר אלט. א אינגל צווייפלט ניט אז א מיידל האט די זעל־בע געשלעכט ארגאנען ווי ער. דאס סעקס געפיל איז ביי אזא קינד אן אומבאוואוסטזיניק געפיל. א מיידל ליידט שפעטער זייער שטארק פון דעם, וואס איר פעלט א גאנצער טייל פון קערפער. ס'דויערט א לאנגע צייט ביז זי באוואיקט זיך. ניט איין קינד צאלט פאר דעם מיט ווייטיקן און מיט ליידן און מיט א מינדערווערטיקייט קאמפלעקס. פון דעם קומט אפשר וואס מיידלאך ווילן תמיד בעסער זיין אינגלאך. דעם אינגל גייט אויך ניט גרינג דורך די דערשטוינונג, ווען ער דערוויסט זיך אז א מיידל איז

אנדערש. אינגלאך שרעקן זיך אפט מען זאל זיי ניט אפשניידן זייער געשלעכט ארגאן. דאס פארשאפט זיי גרויסע צרות און שרעק. א מענטש שרעקט זיך תמיד פאר דעם וואס ער וויל דווקא זייער שטארק. א מענטש וואלט זייער שטארק וועלן ארויפשפרינגען פון א דאך, אים ציט אזוי צו דעם. אפשר איז די שרעק פאר קאסטראציע, פארן אפגעשניטן ווערן חלילה, אפשר ליגט אין דעם דאזיקן שרעק אן אומבאוואוסטזיניקער פארלאנג פטור צו ווערן פון דעם יאך, פון דער שווערער משא, וואס איז פארבונדן מיטן סעקס פראבלעם בכלל.

פרויד האלט, אז די אונטערדריקונג פונם קינדס פרימיטיווע אינסטינקטן (ספעציעל פון זיין אויפוואכנדיקער סעקסועלישקייט), טראגט אין זיך די געפאר פון נעווראזן. האלט אבער אדלער, אז "מחמת דאס אומבאהאלפענע קינד הויבט אן פרי צו דערקענען זיין רעלאטיווע שוואכקייט צווישן דערוואקסענע", אנטוויקלט זיך א מינדערווערטיקייט קאמפלעקס. אט דאס פירט ביי פארשיידענע אומשטענדן צו נעוראזן". האלט אבער שניאורסאן, אז דאס אויספעלן, דער הונגער, דאס ניט קאנען אויסלאדן דעם שפיל דראנג, איז די סיבה פון נעווראזן. ער ברענגט צענדליקער פאלן וואו ער האט בארויקט ס'קינד דורך באפרידיקן דעם קינדס שפיל דראנג.

"דאס אויספעלן פון שפיל, די שפיללאזיקייט, פירט צו לאנגווייל, צום געפיל פון "פוסטקייט", וואס ווערט געדעקט דורך נערוועזישקייט. אפילו ווען קינדער זיינען אליין און שפילן פאר זיך, האבן זיי אין דער פאנטאזיע און אימאזשענערן פארטנער. דאס שפילצייג, א וועלכער ס'איז קעגנשטאנד אדער גאר די הוילע פאנטאזיע רעפרעזענטירט דעם אפוועזנדיקן מיטשפילער. די שטערונג פון אזא גרונט־אינסטינקט, ווי שפיל, מוז האבן אן ערנסטע ווירקונג אויף דעם גלייכגעוויכט פון קינדס פסיכאפיזישן לעבן. ס'איז אויך אומבאשטרייטבאר, אז פסיכאלאגיש איז דער שפיל אוניווערסאל, ד. ה., ער נעמט ארום די סאמע פארשיידענע געביטן פון פסיכישן לעבן. ניט נאר די סענסארישע און מאטארישע ספערע, ניט נאר די אינטעלעקטועלע אריענטירונג און די פארשטעלנדיקע פאנטאזיע וועקט דער שפיל, נאר אויך די סאמע טיפע עמאציעס וואס פארכאפן שטורמיש דאס גאנצע וועזן פונם שפילנדיקן קינד. מ'קאן דערפאר אויך פסיכאלאגיש אייננזען, אז דאס אויספעלן פון אזא אלץ ארומנעמענדיקער און טיף פארכאפנדיקער אקטיווישקייט, ווי דער שפיל, מוז ברענגען אן ערנסטע שטערונג אין דעם קינדס אנטוויקלונג. דער שפיל איז די סאמע נאטירלאכע און ספאנטאנע טעטקייט וואס מאכט דאס קינד אונטערנעמעריש, לעבנסלוסטיק און רופט ארויס די שטארקסטע פסיכישע שפאנונג—פסיכישן טאנוס. פארשיידענע ליידן און דיסאנאנסן קאן דאס קינד פארגעסן אדער גובר זיין בשעת און דורך דעם שפיל־אימפעט. ביים אויספעלן אבער פון שפיל, בלייבט די פסיכישע שפאנונג אומאויפגעוועקט — דאס קינד ווערט אפגעלאזן און ס'לאנגווייליגט. ס'קומט דאס פיינלאכע געפיל פון אינערלאכער "פוסט־

קייט", פון "ליידיקער" צייט, פון ניט וויסן וואו זיך אַהינצוטאָן. די פריער באַהאַלטענע קרענקלאַכע אָדער פאַרבאַטענע סאָציאַלע נייגונגען, וועלכע דאָס קינד קאָן געוויינלאַך גובר זיין ביי דער שפּאַן־קראַפט פון נאַטירלאַכן פּסיכישן לעבן — טרעטן אויף איצט אומבאַהערשט ביי דער אָפּגעלאָזנקייט פון שפּיללאָזער "ליידיקער" צייט. אימפּולסיוו "נוצט אויס" דאָס קינד די דאָזיקע איצט אומבאַהערשטע נייגונגען, כדי אויסצופילן די אומדערטרעגלאַכע פּוסטקייט פון דער לאַנגווייל. אָדער דאָס קינד ווערט אויפגערעגט־"נערוועז", אָדער ס'דעקט די פּוסטקייט מיט אַנאַניזם (קאָמפּענסאַטאָרישער אָנאַניזם), אָדער ס'געפינט דעם אויסוועג אין צו להכעיס'דיקער צעלאָזנקייט (אומדיסציפּלינירטקייט). ניט וואָס איין נייגונג "פאַרוואַנדלט" זיך אין דער אַנדערער (ווי ס'מיינט דער פּסיכאָ־אַנאַליז). נאָר דער "פּוסט"־געוואָרענער לעבנסדראַנג נוצט אויס דעם אָדער יענעם קוואַל פון ליידנשאַפט — לויט כאַראַקטער, דערציאונג און סיטואַציע פונם קינד. מ'מוז נאָך אַט וואָס צוגעבן. יעדעס קינד האָט לויט עלטער און כאַראַקטער זיין אינדיווידועלן שפּיל־באַדאַרף אָדער, ווי מיר זאָגן, זיין אייגענעם שפּיל־קוואָנטיענט. די שפּילן פון 5־יאָריקע קינדער, למשל, וועלן ניט אינטערעסירן קיין נײַן יאָריקע. די מיידלשע געלאַסענע שפּילן וועלן לאַנגווײַלן אינגלשע קאַמף־נאַטורן. ביים אויספעלן פונם אינדיווידועל נויטיקן שפּיל־קוואָטיענט קומט עס ביים קינד צו אַ שפּיל דעפיציט, וואָס ווערט געדעקט אויף דעם באַשריבענעם אופן דורך די נעוראָטישע אָדער אַנטי־סאָציאַלע דיספּאָזיציעס. ווי די וויטאַמינען זיינען פאַרן אָרגאַניזם אַ לעבנס־וויכטיקער סטימול, אַ "צינד־פונק", אַזוי איז דער שפּיל פאַרן נעוראָ־פּסיכישן לעבן אַ נויטיקער סטימול, אַ פּסיכישער וויטאַמין" (פּראָפ. פּ. שניאורסאָן).

כ'האַלט, אַז גערעכט זיינען זיי אַלע דריי. קיין צווייפל, אַז אונטערדריקונגען, קלעפּ, געשרייען, דערנידעריקונגען, אומלאָגישע "ניינען", דאָס אַרויסשטעלן אָדער אַרויסווייזן איין קינד מער ליבע ווי דעם צווייטן, באַפעלן, דאָס אויספעלן פון ליבע און אַזוי ווייטער, רופן אַרויס אינם קינד געפילן פון געפאַלנקייט ביי זיך, פון האַס, פון פאַרביטערטקייט, און זיי זיינען עס די "חופּה" אונטערפירער צום קינדס נעוראָז; פונקט אַזוי ריכטיק איז, אַז פאַר אונזער מאַכטלאָזיקייט צו סובלימירן, צו באַהערשן דעם אוידיפּוס קאָמפּלעקס צאַלט ס'קינד מיט נעוראָזן, וואָס, פאַרפלאַנצט אין דער קינדהייט צעוואַקסן זיי זיך ערשט שטאַרק שפּעטער; ניט ווייניקער גערעכט איז אָבער אויך פּראָפעסאָר פּ. שניאורסאָן מיט זיין טעאָריע פון לאַנגווייל.

איך וואָלט ניט וועלן צווייפלען אין דעם און איך צווייפל ניט, אַז סאָציאַליזם איז דער איינציקער וועג צום מענטשלאַכן גליק. כ'וואָלט ניט וועלן צווייפלען אין דעם, און איך צווייפל ניט אין דעם, אַז אַ רעוואָלוציע, אַז נאָר זי עפנט דעם דאָזיקן וועג, אָבער אַז איך דערפיל דעם גיהנום, וואָס שטורעמט און שרפה'ט אין דער נשמה פון קינד טראַכט איך מיר, אפשר

וואַלט דער וועג צום גליק געפירט דורך פּסיכאָ־פיזיש געזונט צו מאַכן דעם מענטשן, אפשר וואַלט דער וועג געווען א גיכערער און א זיכערער. עס טוט דאָך אזוי וויי, ווען מען זעט א קינד ליידן, ספּעציעל ווען מען ווייסט, אַז ס׳ליידט מחמת אונזער אומוויסנהייט אין דער ביאָ־פּסיכישער נאַטור פונם קינד. צום גליק שטילן זיך איין א סך ליידן, דרעמלען איין א סך געפילן אין קינדער פונם 5־6 יאָריקן עלטער ביז דעם עלטער, ווען עס הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון רייף ווערן.

די מיטעלע קינדהייט

(פון ארום 6 יאָריקן עלטער ביז ארום 9 יאָריקן עלטער)

די צייט פון מיטעלער קינדהייט, איז די צייט, ווען די נאַטור זאָגט, ווי א מוטער צום קינד: ״קינד מיינס, ביסט נעבאָך פאַרמאַטערט, טויט־מיד ביסטו נעבאָך, קינד מיינס, פון די שטורעמס, וואָס דו האָסט דורכ־געמאַכט די לעצטע יאָרן. רו זיך אָפּ, קינד מיינס, אביסלע. דו האָסט אזוי־פיל אריינגעזאַפּט, אזויפיל איבערגעלעבט, דו האָסט אָפּטמאָל געפילט, אַז די וועסט צעשפּרונגען ווערן פון כוחות, וואָס האָבן געבושעוועט אין דיין נשמה — איז רו זיך אביסעלע אָפּ, זאָלן זיך דאָרטן די כוחות, די זיגער און באַזיגטע, איינאָרדענען, קומען צו זיך, און דו, דערווייל, קום, כ׳וועל דיר ווייזן ווי שיין די וועלט איז ווי קלוג אלץ איז איינגעאָרדנט, קום מיין קינד!״

דאָס איז דער עלטער, ווען דאָס קינד הייבט אָן צו גיין אין שול. — די דערציער האָבן זיכער גוט צוגעפּאסט די צייט, מחמת אין דעם עלטער הויבט דאָס קינד אָן צו זען זאכן מיטן שכל. אין דעם עלטער דערגרייכט דער מאָרך די העכסטע וואָג. די פריערדיקע קוריאָזיטעט פון ״וואָס איז עס?״, ״פון וואנען קומט עס״ א. א. וו., צעוואקסט זיך שטאַרקער, ווערט א קוריאָזיטעט פון וויסן וויפל איז 5 מאָל 2; ווי קומט עס, וואָס מען מאַכט קייקעלאַך מיט שטעקעלאַך און אלע קאָנען עס שפּעטער איבערלייענען. ס׳קינד האָט אין דעם עלטער גוואַלדיק ליב מעשה׳לאַך, ספּעציעל האָבן זיי ליב מעשה׳לאַך מיט שטאַרקע איבערלעבונגען. שפּיאָנען מעשיות, מלח־מה, איבערפאַלן מעשה׳לאַך, באַנדיטן (גענגסטערס) מעשה׳לאַך (אפילו די שפּילערייען זייערע טראָגן אזא כאַראַקטער). קורץ זיי קאָנען קיינמאָל אין דעם עלטער ניט מיד ווערן און זאט ווערן פון מעשה׳לאַך. דאַרף מען דאָך אָבער אָנקומען צו אנדערע זיי זאָלן פאַרלייענען די מעשה׳לאַך, שטאַרקט זיך דער חשק אליין, זיך אויסצולערנען לייענען. דער עגאָאיזם אין דעם עלטער ביים קינד ווערט מאָדיפיצירט מיטן פאַנאַדערוואוקס פונם געזעל־שאַפטלאַכן געפיל. פריער איז עס געווען אליין אין דער היים, איצט שפּילט עס זיך אין שול מיט חברים, חבר׳טעס, און ס׳מוז זיך צופּאסן, העלפט דאָס דאָזיקע אָפּצוטעמפּן די נאַטירלאַכע שאַרפקייט פון עגאָאיזם.

אין דער צייט איז דאָס קינד סעקסועל, אָבער ניט שראַטיש. עס אַנטלויפט (אָבער אַנטלויפן איז אויך אַ סעקס שפּיל) פון מיידלאַך ווי פון פייער. דאָס קינד אין דעם עלטער איז זייער סענטימענטאַל. יאָ, אין דעם עלטער איז ס'קינד אַפּט סענטימענטאַל און וויינט, שרעקט זיך ניט. דאָס וויינען איז אַ סימן פון אינערלאַכן וואוקס. ס'קינד פילט אַן אומרואיקייט כמעט ווי אַ שרעק (פאַנאַנדערבלי פון נייע געפילן). און וויינט. ווען ס'וויינט סתם, — לאָזט . . . אַזאַ סענטימענטאַלקייט איז אַ פאַרלויפער פון געזונטער סעקוסאַליטעט, די קנאָספּע הויבט זיך אָן פאַנאַנדערצוניעמען. פאַנאַנדערצובליען. לאָמיר אָבער אויף אַ מינוט ניט פאַרגעסן, אַז דער פּעריאָד איז ניט פריי פון "אַפּשלוקאַכצן" פון דעם פריערדיקן פּעריאָד. אַז קיין גענוג אַפּגעצאָמטע גרעניץ צווישן די פּעריאָדן עקזיסטירט ניט. און. אַז אויסנאַמפאַלן זיינען אויך פאַראַן.

אָט, למשל, האָט אַ מיטל יאָריקע פרוי מיט אַ צעשראָקן פּנים דער־ציילט אַ דאָקטאָר פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט איר געטראָפן: זי האָט אין איין צימער פאַרבראַכט מיט אירע פריינט. פּלוצים האָט זי דער־הערט פון דעם צווייטן צימער אַ געוויין פון איר זיבן יאָריק מיידעלע. זי איז אַריין אינם אַנדערן צימער, וואו דאָס מיידעלע האָט געוויינט, און דער־זען ווי לעבן איר שטייט אַ אינגל. וואָס לערנט צוזאַמען מיט איר אין שולע, און מאַכט צו איר מיט די פויסטן. — "וואָס איז געשען? וואָרום וויינסטו?" — האָט די מוטער געפרעגט, און דאַן זיך געווענדעט צום אינגעלע: "וואָרום סטראַשעסטו זי מיט די פויסטן ? וואָס האָט זי דיר געטאָן אַזוינס?". — "ער זאָגט", — האָט דאָס וויינענדיקע מיידעלע זיך געפּיעסטשעט פאַר דער מוטער, — "אַז ער וועט מיך פיינט האָבן. אויב איכ'ל זיך ניט אויסטאָן נאַקעט פאַר אים. אַזוי ווי דער שכנה'ס מיידעלע טוט זיך אויס פאַר אים . . . איך שעם זיך, און יענע שעמט זיך ניט. האָט ער מיך פיינט און זאָגט, אַז ער וועט מיט מיר ניט רעדן מער און אין סקול וועט ער אויך צו מיר ניט רעדן. און וועט נאָר ליב האָבן דער שכנה'ס מיידעלע. ביי דער מוטער איז דאָס געווען ווי אַ דונער פון אַ לויטערן הימל. זי האָט זיך אויף אַזוינס ניט געריכט. זי האָט אירע אייגענע אויערן ניט געגלויבט. זי האָט געוואוינט אין אַן אַפּאַרטמענט, וואו עס וואוינען נאָר אַ פּאָר צענדליק שכנים. אויף דעם עטאַזש, וואו זי וואוינט, וואוינט אויך די שכנה מיט דעם מיידעלע. די צוויי מיידעלאַך זיינען אין איין עלטער (צו זיבן יאָר אַלט) און קאָנקורירן צווישן זיך מיט דעם איינציקן אינגעלע. דעם קליינעם דאָן זשואַן, וואָס איז מיט אַ צוויי יאָר עלטער פאַר זיי. ביי־דע מיידעלאַך רייסן זיך איבער דעם אינגעלע. קיין צווייפל, אַז פאַר דער 7 יאָריקער איז דער ענין פריי געווען פון סעקסועלן ביי־טעם. מיר זעען עס פון דעם ווי גרינג איר איז געווען צו דערציילן איר ביטער האַרץ, אָבער פאַר דעם 9-10 יאָריקן איז עס ווי עס שיינט שוין יאָ געווען אַן ענין פון פאַרגעניגן . . . אַזוי קאָן טרעפן, אַז שפּעטערע קינדהייט קאָן זיך אָנהויבן מיט 2 יאָר פריער ביי איין קינד און מיט אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער ביי אַן אַנדער קינד.

שפּעטערע קינדהייט

(פון אַרום 9 יאָריקן עלטער ביז אַרום דעם 12-13 יאָריקן עלטער)

אויב די מיטעלע קינדהייט איז ניט אינגאַנצן געווען פריי פון נאָכ־ווייענישן פון דעם שטורעמדיקן פריאָר פון דער פריער קינדהייט, פילט זיך שוין אין דער שפּעטערער קינדהייט, דער אָנקום פון אַ נייעם שטורעם אויסברוך. ס'באַמערקט זיך אַ שטאַרקער אַנטאַגאַניזם צווישן געשלעכטער. אַ אינגל האָט דעם גרעסטן פאַרגעניגן, ווען אַ מיידל קריגט אַ גאָב פון דעם לערער, צי פון דער מוטער, אָדער אַז זי קריגט קלעפּ. ער קאָן זי ניט אָנקוקן און זי ? זי צאָלט מיט דער זעלבער מטבעה. אינגלאַך ווילן אין שפּילערייען קיינמאָל ניט אָננעמען מיידלאַך פאַרן האַנט. זיי ווילן אויס־מיידן צו שפּילן מיט מיידלאַך, און ווען זיי טוען עס, טוען זיי עס אויס נויט אין שול; קורץ, ס'גייט אָן אַ מלחמה. קיין וואונדער ניט, דאָס קינד פּילט בחוש די וואָלקנס, וואָס טראָגן זיך אויף אים צוליבן געשלעכט, נאָר בחוש פאַרשטייט זיך, פילן זיי. אַז ס'וועט באַלד דונערן און בליצן און האָגלען און שטורעמען, זיי ווייסן ניט, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלאַך, און ווייסן אוואָדע און אוואָדע ניט, אַז נאָכן שטורעמען, ווען דאָס שטורעמען זאָל נאָר דורכגיין בשלום וועט אויפשיינען די זון, וועט זיך באַווייזן אַ ליכטיק בלויער הימל, וואָס וועט געבן אַלעמען און אַלץ לעבן, פרייד און גליק, זיי ווייסן פון דעם ניט, אָבער בחוש פילן זיי דעם אָנקום פון אַ ביי־טערער צייט און אַ שווערער.

אין דעם עלטער איז די ליידנשאַפט צו שפּילערייען אַמשאַרפסטן. קינדער אין דעם עלטער, קאָנען אָפּשפּילן גאַנצענע טעג. מיידלאַך שפּילן אין שול־שפּילן. אינגלאַך אין רוצחים־שפּילן, מלחמה שפּילן; און שפּילן שפּילט מען אָן אויפהער. די קינדער אין דעם עלטער זיינען אַזוי פאַרטאָן, אַז זיי זיינען ווי ניט אויף דער וועלט. אינגלאַך לויפן אַרום פאַרשוויצט, מיט אַקאַרשט צעריסענע הייזעלאַך, און אַז איר רעדט צו זיי, "הערן" זיי אייך, אָבער קאָנען זיך ניט קאָנצענטרירן, און פאַרגעסן אייער מוסר דרשה, אייידער איר האָט זי פאַרענדיקט, ריכטיקער געזאָגט, זיי האָבן זי אַפילו ניט געהערט . . . מיידלאַך זיינען אין דעם עלטער פאַרקאָכט אין פּוצן זיך. די משונה'דיקסטע בענדלאַך, שמאַטעס העקלען זיי זיך אָן, זיי שטייען שעה'נווייז ביים שפּיגל.

אָט טראָגט עס וואַסער צום פייגעלע אין שטייגעלע, און פאַרגעסט פאַרמאַכן ס'טירעלע; אָט עסט עס אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און פילט ניט, אַז ס'קעצעלע לעקט אָפּ ס'פּוטער פונם ברויט; אָט טענה'ט די מאַמע, "ווער ניט פאַרשוויצט", און עס קומט אַריין אויסצודרייען — עס איז פאַרטאָן, פאַרטראָגן און פאַר'שיכור'ט פונם שפּילן.

נאָך אַ שטריך, — עס, פאַרשטייט ניט קיין קאָנצעקווענצן, דערפאַר וואַרפט עס אַ שטיין און "טראַכט ניט", אַז ס'קאָן עמיצן טרעפן, א. א. וו.

— ס׳פארשטייט ניט קיין קאנצעקווענצן און קיין אבסטראקטע אידייען, עס פליט פארשמייעט. די מוטער נאטור האט דא ווידער פארזארגט. שטייף קינד מיינס — לייף, ראנגל זיך, אנטוויקל כוחות, מוסקולן (לופט). באלד וועסטו עס נייטיק דארפן

אויך דער פעריאד איז ניט קיין שארף אפגעגרעניצטער. ביי אייניקע הויבט ער זיך אן פריער, ביי אנדערע ענדיקט ער זיך שפעטער. פאראן א סך אויסנאמספאלן. עלטערן דארפן קאנען זייערע קינדער. אט האט, למשל, א פרוי אין די דרייסיקער זיך ״בארימט״ פאר א געזעמל פריינט, אז ווען זי איז נאך א קינד געווען, האט זי שוין געהאט א געליבטן, וואס איז געווען עלטער פון איר. און דערציילט האט זי מיט אלע איינצלהייטן, ווי אזוי איר ״געליבטער״ אין עלטער פון א יאר צוועלף האט מיט איר ״געשפילט א ליבע״ אין די קאמערן, וואו מען האט אנגעווארפן האלץ און קוילן, אדער אין אנדערע אזעלכע פארבאהאלטענע ערטער. איינמאל ווען מיט איר האט פאסירט אזא ״נס״ האט א ווילד פרעמדע פרוי דאס דערזען און געמאכט א גוואלד. די ווילד פרעמדע פרוי איז צוערשט געלאפן צו דער מוטער פון דעם מיידעלע. געדיינקט אצינד די פרוי, וואס איז דעמאלסט געווען א צוועלף יאר אלט, אז די מוטער האט אויסגעהערט די פרוי און אפילו א ווארט ניט געזאגט. נאכדעם, ווען די פרוי איז אוועק, האט דאס מיידעלע דערוואַרט, אז די מוטער זאל איר געבן דעם פסק, אבער אויך דאן האט די מוטער געשוויגן. ערשט ווען עס זיינען פאריבער עטלאכע טעג, האט זי די מוטער צוגערופן און פארפירט מיט איר א שמועס. זי האט גערעדט צו איר קינד, ווי מען רעדט צו א דערוואקסענעם מענטשן. די מוטער האט איר דערציילט וואס עס געשעט, ווען א מיידל איז ניט פארזיכטיק אין סעקס לעבן, ווי אזוי א יונג קינד קאן אמאל פאראומגליקט ווערן, און וואס זי דארף טאן, אז זי זאל פון דעם אלעמען ניט וויסן און ניט ליידן.

דר. מ. לענסקי באשרייבט די שפאנונג אזוי : ״פון מיין פסיכאאנאליטישער פראקטיק קאן איך ברענגען פאלגנדן ביישפיל : דער פאציענט דערציילט, אז אלס קינד פלעגט ער מיט זיינע חברים זיך שפילן מיט א מיידעלע. די קאמפאניע אינגלאך פלעגט זייער אפט ארומרעדן דעם פלאן, ווי אזוי דאס מיידעלע מאנס זיין. אייניקע האבן פארגעלייגט דורכפירן דעם פלאן אין קעלער, אנדערע אויפן בוידעם. דער פאציענט ווייסט ניט צי די חברים האבן דורכגעפירט דעם פלאן צי ניט, ווייל ער האט זיך ניט געוואלט באטייליקן מער אין אזעלכע בעראטונגען״. ״ווי מיר זעען, האט אין דעם פאל די סעקסועלע תאווה ביי די יונגע קינדער דערגרייכט א גאר הויכע שפאנונג, וועלכע האט זיי געטריבן אויף א פארברעכערישן וועג. אין אנדערע פאלן דריקט זיך אויס די סעקסועלע שפאנונג אין איידעלערע פארמען. מען שפילט זיך, למשל, אין ״דאקטאר״, דאס דאזיקע שפיל, ביי וועלכער דאס ״קראנקע״ מיידעלע ווערט אונטערגעזוכט דורך דעם

אינגעלע, וועלכער פארשטעלט זיך פאר א דאקטאר, איז פארשפרייט סיי
צווישן די אידישע, סיי צווישן די קריסטלאכע קינדער. שטעקעל ברענגט
א רייע פאלן פון אזא "דאקטאר־שפיל" ביי זיינע פאציענטן. דער אויבנ־
דערמאנטער פאציענט, וועלכער האט ניט געוואלט מיטמאכן די געפלאנטע
פארגוואלדיקונג, האט זיך אבער זייער אפט געשפילט מיט זיינע קליינע
חבר'טעס אין "דאקטאר"־שפיל, און עס פלעגט קומען צו סעקסועלע באַ־
רירונגען. א צווייטער פאציענט דערציילט : ווען ער איז אלט געווען 10
יאר, פלעגט ער זיך שפילן מיט זיין פלימעניצע, א מיידעלע פון 7 יאר.
אין "דאקטאר". עס פלעגט קומען צו סעקסועלע בארירונגען. ווען ער איז
אלט געווארן 12 יאר, האט ער געלערנט אין א חדר, דער רבי האט געהאט
א מיידעלע פון 7 יאר. דאס מיידעלע איז אים זייער שטארק געפעלן גע־
ווען. ער פלעגט דעריבער שטענדיק קומען אין חדר זייער פרי און האט זיך
געשמאק "געשפילט" מיט דעם מיידעלע, מחמת עס פלעגט קומען צו
סעקסועלער בארירונג. אזוי צעשטורעמט זיך אין משך פון יארן דער שטו־
רעם און דערגרייכט אין דער יוגנט די העכסטע הויך.

די ביישפילן ווייזן אונז קלאר, אז די געשלעכטלאכע שפאנונג ביי
אינגלאך קאן זיין שטארק, טרייבנדיק זיי צו באהערשן פיזיש א קינד פון
ווייבלאכן געשלעכ.ט עס איז אויך וויכטיק אונטערצושטרייכן דעם פאקט,
אז די קליינע מיידעלאך לאזן זיך אפטמאל גערן פארנארן, ווייל זיי פילן
אלנפאלס פון אנפאנג, א פארגעניגן. די עלטערן, וואס האבן קליינע מיי־
דעלאך, דארפן דעריבער זייער גוט אכטונג געבן און קאנטראלירן זייערע
שפיל חברים. עס איז גלייכער בכלל ניט איבערצולאזן קיין קליינע מיי־
דעלאך, אז זיי זאלן זיך שפילן מיט אינגלאך אן אויפזיכט, זאל דער פא־
טער אדער די מוטער, אדער ווער עס איז אן עלטערע פערזאן, ביי זיין
ביים שפילן. אין קעגנפאל קאנען די אומשולדיקע קינדער־שפילן ברענגען
צו טרויעריקע רעזולטאטן. און דער געליטענער צד וועלן שטענדיק זיין
די קליינע מיידעלאך.

אין "ניו עראַ" לייענען מיר פון אזויגע פאלן : א מיידל, 10 יאר
אלט, איז פון סקול געשיקט געווארן אהיים, מחמת זי איז שרעקלאך אפ־
געשטאנען, נערוועז, און מחמת אויסגעשלאסן, מען קאן איר ניט אויס־
לערנען ניט שרייבן און ניט לייענען. דער קינדער־פסיכאלאג איז חושד
געווען, אז זי פארנעמט זיך אין א שרעקלאכער מאס מיט אנאניזם; האט
אבער די מוטער און די באנע אים פארזיכערט אז ס'קינד איז גלייכגילטיק
צום ענין סעקס. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז זי איז פול געווען
מיט גאסן־אינפארמאציע (געזאלצן און געפעפערט) און דאס האט זי גע־
האלטן אזוי צערייצט, געשפאנט, און אין שוידערלאכער שרעק, אז, ווען
ניט פארכאפט אין צייט, וואלט זי גייסטיק צונויפגעבראכן — דער דר.
פסיכאלאג האט במשך פון א צייט זי בארואיקט און געבראכט צו נאר־
מאלקייט — שפעטער איז עס געווען א נארמאל קינד, און אינטעליגענט

קינד. דארט דערציילט זיך פון א צווייטן פאל. פון א מיידל. א זייער מוזיקאליש קינד, — אבער אזוי נערוועז, אזוי צעשראקן, אזוי אומרואיק, אזוי שלעכט, אז מען האט זי געמוזט אויסשליסן פון א קינדערהיים — די סיבה איז געווען כמעט די זעלביקע ווי פונם ערשטן פאל און איז אויך געהיילט געווארן אויפן זעלביקן אופן. דאס זיינען אלץ אויסנאמספאלן, אבער זיי טרעפן זייער אפט. די דאזיקע פאלן ווארנען אונז, אז דער שטורעם קאן זיך ביי אייניקע קינדער אנהויבן א סך פריער ווי אין דער פריער און מיטעלער יוגנט, אז ניט אויסגעשלאסן, אז דאס סעקסועלע פייער זאל זיך אנהויבן פאנאנדערצופלאקערן שוין אין דער שפעטערער קינדהייט און נאך פריער.

יוגנט בכלל

(פון ארום 13 יאריקן עלטער ביז ארום 20-24 יאריקן עלטער)

דר. פ. וואשע לערנט אונז אז "די יוגנט פונם מענטשן, פון דעם מאמענט אן, ווען ער הערט אויף צו זיין א קינד, איז איין לאנגע תקופה פון געשלעכטלאכע אומרואיקייטן. אין דער דאזיקער תקופה צעגליט זיך מיט פייער דאס געשלעכטלאכע באוואוסטזיין און די ערשטע פרואוון אויפן דאזיקן געביט. דאס איז א באמת קריטישע צייט פארן געפילס-לעבן פונם מענטשן.

די חושים אין דעם עלטער געפינען זיך בכלל אין העכסטן סטאדיע פון כסדר׳דיקער אויפגערעגטקייט: אלע שמועסן דרייען זיך ארום סעקסועלע ענינים; יעדערער וויל זיך באריימען פאר די אנדערע: איינער זוכט אויס אינם ווערטער־בוך אלע באצייכענונגען, וואס האבן א שייכות צו ליבע, פראסטיטוציע און געשלעכטלאכע אייגנשאפטן; א צווייטער ברענגט זיינע חברים שונד ביכלאך, וועלכע עס האט זיך אים איינגעגעבן צו באקומען ערגעץ בגנבה; און אנדערער ווידער דערציילט פאר זיינע צוהערער וועגן זיין ערשטן "באזוך" אין שאנד־הויז, באפוצנדיק זיין דערציילונג מיט פארשיידענע פיקאנטע פרטים. אלע ווערטלאך און וויצן זיינען דורכגעזאפט מיט שמוציקער אויסגעלאסנקייט: ס׳איז פשוט ניטא קיין ווארט, ניטא קיין קעגנשטאנד און קיין סיטואציע, וועלכע די יוגנט זאל ניט באוויזן אויסצונוצן, כדי צו מאכן עפעס א "פעטע" צווידייטיקייט. ענדלאך קומט די צייט פון אנאניזירן זיך ביחידות אדער צוזאמען.

ס׳וועט גארניט זיין איבערגעטריבן, אויב מיר וועלן זאגן, אז אויף הונדערט איינגלאך גיבן זיך מינדסטנס אכציק אפ מיט אנאניזם. איינער פון דר. וואשעס יונגע פאציענטן האט אים געשריבן : "ווען איך זיץ איינער אליין איבער עפעס א שווערער אויפגאבע, אדער ווען איך געפין זיך ערגעץ אין א פארווארפן ווינקל פון א וואלד,— דעמאלסט באפאלט מיך פלוצלונג דער געדאנק וועגן אנאנירן זיך. איך קעמף מיטן דאזיקן גע־

דאנק, איך באמי זיך צו טראכטן וועגן עפּעס אנדערש, אבער אומזיסט : איך פיל, ווי אין די שלייפן האקט מיר שטארק; פאר מיינע אויגן שטעלן זיך — קעגן מיין אייגענעם ווילן — שמוציקע בילדער. איך פיל אז איך ווער אינגאנצן פארנארישט. איך קאן ניט טראכטן ניכטער. אין חער דאַזיקער גייסטיקער צעריסנקייט, שווער איך זיך פייערלאך צו, אז אויב איך וועל זיך נאכגעבן, וועט עס שוין זיין דאס לעצטע מאל. ווי נאר איך בין שוין אונטערגעפאלן דער דאזיקער העסלאכער געוואוינהייט, לייד איך דערנאך במשך פון עטלאכע טעג פון געפילן פון חרטה און פון בושה. במשך פון א לאנגער צייט האב איך געמיינט, אז אזעלכע געשיכטעס פאסירן ביי אינגלאך גאר זעלטן. איז טאקע געווען פאר מיר אין א געוויסער מאס א פארלייכטערונג, ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז דער רוב פון מיינע חברים געפינט זיך אויך אין אזא לאגע. ווען איך האב זיך געפונען אין געזעלשאפט, האט זיך מיר געדאכט, אז יעדער איינער, מיט וועלכן איך האב גערעדט, האט געלייענט אויף מיין פנים די דאזיקע אומריינע געדאנקען מיינע, אז יעדער ווייסט וועגן מיין זינד. איך האב זיך געשראקן פאר יעדער בארירונג. און איך האב זיך יעדעס מאל געווויטלט. אומעטום האב איך זיך געפילט אומהדרייסט און פארשעמט". ניט שווער זשע קאן מען ניט געפינען קיין דערציאונגס וועג, אויף וועלכן ס'קינד זאל ניט דארפן איבערלעבן אזוינע גיהנום ליידן, אזעלכע ראנגלענישן מיט זיך, פון וועלכע עס קומט זעלטן ארויס דער זיגער ? דאס, וואס דאס קינד האט גע'ירשנ'ט פון די עלטערן, דאס, וואס עס האט דורכגעמאכט אינם קערפער פון דער מוטער, און אין דער נאכגעבורט צייט, הויבט איצט אן אויסגעפורעמט צו ווערן אינם פייער פון דער יוגנטלאכער צייט.

דר. וואשען האט א פאציענט דערציילט די פאלגנדיקע עפּיזאדן פון זיין לעבן : "איך בין דעמאלסט אלט געווען אפשר פיר יאר און איך בין געווען אינגאנצן געזונט ווען אין א געוויסן טאג, קלעטערנדיק אויף א בוים, האב איך פלוצלונג דערפילט אן אנגענעם געפיל, עפּעס א דראנג און א קיצלען, וואס איך האב תחילת אויסגעטייטשט אלס דראנג משתין צו זיין. כ'האב שפּעטער ניט איינמאל געפּרואווט ארויסרופן דאס זעלבע געפיל, און דאס האט זיך מיר געוויינלאך איינגעגעבן אן גרויסער מי. אומגעפער אין דער זעלבער צייט האט מיינס א חבר, וואס איז געווען עלטער פאר מיר מיט א יאר, מיר דערציילט, אז זיין מוטער האט געהאט א טבע אים ארומצוטעמען מיט דער האנט דעם הינטערטייל. און אז דאס האט אים פארשאפט תענוג. מיר האבן ביידע געפּרואווט קעגנזייטיק זיך צו פארשאפן דעם דאזיקן תענוג. אין א קורצער צייט נאך דעם האב איך זיך צעשיידט מיט יענעם חבר, און איך האב מער ניט געטראכט וועגן די דאזיקע זאכן. ווען איך בין אלט געווען צען־עלף יאר, האבן מיר געוואוינט אין א דארף, האט א יונגע באלעבאסטע, אונזערע א שכנה, וועלכע האט מיך זייער ליב געהאט, איינמאל אריינגעפירט מיך אין א שייער. זי האט מיך אוועקגעלייגט אויפן היי לעבן זיך און האט מיך אנגעהויבן קיצלען. זי

האט באלד באמערקט, אז איך בין אביסל אויפגערעגט. דעמאלסט האט זי, כלומר׳שט אויף א געלעכטער, אויפגעקנעפלט מיינע הייזלאך און מיך אנגעהויבן צערטלען. דערנאך האט זי מיטן אויסרייד, אז ס׳איז איר היים — אליין זיך אויסגעטאן כמעט איינגאנצן און זי האט מיר אנגעהויבן געבן א לעקציע אין פראקטישער אנאטאמיע. איך בין געווען גוואלדיק אויפגערעגט, האט זי אן גרויסער מי געווירקט אויף מיר, אז איך זאל דורכפירן דעם אקט, וועלכער האט געמאכט אויף מיר א גוואלדיק שטארקן איינדרוק. דערנאך האט זי זיך צוגעטוליעט צו מיר, ארומנעמענדיק מיך און דריקנדיק צו זיך. וויסנדיק אז קיינער וועט זי ניט חושד זיין, און אז א אינגל אין דעם עלטער וועט זי ניט מעוברת מאכן, האט זי ניט איינמאל איבערגע׳חזר׳ט די דאזיקע מאניפולאציע, במשך פון חער גאנצער צייט. וואס איך האב פארברענגט אויפן דארף. איך האב זיך געפילט אויסערגעוויינלאך פארמאטערט און האט זיך געפונען אין א צושטאנד פון כסדר׳דיקן גייסטיקן קאנפליקט. איך האב זיך שוין שפעטער ניט באגעגנט מער מיט דער דאזיקער פרוי, אבער יארן לאנג האב איך אפט זיך דערמאנערט אן חער דאזיקער געשעעניש, מיטן געפיל פון א געווויסער בושה און לוסט. איך האב זיך אפט אליין געפרעגט, צי איך וועל ניט אמאל משוגע ווערן צוליב דעם“.

אן אנדער פאציענט וואס האט געליטן אויף א געשלעכטלאכער אפשוואכונג אויפן געביט פון פלאגעלאציע, (ד. ה., ווען דאס ארגאזם געפיל איז ענג פארבונדן מיט שמייסן דעם שותף), האט דערציילט, אז זייענדיק זעקס יאר אלט, האט ער זיך פארמאכט אין א פולשטענדיק פינסטערן קלאזעט, וועלכער איז געשטאנען ביים צימערל פון דער באנע און איז געווען אפגעטיילט פונם דאזיקן צימערל מיט א שויבן־טיר. דערווייל איז די באנע אריינגעגאנגען אין איר צימער און האט זיך אנגעהויבן אויסצוטאן. דאס אינגל וועמען זי האט ניט געזען האט זיך צוגעקוקט, זייענדיק שטארק גערירט פונם דאזיקן אומגעריכטן בילד. אין א געוויסן מאמענט האט זיך די באנע אוועקגעלייגט אויף איר בעט און זיך אנגעהויבן צו אנאניזירן. ווען עס איז געקומען דער מאמענט פונם ארגאזם, און די באנע האט אנגעהויבן צו קרעכצן, — האט דאס אינגל, זייענדיק שרעקלאך אויפגערעגט, מיט עפעס אן אומפארזיכטיקער באוועגונג צופעליק אומגעווארפן א גאנצן שטויס פודעלאך, וואס זיינען געלעגן ניט ווייט פון אים. די באנע, אלארמירט צוליב דעם דאזיקן טומל, איז צוגעלאפן א ניט אנגעטאנענע, צו דער אוביקאציע, ארויסגעשלעפט פון דארטן דאס אינגל און, א דערצארנטע, האט זי אים געגעבן עטלאכע גוטע קלעפ. דאס אינגל האט זיך געווערט און געריסן, בעת זי האט געהאלטן זיין קאפ פעסט צוהעדריקט צווישן אירע פיס. אבער אונטערן איינפלוס פון די באקומענע קלעפ האט ער דערפילט א מאדנעם גוואלדיק שטארקן תאווה געפיל. די באנע, דערשרעקנדיק זיך פאר די געשרייען פונם קינד, האט אנגעהויבן צו בארואיקן און איבערצורעטן אים, אבי ער זאל גארנישט ניט זאגן. און דאס אינגל, אויסנוצנדיק

די סיטואַציע, האָט זיך געלאָזט אויף אַ פּשוט'ן שאַנטאַזש : די באָבע האָט אים דערנאָך געמוזט גיט איינמאָל כאַפּן און צוטוליענדיק זיין קעפּל צו איר בויך, לייכט שלאָגן אים. שפּעטער האָט מען די דאָזיקע באָבע אָפּגעזאָגט. אָבער די דאָזיקע פּאַסירונג איז געווען די התחלה פון דער געשלעכט־לאַכער אָפּווייכונג, צו וועלכער דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט ביים דר. געזוכט אַן עצה.

דר. פּ. וואַשע דערציילט אַזאַ פאַל פון זיינעם אַ פּאַציענט : "אַלס ניין־יאָריק אינגל איז ער געווען אַן עדות פון אַ געוויסער סצענע וועלכע האָט אויף זיין גאַנץ לעבן דעצידירט זיין געשלעכטלאַכער פּערווערזיטעט. ער האָט זיך געפונען אין דער געזעלשאַפט פון דער גרעפין עקס. וועלכע ער האָט פאַרערט צוליב איר שענקייט און צוליב אירע פּרעכטיקע פוטער־קליידער. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער, אַנטוענדיק איר די גאַרנאַסטאַי־פּאַנטאָפּעלאַך, אַ קוש געטאָן איר אין פוס אַריין. זי האָט אים דערפאַר געטאָן אַ קלאַפּ וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ גרויסן תענוג. מיט אַ צייט פריער, שפּילנדיק זיך אין "באַהעלטעניש". האָט ער זיך באַהאַלטן הינטער דעם מלבושים־הענגער אינעם צימער פון דער גרעפין. פּלוצלונג קומט אַריין די גרעפין אין דער געזעלשאַפט פון איר געליבטן; זי זעצט זיך אַוועק און הויבט אים אָן צו צערטלען. אין אַ ווײַלע אַרום קומט אַריין אין צימער דער גראַף אין דער געזעלשאַפט פון צוויי פריינט זיינע. די גרעפין שפּרינגט אויף פון איר אָרט, און זי גיט אים אַזאַ שטאַרקן זעץ אין פּנים אַריין, אַז דער גראַף פאַלט אום אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיקטער. די גרעפין כאַפּט אַ שפּיצרוט און דער האַנט אַריין און מיט דער דאָזיקער שפּיצרוט טרייבט זי אַרויס פון צימער אַלע דריי הערן; דער געליבטער אַנטלויפט, דערווייל האָט דער מלבושים־הענגער זיך איבערגעדרייט, אַנטפּלעקנדיק דאָס אינגל, וואָס איז הינטער אים באַהאַלטן. די גרעפין האָט אים דערזען, אומגעוואָרפן אים אויף דער ערד און אָנגעהויבן אים שלאָגן, אַרויפשטעלנדיק די קני אויף זיינע פּלייצעס. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן גענוס. אין דעם מאָמענט איז דער גראַף צוריק אַריינגעקומען, וועלנדיק איבערבעטן זיין ווייב — און זי האָט אים געשמיסן מיט דער שפּיצרוט איבערן פּנים. פון דעם מאָמענט אָן איז ער געוואָרן דער קרבן פון אַ טאָפּלטער ליידנשאַפט : צו פוטער און צו שמיץ. אויף דער קושעטקע האָט ער כסדר געהאַלטן אַ דאַמען־פוטער, וועלכעס ער האָט געצערטלט פון צייט צו צייט. שפּעטער, נאָכן דורכמאַכן דאָס מיליטער־דינסט און נאָכן אַרויסגעבן עטלאַכע ראָמאַנען, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונג און גאַנץ אָרים מיידל. אין אַ קורצער צייט נאָך דער חתונה האָט ער געפאָדערט פון זיין ווייב, אַז זי זאָל אים שמייסן; זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן; דאַמאָלסט האָט ער געהייסן דער באָבע, אַז זי זאָל אים שמייסן. מ'האָט יענע באָבע אָפּגעשאַפט, אָבער ער האָט באַוויזן נוטה צו זיין דאָס ווייב זיינס, אַז זי זאָל אים יעדן טאָג שמייסן. און גע־פּועל'ט ביי איר האָט ער דאָס מיטן אויסרייד, אַז דאָס איז אים נויטיק

צו אונטערהאלטן זיין ליטעראַרישע שעפערישקייט. נאָכדעם האָט ער געפאָדערט פון זיין ווייב, אַז זי זאָל אים פאַראַטן מיט אַנדערע ! ס'איז אפּילו דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט איר אַליין פאָרלייכטערט די צוזאַמענקונפטן מיט פרעמדע מענטשן. ער האָט זי אויסגעפּוצט צו דער דאָזיקער צערעמאָניע און זי אַליין אָפּגעפירט אינם צימער וואו עס האָט שוין געוואַרט יענער "דריטער". ווען ניט די עפּיזאָדן צו 3, 4 יאָר אַלט, צו 6 יאָר, 10 יאָר, וואָלטן די מענטשן, וואָס האָבן עס דורכגעמאַכט ניט געווען צערייצט ביז משוגעת, און זייער גאַנץ לעבן וואָלט אפשר געגאַנגען אויף אַנדערע דרכים. אַזוי דעצידירנדיק זיינען די קלענסטע עפּיזאָדן אין קינדס לעבן.

ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַל, וואָס וו. מעקדוגאַל ברענגט : אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש, אַ פאַרהייראַטער, וואָס האָט געפירט אַ שיינעם פאַמיליען לעבן, האָט זיך ביז משוגעת פאַרליבט אין אַ פּראָסטער פויערטע, מיט אַן אמת גראָבן און פּראָסטן אויסזען (רויטער פּנים, רויטע הענט). נאָך לאַנגע אונטערזוכונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטורעם צו אַזאַ געשמאַק האָט געפירט אַן עפּיזאָד אין דער גאָר פריסטער קינדהייט — אַ פּראָסטע, גראָבע, רויט־פּנים'דיקע פרוי האָט אים געבאָדן און ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן לוסט געפיל, וואָס ער האָט איבערגעלעבט בעת'ן יענעם באָדן. אין דער יוגנט הויבן אָן די שדים אָן צו שטורעמען און צו נערווירן דעם יוגנטלאַכן.

אויך די יוגנט קאָן מען צעטיילן אויף דריי פּעריאָדן : די פריע יוגנט (פון אַרום 13-15 יאָריקן עלטער), די מיטעלע יוגנט (פון אַרום 16-18 יאָריקן עלטער) און די שפּעטערע יוגנט (ביז אַרום 24 יאָר אַלט). די הויפּט כאַראַקטער שטריכן אָבער פון דער יוגנט זיינען כמעט אַלגעמיין פאַר אַלע דריי פּעריאָדן גלייך.

"די יוגנט, לערנט סטענלי האָל, איז בכלל אַ צווייטע געבורט. מחמת אין דער צייט צעוואַקסן זיך, ווערן געבוירן אינם קינד די העכערע און קאָמפּליצירטערע נשמה שטריכן". אויך פיזיש צעוואַקסט זיך דאָס קינד אָמשטאַרקסטן אין דער צייט. דאָס שטייגן אין וואָג, וואוקס און הויך גייט אָן מיט אַ שטאַרקערן טעמפּאָ. צו דער צייט וואַקסט ס'קינד "ווי אויף הויוון" — דאָס דערקלערט זיך מיט דעם שטאַרקן טעמפּאָ אין וואוקס פון די פיס — און לענדן — ביינער: די מוסקולן קאָנען ניט אָניאָגן אין וואוקס די ביינער ווערן זיי לויזער. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אין דעם עלטער קאָן טאַקע אַ קינד ניט האַלטן גלייך דעם רוקן: דאָס מאַכט ס'קינד מיד. די לאַנגע דויערט אָבער ניט לאַנג. ס'קינד קומט צו זיך, עס הויבט אָן צו גיין מיט אַן אויסגעגליכענעם רוקן און איז שוין ניט מער אַזוי מיד. מחמת דעם שטאַרקן וואוקס פון די מוסקולן, ביינער, און דער פאַרשטאַרקטער פונקציאָנירונג פון די דריזן; קריגט, ספּעציעל אַ מיידל,

צו דער צייט א ווילפישן אפעטיט. א מיידל קריגט אין דעם עלטער צו א סך מער וואג ווי א אינגל.

אויך דאס הארץ הויבט אין דעם עלטער אן פלוצלונג שטארקער צו וואקסן ווי די ארטעריעס. דאס ברענגט אריין געוויסע שטערונגען אין דער צירקולאציע פונם בלוט. מיט דעם דערקלערט זיך, וואס קינדער אין דעם עלטער ליידן פון קאפווייטיק, וואס ס׳גייט זיי אפט בלוט פון נאז, וואס הענט און פיס זיינען ביי זיי אפטמאל קאלט. די שטערונגען אין בלוט־צירקולאציע פירט צו דעם, וואס זיי קריגן דעם אזוי גערופענעם ״קאפריז־נעם אפעטיט״ — אדער זיי עסן אן אויפהער, אדער זיי פארלירן אינגאנצן דעם אפעטיט; אדער זייער עסן באשטייט אין ״שלינגען״, ממש שלינגען, זיסע זאכן.

דער חוש הריח און חוש הראיה ווערן אין דער מיידל, למשל, צו דער צייט זייער שטארק אנטוויקלט — מיט דעם דערקלערט זיך וואס א מיידל צו דעם עלטער האט זיך ליב צו פוצן אין א סך קאלירן און האט ליב צו באגיסן זיך מיט פארפיום. צו דער צייט אנטפלעקט זיך אין א מיידל א טאלאנט צו מאלן, ווי בכלל צו דער נאטור. מארגנרויט, ריינער הימל, שיינער זון אונטערגאנג, בערג, שטילער טייכל — דאס אלץ ברענגט אריין א מיידל אין העכסטן עקסטאז פון פרייד. א סך מיינען אז דאס איז פאזע — ביין, דאס זיינען נײַ אויפגעקומענע, נײַ געעפנטע געפילן.

סאציאלע אינסטינקטן בליען זיך אזוי ווי פלוצלונג אויך שטארק פאנאנדער צו דער צייט. ס׳דערוואכט די ליבע, ס׳דערוואכן שטימונגען, און די וועלט הויבט אן צו שיינען נײַ. ס׳אנטוויקלט זיך אן אינטערעס צום לעבן פון דערוואקסענע, זעלבסטבאוואוסטזיין און אמביציעס שטייגן. די גאנצע צוקונפט פונם קינד ווענדט זיך אן דעם ווי די נײַע כוחות ווערן געווענדעט. גיט צו דעם צו, וואס אין דעם עלטער זיינען קינדער קרענקלאך נערוועז ניט לאגיש, אין זייערע פארלאנגען, פאר׳עקשנ׳ט, רעדן היציק, ווערן גרינג אויפגעזאדן, זיינען רייצבאר און אימפולסיוו, גיט דאס צו און איר קאנט זיך פארשטעלן וואס פאר א שטורעמדיקע צייט דער עלטער איז פארן קינד.

נו, איז א וואונדער, וואס אין דער צייט טרעפט זיך די גרעסטע צאל נערוון צוזאמענברוכן, די גרעסטע קאטאסטראפעס, זעלבסטמאָרדע, זעבארע און ניט־זעבארע, טיף אין נשמה פונם יונגטלאכן. א קליניקייט, ס׳הויבן זיך דאך אן פאנאדערצובליען בײַיע געפילן, צו הונערן נײַע בייזע שטורעמס ! די זאמען פון א נעווראזיס ליגט און שלאפט אין יעדערן פון אונז פון דער פריסטער קינדהייט אן; זאגט טאקע דר. קלארענס הינקס : היילן א קראנקן און ניט אינטערעסירן זיך מיט זיין קינדהייט, מיט זיינעם א דורכפאל אין לעבן, אנטוישונג, ארבעטלאזיקייט, אומגליקלאכע הייראט, א פארמאן א

טיראַן, איז אַן אומזין". די שטורעמס שטורעמען אויף די פאַרלייגטע נעוור־ראַזיסזאַמען.

יעדער בעל חי מאַכט דורך אַ פּעריאָד פון רייף ווערן. דאָס באַשע־פעניש קריגט צו דער צייט אַלע פסיכישע און פיזישע כאַראַקטער שטריכן פון זיין מין. ביי די באַשעפענישן, וואָס פירן באַשטענדיקע אָדער ניט באַ־שטענדיקע מלחמות און קאַמפן, וואַקסן זיך פאַנאַנדער אויף זייער קערפּער אין פּעריאָד פון רייף ווערן, די מיטלען מיט וועלכע זיי פאַרטיידיקן זיך אָדער באַפאַלן; הערנער, נעגל, פאַנגציינער א. א. דער מענלאַכער געשלעכט דריז און געשלעכט אָרגאַן ווערט 8 מאָל גרעסער (2 מאָל ברייטער, 2 מאָל לענגער און 2 מאָל דיקער); די גריווע ביים לייב, ביים ווילדן אַמעריקאַנעם אָקס, ווערט בליטשענדיק שענער; ביים "ער" פייגעלע די שיינע פעדערן. דאָס קול'כעלע פאַרן געזאַנג, די שאַרפע "ספּורס". ביים מענטשן צע־וואַקסן זיך איבערן גאַנצן קערפּער האָרזעקעלאַד, וואָס האָבן דעם כוח זיך פאַנאַנדערצוואַוואַקסן אין האָר, דאָס קול ביים אינגל ענדערט זיך, ווערט מער מענלאַך. ס'וואַקסן זיך פאַנאַנדער די ביינער, דער ברוסט קאַסטן, הארץ, לונגען און מוסקולן : מיט דעם, ווי פריער שוין דערמאָנט, וואָס די מוסקולן וואַקסן פאַמעלאַכער פאַר די ביינער. דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אין דעם עלטער איז שווער דעם קינד צו האַלטן זיין רוקן און פלייצעס גלייך. עס ווערט גיך פאַרמאַטערט, און עס ווערט פויל. די נאַטור האָט דאָ אויך פאַרזאָרגט. — זאָל ס'קינד זיין פויל און ווייניקער זיך אָנשטרענגען אין דעם עלטער. לערער און עלטערן מעגן דאָס וויסן. זעט איר, צו 17 יאָר דאַרף עס דווקא וואָס שווערער און וואָס מער אַרבעטן, מחמת די מוסקולן צעלייגן זיך איבערן קערפּער און גיסן זיך אָן מיט זאַפט.

די געשלעכט דריזן וואָס וואַקסן זיך פאַנאַנדער צו דעם עלטער האָבן אַ דאָפּלטע פונקציע. זיי גרייטן צו קעמערלאַך צו רעפּראָדוצירן זייער מין, און אַ פליסיקייט, וואָס גיסט זיך דירעקט אַריין אין בלוט, ווערט צעטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער, און פאַראורזאַכט די פאַנאַנדערבליאונג פון די וויכטיקסטע, דופּטיקסטע, הערלאַכסטע כוחות און ווערטן. דאָס קינד ווערט ביים אַריינשפּאַנען אין דעם פּעריאָד פון דער יוגנט פיזיש און גייסטיק געענדערט. ס'בליען זיך פאַנאַנדער נייע געפילן, פריידן, פאַרלאַנגען, אַספּיראַציעס, עס עפענען זיך נייע האָריזאָנטן. אָבער ניט גרינג קומט עס אָן דעם קינד — ס'לעבט איצט דורך פון דאָס ניי די שטורעמס פון דעם ערשטן פּעריאָד, פונם פּעריאָד פון דער פריער קינדהייט, מיטן אונטערשייד, וואָס דעמאָלסט האָבן די שטורעמס געבושעוועט אינם אומבאַוואוסטזיין נאָר כאַאָטיש

פריע יוגנט

(פון אַרום 13־14 יאָריקן עלטער ביז אַרום 15־16 יאָריקן עלטער)

דאָס איז דער פּעיאָד ווען די קינדער הויבן אָן צו פירן ליבעס. שטערט זיי ניט. די ליבעס אין דער צייט זיינען ראָמאַנטישע, שיינע, פול

מיט פאעזיע און הימל. די נאטור האט זיך דא ווידער, ווי א זארגפולע מוטער, נאכאמאל אריינגעמישט כדי צו סובלימירן דעם פאנארעוואקסנדיקן זיך סעקס אימפולס.

דר. איוואן בלאך שרייבט : "די סעקסואליטעט איז דורכאויס ניט פיינטלאך דער עסטעטישער באטראכטונג. שוין דער באוואוסטער פאקט, וואס צוזאמען מיטן דערוואכן פון געשלעכטס־לעבן דערוואכט אויך דער גייסטיקער שאפונגס־דראנג; וואס אין דער צייט פון געשלעכטס־רייפקייט ווערט יעדער יונגערמאן א דיכטער, רעדט פארן דאזיקן ענגן צוזאמענהאנג צווישן סעקסואליטעט און עסטעטישן געפיל". "ס'איז פאר מיר קיין שום ספק ניט", זאגט י. פאלקעלט אין זיין "עסטעטיק", "אז דאס דערוואכן פון געשלעכטלאכקייט אינם איינגל אדער אין דער מיידל איז גורם צו א באלעבונג און דערוואַרימונג פון קינסטלערישער עמפפינדלאכקייט. האנט אין האנט מיט דער ערשטער יוגנט־ליבע, לערך, אין 15טן אדער אין 17טן יאר, פארפיינערט זיך דער חוש פאר שענקייט פון דער לאנדשאפט, פארן כישוף פון דער דיכטונג, מאלעריי, מוזיק אין אזא מאס, אז אין פארגלייך דערמיט פארשווינדט כמעט אינגאנצן יעדע פריערדיקע סיבה פון טיפער איבערלעבונג און פריערדיקע גענוסן". "ערשט די זינלאכקייט גיט דעם לעבן פארב, שאפט די ניואנסן און סובטעלערע טאנאציעס פון די געפילן. אן איר וואלט דאס לעבן דערשיינען זייער גרוי, מאנאטאן. פרייד און שאפונגס־קראפט וואלטן געווען פארניכטעט, אדער וויניקסטנס רעדוצירט ביז א מינימום. אפילו די אידעאליסטישע ליבע מוז ציען איר יניקה פון דער זינלאכקייט, ווען זי וויל בלייבן שעפעריש און לעבעדיק. אן אינטערעסאנטער ביישפיל דערויף איז אנטא פאן דראסטע־הילפסהאף, א פרוי און דיכטערן, ביי וועלכער דער געשלעכטלאכער מאמענט האט אגב געווים געשפילט א זייער באשיידענע ראלע, אבער זי האט דאך פארלוירן יעדע דיכטערשע פאעיקייט, יעדע קינסטלערישע געשטאלטונגס־קראפט, בעת איר געליבטער לעווין שיקינג האט זיך פאר'קנס'ט מיט לואיזע פאן גאל. דער בלויזער געדאנק וועגן דער מעגלאכקייט פון א פיזישן באזיץ איז פאר איר געווען אן אנשפארונג צום דיכטן. ווען זי האט די דאזיקע מענלאכקייט אנגעווארן, איז איר מוזע פארשטומט געווארן". "אן אבסאלוט זיכערער באווייז פאר דעם ענגן צוזאמענהאנג צווישן סעקסואליטעט און עסטעטיק איז דער פאקט, וואס די גרויסע דיכטער און קינסטלער זיינען מערסטנטיילס דורכאויס זינלאכע נאטורן. די פריער דערמאנטע באציאונגען צווישן סעקסואל־דראנג און שאפונגס־דראנג, באצייכנט דורך סאנטלוסן אלס "פונקציע־דראנגען", טרעטן באזונדערס דייטלאך אויף ביים קינסטלער. ביי די דאזיקע קינסטלערישע נאטורן איז דאס עסטעטישע עמפינדן געפארט מיט א גליענדיקער זינלאכקייט, וואס פארדאנקט אירע מעכטיקסטע אימפולסן דער שענקייט. מיר זיינען מסכים מיט קראפטעבינג, וועלכער גלויבט ניט אין דער מעגלאכקייט פון אן עכטער קונסט און פאעזיע אן סעקסועלן יסוד" (בלאך). ניטא וואס צו פאר'מיאוס'ן דעם

דאָזיקן געפיל. מיטן דערהויבן די נשמה פונם קינד ווערט דאָס סעקס געפיל אויך דערהויבן, פאַרפיינערט און געהייליקט. בעת פאַרן פאַר'מיאוס'ן צאָלט מען מיט פאַרקריפּלונג און בלוטיקע ליידן.

יאָ, די פריע יוגנט איז די צייט, ווען דאָס קינד טרעט אַריין אינם פעריאָד פון רייף ווערן און באַגלייך מיט דעם אינם פעריאָד פון שטייגן גייסטיק. דאָס איז דער פעריאָד, ווען דער אינטערעס צום קעגנגעזעצטן געשלעכט הויבט אָן צו ווערן שטאַרקער און וואַרימער. דאָס איז די צייט, הייסט עס, ווען קינדער "שפּילן" אין ליבעס. ניט זייער דויערהאַפט זיינען דאָס רוב די דאָזיקע ליבעס. מען איז זיך אַזוי צו זאָגן, ניט לאַנג געטריי, מען שפּרינגט פון איין אָביעקט אויפן צווייטן, אָבער מען איז "פאַרקאָכט". מען איז אייפערזיכטיק, מען פירט אינטריגעס, מען נעמט נקמה אָן ניט־געטרייע; מען רעכנט זיך מיט דער עפנטלאַכער מיינונג, מען וויל זיך אויסצייכענען אין זיינגען, דעקלאַמירן, ספּאָרט, לערנען, מען וויל נאָר געפעלן, מען ווערט גוואַלדיקע אידעאַליסטן, מען רעדט מיט היץ וועגן עטיק, מאָראַל, סאָציאַליזם, ציוניזם, ס'טרעפט אפילו אַז מען ווערט פרום, איבערנאַטרלאַך מאָראַליש; הינטער דעם אַלעם ליגט זיך אַזוי דער סעקס געפיל און שמייכלט. אַט האַלט אַ בחור'ל אַ לעקציע פאַר זיין קלוב, וועלכן ער האָט געגרינדעט מיט מאָראַלישע צוועקן, איבער דער טעמע "וואָס איז עס אַזוינס אַ קוש" און ווייזט אָן מיט היץ, מיט ברען חעם פאַרברעכן פון דעם דאָזיקן אַקט קעגן סאָציאַליזם, קעגן ציוניזם, מחמת ס'רייסט אָפּ די יוגנט פון דערפילן איר חוב צום פאָלק, צום קלאַס, אָדער צום לאַנד און די "ליבידאָ" (דער כוח, די טרייב־קראַפט, די ענערגיע פון סעקס געפיל), ליגט זיך אַזוי און רויכערט אַ סיגאַר, שמייכלט און טראַכט, "גאָטס וועלט איז גרויס און הערלאַך — אין וואָס פאַר אַ שיינע קליידער זיי טוען מיך אָן, אין וואָס פאַר אַ שיינע קאָלירן זיי פוצן מיך אויס — אַ לעבן אויף זיי".

יאָ, ווידער אַמאָל די נאַטור. די נאַטור האָט זיך דאָ ווידער אַמאָל, ווי אַ געטרייע מוטער, אַריינגעמישט און באַזאָרגט דעם קינד מיט דער פייאַקייט צו סובלימירן, דערהויבן, פאַרהייליקן די סעקס געפילן, וואָס הויבן זיך אָן צו צעשטורעמען אין דער נשמה פונם קינד, און צו דערדריקן (אמת, ניט אָן שלעכטע פאָלגן) דעם דראַנג צו אָנאַניזם. (אָגב מעגן מיר וויסן, אַז דער רוב ליגט די סיבה אין אָנאַנירן ביי מיידלאַך אין בייסעניש. וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך ווערים (קליינע רונדע גייצן) וועלכע קריכן אַריבער פון הינטערשטן דורכגאַנג אויף די געשלעכטלאַכע אָרגאַנען. ביי אינגלאַך קומט עס דאָס רוב פון דער פאָלגנדיקער סיבה: דער געשלעכט אָרגאַן ביים מאַן באַשטייט פון דעם הויפּט־אָרגאַן, דעם זאַק און די צוויי געשלעכט דריזן אין דעם זאַק. דער הויפּט געשלעכט אָרגאַן באַשטייט פון צוויי אויפשטעלנדיקע זיך קערפּערס, וואָס פאַרמאָגן אַ גאַנצע ריי בלוט קאַנאַלן, וועלכע פילן זיך אָן מיט בלוט און מאַכן אויף אַזאַ אופן דעם געשלעכט אָרגאַן האַרט און שטייענד אויף אַרויף, וואָס מאַכט אַ דריי ווינקל

פון אומגעפער 60%. — אונטער די צוויי קערפּערס און צווישן זיי געפינט זיך די אורעטראַ, דער אורין קאַנאַל, וואָס ציט זיך פון אורין בלאָז זאַק ביזן שפּיץ פונם הויפּט אָרגאַן. די הויט פון דעם קעפּל פון דעם הויפּט אָרגאַן איז ביים קינד איבערגעצויגן מיט אַ צווייט הייטל, די פאַרהויט פון דער מילה, ווען דער מענטש פלעגט גיין נאַקעט פלעגט דאָס דאָזיקע הייטל פאַרדעקן די צאַרטע הויט פונם קעפּל פונם אָרגאַן. איצט איז עס ניט נויטיק. אונטערן הייטל זאַמלט זיך אָן אַ קעזיקע סעקרעציע פונם קעפּל — וואָס, ווען ניט גערייניקט, רייצט עס און פירט צו אָנאַניזם. די קליידער ווישן אָפּ די סעקרעציע איז דאָס קעפּל ווייניקער אופּרייצנד). יאָ, אין דעם עלטער פאַרנעמען זיך דאָס רוב קינדער 90% (ווינציקסטנס) מיט אָנאַניזם, מיט קינסטלאַך אַרויסרופן דעם געשלעכט גענוס) — יאָ, קינדער אָנאַנירן אָמשטאַרקסטן אין דעם עלטער. דאָס שטערט דעם פּראָצעס פון סובלימאַציע. די נאַטור פונם קינד צו זיין געזעלשאַפטלאַך פאַרקאָכט העלפט דעם קינד צו פאַרהייליקן און דערהויבן, צו נייטראַליזירן דעם סעקס דראַנג דורך געזעלשאַפטלאַך פליען אין די הימלען, מחמת די סובלימאַציע איז דער וויכטיקסטער תנאי פאַרן קינדס קולטורעלן פאַנאַנדערוואוקס.

מיר איז הונדערטער מאָל אויסגעקומען צו הערן און צו לייענען פון גאָר גרויסע אויטאָריטעטן, אַז אָנאַניזם, ווען מיט אַ מאָס, ברענגט קיין שאָדן ניט, און אויב יאָ, איז דער שאָדן אין פּראָפּאָרציע אַסך קלענער פאַרן שאָדן פון ניט אויסלאָזן דעם סעקס דראַנג. וואָס מיר איז ניט געפעלן געוואָרן איז די איין און די זעלביקע ראיה, וואָס יעדער געלערנטער ברענגט : ווען אָנאַניזם וואָלט געווען אַזוי שעדלאַך וואָלט אַ דריי פערטל וועלט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין משוגעים הייזער, מחמת מער ווי דריי פערטל קינדער אָנאַנירן. די ראיה איז אָבער קיין ראיה ניט. אפשר פירט אָנאַניזם זעלטן ווען צו אמת'ער משוגעת, אָבער, אַז דריי פערטל און מער פון דער מענטשהייט שטיקט זיך מיט שטריכן אין כאַראַקטער, וועלכע מען וואָלט באַדאַרפט היילן ווי משוגעים, איז ביי מיר קיין צווייפל ניט . . . און אפשר טראָגט דער אָנאַניזם צו דעם צו דעם גרעסטן חלק.

שרייבט דר. קראַוס (″מאַסטורביישאַנאַל נעוראַזים″), אַז די געוואוינהייט צו אָנאַנירן ווירקט שעדלאַך אויף די אינטעלעקטועלע כוחות פונם אינגל און פירט דעם קינד צו שפּעטערער אימפּאָטענץ, בעת ביי דער מיידל, שוואַכט די געוואוינהייט אָפּ אירע פיזישע און פּסיכישע כוחות. נעוראַסטעניע און אפילו פּסיכאָזים זיינען קראַנקהייטן, וואָס אָנאַניזם איז זייער סיבה. קראַפט־עבינג האַלט אויך אַז אָנאַניזם איז די סיבה פון פאַרשיידענע נעוראָזן. צווישן 28 שווערע פאַלן פון נעוראַסטעניע קראַנקע מענער וואָס דר. גאַטעל האָט אין קראַפט־עבינגס קליניק געהיילט, האָבן אַלע 28 זיך מודה געווען אַז זיי פלעגן, ווען קינדער, שטאַרק אָנאַנירן.

דר. האַנט דערציילט פון אַזאַ פאַל : אַ אינגל 6 יאָר אַלט, האָט ניט געקאָנט גיין מיט די פיס. ער פלעגט אין שלאָף תמיד אויסשרייען. דער צונג

איז ביי אים געהאנגען. אלע האבן אים באטראכט ווי אן אידיאט, אז מען האט ביי אים געפונען העם פענים (געשלעכטס־ארגאן) אויפגערייצט, האט מען זיך אנגעשטויסן, אז אפשר ליגט די סיבה פון אלע סיבות אין אנאניזם, און טאקע. דער דאקטאר האט געהייסן מל זיין ס'קינד. ער איז געזונט געווארן. זיכער האט די מוטער דא פארנאכלעסיקט די ריינקייט פונם פענום.

דר. לאלעמאנד דערציילט פון אזא פאל — דאס קינד פלעגט צו 9 יאר אלט שטארק מאסטורבירן (אנאנירן), און ווען עס איז רייף געווארן, פלעגט ער ליידן פון נאכטיקע פאלוציעס (אפלויפונגען פון זרע, 2־3 מאל א נאכט). ס'קינד האט ניט געקאנט באוועגן מיט די פיס — סיבה, מאסטורבאציע און די קעזיקע (ניט ריינע) פעטקייט אויפן פענים.

דר. ספיצקא שרייבט, אז ער האלט אז מעלאנכאליע, שטארקע שעמעוודיקייט, שרעקעוודיקייט, נעווראזיסן פארשיידענע, זיינען סיבות פון אנאניזם. אין דער שארפקייט פון אנאניזם איז אויך אונזער ציוויליזאציע שולדיק. — אונזער ניט נאטירלאך לעבן, אונזער פארשווענדערישקייט מיט אונזער געזונט, אונזער מאנאטאנקייט, ליידיקייט און גייסטיקע פוסטקייט, שלעפט ממש, שלעפט דאס קינד צום אנאניזם. ס'פעלן אונז גייסטיקע וויטאמינען.

העלפן קאן דא נאר א סאציאליסטישע געזעלשאפט וואס וועט דערהויבנדיק ס'לעבן סובלימירן אונזערע סעקס געפילן, וואס וועט דערהויבן דעם מענטשן, און מעגלאך מאכן אים צוריקקערן זיך צו א נאטירלאכן אופן פון לעבן. אבער שוין היינט קאנען קאלטע בעדער, פאסיקע דיעטע, חבר'ישקייט און ווארימקייט מצד עלטערן, א סך העלפן. ס'קינד דארף זיין גייסטיק פארנומען, דארף פארנעמען זיך מיט פארכאפנדיקע פאר אים טעטיקייטן.

פראפ. שניאורסאן שרייבט אזוי: ״ביים אויספעלן פון אינדיווידועל נויטיקן שפיל ווערט פארמינערט די קאנטראלירנדיקע שפאן־קראפט. און דאס קינד קאן ניט באהערשן די באהאלטענע נעווראטישע אדער אנטיסאציאלע אימפולסן, וואס ווערן דינאמיש אויסגענוצט כדי צו דעקן דעם שפיל דעפיציט. סיי די נעווראטישע, סיי די אנטי־סאציאלע אימפולסן ווערן דורך אפטער איבער'חזר'ונג א צוואנג־געוואוינהייט, א פרימיטיווער צוואנג שפיל פון איבערגעלאדענע כוחות. מען קאן זיי אונטערשיידן אלס נעוראטישע און אנטי־סאציאלע צוואנג־שפילן, וואס זייער טיפערע באדייטונג וועט נאך אונטן באשריבן ווערן. דאס געזאגטע לאזט אונז אויפקלערן מאנכע דערשיינונגען ביים אנאניזם, וואס איז א פרימיטיווער סעקסועלער שפיל מיט דעם געשלעכטס־ארגאן. מען פלעגט תמיד מיט געוויסן דערפאלג באהאנדלען דעם אנאניזם ביי קינדער דורך אריינציען דאס קינד אין באוועגלאכע גרופן־שפילן. אין משך פון טאג איז דאס קינד פארנומען (״צע־

שטרייט") דורך די באוועגלאכע שפילן, אין אונט איז דער שפיל־דראנג פארן טאג שוין אויסגעשעפט, און דאס קינד ווערט נארמאל איינגעשלאפן. אויך דא זעט מען באשיינפערלאך ווי שפיל און נעווראז בייטן זיך אפ, ווי נאר ביים אויספעלן פון צעשטרייענדיקע קאנסטרוקטיווע שפילן קומט דער פרימיטיווער שפיל פון אנאניזם. דאס איז א קאמפענסאטארישער אנאניזם. ניט נאר קינדער מיט גרעסערן שפיל־דראנג, נאר אויך נארמאלע קינדער קאנען ביים אויספעלן פון נאטירלאכן שפיל, ביי לאנגווייל אנהויבן אנאנירן. אבער אויך דא וועלן מיר זען דעם פריער באטאנטן אונטערשייד. ביי נארמאלע קינדער קומט דער אנאניזם ווי א נויט־אויסוועג, מערסטנס דורך נאכמאכונג פון אנדערע קינדער, אדער גאר דורך פארפירערישער רייצונג פון דערוואקסענע (מאנכע נערוועזע דערוואקסענע האבן די פאררייצונג פון דערוואקסענע בעכערישע נייגונג צו אנאנירן אויף דעם קינדס געשלעכטס־ארגאן). אין פיל פאלן אבער קומט דער אנאניזם אין די פריסטע קינדער יארן, פון זיך זעלבסט, אן וועלכער ס'איז זייטיקער ווירקונג. מיר האבן באאבאכטעט דייטלאכע פאלן פון אנאניזם ביי קינדער פון 1־2 יאר, אזוינע פאלן זיינען אויך באשריבן געווארן פון אנדערע. ביי פרי אנאניזם, לאזט זיך דורך גענויער נאכפארשונג פעסטשטעלן, אז איינער פון דעם קינדס עלטערן ליידט נאך איצט אדער האט וויניקסטנס א צייט פריער געליטן פון אנאניזם. מיר האבן דא צו טאן מיט א ירושה'דיקער סוקסועלער דיספאזיציע. די ספאנטאנע רייצבארקייט פונם געשלעכטס־ארגאן לאקט צום אנאניזם, וואס איז אזוי ארום א שטענדיק גרייטער און לייכטער אויסוועג פאר דעם שפיל־דראנג ביי דער מינדסטער מניעה פון א נאטירלאכן שפיל לאזט זיך דאס קינד לאקן פונם דיספאנירטן אנאניסטישן שפיל. פיל מאל איבערגע'חזר'ט, ווערט דער אנאניזם א קרענקלאכע צוואנג־געוואוינהייט, א דיספאסיטיווער אנאניזם. ווי ביים נעווראטישן און אנטיסאציאלן, אזו אויך ביים סעקסועלן צוואנג שפיל, מוז מען ניט נאר דורך צעשטרייענדיקע שפילן באזייטיקן די ערשטע סיבה, דעם שפיל דעפיציט, נאר אויך שטרענג סיסטעמאטיש דורכפירן א כסדר'דיקע אנווענדונג פון יענע שפילן, אז איבערהויפט, ביז דאס קינד וועט זיך אפגעוואוינען". יא, דאס אויספעלן פון שפיל, פון אקטיוויטעט פירט צו לאנגווייל צו נערוועזיטעט. און אנאניזם איז דאס רוב א רעזולטאט פון נערוועזיטעט.

האלט אבער דער צווייטער געלערנטער מאל, אז די סיבה פון אנאניזם ליגט אין קינדס מינדערווערטיקייט געפיל, וואס נערווירט אים. ער זוכט צו אנטלויפן פון זיך. ברענגט ער שאדן? זאגט דר. ל. פרידלאנד אז "דער דייטשער געלערנטער מאל, א באוואוסטער פארשער אויף דעם געביט, האט זיך פאראינטערעסירט מיטן גורל פון זיינע מינדערווערטיקע פאציענטן. עלטערן פלעגן ברענגען צו אים קינדער־אנאניסטן. דער פראפעסאר האט געגעבן אנווייזונגען. באשטימט די אדער יענע קוראציע. ער פלעגט זיך צעשיידן מיט די דאזיקע קינדער נאכדעם, ווי ער האט פעסטגעשטעלט ביי זיי א בעסערונג, און ער האט געוואלט וויסן, וואס מיט זיי

איז געוואָרן שפּעטער. ער האָט אויפגעזוכט א גרויסן טייל פון זיינע געוועזענע חולאים. פון דער קינדהייט האָט זיי שוין אָפּגעטיילט א צייט פון 15־20 יאָר. און וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן ? ער האָט באַגעגנט פלינקע מאַנסלייט און בליענדע פרויען. א סך זייגען שוין געווען מענער און ווייבער, א טייל — טאַטעס אָדער מאַמעס. מאָל איז טראַץ זיין דערפאַרונג, געווען איבערראַשט, ווי ווייניק ס'האָט זיך אָפּגערופן אויף די דאָזיקע מענטשן דער אָנאַניזם פון די קינדער יאָרן.

ס'איז אָבער ניט ריכטיק צו מיינען, אז דער אָנאַניזם איז א קלייניקייט. נאָך אים פּאָלגן טיילמאָל נעוראַסטעניע, אַן אָפּגעשוואַכטע פייאיקייט צו קאָנען זיך קאָנצענטרירן, שלאָפלאָזיקייט. אָבער ווי ווייט איז דאָס אַלץ פון יענע איינגעבילדעטע חולאת'ן, די פאַרשטעלונג וועגן וועלכע עס דערפירט טיילמאָל צו פאַרצווייפלונג און אפילו צו זעלבסטמאָרד?"

דר. וואַלטער זיגמייסטער, דער אוטאָר פון "סעקס און דיעטע" און דר. ד. סלאָנדעס, דר. עליאָט, לערנען אונז אז פּראָטעין־שפּייז און עסיד (זויערע) פּאָרמירנדיקע שפּייזן (ספּעציעל פלייש, פיש, קעז, אייער, אויל, נים), שטאַרקן דעם סעקס אימפּולס (דראַנג). די שפּייזן וואָס ברענגען אריין אין בלוט "אוריק עסיד" שטאַרקן דעם סעקס אימפּולס, מחמת אוריק עסיד רייצט די מוקום מעמבראַנס פון די געשלעכט אָרגאַנען. טיי און קאַפע געווירצן, טאַבאַק, אַלקאָהאָל, בשמים, האַלט דר. זיגמייסטער אויך פאַר סעקס סטימולירנדיקע שפּייזן. פאַרקערט, פרוכט, גרינס, קאַרטאָפל, מילך, רעדוצירן דעם געשלעכט דראַנג, די רייצונג. דאָס מעג מען וויסן כדי צו באַקעמפן אויף א געהיימען אופן אָנאַניזם אינם קינד. האַוועלאָק עליס שרייבט : "די איירישע פּויערים, וואָס די הויפּט שפּייז זייערע איז בולבעס האָבן א גאָר קליינעם סעקס דראַנג" ("שטודיומס אין פּסיכאָלאָגיע פון סעקס"). שרייבט טאָלסטאָי אין זיין קרייצעראָווא סאָנאַטע : "מיר, וואָס עסן אַזויפיל פלייש, פיש, און אַנדערע אויפרייצנדיקע שפּייזן, רייצן זיך נאָר סעקסועל אויף". און טאַקע אין די עלטסטע צייטן פלעגן די מצרישע גלחים ניט עסן קיין פיש כדי צו שטילן דעם סעקס דראַנג, אפשר ליגט דער סוד פון "פאַסט", ביי די רוסן ניט עסן אין משך פון וואָכן און וואָכן פלייש, פיש א. א. וו. אין שטילן דעם סעקס דראַנג. יאָ, אין דעם פּעריאָד אָנאַנירן קינדער אַמשטאַרקסטן. שרעקט זיי ניט מיט דעם, מאָלט ניט קיין פינסטערע בילדער. דאָס קאָן דערשלאָגן ס'קינד. ווירקט דורך קולטורעל פאַרכאַפּן ס'קינד, דורך אַקטיוויזירן אים, און דורך דיעטע. מיט ספּאָרט אליין קאָן מען ווייט ניט גיין. "קום שפּילן פוטבאָל און ד ו וועסט פאַרגעסן אַלע צרות", מיינט "קום צום באַרבאַריזם", (מעריק ביט). מחמת אַלע ספּאָרטן טראָגן אַן אַזאַרטן (נערווען־ברעכערישן) כאַראַקטער, מאַכן גייסטיק מיד און לכן פירן נאָר אין דער אמת'ן צו אָנאַניזם. א סך ערגער זייגען די "פּעטינג" סעודהלאַך (וואָס זייגען לעצטנס גאַנץ פּאָפּולער, און אויף וועלכן מען קאָן זיך דערלויבן מער ווי געוויינטלאַך), זיי זייגען סם־המות פאַר דער סובלימאַציע און פירן צו אָנאַניזם.

דער חראָנג צום געשלעכטלאַכן אַקט איז האָד ניט נאָר די סיבה פון דעם, וואָס די געשלעכט הריזן האָבן זיך אָנגעגאָסן, אַ דאַנק אינערלאַכע און אויסערלאַכע רייצער, מיט זאַפטן, וואָס רייסן זיך אויף אַרויס. דער דראַנג איז האָד אויך אַ הויכער נשמה אויסברוך פון ווילן געבן, פאַרשאַפן פרייד דעם געליבטן, פון זיין מיט אים וואָס נענטער. דער דראַנג איז דאָד אויך אַן אויסדרוק פון דער בענקשאַפט נאָד שפּיל, נאָד באַגייסטערונג, נאָך פרייד און פאַרגעטערונג. דער דראַנג עפנט דאָך דעם טיפסטן רעזער־וואואר פון שאַפונג, און מחמת דעם איז ס'קינד צו דער צייט אומגעדולדיק, צערייצט און גוואַלדיק אומרואיק. די משוגע'דיקסטע אידייען פאַלן צו דער צייט אים איין און מוזן גלייך פאַרווירקלאַכט ווערן. אַנדערש קומט צו די גוואַלדיקסטע סקאַנדאַלן, אָבער מאָרגן . . . מאָרגן ווערט ער צו זיי קאַלט און פאַרוואַרפט זיי גאָר.

צו דער צייט ווייל דאָס קינד גוואַלדיק מען זאָל אים זען, מען זאָל אים הערן, מען זאָל אים אויסקלייבן, מען זאָל פון אים האַלטן, מען זאָל זיך רעכענען מיט אים, און ספּעציעל זאָל עס טאָן יעדער פון צווייטן געשלעכט. דאָס איז אָבער אויך די צייט, ווען עס הויבט אָן אריינקוקן אין זיין אייגענעם "איך" (אינטראָספּעקציע), ווען ס'צעוואַקסט זיך טיפער ענ־טוזיאַזם צו אידעאַלן, צו פּאָעזיע. אַט אַזוי קומט די נאַטור צו הילף, אַרויס־רופנדיק אויסערגעוויינלאַכע שטורעמס, וועקט זי אויך גלייכצייטיק גייסטי־קע כוחות, די דאָזיקע שטורעמס צו ריכטן לטובת דעם קינד.

די פריע קינדהייט איז אויך די צייט ווען מיידלאַך קריגן זייער מענסטרואַציע. ווען אַ מיידל קלאָגט זיך, אַז ס'ציט איר אין די לענדן, אַז איר באַמערקט, אַז ס'קריגט טונקעלע רינגען אונטער די אויגן, אַז עס ווערט פלוצלונג אָן אַ פאַרוואָס רויט אין פּנים, אַז עס דריקט אין מאָגן, אַז די בריסט ווערן געשוואָלן, אַז ס'פילט אַ בייסעניש אין געשלעכט אָרגאַן, אַז ס'פילט שמערצן "אונטערן בויך" העכער עפּעס איבערן געשלעכט אָרגאַן, אַז דאָ איז איר קאַלט, און דאָ איז איר וואַרים, און ביי דעם אַלעם קריגט עס אַביסל טעמפּעראַטור, איז ווייסט, אַז דאָס זיינען סימנים, אַז ס'וועט די טעג קריגן די מאָנאַטלאַכע, און זעט עס צו טרייסטן, צו באַרואיקן א. א. וו.

מענסטרואַציע, מאָנאַטלאַכע רייניקונג ביי דער פרוי, האָבן פּרימי־טיווע פעלקער אויפגענומען ווי אַן אומגליק. אַ גייסט האָט אַ ביס געטאָן דעם געשלעכט ביי דער פרוי, פון דעם — בלוטיקונג. ניט נאָר האָבן זיי אין אַזאַ פאַל געהאַלטן די פרוי פאַר אומריין, זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומריין יעדע זאַך, וואָס אַ מענסטרואירנדיקע פרוי פלעגט אָנרירן. זי איז בעת'ן מענסטרואירן באַזייטיקט געוואָרן פון אַלעמען און פון אַלע אַרבעטן. זיי האָבן געהאַלטן אַז ס'איז געווען אַזאַ פרוי זאָל אָנרירן אַ בלום, און ס'בלום זאָל אָנהויבן צו וועלקן. ס'איז געווען אַזאַ פרוי זאָל אָנרירן שפּייז און די שפּייז זאָל גיך איבערגעפירט ווערן. אין דעם ליגט אַ שטיק אמת. דר. שיק

האט אין 1920 זיך איבערצייגט, אז די בלומען קראנצן, וואס זיינען אויסגעשניטן געווארן פון גארטן און באארבעט געווארן פון פרויען, וואס האבן צו יענער צייט געהאט זייער מאנאטלאכע, האבן גיך גענומען וועלקן. ער האט עס דערקלערט מיט א געוויסן סם, וואס שיידט זיך אויס פון דער הויט פון א מענסטרואירנדיקער פרוי. שפעטער האט לובין און מאסט באוויזן, אז ס'עקזיסטירט אזא "מענסטרואציע סם" אינם שווייס פון א מענסטרואירנדיקער פרוי, וואס פון דעם שווייס וועלקן אלע פלאנצן זייער גיך. פלעגן אזוינע פרויען ארומגיין ארום די בלומען מיט הענטשקעס פלעגט מען די אויבנדערמאנטע דערשיינונג ניט באמערקן. דעם דאזיקן סם האט מען שפעטער געפונען אין בלוט, אין שפייעכץ, אין מילך פון יעדער מענסטרואירנדיקער פרוי. אין דייטשלאנד זעען די פויערם אז זייערע פרויען זאלן חלילה ניט צוגרייטן קיין וויין, בעת דער מענסטרואציע, מחמת אזא וויין וועט גיך זויער ווערן.. אין פראנקרייך ווערן פאר דער צייט פון מענסטרואירונג די פרויען באזייטיקט פון דער ארבעט אין צוקער־פלאנטאציעס. אין אפריקע האלט מען, אז אזא פרוי קאן זויער מאכן מילך. אין מעקסיקא לאזט מען אזא פרוי ניט אריין אין א זילבער שאכטע. אין כינע האלט מען, אז אזא פרוי קאן אפיום ביטער מאכן. אין יאפאן, ביי די האטענטאטן אין דרום אפריקע, צווישן די אינדיאנער אין צפון אמעריקע, גרייט מען צו פאר די מענסטרואירנדיקע פרויען צו יענער צייט ספעציעלע הייזקעס; אין געוויסע געגנטן דארף צו דער צייט א פרוי טראגן א געוויסן מלבוש צי טיכל, כדי מען זאל וויסן, אז מ'דארף זיך און אלץ היטן פון דער פרוי.

די ערשטע קריסטן פלעגן פארבאטן מענסטרואירנדיקע פרויען צו באזוכן א קלויסטער. ביי אידן פלעגן זיי ניט טארן אריינגיין אין בית־מדרש אנרירן די תורה, זאגן גאטס נאמען — מיט דעם דערקלערט זיך אפשר (מחמת אייינקע פלעגן אפשר נארן), וואס מען רעכנט ניט צו צום מנין א פרוי.

און ניט נאר דאס. געוויסע סמ'ען רייסן זיך משמעות אויך אריין אין דער פרוי גופא. אזוי שרייבט דר. בלאק: "פארגלייכנדיק די פרוי מיטן מאנסביל דארף מען קיינמאל ניט פארגעסן אן דעם וויכטיקן פאקט פון דער מענסטרואציע. דער גייסט און געמיטס־צושטאנד פון דער פרוי איז בלי־ספק א פארשיידענער אין די פאזן פון חודשלאכן ציקל. אי־קארדן און לעצטנס פראנצילאנען פארדאנקען מיר גענויערס בנוגע דעם דאזיקן ענין.. "ביי אלע פרואוון פון קראפט און געשיקטקייט", זאגט העוולאק עליס, "איז דאס דיספאנירן מיט דער פארמאגטער קראפט און געשיקטקייט מצד דער פרוי אפהענגיק פון דעם גראד פאראנענעם ניווא פון דעם חודש ציקל. פונקט אזוי וואלט מען געדארפט ביי יעדער קרימינעלער פארהאנדלונג קעגן א פרוי רעגלמעסיק אויספארשן דאס פארהעלטעניש פונם טאט צו איר חודש'לאכן ציקל". זאגט נעמילאוו: "לויט א צאל אונטערזוכונגען פון א ריי געלערנטע, לאזן זיך באמערקן בעת די מענסטרוא־

לע בלוטונגען ביי פרויען פאלגנדיקע ענדערונגען : 1) פאלן פון טעמפעראַטור; 2) פארשטארקטע אויסטיילונג פון ווארימקייט דורך דער הויט אַרער מיט אנדערע ווערטער, אפגעשוואכטע איינשפארונג פון ווארימקייט; 3) פארלאנגזאמטער פולס; 4) פארקלענערטער בלוט־דרוק; 5) ענדערונגען אין די לימפאטישע ארגאנען, אין די מאנדלען, און אין ארגאנען מיט אינעווייניקסטער סעקרעציע; 7) פארקלענערטע צעפאלונג פון איוויייסן; 8) פארקלענערטע אוסשיידונג פון פאספאטן און כלארידן, פארקלענערונג פון נאז־אויסטויש; 9) אפגעשוואכטע פארדייאונג — אפגעשוואכטע ארייגזויגונג פון אזאטיקע שטאפן און פעטסן; 10) ענדערונגען אין די מילך־דריזן, ענלאכע צו די ענדערונגען, וואס קומען פאר אין אנהויב פון דער שוואנגערשאפט! 11) פארקלענערטע לעבנס־פארנעמיקייט פון די לונגען, פארלאנגזאמטער אטעם; 12) וואוקס פון דער מוסקול־קראפט און פארשטארקונג (אייגנטלאך פארגיכערונג) פון קני־רעפלעקס; 13) אפשוואכונג פון אויפמערקזאמקייט און גייסטיקער ארבעטס־פייאיקייט. מיט דער ראזיקער שפע פון פיזיאלאגישע ענדערונגען דערקלערט זיך אפשר דער פאקט וואס דאס רוב זעלבסטמארדן, דאס רוב פארברעכנס באגאנגענע פון פרויען פאלן אוים אויף דער צייט פון זייער מענסטרואציע.—

נו, פארשטייט איר שוין, וואס פאר א שטורעם עס קומט פאר אין דער נשמה פון דער מיידל ערב און בעת עס הויבט אן מענסטרואירן. אויפקלערונג שפילט דא גאר א גרויסע ראלע. דאס קינד בארואיקט זיך אביסעלע, ווייסנדיק, אז ס'איז נאר צייטווייליק שלעכט און "משוגע" אז ס'איז נערוועז, מחמת זי איז ערב א גרויסער ענדערונג אין איר לעבן. אין די טעג ווען ס'קינד קריגט "די צייט", דארף עס מער שעה'ן שלאפן, דארף בעסער דורכלאזן די שול, זיך גייסטיק און פיזיש ניט אנשטרענגען. די פיס דארפן געהאלטן ווערן אין די טעג ווארים, און ניט נאר די פיס, דעם גאנצן קערפער דארף מען האלטן ווארימער אנגעטאן; עס ווערט אפילו רעקאמענדירט גיט צו טראגן קיין שטעק שיך, נאר שיך.—באציט מען זיך צו דעם אלעם גרינגצאלט מען שפעטער צו טייער. רייצט, רעגט אין אזוינע טעג ניט אויף ס'קינד, ברענגט עס ניט קיין כייעס, וואס קאן שווער מאכן ס'געמיט. מענסטרואציע איז ניט קיין קראנקהייט, אבער א צייט, ווען יעדע אנשטרענגונג און אפווייכונג פון נארמאלן, געזונטן לעבן ווירקט שווער און אפילו פאטאל.

ווי קומט פאר דער פראצעס ? דאס אייעלע אין אייערשטאק (סעקס דריז), ביי דער מיידל הויבט אן, אין צייט פון רייף ווערן, צו פראדוצירן געוויסע פליסיקייטן: — די דאזיקע פליסיקייטן גרייטן צו ("שמירן די רעדער"), רופן ארויס דעם געשלעכט דראנג (פארלאנג). יעדע 28 טעג (לבנה חודש) פלאצט דאס אייעלע און פליסט ביסלאכווייז ארויס צוזאמען מיט בלוט אין משך פון 2-3-4 טעג. דאס בלוט איז דער סכום שפייז, וואס דאס אייעלע האט צוגעגרייט אין פאל עס וואלט באפרוכפערט געווארן פון א

מענלאכן ספערמאציע. די דריזן בכלל און דער סעקס דריז בפרט האלט אין איין גיסן זאפט אינם בלוט אריין, און אזוי באאיינפלוסן זיי די פערזענלאכקייט. די פערזענלאכקייט קאן אבער אויך באווירקן דעם דריז. ווען א מענטש ווערט אין כעס, הויבן די אדרענאל דריזן, למשל, אן צו גיסן אדרענאלין אין בלוט, — דאס רופט ארויס א שטארקערן כעס און געוויסע פיזיאלאגישע ענדערונגען. דער מענטש קאן אבער קאנטראלירן זיין כעס און מיט דעם ניט דערלויבן אדרענאלין זאל זיך א פליוכע טאן אין זיינע בלוטן. אזוי איז אויך מיט דעם סעקס גלענד. מען קאן אים קאנטראלירן, אנדערש ארבעט ער אלץ מער, איינטענסיווער און רייצט, און וואס מער צערייצט אלץ איינטענסיווער ארבעט ער ווידער און אזוי אן א סוף. די קינא טעאטערס, די "פעפערדיקע" זשורנאלן, די סעודה'לאך, די קאר ארויספארן שלעפן ס'קינד אויף אראפ, פארקערט פארכאפט זיין פון א אידעאל וואלט געקאנט דעם קינד העלפן שטילן, בארואיקן זיין סעקס שפאנונג.

"גוואלד", קלאגט זיך פאר מיר א מוטער, "איר קענט דאך מיין חנה'ן — עס איז לעצטנס ניט אריבערצוטראגן פון איר. זי פארבט שוין פנים און נעגל, און ליפן, גאלט זיך די ברעמען. האלט זיך אין איין פוצן מיט משונה'דיקע פוצאכצן, שטייט שעה'ן אין שפיגל, שרייט, פארווארפט זיך, גנב'עט געלט, קומט שפעט בייטאכט אהיים, איז גראב עגאאיסטיש — פשוט פרעך — כ'גיי פון זינען ארונטער. אזא גאלדן קינד געווען". — "יא", האב איך א זאג געטאן —"דאס אלץ טוט ניט אייער חנה, דאס אלץ טוט דער דיבוק אין איר — זי לעבט איצט איבער דעם שטורעם פון רייף ווערן; זייט נאר גוט און מילד צו איר. רעדט צו איר. דערקלערט איר אינגע. דערציילט איר פון אייער שטורעם. ווייזט איר אן די סכנות, וואס שטייען איר פאר, די נסיונות וועלכע זי דארף ביישטיין. אייער ווארימקייט וועט אפשר זיין א לעבן און טויט פראגע פאר אייער קינד — זייט מיטן קינד אזוי נאענט־חבר'יש. — עס זאל גרינג קאנען קומען צו אייך מיט אירן אן אומגליק, אין צייט ! אייערע כעס'ן, געשרייען, אייערע "איך אין דיינע יארן" א. א. וו. קאן ניט פארהיטן אייער קינד פונם גרוב. — פארקערט, דאס קאן טיפער גראבן ס'גרוב, אדער אויסלייגן מער גריבער, צערייצן מער דעם דיבוק. קלערט איר בעסער אויף, אז ניט זי איז שולדיק. וואס עס שטורעמט אין איר אזוי העליש. "דאס שטורעמען איז א נאטירלאכע זאך. אין דער שארפקייט איז שולדיק דער ארום, די סביבה, די היים, צופאלן פארשיידענע און אפשר אויך איך אליין, קינד מיינס". — אזוי העלפט איר אייער קינד שפאנען די גריבער, וועלכע איר האט אפשר געהאלפן צו גראבן . . .

דאס דאזיקע איז אגב דער גרעסטער "קאזער" ביי די אנהייגער פון פארטייאישער דערציאונג. דאס קינד איז, אזוי צו זאגן, פארטאן אין פארקויפן בילעטן צו אונטערנעמונגען, איז פארטאן אין ארבעטן פאר דער פארטיי, פארכאפט מיט "פרייד פון זינגן", דאס קינד האט אזוי צו זאגן א

"זין" אין לעבן, א "אידעאל", לעבט עס גרינגער דורך דעם שטורעם פּעריאָד. פון אויבן אויף זעט עס אויס צו זיין לאָגיש און גערעכט. ווען וואָלט עס געווען א ברכה ? ווען ס'קינד וואָלט טאַקע טיף נשמה'דיק פאַרבאַפּט און באַגייסטערט געווען; זיינען אָבער די איצטיקע פּאַרטייען, פּאַרטאָן אין פּראַקטישער אַרבעט, זיי זיינען ניט קיין קוואַלן פון געטלאַכער באַגייסטערונג, ווי די אַמאָליקע נאַראָדנאַיאַ וואָלאַ, עסערן א. א.וו. די אַרבעט פאַר א פּאַרטיי טראָגט אַן אַזאַרטן (ספּאָרט) כאַראַקטער, זי צערייצט, נערווירט, אָבער דערהויבט ניט. פאַרביסן, פאַנאַטיש, חוצפּה'דיק און פאַלש ווערט דאָס קינד, וואָס איז מיט די איצטיקע פּאַרטייען. און דאָס איז סם, מחמת ס'ווערט מיד פון שנאה, פון "קאַמף" פון האַלטן פאַר זיין פּאַרטיי. און מידקייט איז סם; מיט דעם דערקלערט זיך דאָס אַנטלויפן פון פּיאָנערן און אַנדערע קינדער קלובן. די שטאַרקע אַנטוויקלונג שפּעטער, די מאָנאָטאָנקייט, שפּעטער קאָן נאָך ווערן א גרעסערער סם, קאָן נאָך גיסן מער אויל אויפן פייער. אין אונזער צייט קאָן נאָר א קולטורעל דערהויבענע היים, א גייסטיקע אַטמאָספערע, א גן עדן אין שטוב זיין דער מלאך הגואל פאַרן קינד אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן.

יאָ, די היים, און נאָר זי, איז דער פונדאַמענט פון אונזער לעבן. די שאַף, דאָס געשעפט, די גאַנצע אינדוסטריע, אונזער בילדונג טראָגט א מאָנאָטאָנעם, פאַרמאַטערנדיקן גייסט; איז ווען די היים איז קיין היים ניט, ציט עס דעם יונגן קינד צו א וואַדעוויל, צו א קינאָ, וואָס העלפט אים זיינען אָנשטאָט סובלימירן. די קינאָ, דער וואַדעוויל רייצט. נו ? גיסן זיך אָן מיט מער פליסקייט די געשלעכט דריזן — שפּאָרט עס, געפינט עס ניט קיין אויסגוס — רייצט עס, נערווירט עס — לויפט עס נאָך מער אין קינאָ — און אַזוי ליידט עס גיהנום ליידן ביז ס'ברעכט אָפּ אויס א שריפה, אין וועלכער אַפילו די נאָענטע פונס קרבן ווערן פאַרברענט. ניט קיין קלייניקייט. סעקס איז ווי פייער, ער קאָן ברענגען א סך נוצן, ווען איר קאָנטראָלירט אים; רייסט ער זיך אָבער אַרויס פון אונטער אייער קאָנטראָל קאָן ער אָנטאָן גרויסע צרות, מחמת, ניט קיין קלייניקייט, ער (סעקס) איז א כוח וואָס איז צעלייגט אין יעדן ווינקעלע פון אייער נשמה, און פון אייער קערפּער.

פּחאָפּ. לאַפּינסקי און פּאַוולאָוו האַלטן, אַז ס'איז פאַראַן א געשלעכטלאַכער צענטער, א סעקס צענטער. אייניקע האַלטן, אַז ער איז אין קאָרע פון קאָפּ־מאַרך. אוכאַטאָמסקי האָט אַן אַנדער טעאָריע. זיין טעאָריע איז א טעאָריע פון דאָמינירן. ער דערקלערט עס אַזוי: ווען מען רייצט קינסטלאַך, למשל, ביי א בעל חי א געוויסן טייל פון דער קאָרע פון הויפּט מאַרך, ווערן, למשל, אין איין פאַל צענויפגעצויגן די מוסקולן פון די פיס. טוט מען עס, בעת דעפעקאַציע, בעת דער בעל חי גייט מיטן מאָגן, ווערט דער פּראָצעס פון צונויפציען די מוסקולן ניט פאַרקומען. די נערוון צענטרען, וואָס פירן אָן מיט דער דעפעקאַציע דאָמינירן. אַנשטאָט צונויפציען די

מוסקולן פון די פיס, ווערט דער עק אנגערירט. אוים רעפעקאציע ווערן ווידער די פיס צונויפגעצויגן. דאס איז תמיד ניט נאר ביי רעפעקאציע, נאר ביי פארשיידענע אנדערע באדינגונגען. גיסט זיך דער מארך אזוי צו זאגן אן מיט א געשלעכט הארמאן — ווערן אנדערע טעטיקייטן טארמאזירט. א קאץ, וועלכע מען האט געשלעכטלאך צערייצט, איז געבליבן צו אלץ גלייכגילטיק. הייסט עס, בעת דער מענטש איז געשלעכטלאך צערייצט, דאמינירט איבערן מארך דאס דאזיקע געפיל און אלץ ארום קאן נאר צוברענגענען. צוטראגן צום דאמינאנטע, — אלע אנדערע, אבער, חושים שלומערן. זעט איר שוין וויפל "פארברעכערישקייט" עס ליגט אין פארגוואלדיקונג און אפילו אין טויטן בעת'ן געשלעכט אקט.

יא, מיר מאכן א גרויסן טעות, ווען מיר דענקען, אז סעקס איז נאר א טייל פון אונזער לעבן. ס'איז א טעות אזוי צו דענקען. ניטא איין טיילכעלע פון אונזער קערפער, איין שטריך פון אונזער כאראקטער עס זאל ניט זיין סעקסועל דורך און דורך. ער זאל ניט טראגן קיין געשלעכט שטריך. יאבעטוס סמ'סטענסטרוב לערנט, אז דאס געשלעכט שטעקט אומעטום איבערן גאנצן קערפער. "אין אלע געוועבן פון מענטשלאכן ארגאניזם קאן מען געפינען געשלעכטלאכע טיילכלאך פון פרוי אדער מאן". עלים בישאף אין רודינגען האבן אויפגעוויזן געשלעכט צעלן (קעמערלאך) אינם מוח, און יוסטוס עלים גיוול אינם לעבער, לונגען און הארץ. מיט דעם דערקלערט זיך, אז אלץ אין דער פרוי קאן געשלעכטלאך רייצן דעם מאן. און פארקערט: אזוי אז דאס גאנצע פיזישע און דאס גאנצע פסיכישע לעבן אונזערע איז דורכגעדרונגען מיט סעקס. און דעם ענין וויל מען אונטערדריקן, פארשטויסן, פאר'מיאוס'ן, און אויף אזא אופן לייזן דאס פראבלעם. מיר פינסטערן נאר און קירצן נאר אונזער לעבן, אבער לייזן ניט דאס פראבלעם. די לייזונג פונם פראבלעם ליגט אין געבן אים בירחנערשאפט אין אונזער דערציאונג.

מיטעלע יוגנט

(פון ארום 16 יאר אלט ביז ארום 18־19 יאר אלט)

די מיטעלע יוגנט אונטערשיידט זיך ווייניק וואס פון דער פריער יוגנט. דער שטורעם איז נאר שטארקער און לכן איז עס די סכנה'דיקסטע, די שטורעמדיקסטע צייט. דאס איז די צווייטע, נאך דער פריער קינדהייט, צייט, ווען אלץ איז אויפן וואגשאל, ווען די כוחות, וואס שטורעמען אין נשמה פונם קינד און ציען אים אויף ארויף, צי אויף אראפ, קעמפן אוים זייער לעצטע שלאכט. ווייטערדיקע יארן קאנען שטארקן די זיגער אדער זייער שארפקייט אפשר אפטעמפן. זייער א קריטישע צייט איז די מיטעלע יוגנט. טאטעס און מאמעס טארן עס אויף א מינוט ניט פארגעסן. א איינגל צי א מיידל צו 10 יאר אלט איז זיכערער אין זיך ווי א איינגל צו 16־17

יאָר אַלט, מחמת צו 16־17 איז ער אַ צעטומלטער פון דער גענעראַל שלאַכט. וואָס ברענט אין אים. יאָ, אַן אמת'ע געראַנגל שלאַכט ווערט אויסגעפאַכטן אין קינדס נשמה צו דער צייט, מחמת אַ גאַנצע ריי דריזן הויבן אָן שטאַרקער, און מיט פולן שוואונג, צו פּראָדוצירן סעקס פליסיקייטן, וואָס רייסן זיך אויף אַרויס. זיי שאַפן עס די אָנגעצויגנקייט, די שווערקייט, די צעדרייצטקייט.

יאָ, דאָס איז דער פעריאָד פון שטורעם און דראַנג. איין טאָג איז דאָס קינד פול מיט מוט, מיט אַמביציעס, גליקלאַך שטראַלנד, עס זעט פאַר זיך אַ ליכטיק־הערלאַכע צוקונפט, עס לעבט איבער ענטוזיאַסטיש, מיט ברען זיינע זינגן, זיין שטייגן. ער זעט זיך אין אַזוינע פּאָזיציעס, וואָס נאָר די קינדערשע פאַנטאַזיע קאָן צוטראַכטן, — אויף מאָרגן אָבער, מחמת פאַרמאַטערט פון די שטורעמס, איז עס מוטלאָז, אַפּאַטיש, געפאַלן, צעבראָכן, אָן אַמביציעס און פעסימיסטיש. — דאָס איז דער מאָמענט, ווען עלטערן דאַרפן קומען דעם קינד צו הילף, — געבן אים צו פאַרשטיין, אַז די לײַדנשאַפטלאַבקייט איז ניט קיין זינד, נאָר אַ ציערונג פון לעבן, אַ מתנה פון גאָט, פּונקט ווי פריליִנג און זומער ווינטן, מען דאַרף דערפון געניסן מיט אַ ריין געוויסן און מיט גרויס פרייד. וואָס רייכער, וואָס מער מיט גייסטיקע מעגלאַכקייטן ס'קינד איז, אַלץ שטורעמדיקער איז דער איבערגאַנג. ניט איין קינד, וואָס שפּעטער איז עס געווען פון די הערלאַכסטע שטערן, האָט אין זיין מיטעלער יוגנט אַרויסגערופן טויט־שרעק פאַר זיין צוקונפט. דאָ איז דעצידירנדיק די היים. מחמת זי, ווען זי פאַרשטייט דעם קינדס שוועריקייטן, קאָן ראַטעווען, פאַרגרינגערן די ראַנגלענישן. יאָ, אַז דער ים צעשטורעמט זיך מיט אַ צאַרנדיקער, ווילד־צעברויזטער קראַפט, ווענדט זיך עס אָן היים, אָן סביבה, אָן די עלטערן, וואָס, אויב זיי זיינען גינסטיק פאַרן קינד, איז עס אַ ברכה פאַר אים. אַנדערש, איז ניט צו באַשרייבן די צרות, איז ניט צו באַשרייבן דעם שיפבראָך!

דאָס איז אויך די צייט, ווען דער דראַנג צו אַנטלויפן פון די היימען דערגרייכט די העכסטע שפּאַנונג, ווען דאָס רוב מאָרדן, גנבות און אַנדערע "פאַרברעכנס" ווערן באַגאַנגען. פאַרטיידיקנדיק אַ געוויסן יונגנטלאַכן, אַ מערדער, האָט קלאַרענס דאַראָו געזאָגט: "דאָס קינד (מערדער) איז סך הכל 16 יאָר אַלט; עס האָט קיינמאָל ניט געהאַט בדעה עמיצן צו טויטן. איר ווייסט אַז אַ קינד אין דעם עלטער קאָן אָפּטאָן די גרעסטע פאַרברעכנס, מחמת די צעברויזטע שטורעמס אין דעם עלטער". . . .

אַ קינד אינם עלטער פון 17־18־19 יאָר, איז ניט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר פאַרברעכנס, וואָס עס באַגייט, מחמת ער איז זיי באַגאַנגען ווען עס איז "אין דער היים ניט געווען", ווען עס האָט פאַרלאָרן אויף מינוטן דעם באַוואוסטזיין, און האָט זיך געפונען מיד, פאַרמאַטערט אין אַ צעיושעטן צושטאַנד, מחמת צעיושעטע שטורעמס אין זיין נשמה. שולדיק אין די

פארברעכנס איז אונזער געזעלשאפטלאכע אָרדענונג וואס רייצט אויף, וואס גיסט אויל אויפן פייער, וואס גיט זיך ניט קיין מי אויפצוטויכן אין נשמה פונם קינד די פארבאָרגענע אוצרות פון גייסטיקייט, וואס לערנט ניט די מאמעס און טאטעס צו פארשטיין די "משוגעת'ן" פון זייערע קינדער אין דעם עלטער פון רייף ווערן און גרייט ניט צו דעם קינד אליין צו פארשטיין זיין לאגע און היטן זיין צעשטורעמטן ים אין זיך.

מוטערס שטוינען ווי אומרואיק נערוועז די קינדער זיינען אין דעם עלטער; זיי בייסן נעגל, בייסן בלייערס, קאנען ניט איינזיצן, עס טראגט זיי, זיי וויינען גרינג, האלטן אין איין שרייען, מאכן סצענעס און סטראשען. היינט זייערע פאנטאזיעס און חלומות! אפט דאכט זיך אז ס'קינד איז אדער משוגע אדער קינדיש נאריש. — אריסטאטל, איר הערט, אפילו אריסטאָטל האט שוין געוואוסט פון דעם, ער שרייבט וועגן דער יוגנט פון זיין צייט (אן אייביקע שפיל!) : "אין חעם עלטער (יוגנט) ווערט א יוגנט־לאכער גיך פארכאפט פון א פארלאנג און מוז עס גלייך אומגעדולדיק דורכ־פירן אין לעבן. זיי זיינען ניט באשטענדיק, קאפריזנע, אומרואיק, אימ־פולסיוו"... נאך ערגער איז מיטן מיידל אין דעם עלטער. דאס מיידל אין דער צייט ווערט פון א מלאך א מכשפה. זי איז אין דער צייט אזוי צע־רייצט, נערוועז, אז כעמט אוממעגלאך צו לעבן פון איר. רעדט איר גוט, צארט, מיט הארץ, טויג ניט, רעדט איר צו איר שטרענג, טויג ווידער ניט. און ס'איז קיין וואונדער ניט. אינם קינד זיינען געפאלן אזויפיל שליזן, עס פליסן איצט אזויפיל זאפטן נייע און רעגן און רייצן און שטורעמען: די סעקס שפאנונג איז צו דעם עלטער אין איר העכסטער צעשטורעמטער הויך. די יוגנט איז פול מיט כאאס. ניט פארמירטע נאך געפילן און טענדענצן בלאנדזשען, אזוי צו זאגן, ארום אין נשמה פונם קינד, און זוכן אן אנהאלט, אן אויסוועג, זוכן רו.

איין גליק וואס די מוטער נאטור קומט דא ווידער אמאל צו הילף. דווקא אין דער שטורעמדיקסטער צייט, דווקא אין דעם פעריאד, ווען ס'הויבט זיך אן אויסצואַרבעטן אנטגילטיק (לויט די ליניעס אויסגעלייגטע פריער), ווען ס'הויבט זיך אן אויסצופארמירן אנטגילטיק דער כאראקטער פונם קומענדיקן מענטשן, דווקא דעמאלט, ווען ס'קומט פאר די גענעראל שלאכט אין דער נשמה פונם קינד צווישן אלע כוחות אין אים, דווקא דע־מאלט עפענען זיך די קנאספן פון די הערלאכסטע בלומען אינם קינד. עס קריגט די פייאיקייט צו פארנעמען אבסטראקטע באגריפן, צו באטראכטן און אפשאצן זאכן פונם שטאנדפונקט פון מענטש, וועלט, צו דערפילן דעם וועלט שמערץ, דעם זין אין לעבן, דעם זין פון ברענגען קרבנות דווקא דע־מאלט ווערט עס טיפער. ווענדט זיך עס אבער אן דער היים, צי זי ווערט א געטלאכער שותף צו דער נאטור, צי זי שטערט זי, און ברעכט ס'קינד.

קאן די היים ניט העלפן דעם קינד צו סובלימירן זיינע דראנגען, געפילן, קאן די היים ניט ציען ס'קינד אויף ארויף, זיינען פון פריער ניט

פּאַראַלייגט געוואָרן קיין גייסטיקע כּוחות, וואָס זאָלן דעם קינד העלפן אין זיין גענעראַל שלאַכט, פאַלט עס אינם שטורעם, קאָן עס ניט ביישטיין די קאַמף פּולסיעס (דראַנגען), וואָס רייסן זיך ווי שוים אויפן אויבערפלאַך פון זיין לעבן.

שפּעטערע יוגנט

(פון אַרום דעם 18־19 יאָריקן עלטער)

דאָס אַז די צייט ווען דאָס קינד קומט שוין אַרויס אויפן לעבנס־וועג, נאָך אַלע שטורעמס, וואָס ס'האָט דורכגעליטן. עס איז שוין כּמעט פּאַרטיק מיטן וואוקס זיינעם, מיט דער אַנטוויקלונג פון די פיזישע כּוחות; עס הויבט אָן טיפער צו ווערן; דער מאַרך וואַקסט אַמשטאַרקסטן צו דער צייט. ס'קינד ווערט לאַגישער. עס הויבט אָן צו האָבן אַ מיינונג וועגן זאַכן. עס ווערט מער פאַראינטערעסירט אין פּראָבלעמען, די האָבאָס (נוטע צו שלעכטע), צו מוזיק, פּאָליטיק, קונסט, קולטור אָדער פאַרקערט, צו "לעבן", "געניסן" און "טאַנצן" דערגרייכן די העכסטע הויך. ס'קינד קאָן זיך גרינגער קאָנטראָלירן און קאָן איבערשפּרינגען פון שר צו מלאך אַמגרינגסטן, אָבער אפילו דעמאָלט, איז דער מענטש נאָך ניט פאַרטיק. אַ גאַנץ לעבן בייטן זיך מענטשן, מחמת סביבה וואָס קנעט, וועקט, צי צעשטערט.

גייטן אַש, שלום אַש'ס זון, האָט אָנגעשריבן אַ בוך "דער 22טער אויגוסט". דאָס איז דער טאָג, ווען די צוויי מאַרטירער סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען פאַרברענט געוואָרן אויפן עלעקטרישן שטול. — מאַלט ער דאָרטן ס'גענויטס, די "אידעאַלן", "בענקשאַפטן", "דראַנגען", "ליבעס" פון דער יוגנט. — גרוי קאָן מען ווערן פון דעם, וואָס מ'דערזעט אין נשמה פון אָט דער יוגנט. ווי קאַלט, אויסגעלאָשן, עגאָאיסטיש איז די יוגנט. ווי עס רירט זי קיין וועלט פּראָבלעם ניט, ווי עס גייט זיי ניט אָן קיין וועלט שמערץ, ווי ווייט זיי זיינען פון אַלעם דעם, וואָס אַ מענטש דאַרף פילן און בייגקען. עס שלעפּן זיך נעכט און טעג אַרום יונגע עקסלאַך (ניט קעלבלאַך), וואָס טראַכטן און זוכן נאָר די "זי", זעען זי תמיד נאַקעט, אויסגעטאָן, וואָס "ליבן" אַזוי קאַלט, שיכור'ן, טאַנצן, ווי נאַכט־וואַנדלער און באַגייען די גרעסטע געמיינהייטן אַזוי רואיק און ציניש. — פאַראַן אָבער אַ שיינע יוגנט, אַ גרייטע, אַ יוגנט, וואָס פילט דעם וועלט־שמערץ. האָט הויכע הימלען אין נשמה. — סיי די סיי יענע זיינען קינדער פון אונזער צייט. געבוירן מיט די זעלביקע ירושה־איינגשאַפטן אפשר, אָבער ניט מיטן זעלביקן "מזל" צו עלטערן און צו סביבה . . . די שפּעטערע יוגנט איז די צייט, ווען דאָס קינד פילט זיך ווי ערשט אַראָפּ פון אַ שטורעמדיקער ים נסיעה, ווען ס'הויבט אָן צו לעבן, — צו דער צייט דאַרפן עלטערן אויפהערן צו דער־ציען, צו מוסר'ן, צו מושטירן, צו טאַדלען — נאָר טרייסטן און מינימיזירן חסרונות, מחמת דער וועג קאָן העצעהדיק דעם קינד העלפן אויסבערענען אין זיך "שלעבטע" שטריכן.

פאַרוואָס און ווי דאַרף מען מיט זיי רעדן ?

ווי צו רעדן מיט גאַר קליינע קינדער (אינם עלטער פון 4־5־6 יאָר)

אומוויסנהייט אין פראַגן פון סעקס איז די מוטער פון אַלע אומגליקן, בפרט אין אַ צייט, ווען דער גאַנצער אַרום רעדט און רעגט, און וועקט און רייצט; בפרט ווען דער גאַנצער אַרום איז פול מיט סטימולאַנטן, וואָס רופן אינם קינד אַרויס פראַגן, וואָס דאַרפן פאַרענטפערט ווערן, מחמת אַנדערש רעדט אַפילו דאָס שווייגן. "אַז די מאַמע שווייגט, מיידט אויס צו ענטפערן, איז עס דאָך אַ סימן, אַז אין דעם ליגט אַ טיפער סוד. אַטעם הכמוס, דאַרף מען עס אויסגעפינען", אַזוי טראַכט זיך דאָס קינד און עס "געפינט" אויס . . . איז אָבער גאָס אינפאָרמאַציע ניט פריי פון דעם ביימעם, וואָס עסט זיך אַריין אין נשמה, ווי אַ זשאַווער, און צעפרעסט דאָס גאַנצע לעבן !

יעקב וואַסערמאַן שרייבט אין זיין "דאָקטאָר קערקאַווען" : "דאָמאַניעק הויבט אָן צו דערציילן זיינע דערפאַרונגען מיט מיידלאַך, זיינע זיגן איבער זיי, פּאַסמאַקעווענדיק זיך. ווי וואונדערבאַר גוט ס'איז אין אַן "עפנטלאַכן הויז". יוסף, 9 יאָר אַלט, פאַרשטייט ניט אַ וואָרט פון דאָמאַניעקס רייד. דאָמאַניעק שיסט אויס אין אַ שטורמישן געלעכטער און טרעט גלייך צו צו דער סעקס אויפקלערונג, וואָס איז אין גייסט אַ קיצלדיקע און אַ שמוציק־פאַרדאַרבענע. דעם 9 יאָריקן יוסף'ן ווערט שלעכט. ער הויבט אָן צו ברעכן . . . אַ קינד קאָן שפּעטער אין לעבן זיך ניט באַפרייען פון דעם געפיל, וואָס עס לעבט איבער פון אַזאַ מין אינפאָרמאַציע. ניינציק פּראָצענט פון דער מענטשהייט טראָגט זיך אַרום דעם גאַנצן לעבן מיט דעם גייסט פון אָט דער דאָזיקער דערפאַרונג. ניינציק פּראָצענט פון דער מענטשהייט טראָגט זיך אַרום מיט אַזוינע וואונדן. עלטערן קאָנען קיינמאָל אין לעבן ניט וויסן מיט וואָס אַ קינד טראָגט זיך אַרום אין נשמה. אפשר דערקלערט זיך מיט דעם דער שטאָלץ. די אָנגעצויגנקייט, די אָפּגעזונדערטקייט, מיט וועלכע קינדער באַציען זיך אָפטמאָל צו זייערע עלטערן און לערער". הויבט איר אָן פון דער פריסטער קינדהייט צו רעדן נאַטירלאַך, אָפנהאַרציק, קאַלט, געלאַסן און אָפן, עפנט איר אַ בלומען וועג, אַ זוניקן וועג צווישן אייך און אייערע קינד, און פאַרהיט אים פון "שרים" און "רוחות", וואָס לויערן אויף אים, אויף יעדן שריט און טריט. דערציילט איר ליגנס, פאַרבאַהאַלט איר, פאַרלירט דאָס קינד דעם צוטרוי צו אייך. איר קאָנט ביי אים מער דעם צוטרוי קיינמאָל אין לעבן ניט געווינען. צוטרוי איז אַ לעבעדיקע זאַך, האָט אַ נשמה, איז אַ דיאַמאַנט, וואָס ווערט איבערגעפירט פון קלענסטן קראַץ" (דזשייקאָב וואַסערמאַן).

אַ קליין קינד ווייזט אַרויס גוואַלדיקן אינטערעס צו זיינע קערפּערלאַכע פונקציעס, צו אַלע אָרגאַנען פון זיין קערפּער: פרעגט ס'קינד וועגן דעם און קריגט די ערשטע לעקציע, אַז מען טאָר וועגן דעם ניט רעדן.

פע, מיאוס, — פארטראכט עס זיך, ווערט קרענקלאך, קוריאָז; די ראזיקע קוריאָזיטעט צעשפּילט די פאנטאזיע, ביי קינדער גענייגט צו דעם, און דא איז די סכנה גאר א גרויסע, מחמת א קינד פון גאס ווערט דער אינפארמאציע געבער, — מאלט עס אזוינע בילדער "צעשמירט" עם דעם ענין אזוי ברייט, אז ס'האלט אין דערציילן טאג נאך טאג, און דער אינפארמאציע אויפנעמער נעמט עס אויף מיט אזא סודות־פולער פארכאפּטקייט, אז אי דאס ערשטע, אי דאס צווייטע קינד וועקט אין זיך אויף א כוח, פון וועלכן ס'וועט זיך דאס גאנצע לעבן אפשר ניט קאנען באפרייען. בעסער אויסנוצן די צייט, ווען דאס קינד נעמט אויף די פראגע אז ביי־טעם, אז צערייצטקייט פון נייגיר, נאטירלאך, קאלט, געלאסן און רואיק.

מאכט נאר ניט דעם פאטאלן טעות, אז "זיי ווייסן נאך גארניט"— האט א מיידעלע, 4 יאר אלט, א זאג געטאן: "כ'ווייס, כ'ווייס, איר בויך איז געווען געשוואלן". . . האט א מיידעלע, 9 יאר אלט, א זאג געטאן: "אך, הנה איז א כלה געווארן? איצט וועט זי האבן א בייבי. מר. מ. וועט ווערן א זיידע". האט א קינד, 6יאר אלט, געזאגט: "מיין מוטער וועט באלד האבן א בייבי. איך בין 6 יאר אלט, מיין שוועסטערל 9 יאר אלט, מיין ברודערל 3 יאר אלט. אלע 3 יאר האט מאמע א בייבי . . . די "עלטערע" האט זיך אריינגעמישט און געזאגט גאנץ נאאיוו, מיטן טאן פון א ווייסערקע "אז מען קאן אלע יאר האבן א בייבי". זיי רעדן, טראכטן, ווייסן א סך מער, ווי מיר שטעלן זיך פאר.

וואס קאן זיין ריינער און נאטירלאכער, ווען מען זאגט א 8-7 יאריק קינד, אז די אייעלאך דארפן קודם באפרוכפּערט ווערן, דערציילנדיק וועגן פיש, זשאבעס, קעצעלאך, הינטעלאך. וואס קאן זיין ריינער און נאטירלאכער? דאס עפנט דאך א טירעלע, דאס ליגט דאך אויס א גרינגען בלומען וועג צו דער מוטער, אנשטאט א וואנט, וואס קאן זיין פאטאל פארן קינד אין ווייטערדיקן לעבן.

יא, די וועלט איז פול מיט סטימולאנטן, וואס דערמאנען און צווינגען דאס קינד זיך צו פארטראכטן איבערן ענין סעקס. די סאמע עקזיסטענץ פון דער פאמיליע: פאטער, מוטער, קינד, באבע, זיידע, די ענדערונג אין מוטערס אויסזען בעת שוואנגערשאפט, די געבורט פון א ברודערל, שוועסטערל, דער פראצעס פון זויגן די אנדערשקייט פונם געשלעכט פונם נייעם גאסט "וועלכן דער שטארך האט געבראכט". חתונה, ברית, קעצעלאך הינטעלאך, הינדעלאך־געבורטן, געשלעכט אקטן צווישן חיות און עופות, בילדער, קינא טעאטער, אומפאראנטווארטלאכע שפאסן פון טאטע־מאמע־געסט. דאס אלץ פירט דעם קינד זיך צו פארטראכטן.

פונם "טאג בוך פון א מיידל" (פרויד), אינם עלטער פון 12-11 יאר. געפינען מיר אויס, אז דאס פראבלעם סעקס לאזט די קינדער אויף איין

מינוט ניט צו רו. אלע זייערע אינטערעסן, אלע זייערע מחלוקת, פארלאנגען, שפילערייען, דאס גאנצע טאג־טעגלאכע לעבן זייערס איז דורכגעפלאכטן מיט סעקס. מיר דערוויסן זיך פון קלובן צווישן אינגלאך, וואו דער ריטואל ביים ווערן א מיטגליד באשטייט אין אויסטאן זיך נאקעט און געבן זיך א נאמען פון א מיידל, וועלכע מען ליבט (11 יאר אלט). מיר דערוויסן זיך פונם טאג בוך פון נאך זאכן "וועגן וועלכע דער אינגל קאן זיין געליבטער מיידל ניט פארטרויען, קאן אפילו ניט איבערדערציילן, מחמת ס'איז שרעקלאך" און "מחמת ער, דער 11 יאריקער, וויל ניט צורויבן ביי איר איר אומשולד"... דאס מיידל טראכט שוין טאג און נאכט וואס דאס קאן זיין. זי טראכט שוין איצט צי איר עלטערע שוועסטער געהערט צו אזא קלוב, און צי אפשר גאר דער ברודער, צי דער פאטער האט אמאל געהערט צו אזא מין קלוב, מיר זעען אינם טאג־בוך ווי אינגלאך ציען צו זיך צו חבר'טעם קיצלענדיק זיי, תמיד דריקנדיק זיי צו זיך, דריקן אנדייטנדיק ס'האנט פון דער געליבטער... מיר לייענען דארטן פון אינגלאך, וואס די אויגן בלישטשען, וואס וואנדערן אויף טיילן פון מיידלס קערפער אין פאנטאזיע, וואס רייצן, און פון מיידלאך, וואס חלומ'ען וועגן געליבטע א. א. וו. מיר דערוויסן זיך פון קוריאזיטעט, פון דער צעטומלעניש, פון דעם כאאס און מיש־מאש, וואס בושעוועט אין זייערע נשמות ארום דעם ענין סעקס. אט שרייבט די 11 יאריקע "אט אזוי ווערן עס געבוירן קינדער — ניין, ניט פאר מיר! איך וועל ניט חתונה האבן. ס'טוט שרעקלאך וויי, גוט וואס כ'וויים עס פריער". (ערשטער שרעק־איינדרוק). דאן טומלט זיך עפעס ביי איר אין מוח און אין מוחות פון אירע חבר'טעם וועגן מענסטרואציעס, עפעס בלוט... (צווייטער שרעק). צו דעם קומען צו שמועסן וועגן עפעס א אינגל וואס איז "ארייננעפאלן", מחמת ער האט צו טאן מיט מיידלאך; דאן קומען מיידלאך, וואס זאגן, אז זיי האבן געהאט גענוג דערפארונג, אבער וועלן ניט דערציילן — (קוריאזיטעט ווערט שארפער);

— ס'קומען "זינאכערס" וואס וויסן ווי מען "דערקאנט", מחמת אונטער די אויגן זיינען פאראן סימנים... "אלע נאכט דארף מען "עס" טאן". אבער "ס'טוט וויי": דער "ער" האט פארגעניגן פון די ווייטיקן, און זי מוז עס טאן מחמת דער מאן צווינגט איר. ווי שוידערלאך! — (3טער שרעק). (אן אומגליק רוקט זיך!). דאן די צווייידייטיקע ווערטער, וואס שטורעמען אויף קלאסן. דאן די צעטעלאך, וואס מען שרייבט זיך אפילו בעת'ן לערנען אמונה; — דאן די נייעס פון מאמעס־טאטעס, דאן די נייעס פון צייטונג — מיר דערוויסן זיך פון איבערלעבונגען. בעסער געזאגט פון דער שרעקלאכער אויפטרייסלונג, וואס ס'קינד לעבט איבער, בעת עס דערזעט דאס ערשטע מאל צו 13 יאר א מענלאכן געשלעכטס ארגאן. זי קאן א חודש צייט ניט שלאפן. זי ציטערט אזש פון שרעק: "און דאס איז עס, הייסט עס, וואס מען דארף פון דעם שפעטער אזויפיל ליידן". "פון דעם קריגט מען קינדער... און אך, ווי דאס האט געמאכט דער מאמען קראנק". "ס'טוט וויי, וואס דווקא דער פאטער מאכט די מוטער קראנק". קורץ, פול מיט שרעק און פול מיט כאאטישן וויסן איז די נשמה פונם קינד, ווען ניט

צוגעגרייט פון דער פריסטער קינדהייט. אט, למשל, קומט פאר א חתונה. דאס רופט ארויס א שטורעם. מען וואַרפט זיך צו דער ענציקלאפעדיע און מען געפינט אויס "ווערטער", און ס'טוט זיך אויף טיש און בענק און . . . שרעק נערווירט און קריפלט אויף אייביק און פירט צו צערייצטקייט, צו נערוועזיטעט, צו נערוון צוזאמענברוכן. האָן קומט אזא פאסירונג : א מאן, וואס איז מיט זיין געליבטער געווען ניט גענוג פארזיכטיק און קינדער דערזעען, וואס ס'קומט צווישן זיי פאר — וואס פאר אן איבערלעבונג ! . . זיי ווערן קראנק, מען ברייננגט א דאקטאר. זיי שרייען אזש אויס פאר שרעק און פחד, און אימה — דאן דערוויסן זיי זיך פון וועגערישע קראנקהייטן... ווי ווייטיקדיק דאס דאזיקע איז, בעת מיר ווייסן, אז דעם דאזיקן כאאס קאן מען אזוי גרינג פארמיידן, ווען אויפגעקלערט פרי.

דר. האדן דערציילט פון 14 יאריקע מאמעס, פון קינדער מיט ווענערישע קראנקהייטן, פון שמועסן וועגן נאטור און געשלעכט מיט 13-14 יאריקע. זעט וואס פאר א פראגעס אויף צעטעלאך מען האט אים געשטעלט און איר וועט זאגן אז זיי ווייסן ניט, טראכטן ניט. אז זיי זיינען אומשולדיק ! 1) קאן מען ווענערישע קראנקהייטן אויסהיילן ? 2) קאן א ווענערישער ניט האבן קיין קינדער ? 3) קומען די ליידנשאפטן פון דעם אייערשטאק ? 4) וואס מיינט עס אימפאטענט ביי א מאן ? 5) וואס מיינט עס, אז ס'איז דורכגעלאזן געווארן די צייט פון חודש ? 6) האבן די איינגלאד מאנאטלאכע ? 7) ווען קאן מען האבן א קינד ? 8) פארוואס קריגט איין מיידל "צייט" צו 12, אן אנדערע צו 14? 9) וואס מיינט עס "בייט" פון לעבן? 10) וואס טוט מען, ווען ס'קינד קאן ניט דורכגיין דורכן פרויען געשלעכטארגאן ? 11) וואס טוט מען, ווען א מאמע שטארבט און דאס קינד לעבט אין איר ? 12) קאן מען ווידער "לעבן" פיר וואכן נאכן געבורט ? 13) ווי קומט פאר דער פראצעס פון פערטילאז, ווי קומט דער אינטערקורס ? (נעשלעכט אקט). 14) פארוואס האט א מאן ניט קיין ברוסט ? 15) פארוואס האר אויפן קערפער ? 16) וואס מיינט א מפיל, א צווילינג ? דאס פרעגן 13-14 יאריקע קינדער ! זאגט מען זיי, גרייט מען זיי צו אין צייט, פארשפארט מען מיט דעם שטורעם. און וואס איינער ס'קינד איז דארף מען אנהויבן מחמת מען פארשפארט דעם "ביי־טעם".

פרויד ברענגט אזא פאל : א 19 יאריק קינד, זייער אינטעליגענט און גייסטרייך, איז אן א ווערכער עס איז, דערקלערבארער, סיבה שטארק נערוועז געווארן. זי איז געווארן זייער רייצבאר, אומצופרידן, אומעטיק, פול מיט צווייפלונגען, און מיט א ספעציעל שלעכטער באציאונג צו דער מוטער. שפעטער איז אין נערוועזיטעט אזוי ווייט אוועק, אז זי פלעגט אפילו מורא האבן צו גיין איבער ברייטע גאסן. פארן גיין שלאפן, פלעגט זי דורכפירן אזא ריטואל : זי פלעגט אפשטעלן דעם גרויסן זייגער אין איר צימער, און פלעגט ארויסטראגן פונם צימער אלע אנדערע זייגערס. וואזאנעס און וואזעס פלעגט זי פריער פארזיכטיק אוועקשטעלן צוזאמען אויפן

שרייב־טיש, אַזוי אַז זיי זאָלן חלילה ניט אַראָפּפּאַלן און זי אויפוועקן: זי האָט גוט געוואוסט, אַז דאָס ריטמיש שלאָגן פון אַ זייגער קאָן העלפן איינצושלאָפן און ניט פאַרקערט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז די וואָזאַנעס שטייען טעג, וואָכן, חדשים אויף זייערע פּלעצער און פאַלן ניט; צו וואָס די פאַרזיכטיקייט ? זי האָט אויך גוט געוואוסט, ווי נאַריש ס׳איז איר מורא, אַז דער טייל פון פרעגע, וואָס איז צוקאָפּנס, זאָל חלילה ניט אַנרירן די הילצערנע צוקאָפּנס ברעטל . . . זי האָט גוט געוואוסט ווי נאַריש אירע קאָמפּולסיעס זיינען, זי האָט אָבער אַנדערש ניט געקאָנט איינשלאָפן. זייערס, זאָגט פרויד, זיינען סימבאָלן פון ווייבלאַכן געשלעכט אָרגאַן, זייערע פּעריאָדישע פּראָצעסן און רעגולערע הפסקות צווישן די פּראָצעסן (ריטם, צייט), פירן צום סימבאָל. פרויען זאָגן אָפט, אַז זיי קריגן די מאָנאַטלאַכע אַזוי געניי ווי אַ זייגער. דער קלאַפּ פונעם זייגער, דער טיקטאַק, דערמאָנט אין געשלעכטלאַכן אַקט. וואָזעס און וואָזאַנעס דערמאָנען ווידער אין געשלעכט אָרגאַן (זיי נעמען אויף, אין זיי פאַרזייט מען, גיסט מען אַריין, און ס׳וואַקסט). זי האָט מורא פאַרן געשלעכטלאַכן אַקט, פאַרן ״פאַלן״. . . (וואָזאַנעס), פאַרן ״צעברעכן״. . . פאַרן צעררייסן דעם הייטמאַן (דאָס הייטל). מען צעברעכט דאָך אַפילו סימבאָליש אַ כוס אונטער דער חופּה). איינמאָל, אַלס קינד, איז זי טראָגנדיק אַ וואָזע, געפאַלן און האָט זיך שטאַרק צעשניטן אַ פינגער, עס האָט שרעקלאַך געבלוטיקט. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי זיך (פון גאָס משמעות) דערוואוסט וועגן דער ערשטער חתונה נאַכט. איצט ציטערט זי, אפשר וועט זי ניט בלוטן אין דער ערשטער נאַכט, און מען וועט איר ניט גלויבן, אַז זי איז אַן ערלאַכע טאָכטער. אַזאַ מיש־מאַש, אַזאַ צעטומלעניש, אַזוינע און ענלאַכע קאָמפּולסיעס און ליידן זיינען רעזולטאַטן פון סעקס־אינפאָרמאַציע, וואָס ס׳קינד קריגט פון גאַס. אין אַזאַ ריכטונג קאָן אָוועק, אַזאַ פאַרבינדונג קאָן זיך שאַפן, אַזאַ שרעק און צו אַזוינע פאָביאַס קאָן פירן סעקס־אינפאָרמאַציע, געקראָגן פון גאַס, בעת אַז אַ וועלכן עס איז ביי־טעם קאָן שפּעטער אַ קינד אויפנעמען אַ וועלט אינפאָרמאַציע, ווען אָנגעהויבן פרי, ווען קאַלט, ריין, נאַטירלאַך געגעבן.

ברענגט מערי ווייר דענעט אַזאַ פאַל : — די געוועזענע דייטשישע קייזערן פלעגט ליב האָבן צו באַזוכן שולן און שמועסן מיט די קינדער. שטייט זי אַזוי איין מאָל אין אַ דאָרפישער שול פון אַ קליינעם קלאַס 7 יאָריקע, און זי ? הויך, שיין, אויסגעפּוצט, ווי אַ מלכּה, ווי פון די פּרינצעסנס, וואָס פליען אין די הימלען, און זאָגט : ״פרעגט מיך עפּעס קינדערלאַך״. ס׳איז שטיל. אַלע שעמען זיך. ביז וואַנען אַ 7 יאָריקער בחור׳ל שטעלט זיך אָוועק, באַקוקט די פּרינצעסן אַזוי נייגעריק, און פרעגט, ״גייסטו פּי?״ פאַר אים איז עס נאָר אַ געוויינלאַכע פראַגע, אַ נאַטירלאַכע. פאַר אונז ניט — ווי גליקלאַך איז דאָס קינד וואָס ווערט דערצויגן אין נאַטירלאַכקייט. אָבער דערציילן איז ווייניק — וויסן איז ווייניק, ס׳מוז געשאַפן ווערן אַן אַטמאָספערע פון נאַטירלאַכקייט אין שטוב — סיי ווי סיי וועלן זיי עס ״וויסן״, זיי וועלן אָבער גוט צאָלן פאַר יענעם וויסן.

אמת, פאר קליינע קינדער, אינם עלטער פון 3 ביז 5 יאר אלט, דארף מען ניט האלטן קיין גאנצע לעקציעס. גענוג צו געבן קורצע ענטפערס, אז דאס קינד ווערט געוואוירמט אינם קערפער פון דער מוטער, פונקט ווי קערנד־לאך ווערן אויסגעוואוירמט אין דער מוטער־ערד, פונקט ווי קעצעלאך מאַ־מעס וואוירמען אוים זייערע קינדערלאך, פונקט ווי הינדעלאך בריען אוים זייערע קינדערלאך פון די אייעלאך, זיצנדיק אויף זיי. קינדער אינם עלטער פון 6־7־8־10־11 יאר דארף בהדרגה'דיק געגעבן ווערן ווייטערע דערקלע־רונגען, ווי דער פראצעס קומט פאר ביי פישעלאך, פרעש, קראקאדילן, פייג־געלאך. קינדער אין דעם עלטער פון 12, 13 און 14 יאר דארף מען, ניט נאר מעג מען, פירן שמועסן בהדרגה אפענער, אבער קאלט, נאטירלאך און וואַרים. דערציילט נאר ניט קיין מעשיות וועגן דעם שטארך, צי וועגן דעם שפיטאל, וואו מען שיינקט קינדערלאך, צי וועגן געשעפט וואו מען קויפט זיי. ווען קינדער דערוויסן זיך שפעטער, אז איר האט געזאגט א ליגן, וועלן זיי זיך צו פרי אנשטויסן, אז דער ענין איז ניט קיין גלאטער, והא ראיה, די מאמע האט זיך געשעמט צו זאגן דעם אמת. עס וועט זוכן צו געפינען דעם אמת אין גאס, דער "אמת". וועט זיין טויט סכנה'דיק פאר דער נשמה פון קינד.

אז א מאמע געפינט קינדערלאך שפילנדיק זיך נאקעט, קאן זי א זאג טאן : "וואס איז דאס פאר א שפילן זיך נאר נאקעטערהייט ? מען קאן זיך צוקילן. נאקעט זיין איז אן ענין בעת'ן באדן זיך". פאראן א גאנצע רייע קינדער פסיכאלאגן און לערער, וואס רעקאמענדירן גאר, אז אינגלאך און מיידלאך אינם עלטער פון 2, 3, 4 און 5 יאר זאל מען אבזיכטלאך באדן צוזאמען, אז זיי זאלן חוקא יא זעען די אונטערשיידן, און ישוין קריגן נאַ־טירלאכע דערקלערונגען. "חנה'לע וועט אמאל זיין א מאמע. זי וועט אויס־וואוירמען קינדערלאך ביי איר אין בייכעלע אזוי ווי איך האב אייך אויס־געוואוירמט, מיט ליכטיקע אייגעלאך און זיסע פנים'לאך". די דאזיקע שול אין קינדער פסיכאלאגיע האלט, אז דאס קאן אפטעמפן לייידנשאפטלאכע קוריאזיטעט, וואס ברענגט קינדער א סך צרות. געפינט איר, הייסט עס, קינדער שפילנדיק זיך נאקעט און שרייט אויף זיי אן, און מאכט א טומל, און פארשעמט זיי, פארשארפט איר קוריאזיטעט אין זיי. פונקט ווי א פרימי־טיווער, וואס גלויבט אין מיסטעריעס, אין אבערגלויבנס און איבערנאטיר־לאכע כוחות און שרעקט זיך, אזוי שרעקט זיך א קינד, וואס ווייסט ניט געגוי און וויים, אז עס וועט זיך מוזן טרעפן מיטן גזלן, מיט דעם מענלאכן געשלעכט, און שרעק איז א גרויסע פלאג און א צרה.

דער גאנצער אומגליק מיטן סעקס פראבלעם איז געלעגן אין דעם, וואס דער צוטריט איז געוועזן ניט דער. מען פלעגט ווארטן און שפעטער א פליוכע טאן איבערן קאפ פונם 14־15 יאריקן אינגל א ים סעקס אינפאר־מאציע. דער לערער, צי דער פאטער, פלעגט אוועקגיין פון אזא שמועס מיט א זויערן בייי־טעם אין נשמה, מחמת ס'איז ניט געוועזן קיין בהדרגה'דיקע,

יאָר־איין יאָר־אויס, פון דער פריסטער קינדהייט אָן, סיסטעמאַטישע, לויט צייט עלטער און אַנטוויקלונג פונם קינד, אויפקלערונג. די איינפאַכסטע, די געוויינלאַכסטע ענטפערס צו א קינד פון פיר יאָר אַלט עפענען א שטימונג און א וועג צו די קאָמפּליצירטסטע ענטפערס צו א קינד פון 14 יאָר אַלט. יאָ, א נאַטור וויסנשאַפטלאַכער, יאָר־איין יאָר־אויס, צוגאַנג ליגט א געזונטן פונדאַמענט, א געזונטן באָדן, געזונט אויפצונעמען דאָס ווייטער־דיקע. אָדער וועלן די ווייטערדיקע ידיעות נאָר באַפאַרבן ווערן פון דער נאַטירלאַכקייט פון די פריער געקראַגענע ידיעות, אָדער וועלן זיי נייטראַליזירן א גרויסע מאָס רייצבאַרקייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוליב א וועלכער עס איז סיבה, אַריינצורייסן אין דער נשמה פון קינד: די דערוואַכטע לייד־ענשאַפטן וועלן געפינען אין נשמה א צוגעגרייטן און א פאַרלייגטן כוח. וואָס וועט די דאָזיקע צעשטורעמטע געפילן צוימען און באַרואיקן. דאָס קינד וועט פאַרשטיין די דאָזיקע שטורעמס, פאַרשטיין מיינט מוטיק באַגעגענען, מיינט — זיגן !

נאָך א גאַנצער ריי אינטימע פון האַרץ צו האַרץ שמועסן מיט מאַמעס, מיט קינדער און דערוואַקסענע, און דורכלייענענדיק הונדערטער ביכער און וועגן טויזנטער פאַלן מיט קינדער פון פאַרשיידענע פעדאַגאָגישע, פסיכאָלאָגיע־זשורנאַלן, און באַריכטן פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער גייסט און די שטימונג, וואָס עס שאַפט זיך אינם קינד, בעת ס'קריגט דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן געשלעכט אויפקלערונג, באַשטימט דעם גורל פונם קינד אויפן גאַנצן לעבן. דער דאָזיקער גייסט און די דאָזיקע שטימונג וועלן צוגעבן זייער ניגון, זייער קאָליר צו יעדער האַנדלונג און וועלן דעצעדירן, און וועלן אָפּטמאָל באַשטימען, אָדער ווענדן דעם קינד, און שפּעטער דעם מענטשן, אין דער אָדער יענער ריכטונג. דערפאַר איז דאָס אַזוי לעבנסוויכטיק, אַז די ערשטע אינפאָרמאַציע איבער געשלעכט פראַגן זאָל קודם־כל און הויפּטזאַכלאַך זיין א ריינע, א וויסנשאַפטלאַכע, א נאַטירלאַכע און זאָל געגעבן ווערן אין גייסט פון ליבע, פריינטשאַפט און האַרציקייט. איר וועט אָפּטמאָל הערן, אַז פונקט ווי עס איז ניט ראַטזאַם צו געבן די דאָזיקע אויפקלערונג צו שפּעט, איז אָבער נאָך וויניקער ראַטזאַם זי צו געבן צו פרי. דאָס איז ניט ריכטיק. וואָס פריער דאָס קינד הערט פון דעם דאָזיקן ענין, אַלץ געזונטער איז עס פאַרן קינד; וואָס פריער עס הערט, אַלץ וויניקער רייצבאַר, מיט אַלץ וויניקער סעקס קאָליר, נעמט עס אויף. ווען א דורכשניט געזונט קינד, אַרום 5-6 יאָר אַלט, פרעגט דעם פאָטער, צי דער מוטער פון וואַנען עס קומען קינדערלאַך, פרעגט דאָס קינד עס מיט דער זעלביקער שטימונג און מיט דער זעלביקער באַציאונג צו זאַכן, ווי עס פרעגט, פון וואַנען ס'קומט א רעגן, אָדער פון וואַנען קומט אַרויס די זון. פאַר אונז, דערוואַקסענע, איז אַזא פראַגע פאַרבונדן מיט א בייטעם פון סעקס געפילן, ביים קינד איז עס ניט אַזוי. דאָס קינד הערט מיט גרויס אינטערעס אויס דעם פאָטערס אָדער דער מוטערס לעקציע איבער נאַטור וויסנשאַפט און איז באַפרידיקט.

דער פֿאָטער צי די מוטער ליגט אויף אַזאַ אופֿן אינעם קינד אַוועק אַ נאַטור וויסנשאַפֿטלאַכן צוגאַנג צום פּראָבלעם, וואָס וועט שפּעטער זיין אַ געזונטער פֿונדאַמענט, אַ געזונטער באָדן, געזוגט אויפֿצונעמען דאָס ווייטערדיקע. "יעדער לערער וועט אייך דערציילן וועגן שוועריקייטן, וואָס אַ קינד באַגעגנט, ווען עס דאַרף לערנען טיפֿע, קאָמפּליצירטע געזעצן אין אַריפֿמעטיק, אויב ס'האָט ניט קיין געזונטן, פֿונדאַמענטאַלן וויסן אין די איינפֿאַכסטע געזעצן פֿון מאַטעמאַטיק. אַזוינע שוועריקייטן באַגעגנט דאָס קינד אויך אין פֿראַגן פֿון באַציאונג צום לעבן." (פּרעזידענט ג. וויקעס). ביסלאַכווייז דאַרף דאָס קינד צוגעגרייט ווערן, ביסלאַכווייז אין משך פֿון יאָרן, כּדי מען זאָל ניט דאַרפֿן וואַרפֿן קיין "באָמבעס" אָדער "פּליוכעס" מיט אינפֿאָרמאַציע.

טויזנטער טראַגעדיעס אין פֿאַמיליע לעבנס, טויזנטער גט'ן, טויזנטער פֿאַרברעכנס, טויזנטער קראַנקהאַפֿטע געשלעכט נייגונגען, טויזנטער פֿאַרשלאָסענע הינטער די גראַטעס אין די תּפֿיסות, טויזנטער אין די אַנשטאַלטן פֿאַר גייסטיק־קראַנקע, טויזנטער מאָרדן, טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס פֿירן מיט זיך אַן אייביקן קאַמף, וואָס ברעכט זיי, וואָס בויגט זיי, וואָס פֿאַרפֿינסטערט זיי זייער לעבן: טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען אַזוינע זיינען אומגליקלעכע קרבנות פֿון פֿאַלשן צוגאַנג, פֿון פֿאַרגרייזטער געשלעכטס אויפֿקלערונג, פֿון גאַס אינפֿאָרמאַציע. ביז גערשאַפֿט דעם סעקס פּראָבלעם. סעקס פּראָבלעמען וועלן ביי אונז אַזוי לאַנג פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר ווילד, פֿאַר בעסטיאַליש ביז די אומגליקלעכע סעקס־בעסטיעס און סעקס־קראַנקהאַפֿטע וועלן אויפֿרייסן די אַלטע מאָראַל!

פּראָפֿ. וו. שטעקל לערנט אונז, אַז פֿריִע איינדרוקן קאָנען בילדן דעם קערן פֿון אַ קראַנקהייט. דער בראשית פֿון אַלע כּמעט גייסטיקע קראַנקהייטן, זאָגט ער, ליגט אין דער פֿריסטער קינדהייט. און ניט נאָר ער, די גרעסטע מערהייט פּסיכאָלאָגן און פּסיכיאַטרען אייניקן זיך אין כּלל, אַז דאָס ערשטע בלייבט אייביק אינעם קינד, אַז ס'איז שווער צו געפֿינען אַ גייסטיקע קראַנקהייט, וואָס מ'זאָל איר וואָרצל, איר אָנהייב ניט געפֿינען אין די סאַמע פֿריסטע יאָרן פֿון קינדס לעבן. אַלע פֿונקציאָנעלע, הייסט עס, קראַנקהייטן (איינגערעדטע זיך און לכן שווערסטע און סכּנה'דיקסטע), אַלע נערוון־צוזאַמענברוכן פֿון אַ מיידל, למשל, צו 16 יאָר אַלט, אַ פֿרוי, למשל, צו 30, אַ סוחר, אַ פּראָפֿעסיאָנאַל צו 50 יאָר אַלט, שטאַמען פֿון דער פֿריסטער קינדהייט. געווען אַ סיבה, וואָס האָט פֿאַרלייגט אין נשמה פֿון קינד אַ קאָנפֿליקט. דער נשמה־קאָנפֿליקט איז פֿאַרשטויסן געוואָרן אינעם אומבאַוואוסטזיין. ער איז געשפּייזט געוואָרן מיט איינדרוקן, מיט פֿאַרשיידענע גינסטיקע פֿאַרן קאָנפֿליקט איבערלעבונגען, וואָס האָט גערייצט און פֿאַרשאַרפֿט דעם נשמה־קאָנפֿליקט. ער, דער קאָנפֿליקט איז שטאַרקער און שאַרפֿער געוואָרן דאָרטן אין אומבאַוואוסטזיין, ער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כּוח, וואָס האָט זיך, ביי אַ גינסטיקן פֿאַר אים מאָמענט, אַרויסגעריסן

אין דער פארמע פון א נערוון־צוזאמענברוך. שרייבט פראפ. שניאורסאן אז "נעווראטישע שטערונגען ביי דערוואקסענע שטאמען פון ניט דערליידיקטע נשמה קאנפליקטן אין די קינדער יארן. די דאזיקע קאנפליקטן דענערווירן דעם מענטשן דאס גאנצע לעבן". דער מענטש געפינט תמיד צענדליקער סיבות און שולדיקע, ווען ער איז נערוועז, בעת די אמת'ע סיבה ליגט העט וויט־ווייט אין דער קינדהייט, און די איצטיקע "סיבה" איז נעבאך גאט די נשמה שולדיק. זי, די איצטיקע "סיבה" האט נעבאך געהאט דעם מזל צו זיין נאר אן אויפטויכערן, אן אויפוועקערן פון א לאנג פארליגטער וואונד. יא, מיר קרענקען און ליידן אפ א גאנץ לעבן, מיר פארפינסטערן זיך, אונזערע נאענטע, און גיבן איבער בירושה אונזערע טיפערסטע און הייליקסטע, אונזער קינדערלאך, שטימונגען, וואס פינסטערן זיי זייער לעבן. און אלץ קומט עס פון קאנפליקטן פון דער פריסטער קינדהייט.

בעת מיר, אידן, האבן געלעבט אין בבל, דערציילט אונז די געשיכטע, איז די פארצווייפלונג פון דעם יונגן דור געווען אין לשער. קינדער ליידן דאך פאר די זינד פון זייערע עלטערן, די עלטערן זייערע זיינען דאך זיכער געווען זינדיקע, אנדערש וואלטן זיי דאך ניט פארטריבן געווארן אין גלות. נו ? איז טאקע ניטא קיין האפענונג אויף שיבת ציון. אט דעמאלסט איז דער נביא יחזקאל ארויס מיט זיין פילאזאפיע, מיט זיין טרייסט, אז דעם רשע ווערט פארגעבן דאס רשעות, ווען ער פארקערעוועט נאר אויף די וועגן פון צדק. טרויעריק און האפענונגלאז וואלט געווען די לאגע אונזערע און ביטער דער מזל, ווען אפילו פארקערעווענדיק אויף וועגן פון הייליקייט, וואלט ניט מעגלאך געווען קיין ישועה. צום גליק קאן מען יא היילן, קאן מען יא שפעטער היילן קאנפליקטן פארליגטע אין דער קינדהייט. און נאך מער מעגן מיר זיך אפגעבן מזל־טוב, וואס מיר זיינען דערגאנגען בכלל, וואס מיר האבן זיך אנגעשטויסן: אין דעם נאטור געזעץ פון פארליגטע אינם קינד חולאת'ן, וואס צעוואקסן זיך אין וואלקנס, וואס פארשטעלן שפעטער זון, הימל, און וואס ברעכן שפעטער אויס אין שטורעמס, אין דונערן, אין בליצן. צום גליק האט מען זיך אנגעשטויסן אן דער צארטסטער סטרונע, אן דעם כוח ארום וועלכן די קאנפליקטן ווערן אנגעהאנגען. דער דאזיקער כוח, סעקס, ווערט אבער אין משך פון דורות פארשטופט, פארטריבן, פאר'מיאוס'ט. פאר דעם דאזיקן פאר'מיאוס'ן טאקע צאלן גאנצע דורות מיט בלוט, טרערן, מיט צער און ליידן. דער כוח, ווען אויפגענומען געזונט, וואלט געלערנט דעם קינד שפילן ס'געזאנג פון זיין נשמה ווי אויף דער הערלאכסטער פידל. אין קעגנזאץ שפילט עס טראגעדיעס.

פונקט ווי עס דארף מיטן קינד געלערנט ווערן אמונה (ניט פלאנצן. נאר לערנען) קולטור געשיכטלאך, כדי דאס קינד זאל דערזעען די אמת'ע קייט פון אונזער שטייגן און וואקסן, די קולטור עוואלוציע, וואס די מענשהייט מאכט דורך; פונקט ווי מען דארף לערנען אמונה, פעדאגאגיש־דערציעריש, כדי דאס אמת קערנדיקע צו פארוואנדלען אין ווערטן עכט און גיל־

טיק פאר אונזער צייט, כדי די פערל, די דימענטן פון נעכטן זאלן קאנען אויך היינט לויכטן. דארף דאס סעקס פראבלעם קריגן בירגערשאפט אין הערציאונג, כדי דאס דאזיקע פראבלעם זאל ניט שרעקן, נאר וועקן כוחות, סובלימירן געפילן און דראנגען.

יא, מען קאן אט דעם סעקס געפיל וואס צעוואקסט זיך, וואס צעשטורעמט זיך אינם קינד פארוואנדלען אין א כוח, וואס זאל ניט רייצן, ניט נערווירן, ניט ברעכן, ניט פינסטערן, נאר שמידן און לויכטן, פאסיפיצירן, רואיקן און צעבליען דאס ווארימסטע און הערלאכסטע. צום גליק האט די קינדער פסיכאלאגיע אויף דעם געביט געמאכט גרויסע אנטדעקונגען, גרויסע דערפאלגן, גרויסע עליות. איז טאקע דער הייליקער חוב פון יעדן פאטער און מוטער צו כאפן א בליק אויף דעם געביט און פול וועלן ווערן זייערע נשמות מיט פרייד, מחמת דאס דאזיקע פראבלעם פירט אונז אויף די וועגן צום קינדס גליק. דאס געשלעכט איז דער גרונט־קאפיטאל פונם געזונט. ווען מען וואלט געקאנט בילדעריש ווייזן מיט וויפל וואונדן, קאנפליקטן, ראנגלענישן, מיט וויפל צערן, דאס הערצעלע פונם קינד איז פול, אין דעם פריסטן פעריאד פון זיין לעבן שוין. וואלט אפשר דאס דאזיקע אויפגעריסן די עפנטלאכע מיינונג צו פארקערעווען אין פראגן פון הערציאונג אויף נייע וועגן, וואלט אפשר דאס געפירט ניט צו געבן דעם קינד אידעאלן, ווי מזוזות אין זיין לעבן נאר צו דערציען אים א געזונטן גייסטיק, א רואיקן, א נשמה באלאנסירטן, א זיכערן — ער זאל קאנען געניסן די פרייד פון לעבן.

דער ערשטער וויכטיקסטער פעריאד אין קינדס לעבן הויבט זיך אן פון די ערשטע שעה'ן, טעג, וואכן, פונם קינדס געבורט און אפשר נאך פריער — ביז די ערשטע 4-3-2 יאר, ווען עס לעבט שטורמיש איבער דעם עדיפוס קאמפלעקס, צי ווען עס קריגט די ערשטע קלעפ פון אנטוישונג אין וועלט, אין מענטש, אין עלטערן, ברידער א. א. וו. — נאר וועגן דעם האבן מיר שוין פריער גערעדט.

דער צווייטער פעריאד אין קינדס לעבן, וואס איז גורל־דעצעדירנדיק, איז דער פעריאד פון רייף ווערן. ווידער באגעגנט דאס קינד אין זיין לעבנסוועג שטורעמדיקן וועטער, וואס איז שטורעמדיקער אין דער פראפארציע ווי עס האט איבערגעלעבט ביים ערשטן הארבסט, דעם ערשטן פעריאד. דאס איז די יוגנט, די צווייטע געבורט. אין דעם עלטער זיינען קינדער אומרואיק, אומגעדולדיק, קריינקלאך נערוועז, פאר'עקשנ'ט, רעדן תמיד מיט היץ, ווערן גרינג אויפגעקאכט, זיינען אימפולסיוו, רייצבאר. קומען יעדן טאג מיט נייע פלענער, איין פלאן משוגה'דיקער פארן צווייטן. אין דעם עלטער באגייען קינדער פארברעכנס, גנב'ענען און מארדן אפילו. און ס'איז קיין וואונדער ניט. דאס קינד וואקסט אין דעם עלטער מיט שפרונגען, וואקסט גיך; נייע דריזן הויבן אן אויסצוגיסן זייער זאפט אין

די בלוטן: ס׳דערוואכן, א דאנק אט די ניי געעפנטע דריזן, נייע געפילן, ליידנשאפטן. דאס קינד לעבט ווי אויף א וואולקאן. דאס קינד ענדערט זיך גייסטיק און פיזיש אין דעם עלטער ביז ניט צו דערקאנען. די יוגנט, די צייט פון רייף־ווערן, איז די צייט ווען עס בליען זיך אבער אויך פאנאנדער ווען עס שטראלן און וואקסן זיך אבער אויך פאנאנדער כוחות. וואס קומען דעם קינד צו הילף. ווייס דאס קינד, דורך צוגרייטונג, פון דעם אלעם, ווייסן די עלטערן פון דעם, טעמפט דאס דאזיקע אפ שארפקייטן און גרינגער לעבט איבער ס׳קינד די דאזיקע צייט. איז דאס קינד ניט צוגעגרייט בהדרגה צו דעם, פארשטייען טאטע־מאמע ניט די סכנה׳דיקייט פון דער צייט זיינען נאך אפשר א חוץ דעם פארלייגט וואונדן אינם קינד פון די פריסטע יארן, — איז די בעסטע גינסטיקסטע צייט פאר אויסברעכן אדער פאר פארשטארקן, באפרוכפערן סיבות, וואס פירן שפעטער צו אלע טראגעדיעס אין לעבן. בירגערשאפט דעם דאזיקן פראבלעם לשם אונזערע קינדער, לשם זייער לעבן, לשם זייער צוקונפט.

נו ? איז אויב נעווראטישע שטערונגען ביי דערוואקסענע שטאמען פון ניט דערלײדיקטע פסיכישע קאנפליקטן אין די קינדער־יארן; איז, אויב מיר קרייגקען און ליידן אפ א גאנץ לעבן פון שטימונגען, נייגונגען, וואס זייער בראשית ליגט אין די פריסטע קינדער־יארן, און אויב דער בראשית איז אין נאענסטער קרובה׳שאפט מיטן פראבלעם סעקס, מיט דעם כוח, וואס צעוואקסט און צעשטורעמט זיך אין משך פון יארן און פירט צו טראגעדיעס, מיט דעם כוח, וועלכער וואלט ביי אן אנדער צוגאנג געקאנט פארוואנדלט ווערן אין א פאקטאר, וואס זאל וועקן און סובלימירן, איז אויב אזוי שטעלט זיך גלייך די פראגע, — ווי טרעטן מיר צו צום פראבלעם ?

ווי הויבט מען אן א קליין קינד צו דערקלערן דעם ענין סעקס, אז דער ענין איז א גמרא־שווערער ? כדי צו קאנען דעם דאזיקן ענין דערקלערן א תלמיד, מוז דער דאזיקער תלמיד ווייסן כאטש די עלעמענטארסטע געזעצן פון ביאלאגיע, זאאלאגיע, ענטימאלאגיע, כעמיע און באטאניק. גערעכט, אבער ניט אינגאנצן.

אז א פראפעסאר פון מאניטאבער אוניווערסיטעט האט מיט אייניקע יארן צוריק געפרעגט דעם שרייבער פון די שורות, צו וואס דארף א איד, אין אזוינע יארן, די דאזיקע הארבע קענגשטאנדן שטודירן, האב איך אים געענטפערט, כדי צו קאנען שווערע נאטור וויסנשאפט געזעצן מאכן אזוי גרינג דערקלערבאר, אז א קינד פון 5־6 יאר אלט זאל זיי פארשטיין. דער גאנצער אומגליק ליגט דאס רוב אין דעם, וואס מיר האבן א טבע גרינגע, נאטור־וויסנשאפטלאכע געזעצן שווער־פארשטענדלאך צו מאכן. אנשטאט פארקערט. ס׳איז גרינג און נאטירלאך צו פירן א שמועס מיט א 5 יאריק קינד, מאכנדיק אויף שבת א הוז, איבערן ענין רעפראדוקציע, אי־

בערן ענין ווי עס ווערן געבארן הינדעלאך, פישעלאך, פרעש, בלימעלאך א. א. וו. אלא וואס ? מען דארף זיך נאר ניט פוילן אליין צו לייענען און צו לערנען, כדי זיך צו פארדינען דעם צוטרוי, וואס מען פלאנצט איין צו זיך ביים קינד ביי אזא שמועס. און ניט נאר דאס. ווען איר פירט צו א קינד צו דער פיאנא, און שפילט אים אויס א ניגון מיט איין פינגער, דערנאך שפילט איר דעם קינד מיט איין פינגער דעם זעלביקן ניגון. אבער די 2טע שטימע פונם ניגון, שפעטער דעם זעלביקן ניגון מיטביידע הענט און זאגט : "זעסט פייגעלע, דער ערשטער ניגון איז דער מאמע־ניגון, דער צווייטער, דער טאטע און איצט איז געבארן דאס קינד ניגון.". אז איר טוט אזוי האט איר דעם קינד געגבן א לעקציע אין סעקסעאלאגיע. ווען איר נעמט א פינזל און טונקט איין אין רויטער פארב און שפעטער מישט איר צו געלע פארב און קריגט אראנזש קאליר און רעדט אזוי ווי פריער צום קינד, האט איר דעם קינד געגעבן א צווייטע לעקציע.

אט איז א מיידל, הערט מען וועגן איר אזוינע אויסדרוקן : "זעט ס'ארא נאז", "אוי, ווי, ס'ארא פיגור, דער בויך סטארטשעט אויף ארויס". "זעט ס'ארא קאליר איר פנים האט, ס'פעלט איר נאך א סך צו שיינקייט" — ס'לויפן אוועק עטלאכע יאר. זי הויבט אן צו ווערן רייף. זעט ווי אלץ האט זיך געענדערט — זעט ווי שיין, ווי יונגפול, פול מיט לעבנסלוסט און לעבנספרייד, זעט ווי שיין די פיגור אירע איז, א חיות א קוק צו טאן אויף איר — זעט די אויגן, זעט און זעט און זעט . . . און ס'איז קיין וואונדער ניט, "מיין קינד", זאגט איר די מוטער, — "דיינע אייערשטאקן, סעקרעטן, גיסן אריין איצט אין די בלוטן וואונדערבארן זאפט. די בלוטן צעפירן עס איבערן גאנצן קערפער, און דו וואקסט ווי א בלום . . . דו האסט זיך אפילו אין כאראקטער געביטן, קינד מיינס, ווערסט אלטרואיסטישער, גרייטער, שענער, מענטשלאכער — אזוי אויך מיטן אינגל — האסט געשטורעמט, ביסט געווען אזוי . . . אזוי . . . אזוי . . . — אבער איצט ביסטו אויפן וועג, מחמת די דריזן עפענען זיך צו דער צייט, קינד מיינס, ניט אן גייסטיקע ליידן, פונקט ווי קיין זאך ווערט ניט געבארן אן ווייען . . .

זאגט ניט, אז אין קעגנווארט פון אייער קינד דארף מען ניט רעדן פון אזוינע זאכן, מחמת ס'האט נאך קיינמאל ניט געפרעגט. זאגט עס ניט, ווייל איר ווייסט ניט צי אייער קינד טראכט אקארשט ניט פון דעם און שעמט זיך אפשר צו פרעגן. דאס טראכטן געשעט א סך פריער פארן פרעגן; דאס פרעגן געשעט אפטמאל ניט, מחמת ס'וויים שוין א סך פון גאס . . . דאס זיינען אלץ פראבלעמען פון פריסטער קינדהייט. לאמיר זיך אביסעלע פארטראכטן וועגן א שפעטערן ענין, וואס זיין בראשית איז ווידער אמאל אין די ערשטע קינדער־יארן.

מיידלאך ווערן דערצויגן אין שרעק פאר דעם ענין חתונה האבן. אמת, באוואוסטזיניק גארט דאס דערוואקסענע מיידל חתונה צו האבן,

מחמת שרעק צו בלייבן אן אלט מיידל, אבער טיף אינם באוואוסטזיין לעבט א מיידל איבער גיהנום לייד. און ס'איז קיין וואונדער ניט. דאס מיידל ווערט ביי אונז דערצויגן אזוי, אז זי זעט פאר זיך נאר בלוט (מאנאטלאכע), בלוט (חתונה) און בלוט (געבורט), אז זי זעט פאר זיך נאר ווייטיקן, ליידן, און סכנות פאר איר לעבן. די געשעענישן וואס וואלטן באדארפט באשטראלט ווערן מיט יום־טוב'דיקער שטימונג, מחמת זיי זאגן פאר מזל־טוב'ן, ווערן אבער אין אונזער דערציאונג פארבונדן מיט קראנק זיין, מיט דאקטוירים.

אין דער דעמערונגס צייט פון דער געשיכטע, בעת די פעלקער זייַנען געווען אפנהארציק און נאאיוו, האט עקזיסטירט אן אפענע און אלגעמיינע פארהערלאכונג פונם געשלעכט, ווי א פרייד, ווי די באדייטנדסטע דערשיינונג פון דער נאטור. די אויסגוסן פון נילוס, וועלכע האבן געהאט א באזונדערס וויכטיקן זין פאר דער דעמאלסטדיקער ציוויליזאציע און קולטור, האבן די מצריים זיך פארגעשטעלט ווי א מעכטיקע באפרוכפערונג. אויף די רעליגיעזע פראצעסיעס לכבוד דער צעפלייצונג פונם נילוס האט מען געטראגן בילדער, וואס האבן פארגעשטעלט די ווייבלאכע און מענלאכע געשלעכט ארגאנען, צונויפגעגאסענע אין ליידנשאפטלאכן אקט. אין דעם איז ניט געווען קיין אומפארשעמטקייט, אדער, ווי ס'וואלטן געזאגט די היינטיקע פסיכיאטרען, רעליגיעזע היסטעריע. דאס איז געווען היילִיק, געטלאך, נאטירלאך, ווי די סאמע פרייד פונם דאזיין. אין דער גאנצער אלטערטימלאכער וועלט — אין פיניקיע מיטן קולט און אסטאראטא, אין בבל מיטן קולט פון מולך, אין מצרים מיטן קולט פון איזידא און אזארים, אין אינדיע, אין סיריע, אין צידון, ביז צו יאפאן — אומעטום זייַנען די געהיימנישן פון געשלעכט געווען פארהייליקט, ווי נאציאנאלע יום־טובים.

יא, דער מאמענט פון בלוט, פון סכנה, דווקא דער מאמענט ווערט אונטערגעשטראכן, בעת די גייסטרייכקייט פון די דערשיינונגען ווערן קוים דערמאנט אין דערציאונג, א דאנק אונזער צוגאנג, וואס לערנט פארשווייגן זאכן, פארבאהאלטן און פשוט פאר'מיאוס'ן. קינדער זייַנען זייער סענסיטיוו צום טאן, צום גייסט, צום ניגון, צום בייטעם, מיט וועלכן מען רעדט פון אן ענין, און דער טאן איז תמיד א שרעקעוודיק־פיזיאלאגיש־פארמיאוס'טער.

שפילן זיך טאקע אפ אין דער שטיל די הארצרייסנדיקסטע טראגעדיעס. ווען מ'לייענט די טויזנטער פאלן (קייסעס), וואס דאקטוירים באשרייבן, ווייטיקט דאס הארץ ביז בלוט. אלע כמעט "צעשרויפטע נערוון", "קאלטע פרויען", נערוון־צוזאמענברוכן, פאמיליע טראגעדיעס. פאמיליע מחלוקת, פליסן ארויס פון אונזער צוגאנג אין דער פראגע פון דערציאונג און קריגן דעם ערשטן שטויס, ברעכן אויס שטורמיש די ערשטע חדשים און יארן נאך דער חתונה. אויב דאס געשעט ניט, שטופט מען אפ דאס

שטיקל לעבן ביז דער מלאך המות ווערט דער מלאך הגואל, וואס באפרייט פון גיהנום . . . אויב ס'ברעכט ניט אויס אין די מיטעלע יארן א שטורעם. וואס פירט אין גייסטיק־קראנקע היימען, וואו מען געפינט גליק און פארגעסונג . . . נאר אויפקלערונג און סובלימירונג קאן פארמיידן די דאזיקע טראגעדיעס. פארשארפן אבער נאך מער טאטעס און מאמעס די דאזיקע שרעק, מחמת זייער תמיד'יקע מחלוקת און מחמת דער אנגעצויגנקייט, וואס פילט זיך אין דער גרעסטער צאל היימען.

ליבע חבר'שאפט, דרך־ארץ אין פאמיליע לעבן וואלט געקאנט לערנען דעם קינד, אז הגם דער ענין איז פארבונדן מיט בלוט, ליידן, אבער עס לוינט זיך, מחמת דער גייסטרייכער הייליקער שטימונג און יום־טוב'דיקייט, וואס הערשט אין א היים. אנדערש שרייט דער טאטע געגוג הויך, די מאמע באך העכער, און העכער פאר זיי אלעמען דאס מוזיניקל. פליוכעט טאקע מיט כעס און האס די היים — אן אמת'ער גיהנום. ליגט דאס קינד און טראכט פינסטערע מחשבות.

אלץ "ווייסן" מיר שוין, אלץ "קאנען" מיר שוין, וועלטן "בויען" מיר שוין, אבער דאס פראבלעם, וואס פירט צו דער גייסטיקער אויפבליאונג פונם מענטשן, וואס פירט צו דעם פאנאנדערוואוקס פון די הערלאכסטע געפילן און אספיראציעס, איז ביי אונז פארטריבן אין קעלער, בעת געבנדיק אים בירגערשאפט, וואלט אויפגעלויכטן די אמת'ע פערזענלאכקייט, וואס וואלט געבויט די אמת־מענטשלאכע וועלט מענטשלאכער, געזינטער און זיכערער.

קומט אריין א גאסט אין שטוב. זיין חבר'ס מיידעלע, 5-6 יאר אלט, לייענט א בוך. דער גאסט פילט פאר זיין חוב א קוש צו טאן ס'קינד, א קניפ צו טאן, ארומצונעמען ס'קינד בעת דאס דאזיקע שטורעמט אויף דאס קינד, מחמת דאס אליין, וואס ס'קינד באמערקט. אז דעם ברודערל קושט דער גאסט קיינמאל ניט. דער גאסט האט דעם קינד געגעבן זייער א שלעכטע סעקס־לעקציע. קומט א חבר אין שטוב אריין און שיט מיט שיינע ווייצן, "מאכט מיטן אויגל" צו דער באלעבאסטע נאך יעדן וויץ, איר קאנט צו אים גארנישט ניט האבן, ער איז הייַנט גוט געשטימט. אבער . . . ער האלט אין איין "שיטן מיט לעקציעס" דער טאכטערל אייערער. ס'איז א גרויסע צרה וואס עלטערן זיינען ניט איבערקלייבעריש געגוג אין פריינט. וועלכע קומען צו זיי אריין. דא מוז מען, דא פאסט ניט, דא איז עס אן ענין פון געשעפט — אבער די חברים־חבר'טעס, וואס קומען אריין זיינען "לערער". יא, אלע "לערנען". זיי העלפן אייך דערציען אייערע קינדער, און די דערציאונג איז אפט א שוידערלאך־פארברעכערישע. ווי צום קינד, וואס די עלטערן זיינע פארשטייען עס ניט, וואס די עלטערן לאזן פריינט סמ'ען די נשמה פון זייער קינד. וויפל עלטערן "כאפן" זייערע קינדער הינטערן טיר צוהערנדיק זיך צו די "פעפערדיקע" שמועסן, וואס צוליב זיי האט מען

עס זיי ארויסגעשיקט. ס'קינד האט פארשטאנען אויפן וואונק. פארוואס עס דארף ארויס — אזוינע לעקציעס זיינען סם המות פאר דער נשמה פונם קינד. די סודות'פולקייט איין און אליין פונם ענין איז סם. בעת נאטיר־לאכקייט, אפנקייט, ריינקייט איז זוניק געזונט.

וואס קאן זיין איינפאכער, קלארער, אמת'דיקער, רייגער און נאַ־טירלאכער ווי צו זאגן א 6-5 יאריק קינד, אז אלע לעבעדיקע באשעפענישן קומען ארויס פון אן אייעלע. אז די אייעלאך וואקסן זיך פאנאנדער אינם קערפער פון דער מוטער און שפעטער וואקסן זיי און בליען זיך פאנאנדער "אט אזוי ווי דו, מיין קינד, געדיינקסט, ביסט דאך אקארשט אויך געווען א "בייבעלע" און איצט גייסטו שוין אין קינדערגארטן". וואס קאן זיין פשוט'ער ווי צו זאגן דעם קינד, אז ס'זיינען פאראן באשעפענישן, וואס ווארפן ארויס דאס אייעלע זייערס און פון אייעלע פיקט זיך שפעטער ארויס א נפש'ל, א פישעלע, א פליגעלע, א ווערימל, אפילו א זשאבעלע. אז אייניקע אייעלאך דארפן א געוויסע צייט געווארימט ווערן, ווארימט זיי טאקע די מוטער הון, די מוטער פייגעלע צי גאר די זון.

ווי צו רעדן מיט 7-8-9 יאריקע קינדער

וואס קאן זיין פשוט'ער ווי צו רעדן צום קינד, למשל, אזוי : ביסט, קינד מיינס, אמאל געווען נאך קלענער, ווי דו ביסט איצט און וועסט אמאל זיין א סך גרעסער, ווי דו ביסט איצט. ביסט אמאל געווען אזוי קליין ווי א פינטעלע, פונם פינטעלע האסטו זיך גענומען פאנאנדערוואקסן. עס האט וואכן און וואכן גענומען איידער מען וואלט געקאנט, ווען מען נעמט דיך ארויס פון דער מוטערס קערפער, אונטערשיידן דיין געזעלע, דיינע פיסע־לאך, אפילו דיין קעפעלע. אזוי בהדרגה ביסטו זיך פאנאנדערגעוואקסן פונם פינטעלע, פונם אייעלע, און דאס ביסטו טאקע געווען, אן אייעלע ! איך, קינד מיינס, בין אויך אמאל געווען אן אייעלע, דער זיידע אויך, די באבע אויך, אלע מענטשן הויבן אזוי אן זייער וואוקס, זייער לעבן. חיות און פלאנצן און פליגן, אלץ וואס ס'לעבט, הויבט אן ס'לעבן פון אן אייעלע; ביי געוויסע באשעפענישן וואקסט ס'אייעלע אויס אינם קערפער פון דער מו־טער זייערער, ביי אנדערע קומט ס'אייעלע ארויס און די מוטער זיצט אויפן אייעלע, ווארימט עס ביז עס פיקט זיך אויס ס'באשעפעניש (הינער, פליגן און אנדערע); ביי אנדערע איז געגנג זיי זאלן ארויסווארפן (אין וואַ־סער, למשל) ס'אייעלע און ס'וואקסט און ס'פיקט זיך אויס אליין (פישע־לאך, קאמארן א. א. וו.); ביי פלאנצן, למשל, וואקסט ס'אייעלע אין אייער־שטאק פונם פלאנץ, ביז עס ווערט א קערנדל און דעמאלסט מוז עס אריינ־פאלן אין דער ערד, שטראלן פון דער זון און זאלצן אין דער ערד שפייזן עס און העלפן עס צו ווערן א פלאנץ.

ווייסט, קינד מיינס, די אייעלאך אין מוטערס קערפער פון א פלאנץ וואלטן אומגעקומען ווען ס'קומט עפעס וואס זיי ניט צו הילף. האסטו

אפשר אמאָל געזעען אין אַ בלום שטעקעלאַך אַזוינע, מיט געלע קעפּעלאַך, מען רופט עס בלומען־שטויב. אַ בלום וואָס האָט בלומען שטויב איז דער פּאַטער־בלום. ביי אַן אַנדער בלימעלע פונם זעלביקן מין, ביי דער מוטער, קאָנסטו זעען שטעקעלאַך־שטענגלאַך. זיי פירן עס צו דער מוטערס אייער־שטאָק, וועלכער איז פול מיט אייעלאַך. דער בלומען שטויב באַפרוכפּערט עס די אייעלאַך, זיי זאָלן אָנהויבן צו וואַקסן און זיך פאַרוואַנדלען אין קער־רנדלאַך, וועלכע ווערן פון צייט צו צייט "אַרויסגעשאָסן" פונם אייערשטאָק פון דער מוטער. די קערנדלאַך פאַלן אויף דער ערד, ס'קומט אַ רעגן, ער העלפט זיי זיך אַריינצוגראָבן אין דער מוטער ערד און אַזוי צעוואַקסט זיך אַ קינד בלימעלע. ווי קומט דער בלומען שטויב צום בלימעלע אייערשטאָק? גאָר פּשוט, אַזוי פּשוט, אַז פּשוט'ער קאָן עס גאָר ניט זיין (רעדט דאָ, זשאַ־לעוועט ניט קיין ווערטער, זייט דערביי קאַלט, נאַטירלאַך). זיי ווערן אַרי־בערגעטראָגן דורכן ווינט, אָדער דורך די פייגעלאַך פון פאַרשיידענע אינ־זעקטן, ספּעציעל דורך בינען. — די בינען זוכן שפּייז אינם פּאַטער און מו־טער בלימעלע. אַז די פייגעלאַך קלעפּט זיך זיי, די בינען, אַז בלומען שטויב, קומען זיי צו די מוטער בלימעלאַך, ציען זיך די בלומען־שטויבעלאַך צו דעם אייערשטאָק כדי צו באַפרוכפּערן די אייעלאַך. פאַראַן בלימעלאַך וואָס זיי־נען אי פּאַטערס אי מוטערס, אַזוי, אַז די באַפרוכפּערונג איז זייער אַ גרינ־גע און אַ נאָענטע. דער ווינט בלאָזט דעם בלומען שטויב אַרויף אויף דעם שטענגעלע פונם אייערשטאָק, דאָרטן צעוואַקסן זיך די קערנדלאַך. אַזוי ווערן געבוירן בלימעלאַך.

חיות־פּאַטערס, פיש־פּאַטערס, מענטשן־פּאַטערס, האָבן אָנשטאָט בלומען־שטויב אין זייער קערפּער באַוועגלאַכע אַזוינע קליינטשינקע ספּער־מאַטאָזאָידס (זייער גאַנצער קערפּער באַשטייט פון אַ קעפּעלע און אַן עקע־לע). די פיש־פּאַטערס, למשל, גיסן אויס זייערע ספּערמאַטאָזאָידס אין טייך די מוטערס זייערע אייעלאַך, און דאָרטן טרעפן זיך ביידע מינים, גיסן זיך צונויף, און ס'הויבט אָן וואַקסן אַ פישעלע. אַזוי גיסט אויס די פראָש מוטער אייעלאַך אין טייך און איבער די אייעלאַך גיסט דער פראָש־פּאַטער אויס זיין ספּערמאַטאָזאָיד: אָבער מיליאָנען אייעלאַך, מיליאָנען ספּערמאַטאָ־זאָידס ווערן פאַרלאָרן אין טייך ווי מיליאָנען קערנדלאַך אויף דער ערד, צי אויף די פייגעלאַך פון אינזעקטן.

פאַראַן אַ בעסערער, אַ זיכערער מיטל, און דאָס איז דער מיטל מיט וועלכן אַ האָן, צי אַ הונט, צי אַ קאָטער גיסט דירעקט אין דער מוטער־הונט, אין דער הון, אין דער מוטער־קאַץ אַריין זייער ספּערמאַטאָזאָיד. אויב דו האָסט אמאָל אין דאָרף צוגעזען דעם דאָזיקן פּראָצעס, האָסטו משמעות זיכער געמיינט אַז זיי ראַנגלען זיך, — דער האָן כאַפּט זיך אַרויף אויף דער הון, ביי דער הון אונטערן עק איז פאַראַן אַן עפענונג, אָט דאָ גיסט ער, דער האָן, אַריין זיין ספּערמאַטאָזאָיד. דאָ טרעפט זיך דאָס איי־עלע פון דער הון מיט דעם ספּערם פונם האָן, זיי גליטשן זיך אַריין אין אַ

ספעציעלן פלאץ, וואס מען רופט עס די געבויר מוטער, דארט וואקסט עס זיך פאנאנדער אין א באפרוכפערטער איי. וואס די הון לייגט, ווארימט שפעטער, ביז עס פיקט זיך פון אייעלע אויס א הינדעלע.

די מוטער קעצעלע, די מוטער הינטעלע, קיעלע, העזעלע, א. א. וו. האלטן חדשים, ווארימען חדשים ס'אייעלע אין קערפער, פונקט ווי דיין מוטער, און ס'קומט ניט ארויס קיין אייעלע. וואס מען דארף עס ערשט ווארימען, נאר פארטיקע, אויסגעוואקסענע הינטעלאך, קעצעלאך, מענטשעלאך קומען ארויס. וואס קאן זיין פשוט'ער, קלארער און פארשטענדלאכער, ווי צו רעדן אזוי צו א 8-7-6 יאריק קינד. ס'קינד הערט אויס די לעקציע נאטירלאך אן א ביי־טעם, אן רייצונג

וואס קאן זיין נאטירלאכער און פיינער, אינטערעסאנטער און וואס קאן דינען פאר א בעסערער צוגרייטונג, ווי ווען דער פאטער צי די מוטער, ענטפערנדיק אויף א פראגע ווי, למשל, ווי זיינען עס געבארן געווארן אינם נעסטעלע די יונגענטשקע פייגעלאך, פירט ארויס די 9-8-7 יאריקע קינדערלאך, וויזט דאס נעסטעלע און הויבט אן דערציילן: זעט קינדערלאך, טייערינקע, צווישן די פייגעלאך זיינען אויך פאראן פאפעס און מאמעס, און קינדערלאך, און זיי האבן זיך ליב, שטארק ליב; מאמעס היטן די קינדערלאך, לערנען זיי פליען, און פאפעס פליען ארום ברענגען שפייז זייערע עופה'לאך, און זיי האבן זייערע פארגעניגנס, און זייערע פריידן. ס'זיינען צווישן פייגעלאך קינדערלאך אויך משמעות פאראן שלעכטינקע, וואס האלטן אין איין וויינען, אין איין אפטאן שפיצלאך — אט פונקט אזוי ווי איר. זייער לאנג זיינען זיי אבער ניט קיין קינדערלאך, ניט ביי אלע באשעפענישן נויטיקן זיך קינדערלאך זייער לאנג אין מאמעס און טאטעס. יענע הויבן אן גיכער צו גיין, צי צו פליען, ווערן גיך גרויסע, און ווערן זעלבסטשטענדיק, ווי איר, קינדערלאך, א סך בעלי חי ווארימען זיך אויס אין מוטערס קערפער, צי די מוטער ווארימט זיי אויס ביז זיי ווערן געבארן אויסערן קערפער אין משך פון וואכן, אמאל, אפילו, אין משך פון טעג, בעת איר קינדערלאך האט זיך געווארמט 9 חדשים צייט, און יארן געדויערט ביז איר קאנט ווערן זעלבסטשטענדיק. אז איר זעט א פייגעלע מיט שיינע פעדערלאך, וואס שפרינגט ארום לעבעדיק, זיצט ניט איין אויף אן ארט, און האלט אין איין זינגען, איז ווייסט, אז דאס איז א פאפא פייגעלע. די מאמעס ביי זיי זיינען דווקא שטילע, באשיידענע, זינגען ווייניק, און שפרינגען ניט ארום. אירט שוין שפעטער זעען ווי קלוג, און גוט, און איבערגעגעבן געטריי, און זארגעוודיק די מוטער נאטור איז, אירט שוין שפעטער זעען פארוואס די מוטער נאטור האט דעם פאטער אנגעטיילט אי א זיסן קול, אי שיינע, פרעכטיקע מיט שיינע קאלירן פעדערן, פארוואס דער פא איז ענערגישער, רירעוודיקער, און די מוטער פייגעלע שטיל, רואיק און באשיידן. חתונות ביי זיי קומען ניט פאר אין משך פון א גאנצן יאר. אט מיט חדשים צוריק איז געווען חתונה ביי מיין ברודער, מיט א וואך צוריק

ביי דער מאמעס שוועסטער. ביי די פייגעלאך איז נאר פאראן איין צייט
ווען זיי האבן חתונה, דאס איז ערב פרילינג. אין משך פון צוויי וואכן צייט.
האבן מיליאנען פייגעלאך חתונה. פאר דער חתונה זייערע, קלייבט א פיי־
געלע פאר זיך אויס א פלאץ. חתן כלה הויבן אן בויען א נעסטעלע. מען
שלעפט שטרויעלאך, שפענדעלאך, היי, און מען בויט. בעת'ן בויען, און
אז דאס נעסטעלע ווערט פארטיק, לעבן זיי איבער די גליקלאכסטע צייט.
זיי האלטן זיך אין איין קושן און האלדזן פאר פרייד און גליק, און מחמת
זיי האבן זיך ליב, ווייסן זיי אז באלד וועלן ביי זיי געבארן ווערן קינדער־
לאך. פאראן אינם קערפער פון פייגעלע, פונקט ווי אין קערפער פון הינ־
דעלע און פישעלע און אין קערפער פון א מאמען, א סך, א סך אייעלאך.
ווען אן אייעלע אין אייערשטאק פון א פייגעלע וואקסט אויס און קומט
ארויס, זעצט זיך די מוטער פייגעלע אוועק אויפן אייעלע און ווארימט עס
מיטן קערפער. די מוטער האלט זיי די אייעלאך, אין איין ווארימען. טאג
און נאכט זיצט זי אויף זיי און טרעט ניט אפ אויף איין מינוט. יעדן טאג
קערט זי מיטן שנעבעלע די אייעלאך איבער, כדי צו ווארימען אלע זייטן
פונם אייעלע. וואס פריילאכער די מוטער איז אין דער צייט, וואס ליבער
איר איז, אלץ ווארימער איז די אייעלאך. אין דער צייט זיצט דער פאטער־
פייגעלע לעבן איר, און האלט אין איין זינגען איר שיינע לידעלאך. זעט
איר שוין פארוואס ער איז דער זינגער. זיצט די מוטער איבער די אייעלאך
און קלייבט נחת פון זיינע שיינע קאלירטע פעדערלאך און פון זיין שיינעם
זינגען. זעט איר שוין פארוואס דווקא ער איז שיין ! פון צייט צו צייט
פליט דער פאטער ארויס פונם נעסטעלע נאך שפייז, און ברענגט דער מו־
טער פונם בעסטן און שענסטן, וואס ער קאן נאר געפינען. איין מאל אין
טאג, פארבייט דער פאטער די מוטער אויף א שטיקל צייט. ער זעצט זיך
אוועק אויף די אייעלאך, און זי כאפט א פלי — א שפאציר — און אפשר
כאפט זי זיך ארויס אין קינא . . . אזוי געדויערט עס ארום דריי וואכן
צייט. שפעטער פיקן זיך ארויס פון די אייעלאך קליינטשינקע פייגעלאך. א
שמחה, א פרייד. עס דויערט נאך טעג, און זיי קאנען שוין פליען און פליען
אוועק. ס' גייט אוועק א שטיקל צייט, און זיי זיינען שוין זעלבסטשטענדיק.
אזוי צעפליט זיך די משפחה, אזוי פארגעסן זיי זיך איינע די אנדערע. אין
אויסנאמפאלן, גאר זעלטן טרעפט זיך איבער א יאר די זעלביקע מאמע
מיטן זעלביקן טאטן. באמת, צוליב זייער לעבן, צוליב זייערע וואנדערונגען,
צוליב זייער תמיד'ן בייטן וואוינערטער, קאן אנדערש ניט זיין — אבער.
בעסער איז ביי מענטשן. ניט אמת ? ס'איז ווארימער, יום־טוב'דיקער און
מער שמחה, ווען תמיד צוזאמען. הגם אפט זייט איר שלעכט און פארשאפט
פארדרוס.

זעט איר, קינדערלאך, ביי די מוראשקעס קומט דער פראצעס פאר
גאר אנדערש. די באפעלקערונג פון א מוראשקעס־נעסט באשטייט פון איי־
ניקע מלכה־מוראשקעס, פון ארבעטער־מוראשקעס, וואס זיינען סעקסלאז.
און פון אייניקע הונדערט מוראשקעס מענער. נאר די מענער מוראשקעס

און פרויען־מוראשקעס (מלכה׳ס) האבן פליגלען, וועלכע זיי פארלירן גלייך אין דער ערשטע חתונה נאכט זייערער. אין א געוויסן טאג, פליען די מענער פון אלע נעסטן פון א דיסטריקט ארויס און פאראורזאכן מיט זייער פליען איבער נעסטן א געוויסע לופט־אומרואיקייט, וועלכע רייצט אן די ארבעטנדיקע מוראשקעס ארויסצושיקן די פרויען־מלכה׳ס צו דערהפילן זייער חוב. ביי די טויערן פון די נעסטן שטייען היטער־שומרים, וואס זייער חוב איז צו היטן זייערע נעסטן פון שונאים, און צו זעען אז ניט אלע מלכה׳ס זאלן ארויספליען, מחמת די וואס פליען ארויס, סיי די מענער, סיי די פרויען קומען שוין קיינמאל מער ניט אין נעסט צוריק. די ארבעטנדיקע מוראשקעס באגלייטן זיי אויף אייביק, מחמת די מענער שטארבן און די פרויען באפרוכפערטע, אין דעם דאזיקן חתונה געפלי, בויען נייע נעסטן.

רעומור באשרייבט דעם פראצעס אומגעפער אזוי : ״פארנדיק האב איך איינמאל באמערקט, לעבן אן עפענונג צו א מוראשקע נעסט, ארויסגעשאטענע פון אינוויייניק, מיליאנען מוראשקעס. כ׳האב צווישן די מוראשקעס באמערקט אזוינע וואס האבן געהאט פליגלען, און אזוינע וואס זיינען געווען אן פליגלען. די באפליגלטע זיינען געווען גרעסערע און קלענערע. שפעטער, גייענדיק ווייטער, באמערקט איך, אז ס׳פליען קלייניטשינקע אינזעקטן אין דער לופט. ווען זיי זיינען געפלויגן ניט זייער הויך, האב איך אייניקע פאר געכאפט און דערזעען, אז דאס זיינען פארלאך פון באפליגלטע מוראשקעס.

א פרוי־מוראשקע, א מלכה׳לע, הייסט עס, און א מאן־מוראשקע, האלטנדיק זיך שטארק צוזאמען. די קליינע, דער מאן, איז געלעגן אויף דער מלכה פונקט ווי דאס איז ביי פליגן, ביים באפרוכפערן. יעדע מלכה מוראשקע פליט אין יענער נאכט ארום מיט 5-6 מענער מוראשקעס. זי פליט מיט איינעם, שפעטער מיט א צווייטן א. א. וו. זיי ווארטן אויף זייער ריי. יעדער מאן, ווען ער באפרוכפערט די מלכה, פאלט ארונטער און שטארבט אין משך פון א פאר שעה. שפעטער, נאך דעם חתונה יום־טוב, קומט די מלכה ארונטער, זוכט זיך אויס א פלאץ אין גראז, ווארפט דארטן פון זיך אראפ די פיר פליגלען, טוט זיך אויס פון איר אזוי גערופענעם פאנצער, און הויבט אן צו גראבן אין דער ערד אן אונטערערדישן צימער, וואו זי גרינדעט א נייע קאלאניע. דארטן, אינם אונטערערדישן צימער, הייסט עס, גראבט זי זיך איין. דא לייגט זי די ערשטע אייעלאך פון וועלכע עס באוויזט זיך לארווא, וואס פארוואנדלט זיך אין א קאקון א. א. וו. אזוי דויערט עס ארום 6 חדשים. דאן הויבט זיך אן די אמת׳ע טראגעדיע. זי, די מלכה, האלט שוין ביים שטארבן, ס׳איז שוין אויפגעגעסן די גאנצע שפייז, וואס איז געווען ביי איר אין קראפ (א ספעציעלער זעקל אזא). זי באשליסט זיך אדער אויפצועסן אן אייעלע אדער א לארווא אירס, דאס גיט איר כוח צו לייגן נאך א 3-4 אייעלאך, און אזוי פון קינדערמערדעריי ביז געבורט און פון געבורט ווידער צו קינדערמערדעריי, ביז אין משך פון א יאר ווערן געבארן א דריי ארבעטער וועלכע ברענגען איר שפייז, און זי האלט אין איין לייגן אייעלאך ביז זי שטארבט. פאראן שוין גענוג עסן. אויס הונגער, די קאלאניע וואקסט.

א העלעפאנט, למשל, געפינט זיך ניט 9 חדשים אין מוטערס קערפער ווי א מענטש, נאר 20 חדשים, בעת א מייזעלע 20 טעג, א פערד ארום 11 חדשים, א העזעלע א חודש. פאראן באשעפענישן וואס ווערן געבוירן צו צוויי (צווילינג) צו דריי (דריילינג) און אפילו צו 14. א פערד און א העלפאנט און א קו קאן געבוירן ווערן דאס רוב נאר איין העלפאנטעלע, נאר איין קיעלע, נאר איין פערדעלע, בעת הינטעלאך קאנען געבוירן ווערן פון 6 ביז 8; קעצעלאך ארום 6, חזירים'לאך ביז 14 מיטאמאל.

זייער אינטערעסאנט זיינען די גלגולים, וואס א זומער־פויגעלע (א באטערפליי) מאכט דורך. די אייעלאך לייגט א זומער פויגעלע אויף די בלעטער פון א מילך־אנקרויט. דער ערשטער גלגול אין וועלכן דאס אייעלע ווערט פארוואנדלט, ווען עס פיקט זיך אויס, איז א מאטיל־ווערימל. עס האט אכט פיסעלאך, א מיילכעלע, מיט וועלכן עס בייסט אפ שטיקעלאך פון בלעטעלאך, און ס'האט נאך ניט קיין פליגעלאך. פיר מאל בייט עס די פארב ביז ס'ווערט א ניט באוועגלאכע אינזעקטן־פופע מיט א הארטער כיטין מאנטל, פון וועלכער ס'פליט שפעטער ארויס דאס זומער־פויגעלע.

מיט טויזנטער יארן צוריק, האט מען געמיינט, אז געוויסע באשעפענישן ווערן פלוצלונג סתם געבארן, פון העלער הויט געבארן, פליגן און אנדערע אינזעקטן, האט מען געהאלטן "שפרינגען" פשוט ארויס פון "מעניור" (פערד אפפאל), אדער פון מיסט. אפילו אריסטאטל רעדט וועגן דער דאזיקער השערה אין זיינע ווערק. מען האט נאך ביז צו יענער צייט ניט געהאט און ניט געוואוסט אז אינזעקטן לייגן זייערע אייעלאך אין מיסט, אין פוילנדיקע קערפערס פון פארשיידענע באשעפענישן. מען האט נאך ניט געוואוסט, אז די דאזיקע אינזעקטן מאכן דורך פארשיידענע גלגולים. היינט ווייסט מען שוין, אז קאמארן (מאסקיטעס), למשל, פליען נים סתם ארויס פון טייך אז זיי אנטוויקלען זיך, אזוי ווי אלע אנדערע באשעפענישן, פון אייעלאך, באפרוכפערט פון ספערם, אז די אייעלאך באפרוכפערטע ווארפט די מוטער אריין אין טייך, אין לוזשע, וואו זי אליין איז אמאל געלעגן ווי אן אייעלע.

פיש־מאמעס, למשל, האבן אין זיך איקרע, דאס זיינען זייערע אייעלאך. אנדערע פישן, די טאטעס, האבן די מילץ, דאס זיינען די ספערם־קעמערלאך. די פיש מאמעס גיסן אויס ערגעץ וואו אין טייך זייערע אייעלאך, קומט דער פאטער פיש און גיסט דארטן אויס זיינע ספערם־קעמערלאך. פונם צונויפגוס פון אן אייעלע און א ספערעם, שאפט זיך א נייע פישעלע. א פישעלע מיט איקרע, א מאמע פישעלע, אדער א פישעלע מיט מילץ, א פאטער־פישעלע. פאראן פיש וואס האלטן בײַ באפרוכפערטע אייעלאך אין מויל ביי זיך ביז ס'פיקן זיך אויס זייערע קינדערלאך. פאראן פאטער־פישן (דווקא פאטערס), וואס היטן צוויי וואכן צייט די דאזיקע באפרוכפערטע אייעלאך, פאסן אויף אויף זיי און ווייזן ארויס א סך ליבע צו זייערע קינ־

דערלאך. פאראן אזוינע פישעלאך, וואס פלוצלונג אין מיטן דער נאכט, אין הארבסט, ווערן ביי זיי די בייכעלאך געשוואלן, די קעפעלאך טיילן זיך אפ פון די קערפערס און שווימען אפ אין א זייט. די געשוואלענע בייכעלאך פלאצן פון די רייף געווארענע, שוין באפרוכפערטע אייעלאך. פון די באפרייטע אייעלאך פיקן זיך אויס נייע פישעלאך. צו די אפגעשוואומענע קעפעלאך וואקסן צו נייע בייכעלאך, א ניי באשעפעניש. פאראן פישן, וואס בויען גאר נעסטעלאך, פאר זייערע אייעלאך.

די קראקאדילן, למשל, באהאלטן זייערע אייעלאך צוויי אינטשעס אין דער ערד, באדעקט מיט פארשיידענע בלעטער, און ווען דאס רייפע קראקאדיילעלע וויל ארויס פון דער אייעלע, קלאפט עס אין דעם שאלעכץ, די מוטער קומט, שארט אפ די בלעטער און די וויצעס און מאכט מעגלאך דאס אויספיקן זיך.

א שפין, למשל, שאפט אין הארבסט א זעקעלע פול מיט אייעלאך, ארום 500 אין צאל. ווינטער הויבן אן פון די אייעלאך ארויסצוקריכן שפינעלאך. אין פרילינג קומען זיי ארויס פונם איי זעקעלע און הויבן אן זייער זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ. ווען מען זאל אזוינע איי־זעקעלאך עפענען אין פארשיידענע צייטן, וואלט מען אנטדעקט אזא דערשיינונג : די צאל שפינעלאך ווערן קלענער, אבער יעדע, פארבליבענע ביים לעבן שפינעלע ווערט גרעסער און דיקער. דאס עסן די שטארקערע אויף די שוואכע ביז ס׳בלייבן נאר די שטארקסטע, וועלכע קומען צום לעבן.

צווישן בינען געפינען מיר אויך דריי מינים, ווי ביי די מוראשקעס : פרויען־מלכה׳ס, מענער און ארבעטער. ווען די ארבעטער ווילן שאפן א נייע מלוכה, רייסן זיי פאנאנדער די אפצוימונגען צווישן דריי קעמערלאך, אין וועלכע ס׳ווארימען זיך אויס פון אייעלאך ארבעטער בינען. זיי פארניכטען צוויי אייעלאך און בויען אויס א קעמערל פאר א מלכה. שפעטער קארמענען זיי די לארווע מיט ספעציעלן שפייז, און אזוי ווערט געבארן א נייע מלכה. דער אלטער מלכה געפעלט ניט דער עסק. זי וויל טויטן די קאנקורענטן, ווערט אבער די יונגע מלכה פארטיידיקט פון די ארבעטער. די אלטע פליט אוועק פון נעסט מיט אירע געטרייע פארבליבענע צו שאפן א נייע קאלאניע.

פאראן א סך אינזעקטן, וואס אין אונטערשייד צו דער מערהייט אינזעקטן, ווערן זיי געבארן אין וואסער. זיי פארברענגען זייער קינדהייט, אזוי צו זאגן, אין וואסער. שפעטער פליען זיי ארויס פון דעם וואסער און ווערן לופט אינזעקטן. אזוינע מאמעס לייגן זייערע אייעלאך אין וואסער. אדער זיי ווארפן זיי פשוט אריין אין וואסער. אזוי ווערן געבארן מאי־פליגן, דראגאן ־ פליגן (סטרעקאזעס) און א סך אנדערע אינזעקטן. אנדערע האבן אזוינע ארגאנען, וואס דערמעגלאכן זיי אריינצואטעמען

אטמאספערע לופט פון איבער דעם וואסער. ווען אזא אינזעקט דערגרייכט די אנטוויקלונג, אז ס'וועט שוין באלד דארפן ארויספליען אין דער וועלט אריין, קריכט ער פון וואסער ארויס אויף א וואסער פלאנץ, ווארט ביז עס שפאלט זיך די שאלעכץ פון קערפער, ס'עפענען זיך די פליגעלאך און ער פליט ארויס. ביי די סטרעקאזעס גייט אוועק א יאר צייט פון דעם מאמענט, ווען די מוטער האט דאס באפרוכפערטע אייעלע אריינגעווארפן אין טייך אריין, ביז דאס קינד פליט ארום אין דער וועלט אריין.

די "בלויע פישעלאך"־פליגן לייגן זייערע אייעלאך אין פלייש. אונזער הויזפליג לייגט אירע אייעלאך אין שטאל־מיסטיקונג, אדער אין פוילנדיקע פרוכטן און פוילנדיקע גרינסן. פליי, למשל, לייגן זייערע אייעלאך אין שטוב מיסט. דער געדערים פליג פון פערד און דער געשווילעכץ פליג פון דעם אקס לייגן זייערע אייעלאך אויף די האר פון פערד אדער אקס . . . דער פערד "לעקט" אפ די אייעלאך, און דארטן, אינם מאגן, אנטוויקלט זיך דער מאגאט פונם פליג. גאנצע "משפחות" אנטוויקלען זיך דארטן, ביים פערד אדער אקס אין דעם מאגן. דער פערד מאגאט קומט ארויס ווי א מאגאט מיטן פערדס אפפאל, און ווערט פארוואנדלט אין דער סטאדיע פון א פופע, און פון דער פופע שפרינגט ארויס די פליג. דער געשווילאכץ מאגאט פון דעם אקס שניידט זיך דורך א וועג דורכן פלייש און דורכן פעל פונם אקס און פאלט אראפ, ווערט פארוואנדלט אין א פופע, און פון דעם די פליג. ס'דויערט א יאר צייט פון דעם מאמענט ווען די פליג האט געלייגט איר אייעלע אויף א האר פון א פערד, ביז פון דעם אייעלע ווערט געבארן א פליגעלע, וואס קאן ווען באפרוכפערט, אויך לייגן איר אייעלע אויף א האר פון א פערד. אזוינע מעטאמארפאזעס, אזוינע גלגולים מאכן דורך א סך באשעפענישן און אינזעקטן.

פאראן אזא מין פלאנצן־לייזעלאך וואס מוטערס געבוירן זיי ניט זייענדיק באפרוכפערט. דער לעבנס־קרייז פון אט די פלאנצן־לייז איז אזא: אין הארבסט קאן מען אויף די פארגעלבטע עפלבוים בלעטער געפינען א גרויסע צאל קליינטשינקע "פינטעלאך", "ער'לאך" און "זי'לאך". זיי פארן זיך און די מוטערס לייגן זייערע אייעלאך אין דער פארמע פון פראפארציאנעל גרויסע, שווארצע אייעלאך אויף די צווייגעלאך. אין פרילינג, ווען די קנאספן הויבן זיך אן צו עפענען, פיקט זיך פון אט די אייעלאך ארויס "צווייג־מוטערלאך", גרעסער אין מאס פאר זייערע מוטערס, פון וועמעס אייעלאך זיי האבן זיך אויסגעפיקט. די צווייג־מוטערלאך, עפל־בוים לייזעלאך, געבוירן קינדערלאך, ניט זייענדיק באפרוכפערט פון א מאן לייזעלע. די אייעלאך צעוואקסן זיך אין דעם קערפער פון דער מוטער, און ס'ווערן געבארן אקטיווע לייזעלאך. די דאזיקע לייזעלאך האבן ניט קיין פליגעלאך. אבער זיי פארמערן זיך אויף אזויפיל, אז ס'ווערט ווייניק ארט פאר אלעמען, ווערט געבארן א דור מיט פליגעלאך, וואס פליען אריבער אויף אנדערע ביימער. צום סוף יאר, ערב הארבסט ווערט געבארן א דור,

וואס באשטייט שוין ווידער פון זי'עלאך און ער"עלאך און ס'הויבט זיך אן א נייער לעבנס קרייז. פאראן באשעפענישן, קליינטשינקע אין וואסער, וואס זיי פארמערן זיך דורך דעם, וואס זיי האלטן זיך אין איין טיילן אויף העלפט. ניטא קיין מאמעס און קיין טאטעס.

ווי צו רעדן מיט 14-13-12 יאריקע קינדער און עלטער

שפעטער קאנען מיט א 12-10 יאריק קינד געפירט ווערן ערנסטערע שמועסן, ווי למשל, דער מענטש פרעטנדירט צו זיין א באשעפעניש מיט הייליקייט, מיט נשמה'דיקייט, מיט ליבע, פונקט ווי פייגעלאך, ווי טייבעלאך, ווי פליגעלאך, ווי מייזעלאך א. א. וו. ער האט דעם נאטירלאכן פראצעס, פון באפרוכפערונג פאר הייליקט דורך ליבע. און ס'איז טאקע שיין. ווערט מען רייף, קריגט מען ליב א מיידל, ס'אנטוויקלט זיך א געפיל צו איר, עס ציט זי ארומצונעמען, צו זיין נעענטער מיט איר. דאס פירט שוין צום פראצעס פון באפרוכפערונג, ווי ביי אלע חיות.

האסטו אמאל זיך צוגעקוקט, קינד מיינס, ווי דיין מאמע מאכט א הון ? גוט, אויב אזוי האסטו אפשר באמערקט א סך אייעלאך, גרעסערע, קלענערע, קליינטשינקע און גאר ברעקעלאך אייעלאך ? אט, וועל איך אויפעפענען קומענדיקן שבת א פראש, וועל איך דיר ווייזן ווי אויך זי איז פול מיט אייעלאך, מיט איקרע, וועלכע זי גיסט אויס אין זומפ. דער מאן פראש גיסט שפעטער ארויס זיין פליסיקייט אויף די דאזיקע אייעלאך. פון דעם אנטשטייען פישעלאך. די פישעלאך אטעמען מיט זשאברעס און שווימען מיט אן עקעלע, אבער ביסלאכוויז אנטשטייען ביי זיי פיסעלאך און לונגען ביז זיי פארוואנדלען זיך אין פרעש. ביי א האן וועסטו די דאזיקע אייעלאך ניט געפינען. פונקט אזוינע אייעלאך, אבער זייער א סך, זיינען פאראן אין דעם קערפער פון א פרוי. מען שאצט זיי פון 30 טויזנט ביז 100 טויזנט אין צאל. זיי וואקסן אין קערפער פון דער פרוי. יעדן חודש ווערט פארטיק, ווערט רייף אזא אייעלע. זי קומט ארויס, א געפלאצטע, אין דער פארמע פון א רויטער פליסיקייט, ביסלאכוויז, שטיקלאכוויז, אין משך פון אייניקע טעג. עס קומט ארויס פון דארטן פון וואנען מען שלאגט וואסער. אט שטעל זיך פאר אז, מען האט דיר ארויסגעריסן א צאן, האלסטו דאך אין שפייען מיט בלוט, מחמת א סך קעמערלאך ארום דעם צאן האט דער דאקטאר צעריסן, ביים ארויסציען דעם צאן. אזוי פליסט ארויס דאס געפלאצטע אייעלע קעמערלאכוויז. (דעם מאן האט די נאטור באזארגט מיט אן אנדער מין "אייעלאך". זיי זיינען לאנגינקע, ווי קליינטשינקע שפילקעלאך, מיט קעפעלאך און עקעלאך. מיר וועלן זיי אנרופן מיט א נאמען. עס וועט אונז זיין באקוועמער.. מיר וועלן זיי אנרופן ספערם-קעמערלאך. אי די אייעלאך, אי די ספערם קעמערלאך זיינען אזוינע קליינטשינקע, אז מען קאן זיי קוים זען דורך א מיקראסקאפ. אויך ביים מאן קומען זיי ארויס פון דארטן, פון וואנען מען שלאגט וואסער. דער פראצעס פון

רייף ווערן ביים מאן איז אנדערש ווי ביי דער פרוי. דער מאן ווערט נאר רייף אינערלאך און דאס אלץ). ווי נאר אזא געפלאצטע רייפע אייעלע ביי דער מיידל אדער ביי דער פרוי פליסט אין משך פון אייניקע טעג ארויס, מערסטנס צוזאמען מיטן שלאגן וויסער, הויבט אן די צווייטע לויט דער ריי אייעלע רייף צו ווערן. געדויערט ווידער א חודש און אויך זי פלאצט. דער פראצעס קומט פאר חודש נאך חודש, ביז מען דערגרייכט א געוויסן עלטער, ביז מען ווערט, לאמיר זאגן, א 45 יאר אלט, דעמאלסט הויבן די אייעלאך אן איינצודארן. ווען דאס ערשטע אייעלע ווערט רייף לעבט דאס קינד דורך א שטורמישע צייט. ס'איז נערוועז, ס'שרעקט זיך, מחמת ס'איז נאך ניט זיכער, אז דאס דאזיקע איז פונקט אזא נאטירלאכע דערשיינונג, ווי טרערן, וואס הויבן אן צו פליסן, בעת א פאררדוס, אדער ווי שפייעכץ, בעת מען איז הונגעריק. יא, דאס רייף ווערן וואלט באדארפט באגלייט ווערן מיט א יום־טוב. דאס רייף ווערן איז דאך אן אנזאג, אז ס'וועט אויך אמאל זיין א מוטער, און מוטערשאפט ווערט דאך באגלייט מיט אזוינע הערלאכע, געטלאכע געפילן פון מאמישקייט און פון ליבע !

די מענטשלאכע עמבריא (אנהויב). קינד מיינס, אנטשטייט, ווען דאס ווייבלאכע איי־קעמערל ווערט באפרוכפערט פונם מענלאכן קעמערל — ספערטאזאיד. אין יעדן קעמערל, סיי אין דעם ווייבלאכן, סיי אין דעם מענלאכן, געפינען מיר א קערנדל און אין יעדן קערנדל — קליינטשינקע פעדימלאך "כראמאזאנס". דאס זיינען 24 פאר פעדימלאך "שטריקעלאך מיט פאטשערקעס" די צאל פון די "כראמאזאנס" אין יעדן קעמערל פון א קערפער פון א פרוי איז 48, אינם קערפער פון א מאן 47. אבער אין יעדן געשלעכט קעמערל פון דער פרוי געפינען זיך נאר 24 פעדימלאך. דער מאן אבער, האט צוויי מינים געשלעכט קעמערלאך. אייניקע פון זיי פאר־מאגן 24 פעדימלאך "כראמאזאנס" און אייניקע 23. פונם צופעליקן צו־נויפפלוס פון א מענלאכן געשלעכט קעמערל פון 24 "שנירעלאך" מיט א ווייבלאכן געשלעכט קעמערל שאפט זיך אן עמבריא, וואס אנטהאלט 48 "כראמאזאנס" — ס'ווערט געבארן א מיידל. פונם צונויפגוס פונם מענ־לאכן געשלעכט קעמערל, וואס אנטהאלט 23 "כראמאזאנס" מיט א ווייב־לאכן געשלעכטס קעמערל ווערט געבארן א אינגל.

די מענטשלאכע עמבריא, דער "זייגאט", דאס ערשטע אנטשטאנע־נע קעמערל פונם צונויפגוס פונם מענלאכן קעמערל "ספערמאטאזאיד" (ריכטיקער געזאגט, פון דעם ספערמאטאזאיד אז דאס עקעלע וואס האט דעם קעמערל געדינט נאר פאר א באוועגונגס אפאראט) און פון ווייבלאכן קעמערל (ריכטיקער געזאגט, נאר פונם קערנדל פון ווייבלאכן קעמערל) הויבט גלייך אן, גלייך ביים צונויפגוס, דאס ניי אנטשטאנענע קעמערל צו טיילן זיך. ס'טיילט זיך אויף צוויי טיילן, יעדער טייל ווידער אויף צוויי, האבן מיר שוין פיר. יעדער פון די פיר, ווידער אויף צוויי, האבן מיר שוין אכט. יעדער פון די אכט ווידער אויף צוויי, האבן מיר שוין 16

א. א. וו. אמת, זיי טיילן זיך, אבער זיי טיילן זיך ניט אפ. די טיילן בלייבן פארבונדן צוזאמען אין א קנויל, ביז ס'שאפט זיך א קנויל מיט א ליידיקן פלאץ אינווייניק — דאס איז דער אינווייניק פון דעם קומענדיקן באשעפעניש. שפעטער נעמען זיך די קעמערלאך טיילן אין געוויסע ריכטונגען, כדי צו שאפן די טיילן פון מענטשלאכן קערפער. כאראקטעריסטיש זיינען די פראצעסן, וואס קומען פאר אין יעדן קעמערל ביים טיילן זיך. ערשט שאפט זיך פונם "כראמאטין", (פון די פעדימלאך, וואס ווען מען פארבט זיי מיט א געוויסן קאליר, נעמען זיי אן די פארב, דערפאר רופט מען זיי מיטן נאמען כראמאטין, מחמת כראם איז אין גריכיש פארב. אלע אנדערע סובסטאנצן (מאטעריעס) אין קערנדל נעמען ניט אן קיין פארב). ערשט שאפט זיך פון כראמאטין, הייסט עס, א קנויל פון פעדימלאך, שפעטער צעפאלט דער דאזיקער קנויל אויף קליינטשינקע באזונדערע שטריקעלאך, כראמאזאמען. פון קעמערל טיילט זיך ביי דעם דאזיקן פראצעס אויס א בלישטשענדיק קערפערל ווי א שטערנדל, וואס צעפאלט גלייך אין צוויי קיילעכדיקע, בלישטשענדיקע קייקעלאך, ווי שטערנדלאך, וואס גייען זיך פאנאנדער אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען, און פארנעמען די פאליוסן פונם קעמערל. ווי נאר די 2 נייע שטערנדלאך (צענטראזאמען), וואס האלטן אן זייער וועג צו די פאליוסן לאזן זיך אין וועג אריין, הויבט אן איין העלפט פון די כראמאזאמען צו ציען זיך צו איין "צענטראזאם" (שטערנדל) און די צווייטע צום צווייטן "צענטראזאם". ווען די צעטיילונג פון די כראמאזאמס אויף צוויי "ארמייען" איז שוין א פולקאמע, הויבט זיך אן צו שאפן א מין עקוואטאר, א מין גארטעלע, וואס שניידט, אזוי צו זאגן, איבער דאס קעמערל אויף צוויי טיילן. אזוי האבן מיר שוין צוויי קעמערלאך. יעדעס קעמערל הויבט אן פון דאס ניי פארצוזעצן ווידער אמאל דעם זעלביקן פראצעס. דאס מענטשלאכע אויג, און דאס מענטשלאכע וויסן איז טיף אריינגעדרונגען אין די סודות פון דעם דאזיקן פראצעס. נאך ניט אויסגעפארשט, נאך ניט גענוג און ניט זיכער איז דער וויסנשאפט באקאנט, די קראפט און די אויפגאבן פון די צוויי בליטשענדיקע, קיילעכדיקע, שטערנארטעקע קערפערלאך, וואס צעפארן זיך צו די פאליוסן פונם קערנדל. זאל זייער אויפגאבע ליגן אין זייער מאגנעטישקייט, אין אפציען די כראמאזאמען פון זייער פאזיציע אין מיטן פון דעם קערנדל צו די פאליוסן צו, כדי דורכצופירן די צעטיילונג פונם קעמערל, צו פארמאגן אפשר נאר די דאזיקע סודות'פולע "שטערנדלאך" אזא קראפט, וואס וועט אפשר אמאל אומווארפן א סך השערות און עפענען נייע האריזאנטן צו דערקענען און צו העתגרונטעווען זיך אין די סודות פון ירושה'שאפט. די קעמערלאך פון מיליאנען פארשיידענע באשעפענישן זיינען אזוי ענלאך, אז עס איז אפטמאל אוממעגלאך זיי צו אונטערשיידן. דאך וועט אן איי־קעמערל פון א הינדעלע ניט אנטשטיין אין א גאנדז און פארקערט, דאך וועט פון אן איי קעמערל פון אן אדלער אנטשטיין נאר אן אדלער.

יא, קינד מיינס, פאראן א גרויסער אונטערשייד צווישן דער חיה און דעם מענטשן. דער מענטש איז א גייסטיק - קולטורעלע באשעפעניש.

דעם מענטשן קאָן אַן אַבסטראַקטע אידייע באַוועגן צו פֿליִען אין די העכ־
סטע הימלען פֿון גליק און עקסטאַז. דעם מענטשן קאָן סתּם אַ באַציאונג
מיט אַ קענגנעזעצטן געשלעכט ניט באַפֿרידיקן. דער מענטש קאָן ניט לעבן
אָן קולטור, אָן מוזיק, אָן געזאַנג, אָן גייסט; דעם מענטשנס נשמה ווערט
גרינג באַווירקט פֿון נאַטור; דעם מענטשנס נשמה איז אַזוי קאָמפּליצירט,
אַזוי צאַרט פֿילנד, אַזוי פֿול מיט בייִנקשאַפֿטן, מיט צער פֿון צעבראָכענע
סטרונעס פֿון לעבן, אַזוי פֿול מיט האָפֿענונגען, מיט גרייטקייט, מיט ליבע
צו מעשׂים טובֿים. דעם מענטשנס נשמה ציט זיך אייביק צום לויטערן
קוואַל, צום מקור פֿון גוטס, ליבע און פּראַכט. און דערפֿאַר איז דער פּראָ־
צעס פֿון באַפֿרוכפּערונג ביים מענטשן אַנדערש ווי ביי דער חיה. ביי איר
איז עס אַ פֿיזישער פּראָצעס ביים מענטשן אַ פּסיכישער, אַ נשמה׳דיקער.
וואָס הייליקער די ליבע צום געשלעכט, אַלץ געזינטער, מיט העכערע הימ־
לען און מיט זוניקערע פֿליגלען איז דער פּראָצעס געהייליקט. וואָס פּראָסט־
פֿיזישער אַלץ שווערער שפּעטער אויפֿן האַרצן, אַלץ געבראָכענער דאָס גע־
מיט, אַלץ מער בליי אין די פֿליגלען פֿון לעבן; נאָר מיט האָס צו זיך אַליין
גיסט זיך אָן די נשמה פֿון אַ מענטשן, וואָס קאָן ניט דערגרייכן קיין הויכע
הימלען, וואָס קאָן הייליק ניט ליבן! מיר איז אָט ניט לאַנג אויסגעקו־
מען צו לייענען אַזאַ תּפֿילה פֿון ראַוושן: (פֿריי באַאַרבעט מ. ב.) שיק דו,
גרויסער גאָט, דו ליכטיקער קוואַל פֿון גליק און פֿרייד, שיק דיין הערלאַכע
ברכה אַלע הייליקע פֿאַרליבטע. מיר באַוואונדערן דיין גוטסקייט, דיין
גרויסמוטיקייט. אונזער מענטשלאַכע שפּראַך איז צו אָרים אויסצודריקן
אונזער דאַנקבאַרקייט דיר, גרויסער גאָט, פֿאַר דיין הערלאַכע מתּנה, וואָס
דו האָסט אונז, ערדישע מענטשן, געגעבן, פֿאַר דעם כּוח אין אונזער
נשמות, וואָס דו האָסט אין אונז איינגעפּלאַנצט, צו ליבן, און ליבן אַזוי טיף,
אַז מיר זאָלן קאָנען פֿאַרגעסן דעם נעכטן, אַז מיר זאָלן קאָנען זיך אָפּרייסן
פֿון אַלץ, דאָס ערדישע, וואָס דער אָרום וועקט אין אונז כּדי מיט התלהבֿות־
דיקן ברען זיך גייסטיק צו פֿאַראייניקן מיט דער אָדער דעם וואָס מיר ליבן.
מיר דאַנקען דיר פֿאַרן ליכט, וואָס דו האָסט אונז געשאָנקען. פֿאַר דער
פֿייאיקייט צו אַנטדעקן אין געליבטן אָדער געליבטע אַזויפֿיל געטלאַכער לי־
בע, אַזויפֿיל שיינקייט און פּראַכט. מיר דאַנקען דיר פֿאַרן געטלאַכן כּוח אין
אונז צו וואַקסן, צו שטייגן צו אַנטדעקן אין אונז אַליין דעם כּוח פֿון ליבע.
אויפֿצוּוועקן אין אונז אַליין אַזויפֿיל האַרציקייט, פֿיינקייט, צאַרטקייט און
גרייטקייט אָפּצוגעבן זיך און אַלץ אין אונז דעם אָדער דער, וואָס מיר ליבן.
מיר בעטן דיר צו שטאַרקן די ליבע פֿון אונזערע געליבטע, אַזוי אַז זייער
ליבע זאָל זיין אייביק, און הייליק, אַז זי זאָל זיין אַזוי הויך און וואַרים,
אַז קיין צופֿאַל זאָל זי ניט קאָנען שעדיקן און שוואַכן, זי זאָל תּמיד גליִען
מיט דעם ריינעם געטלאַכן פֿייער, זי זאָל ליכטיקן מיט דער ליכטיקייט,
וואָס דו ביסט פֿון דעם דער אייביק ריינער, הערלאַכער קוואַל. און נאָך
וואָס, ליבער גאָט, פֿארהיט די ליבע פֿון די הייליק פֿאַרליבטע פֿון גרינגע
פֿריידן, פֿון דער טיראַניע פֿון דער צייט, וואָס קאָן זי, די ליבע, שלעפּן אין
דער נידער. גיס אָן די ליבע און די הערצער פֿון די פֿאַרליבטע. דעם קדשי־

קדשים, מיט אזויפיל פרייד, אז זיי זאלן זיך דארפן רופן צו דיר, דו זאלסט זיי העלפן אריבערטראָגן די פרייד זייערע און דעם גליק זייערן פון לעבן. — גיב, גאָט, פליגל די ליבע זייערע, און שיינק זיי, די פארליבטע טאָקע, דו אל רחום וחנון, א ווייטן בליק אויפן לעבן, זיי זאלן פארשטיין, אז אין זיי ליגט ניט נאָר זייער גליק נאָר, אויך ס׳גליק פון דורות, פון מאָרגן. זיי זאלן טרינקען דעם כוס פון לעבן פול, הייליק, און מיט געטלאכער, פריי־דיקער דאנקבארקייט.

* * * * *

און צום סוף :

. . . ס׳איז קיין קונץ ניט זיך צו פארליבן קינד מיינס, און ווען דו ביסט פארליבט איז נאָך ניט געזאָגט, אז דו ליבסט. דו ביסט פארכאַפּט געוואָרן, מחמת דער קול, פון דער מיידל דיינער, למשל, דערמאָנט אפשר אומבאוואוסטזיניק אָן דיין טיף געליבטער מוטער . . . צי אָן אייגער, וואָס דו האָסט באמת אמאָל געליבט. אויב ניט דער קול פון דער "נייער" מיידל צי פונם "נייעם" אינגל, איז אפשר דערמאָנען אירע אָדער זיינע אויגן דיך אָן דיין הייליק געליבטן פאָטער, צו וועלכן דו פילסט דעם העכסטן יראת־הכבוד. — און אפשר ביסטו פארליבט מחמת דאָס מיידל צי דער אינגל האָט אויפ־געטויכט אין דיר העלישן סעקס געפיל . . . אפילו אזא ליבע ווען ס׳איז מעגלאך זי צו באפעסטיקן מיט טיפן דרך־ארץ, מיט טיפער אכטונג צו דער אָדער דעם, וואָס דו ליבסט, אפילו אזא ליבע קאָן געפינען איר וועג צום הימל. היט זיך פאַר אזא ליבע . . . א ליבע, אָבער, וואָס צעוואקסט זיך אין משך פון יאָרן און יאָרן פון טיפער אכטונג, פון טיפן דרך־ארץ, א ליבע וואָס איר קוואַל איז געוועזן א הייליקער, א ליבע ארויסגעוואקסן פון טיפער אכ־טונג, א ליבע וואָס איר ציטער איז קדושה, אזא ליבע קאָן דערהויבן דעם גע־פאלנסטן אפילו און זיין הארץ פארוואנדלען אין קדשי קדשים — אָט די ליבע ווינטש איך פון די טיפענישן פון מיין נשמה אלע תלמידים, תלמידות מיינע, אלע מיינע קינדער, וואָס דעם ציטער פאר זייער גליק טראָג איך אין מיין נשמה . . .

אינהאלט

	זייט
במקום הקדמה	7
מיין אני מאמין	8
אידישקייט	24
הצעות, פארבייגייענדיקע אנדייטונגען	56
זיי פאָלגן ניט	65
וועגן דר. פרענק פיינס עשרת הדיברות	83
ירושה'שאפט און סביבה	87
פוילקייט	98
סעקס בכלל	107
קינדהייט	148
די פריע קינדהייט	148
די מיטעלע קינדהייט	170
די שפעטערע קינדהייט	172
יוגנט בכלל	175
פריע יוגנט	181
מיטעלע יוגנט	193
שפעטערע יוגנט	196
פארוואָס און ווי מען דארף מיט זיי רעדן	197
ווי צו רעדן מיט גאָר קליינע קינדער	202
ווי צו רעדן מיט 7-8-9 יאָריקע קינדער	208—211
ווי צו רעדן מיט 11-14-15 יאָריקע קינדער	219

וואו קאָן מען געפינען וועגן :

זייט

אבערגלויבן — 53
אבנאָרמאַליטעטן — 138—135
אויגן — 99—98
אוידיפּוס קאָמפּלעקס — 162
אימיטירן — 156—63
אָנאַניזם — 183
אינזעקטן — 217
א קינד ביים טיש — 71
אָפּגעלאָזנקייט — 103

באוואוסטזיניקע שוואַנגערשאַפט — 113
בודא וועגן ליבע — 108
בין — 217
בלוט־איבערגיסונגען — 30

גאָט — 47—37
געוואוינהייטן — 61
"געקרייציקט" — 47

די 3 עטאַזשן פון אונזער באוואוסטזיין — 56

האַרדן (דר.) וועגן סעקס — 200
הון — 219

וואַשעם (דר.) ביישפּילן — 179—176
ווילן — 68

זומערפייגעלע — 216

חיים בראַצלאַווערס פּעדאַגאָגישער אני מאמין — 76
חנוכה — 34
חתונה — 132—129

טאָג־בוך פון א מיידל — 200—198
טאָגאָרם דערציאונג סיסטעם — 36
טויט — 46

יעקב וואַסערמאַן וועגן סעקס אויפקלערונג — 197
ירושה — סביבה — 87

זייט

כעס — — — — — — — — — — — — — 87

מאנדלען — — — — — — — — — — — 102
מידקייט — — — — — — — — — — — 99
מינדערווערטיקייט געפיל — — — — — — — — 71
מוראשקעס — — — — — — — — — — 22—214
מענטשלאכע עמבריא — — — — — — — — 220—221
מענסטרואציע (מאנאטלאכע) — — — — — — 188—192
מרה שחורה שטימונגען — — — — — — — — 83
מורא פאר גאט — — — — — — — — — — 39

נאאיווקייט — — — — — — — — — — — 74

סביבה און ירושה׳שאפט — — — — — — — — 87
סובלימאציע — — — — — — — — — — 109—111
סיבורים (דר.) ביישפילן — — — — — — — — 58
סעקס שפאנונג — — — — — — — — — 173—174
סעקס און דיעטע — — — — — — — — — 187
סעקס לעבן ביי פארשיידנעע שבטים — — — — — — 140—144
סעקס און תפיסה — — — — — — — — — 145
סעקס לעקציע — — — — — — — — — — 210

עשרת הדיברות אין דערציאונג — — — — — — — 86

פסח — — — — — — — — — — — — — 35

פאנטאזיעס ביי קינדער — — — — — — — — — 155
פישעלאך — — — — — — — — — — — 216
פייגעלאך — — — — — — — — — — — 213
פלאנצן — — — — — — — — — — — 217
פליגן — — — — — — — — — — — — 218
פוילקייט — — — — — — — — — — — 98
פלאנצן לייזעלאך — — — — — — — — — 218

ציל און פראצעס ביי קינדער — — — — — — — — 105
ציין — — — — — — — — — — — — 98—99
צוטרוי געפיל ביי קינדער — — — — — — — — 157

קאלטקייט ביי דער פרוי — — — — — — — — 111—123
קאמארן — — — — — — — — — — — — 216

זייט

קאסטראציע — 119

קדושה, טומאה — 27

קוריאזיטעט — 157

קלעפ — 79

קלויסטער מנהגים אין אלטערטום — 120

ראושנבושס תפילה — 22

רעליגיע און רעליגיעזיטעט — 40

רעפלעקסן — 133—134

שאופענהויער וועגן ליבע — 107

שפיל — 155

שפינען — 217

שרעק — 66—208—209

שטראף (ווי שטראפט די נאטור) — 70

תפילה — 40—42—49

◆◆◆◆